STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01074

MIT EYN FUS IN AMERIKE

Isaac Nachman Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Wilfred & Freida Williams
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. נ. שטיינבערג

מיט איין פוס אין אמעריקע

פערזאָנען, געשעענישן און אידעען

אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־צענטער אין מעקסיקע

מעקסיקע 1951

MIT EIN FUS IN AMERIQUE

Copyright 1951, by I. N. Steinberg
New-York, N. Y.

Editado por el Centro Cultural Israelita en México

זאָל דאָס בוך זיין געווידמעט צו מיין טייערן לעבנס־חבר נ ח מ ה י ע ס ל ס אָ ן ש ט יי נ ב ע ר ג, וועלכע האָט עס צוגעגרייט צום דרוק.

אַ פּאָר ווערטער

דאָס ווערק וואָס איך לייג דאָ פֿאַר פֿאַר דעם לייענער, איז ניט קיין סיסטעמאַטיש בוך פֿון זכרונות, נאָר אַ טאָג־בוך וועלכן איך האָב געפֿירט בעת מיין באַזוך אין אַמעריקע אין 1928. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען אין אַ ריי שטעט אין די פֿאַראייניקטע־שטאַטן און קאַנאַדע זעקס חדשים צייט, אָבער די בלעטלעך פֿון אָט דעם טאָגבוך האָבן אַריינגענומען ניט מער ווי זעקס וואָכן און נאָר ניו־יאָרק אַליין. דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעריסן, און עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך האָב צוליב דעם ניט דערמאָנט מיינע אומצייליקע באַגעגענישן מיט פֿריינד אין שיקאַגאָ, פֿילאַדעלפֿיע, דעטראָיט, סאַן־לואיס, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג. די אַלע פֿריינד און חברים האָבן באַשיינט מיין רייזע דורך דעם גרויסן יידישן קיבוץ, און זייער וואַרעמקייט האָט געשטאַרקט מיין גלויבן און לעבנסלוסט.

איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי לוינט עס זיך צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ בוך פֿון פֿאַרצייכענונגען וואָס באַציט זיך אויף אַ תקופה פֿון כמעט 25 יאָר צוריק. יענע תקופה ליגט פֿאַר אונדז היינט־צו־טאָג אויסגעשפּרייט ווי אַ שטיק פֿאַרשטיינערטע לאַווע וואָס האָט אַמאָל געברענט מיט אַ ליכטיקן פֿייער, איז אָבער איצט ניט מער ווי אַ פֿאַרגליווערטער, פֿאַרעלטערטער עבר. מיר דוכט זיך אָבער אַז די שילדערונג פֿון מענטשן און געשעענישן פֿון דעם אַזוי נאָענטן עבר האָט פֿאַר דעם היינטיקן יידישן לייענער אַ געוויסן באַטייט, — אַ קולטורעלן, אַ ביאָגראַפֿישן, אַ מענטשלעכן באַטייט. מיר קענען אפֿשר בעסער פֿאַרשטיין דאָס היינטיקע פֿאַרפּלאָנטערטע לעבן.

ווען מיר קענען געניויער די קוואַלן פון וועלכע עס פליסט.
דאָס יאָר 1928 איז געשטאַנען נאָענט צום גרויסן עקאָנאָמישן בראָך וועלכער האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט אַמעריקע. ניו־יאָרק — דאָס אַרבעטנדיקע, שאַפנדיקע, שרייבנדיקע, שפּי־לנדיקע ניו־יאָרק — האָט געלעבט ביים סאַמע שוועל פון אַ קריזיס וואָס האָט שפּעטער ראַדיקאַל פאַרענדערט דאָס גאַנ־צע לעבן פון מענטש און געזעלשאַפט.

דאָס איז אויך געווען דאָס יאָר ווען טיפע, קאַטאַסטראָ־פאַלע ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין ראַטן־רוסלאַנד. עס איז דעמאָלט געווען דער אָנהייב רעוואָלט פון טראָצקין און זיינע פריינד, בעת דער גאַנצער באָלשעוויסטישער בנין האָט זיך געטרייסלט. יענע געשעענישן האָבן אויך געהאָלפן ענ־דערן דעם פּרצוף־פּנים פון דעם ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטישן לאַגער אין אַמעריקע. האָב איך אין יענעם יאָר געהאַט די מעג־לעכקייט צו זען און צו הערן ווי עס האָט פּולסירט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, — און דאָס קען זיין אינטערע־סאַנט צו פאַרגעדענקען.

נאָך אַ פראַגע האָט זיך געשטעלט פאַר מיר ביים איבער־געבן צום דרוק דאָס דאָזיקע בוך. צי מעג מען, צי זאָל מען עס אַרויסלאָזן אָט אַזוי ווי דער טעקסט איז געווען אין יע־נעם יאָר, אָן שום ענדערונגען? עס איז דאָך קיין ספק ניט אַז דער כאַראַקטער פון אַ סך מענטשן און אידעען וואָס זיי־נען אַרויסגעפירט דאָ, האָט זיך — אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט — געענדערט אַמאָל צום בעסערן, אַמאָל צום ער־גערן, וואָלט איך היינט געדאַרפט שרייבן וועגן די זעלביקע פּערזאָנען, באַוועגונגען און געשעענישן, וואָלט איך מסתמא געשריבן אַנדערש, אָדער געגעבן זיי אַן אַנדער באַאַרבונג. דאָך האָב איך באַשלאָסן ניט צו ענדערן דעם טעקסט, און געלאָזן דאָס טאָגבוך רעדן ווי עס האָט געפילט און דורכגעלעבט דעמאָלט, ניט היינט.

עס איז ניט קיין עוולה צו באַווייזן מענטשן און זאַכן ווי זיי האָבן אויסגעזען אין יענער צייט צו אַ באָאָבאַכטער פון דעם אַנדער זייט ים וואָס איז געקומען צו באַקענען זיך אין פריינדשאַפט און אָן פּניות מיט דעם גרויסאַרטיקן לעבן פון אַמעריקע. עס איז אפשר אויך ווערטפול צו באַקענען זיך מיט מיין — זאָל מען היינט זאָגן נאַאיוון? — שטרעבן צו בילדן אַ דריטן לאַגער אין דער צעריסענער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג, — וואָס דאָס בלייבט אויך היינט־צו־טאָג די סאַמע רעאַלע אויפגאַבע פון אַלע סאָציאַליסטן, און יידי־שע באַזונדערס. געוויסע אינסטיטוציעס און פירונגען אין

אמעריקע (ווי, למשל, די „סאשעל סערוויס") האבן זיך פאר דער צייט געענדערט צום גוטן. דאך זאל דא בלייבן דאס בילד ווי געזען דעמאלט, ערב דער עפאכע פון גרויסן קראך און דעם שפעטערדיקן „ניו־דיל" פון רוזוועלטן.

א סך פון די מענטשן וואס ווערן באשריבן אין דעם בוך זיינען שוין נישטא אויף דער וועלט, אבער צום גליק זיינען א סך אויך פארבליבן ביים לעבן. ווען די וואס זיינען אויף אייביק אוועק דערמאן איך זיך מיט א ווייטיקדיקן געפיל פון טרויער, און צו די וואס לעבן און שאפן ווייטער — שיק איך מיין הארציקן גרוס.

* * *

עס ווילט זיך מיר אויסדריקן א ווארעמען דאנק צום **יידישן קולטור־צענטער** אין מעקסיקע פאר דער חברישער גרייטקייט מיט וועלכער ער האט ארויסגעגעבן דאס דאזיקע בוך. בעת מיינע צוויי באזוכן אין מעקסיקע האבן זיך פארקניפט גייסטיקע בונדן צווישן מיר און דעם יידישן ישוב. א בוך וואס דערשיינט מיט דער הילף פון די פריינד אין מעקסיקע, פארוואנדלט מיך כמעט אין א תושב פון דער יידישער מעקסיקע. הלוואי זאל איך קענען אים אפדינען מיט עפעס אין א נאענטער צייט.

י. נ. שטיינבערג.

מעקסיקע, ד"פ, אפריל 1951

מיט א מולדיקער פאסטמארקע

— זייט אזוי גוט — האב איך פלוצים דערהערט די שטים פון דעם יונגן באאמטן — צי קאנט איר מיר נישט שענקען די פאסטמארקעס?

ווי א זוניקער, פרייליכער שטראל וואלט מיט אמאל דורכגעריסן דעם וואלקן, אזוי האט קינדיש און באהוויקנדיק אפגעקלונגען צו מיר די דאזיקע פראגע. די לאגע האט זיך תיכף געענדערט צום גוטן.

א כמורנער פרימארגן איז געלעגן אויסגעגאסן אויפן ים, אויף די שיפן, אויף די מענטשן. פון דער וווייטנס האט זיך געטראגן א טעמפער געמורמל פון דער אויפוואכנדיקער שטאט. א קאלטלעכער ציטער האט דורכגענומען דעם קערפער. איך בין צום ערשטן מאל אריינגעפארן אין האפן פון ניו־יארק.

אנגעלאדן מיט צענדליקער מיסיעס, אויפטראגן, דערווארטונגען, פארט מען קיין אמעריקע. אבער די ערשטע מיסיע און דערווארטונג איז אראפצולאזן זיך אויפן אמעריקאנישן באדן בשלום. דאס ווערט באשלאסן דא אויפן שיף גופא. אמת, איר האט שוין געקראגן מיט מאטערנישן א וויזע אין אייער ווינשטאט, איר האט שוין אונטערגעשריבן א פארפליכטונג, נישט צו הרגענען דעם פרעזידענט פון אמעריקע אדער אויפרייסן די מלוכה־געביידעס, איר האט שוין אריבערגעשפאנט נאך זעקס טעג דעם אקעאן. דאס איז אלץ גארנישט, ביז איר וועט זיך נישט דורכריידן און ענטפערן אויף אלע שאלות פון די „עמיגריישן־אפיסערס". מען לאזט אייך אריין ווי א גרויסע טשערעדע אין דעם ערשט־קלאסיקן סאלאן פון דער שיף („מאאורעטאניע"), און מען גיט אייך איבער אין זייערע הענט. זיי זענען צעשאטן ווי פארביקע היישעריקן ביי זייערע טישלעך איבער דעם זאל, לעבן זיי שטעלן זיך אויס אין צעשראקענע רייען אויסלענדער.

ס'איז טויטלעך שטיל אין דעם זאל. מיט אומדורכדרינגלעכע אויגן ווארפן די אפיסערס קורצע פראגן אין די פנימער פון די געסט. מיט פארשטיקטע שטימען ענטפערן הכנעהדיק איבערגעבויגענע פיגורן. פראגן קייקלען זיך ווי ארבעס איבערן טיש, ציטערדיק הילכן אפ די שטייענדיקע פארשוינען. דאס איז — הכנסת אורחים ביים שוועל פון דעם לאנד.

איך האב אוודאי געהאט מיינע זארגן. איך בין א רוסישער בירגער

און איך האָב אַ סאָוועטישן פּאַס, און איך פאַרנעם זיך מיט פּאָליטיק, און איך האָב נישט קיין באַשטימטן „געשעפט" פאַר דעם נייעם לאַנד. גענוג טעמים אויף צו חושד זיין מיך אין ווייס איך וואָס. גענוג טעמים, אַז איך זאָל זיך ריכטן אויף אַן אָפּזאָג ביים שוועל. אָבער... קריגן עס אין מיטן ים, אַריינזעצן זיך אויף אַ קאָנטראָל־אינזל, פאָרן צוריק קיין אייראָפּע — ס'איז אַ קליינער פאַרגעניגן. און וואָס וועט ווערן מיט די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר מיר?

איך בין צוגעגאַנגען צום טישל און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פאַר־הערעניש.

אַ פעסט־צוגעקנעפּלטער באַאַמטער מיט אַן אומבאַשטימטן פּנים האָט געדרייט אין די הענט מיינע פּאַפּירן. „צו וואָס פאָרט איר קיין אַמעריקע?"

— שטודירן די קולטור פון אַמעריקע.

— וואָס מיינט איר קולטור?

— איך מיין קונסט, וויסנשאַפט, לעבנס־פאָרמען. (ער איז נישט באַ־גייסטערט).

— האָט איר באַציונגען צו באַשטימטע קרייזן אין אַמעריקע?

— יאָ, איך דאַרף זיך זען מיט איניקע פאַרלאַגן ווענן אַרויסגעבן בי־כער... איך האָב מיטגעבראַכט אַ פּיעסע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּיעסע? (דער מענטש הייבט נישט אויף זיי־נע אויגן, רעדט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט).

— וואָס הייסט? פרעג איך.

— וואָסער לעבן באַהאַנדלט די פּיעסע?

— דאָס רוסישע...

(ער ווערט נאָך אַלץ נישט באַגייסטערט).

— ווי לאַנג ווילט איר פאַרבלייבן אין אַמעריקע?

— אַ דריי חדשים...

ער רופט צו זיך אַ דאָלמעטשער, כדי בעסער צו קענען ריידן מיט מיר דייטש, קיינער גייט נישט צו. דעמאָלט הייבט ער זיך אויף, רופט מיך, און מיר גייען צו צו אַ גאָר יונגן באַאַמטן וואָס רעדט שוין פריי דייטש.

על רגל אחת הייבט זיך אָן אַ נייע פּאָליטישע פאַרהערעניש. — צי שרייבט איר נישט אויך פּאָליטישע זאַכן?

איך קוועטש פאַרוואונדערט מיט די פּלייצעס. — זייט איר שוין לאַנג פון רוסלאַנד? וואָס האָט איר דאָרטן געטאָן ביזן אַרויספאָרן?

— געווען אַן אַדוואָקאַט...

— זיינען די אַדוואָקאַטן אין רוסלאַנד נישט אונטערגעאָרדנט צו דער רעגירונג? זיי זיינען דאָך אייגנטלעך באַאַמטע.

(זאָל איך מאַכע. דאָ אויסן אָרט, דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון דער אַדוואָקאַטור אין ראַטן־רוסלאַנד? איך וועל דאָס בעסער מאַכן בקיצור).

— יע, געווים, אָבער זינט דער רעוואָלוציע האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַדוואָקאַט.

— וואָס דען האָט איר דעמאָלט געטאָן?

און דאָ ווענדעט זיך דער עלטערער צו דעם יונגן אויף ענגליש: מען דאַרף וויסן ווי שטייט ער צו די באָלשעוויקעס...

איך פאַרשטיי זייער לשון און וויל שוין ענטפערן. דער עלטערער דער־לאַנגט צו יענעם אַ וואָרף מיטן אויג: זעסטו, ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס מיר מיינען...

— איך בין נישט קיין באָלשעוויק — ענטפער איך מיט אַ טיפער איבערצייגונג.

— יאָ, און ווי באַציט איר זיך צו דער איצטיקער רוסישער רעגירונג?

(איך געפין, אַז ער פאָרמולירט די פראַגע זייער גוט: ער אונטערשיידט, קענטיק, די סאָוועט־רעפּובליק פון דער רעגירונג. הלוואי זאָלן דאָס די אַר־בעטער אין אַמעריקע פאַרשטיין!)

— צו דער רעגירונג באַצי איך זיך נעגאַטיוו.

זיי בלייבן ביידע שטיין עפּעס שוויינגדיק. דער עלטערער קערט זיך אום צו זיין טיש.

איך פאַרשטיי, אַז אין דעם אויגנבליק וועט זיך אַנטשיידן די פראַגע. עס ווערט מיר עפּעס צו שטיל אַרום... און פּלוצים דערהער איך אַ פריידיקע שטים געווענדעט צו מיר: „זייט אַזוי גוט, צי קענט איר מיר נישט שענקען די פּאָסטמאַרקעס?".

דאָס האָט דער יונגער באַאַמטער געבעטן ביי מיר איך זאָל אים געבן אַ קאָנווערט מיט אַ פּאָר דייטשע מאַרקעס וואָס ער האָט דערזען ביי מיר. ער לאַכט פאַרשעמט און דערקלערט, אַז ער איז אַ מאַרקעס־זאַמלער. איך האָב גאָרנישט קעגן דעם. אָבער איך זע, אַז דער אייז איז געבראָכן און איך וועל שוין אַריינקומען אין לאַנד. נאָך אַ ווײַלע, און יענער ביים טיש שרייבט מיר אונטער אַ דערלויבעניש אויף צו בלייבן אין לאַנד 6 חדשים.

פון דער פאַרהערעניש בין איך באַפרייט אַרויף אויפן דעק פון שיף. די פרישע ים־לופט האָט זיך געגאָסן אין דער ברוסט. ערשט איצט האָט זיך דער ים מעכטיק אַרויסגעשפּרייט אין אַ גבירישער ברייטקייט. שאַרפע קאָנטורן פון הייזער און מסחר־פּאַלאַצן האָבן זיך געריסן צום הימל. אויפן וואַסער האָבן ווי מייזלעך געשנאָרעט האַלב־ערנסטע שיפלעך יאָגנדיק זיך נאָך דעם פאַרבאָטענעם בראָנפן. פאַרשטיקטע פייפן האָבן זיך געטראָגן פון אַרום איבער די קעפּ. פון אַלע זייטן האָט זיך דער עולם געדרענגט אַרום

אונדז און מיט אָפּיציעלער באַגייסטערונג אויסגעשטרעקט די הענט צו דער פרייהייט־סטאַטוע וואָס פאַרשפּאַרט דעם אַריינגאַנג קיין אַמעריקע.

ס׳איז אפשר גוט וואָס עס איז געשטאַנען אַ געדיכטער נעפּל: די פיגור און דער פּנים פון דער סטאַטוע זענען טאַקע געווען פאַרשטעלט. אז מען קען אַביסל דעם מתנה־געבער, צו וואָס זאָל מען קוקן אויף דער מתנה גופא? דער דאָזיקער פרייהייט־סימבאָל איז פאַר אונדז אַרומגעפלאָכטן מיט אַזוי פיל געפילן, פאַרדרוסן, אַנטוישונגען, אַז זיי פאַרדעקן אים ווי גרינע ים־פלאַנצן און זשאַווער. איך האָב געהערט, אַז מען קאָן פון אינווייניק, דורך אַ טרעפּ, אויפהויבן זיך ביז צום שפּיץ פון דער סטאַטוע. איך האָף, אַז איך וועל מסתמא האָבן אַ געלעגנהייט צו דערקענען די אַמעריקאַנישע פרייהייט פון אינעווייניק.

מען פאָרט היינט אַהער נישט מער מיט דער תמימות פון פאָריקן דור. מען פאָרט אויף אויסגעטראָטענע וועגן; קאָן מען בכלל מער נישט שפּירן דעם קדושה־ציטער פון אַ קאָלומבוס. און דער לעצטער שלייער פון נאַיווי־טעט איז צעריסן אין דעם לעצטן צענדליק יאָר. איך גיי אין דעם נייעם לאַנד ווי צו עפּעס אַ באַקאַנטן. שוין אפשר צו פיל באַקאַנטשאַפט מיט אים, ס׳קען שאַטן צו זען און צו הערן.

וואָס טיילט אונדז אָפּ פון די שיף־טרעפּלעך צו דער יבשה. איך דערהער און אָט שטייען מיר שוין ווי אַן אומרויקע סטאַדע פאַר דעם שטריק פּלוצים אַ שטים וואָס רופט אויס מיין נאָמען פון יענער זייט שטריק. מען לאָזט מיך תיכף אַרויס — און איך דערזע: אַ יונג בחורל מיט ראַזירטע באַקן און פלינקע באַוועגונגען. דאָס איז דער פאַרטרעטער פון „האַיאַס", וואָס איז געווען דורך מיינע פריינד פון בערלין שוין געוואָרנט, אַז זי זאָל מיך אָפּנעמען ביים אָנקום. דער יונגערמאַן גיט אָפּ אַ שלום־עליכם און פירט מיך אַראָפּ צו דער האַלע וואָס איז ווידער פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ שטריק. הונדערטער מענטשן שטופּן זיך נייגעריק און פאַרהאַוועט, אַ הו־האַ פון שטימען טראָגט זיך אַרום. דאָס איז דער רוים פאַר די אָנגעקו־מענע, און דאָרטן שטופּן זיך די וואָס וואַרטן אויף זיי.

איך טרעט אויפן פייכטן באָדן, און ערשט דאָ פיל איך צום ערשטן מאָל מיט פאַרוואונדערונג, אַז איך בין באמת אין אַמעריקע. די עמיגריישן־אָפיסערס זענען שוין הינטער מיר. איך מערק אויך נישט, אַז ווער עס איז זאָל נאָכגיין נאָך מיר... מיין ניו־יאָרקער אַדרעס האָבן זיי דאָרטן אויפן שיף נישט געפרעגט; אַלזאָ וועלן זיי נישט וויסן וווּ אַ מענטשן־נאָדל וועט אַרונ־טערזינקען אין דעם ניו־יאָרקער מענטשן־זאַמד. וועלן זיי, הייסט עס, לאָזן צורו גאָר? אונדזער איינער איז נישט געווינט דערצו. עפּעס אַ פרישׂ ווינטל פון אייגנאַרטיקער פרייהייט האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן פּנים. איצט דאַרף

מען געפינען דא א לעבעדיקן מענטשן. הונדערטער זוכנדיקע אויגן פון ביי־
דע זייטן קרייצן זיך מיטאנאנדער. איך דערקען קיינעם נישט. מיט אמאל
הייבט זיך אויף א באקאנט געזיכט מיט פריילעכקייט פון יענער זייט. נאך
א ווײַלע, און ער קריכט ארויס פון אונטערן שטריק. דאס איז יאטשקאווסקי
פון ווארשע, דער איינציקער וואס האט געהאט גערודלד צו ווארטן אין דער
מחנה ביז מען וועט אונדז אראפלאזן פון שיף. ניין, נישט דער איינציקער.
אט גייט אונדז אנטקעגן מיט אומזיכערע טריט א פרוי און קוקט זיך אלץ
אריין אין א בילד אין איר האנט. איך קען זי נישט, אבער זי קען מיך. ווײַל
זי גייט רואיק צו צו אונדז און האלט מיין פאטאגראפיע. — איך בין —
זאגט זי — מיסיס ה. און איך בעט אייך אריינפארן צו אונדז אין הויז...

איצט פיל איך זיך שוין היימישער. איך הער ווארעמע שטימען און
וועל שוין נישט פארפאלן ווערן ווי א נאדל. דער „האיאס"־פארטרעטער
זעגנט זיך אפ. איך נעם ריידן מיט יאטשקאווסקין וועגן א דאך איבערן
קאפ, אבער מיסיס ה. דערקלערט מיט א ווייך־פעסטער שטים: ניין, איר
מוזט פארן צו אונדז.

איך קוק זיך צו צו איר דיקלעכן געזיכט מיט די קינדערשע אויגן,
צו דער באשיידענער געלאסנקייט פון איר ריידן. זי רעדט אייגנטלעך נישט
קיין יידיש, נאר כמעט דייטש. ווי מערקווירדיק מענטשן טרעפן זיך צוזא־
מען! מיין דייטשער חבר פון בערלין — דער אדוואקאט ברוי — האט, פאר
מיין ארויספארן קיין ניו־יארק, אנגעשריבן צו זיינע קרובים אהין — און
דאס זענען יידן... אים אליין האב איך דערקענט אלס א יידן נאר צופעליק.
ער געהערט אין בערלין צו א קרייז פון די סאמע ראדיקאלסטע סאציא־
ליסטן. בשעת איך פלעג אים זען מיט זיין שטייפער הויכער געשטאלט און
זיין רואיק גערמאנישן פנים זיצנדיק אויף אן ארבעטער־פארזאמלונג, פלעגט
מיר נישט איינפאלן דער געדאנק וועגן א יידן. ביז איך האב איין מאל
נאך א זייער געלונגענער רעדע פון איינעם — דערהערט פון זיין מויל:
„פיינע דבורים". איך האב זיך אומגעדרייט, עס האט זיך ארויסגעשטעלט,
אז ער איז א זון פון א רב און האט אמאל אפילו געלערנט גמרא. ס'פאר־
שטייט זיך, אז דער דאזיקער דייטש האט אין ניו־יארק קרובים פון לאדוש.
אט פארוואס פרוי ה. האט גערעדט מיט מיר דייטשמעריש.

זאלבעדריט זיינען מיר אוועקגעפארן צו איר קיין ברוקלין. אין סאב־
וויי איז געווען גערוימיק. אין די דאזיקע שעהן איז ניו־יארק פארנומען און
מען פארט ניט ארום. פארביי די גרויסע פענצטער האט זיך געטראגן די
שטאט־פאנאראמע: מיינע פריינד האבן מיר אנגערופן דעם אדער יענעם נא־
מען. איבערן וואסער האב איך דערזען א בריק. — אט דאס מוז זיין דער
בארימטער ברוקלינער בריק? —

— ניין, דאָס איז אַן אַנדערער. עס זיינען דאָ דריי בריקן, — ענט־פערן די פריינד און וואונדערן זיך, פאַר וואָס איך וואונדער זיך נים. וואָס זאָל איך מאַן אַז עס וואונדערט זיך נימ? וועגן דעם ברוקלינער בריק האָב איך געלייענט נאָך אין מיין שולבוך. און די הויכע, צענדליק־גאָרנדיקע מויערן וואָס זיינען ווי גיגאַנטישע שוועבעלעך־פושקעס אויסגעשטעלט אויפן האָרי־זאָנט, האָב איך שוין אויך געזען אויף די בילדער. ס'איז אַ שיינער, שטראַלנ־דיקער טייך פאַרביי וועלכן מיר פליען איצט. „דער האָדסאָן"! — דער־קלערט שטיל פרוי ה. ער איז שיין פאַר זיך אַליין. אַפילו אַז מען זאָל אַראָפנעמען פון אים די שטיינערנע צירונג פון די מויערן, איז ער שיין, ס'איז אַ רחבות וואָס באַצויבערט דאָס אויג.

אויף אַ רויקער, כמעט פּראָווינציעלער סטאַנציע גייען מיר אַרויס. דאָס איז בענסענהורסט. בעת מיר זעצן זיך אַריבער אין אַן אויטאָ וואַרפט זיך אין אויג אַן עכט יידישער קוואַרטאַל, מער נישט געדיכט באַזעצט מיט ביימער. אַ באַלקאָן איז פאַרהאַנגען מיט אַ גרויסן ווייס־בלויען פלאַקאַט פון קרן־היסוד. דורך דער גאַס זיינען דורכגעצויגן ווייסע בענדער מיט ציוניסטישע אויפשריפטן. די ברייטע גאַסן דורך וועלכע מיר פאָרן זיינען נאָך ווייניק פאַרבוים. די הייזער שטייען נאָך אין אַ דאָרפישער פרייקייט. דאָס הויז פון ה. ביי וועלכן מיר שטעלן זיך אָפּ, איז מסתמא אַ טיפּיש־אַמעריקאַנישע היים, וואָס עס האָט דאָ יעדער באַלעבאָס. מען האָט דאָך אַזוי פיל געלייענט וועגן דעם דורכשניטלעכן וווילשטאַנד פון יעדן פאַרדינער. איך פריי זיך וואָס איך פאַל גלייך אַריין אין אַזאַ פּלאַץ, און איך וועל קע־נען פון אינעווייניק באַטראַכטן דאָס אָרט לעבן און די היימישע אַטמאָס־פער פון די מענטשן.

אין דעם באַשיידענעם צווייגאָרנדיקן הויז איז שטיל פּונקט אַזוי ווי די באַלעבאָסטע איז. אַן עכט זאָרגלאָזע רויקייט ליגט אויף די צימערלעך, אויף דער פּיאַנע און דער שפּיל־מאַשין, אויף דעם טעפּיך און די פאָרהאַנגען. אַן אַלמערל מיט יידישע ספרים, דורכגעמישט מיט שלום־עליכמס ווערק, שאַרט זיך צום ווינקל. און וויפיל זונענליכט גיסט זיך אַריין אין די פענצ־טער פון דעם גאַסטצימער וואָס מען גיט מיר אָפּ. עס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ דומפּער געמורמל: דאָ איז נים ווייט דער ברעג ים. אַ הינטל איז מיט פרייד אַרויסגעלאָפן צו דער באַלעבאָסטע. זי איז שוין פאַרנומען אין דער קליינער ווייס־קלאָרער קיך, ווו זי גרייט אונדז אַ יידישן מאָלצייט. און אַז זי שטייט לעבן אונדז, וויל זי זיך נים זעצן, פרעגט אויס מיט קאַרגע ווער־טער וועגן אירע קרובים פון בערלין, אירע אויגן זיינען פול מיט אינטע־רעס, מיט געפיל, לייכטן הוזק. — ווו איז איצט מיסטער ה.? פרעג איך ביי איר. — ער איז אין שטאָט, אין זיינע ביזנעס, ווי מען זאָגט ביי אונדז — ענטפערט זי מיט איר באַרויקנדיקער שטים.

אויף דער יידישער צייטונגס־גאַס

מיר הייבן זיך אויף צו גיין אין שטאָט, צו שטעלן די ערשטע טריט אין קהלשן ניו־יאָרק. — איר וועט דאָך קומען היינט צוריק? איר בלייבט דאָך ביי אונדז? — פרעגט די מיסיס.

— אוודאי — ענטפערן מיר — צי קאָן עס זיין בעסער? פון אַלע ווינ־קעלעך שיינט אַרויס די שטילקייט פון אַ געזיכערטער היים.

מיט יאַטשקאָווסקין פאָרן מיר, ראשית כל, צו די רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען. מיין באַגלייטער דערקלערט מיר לעבעדיק, אויפגעלייגט: „איך בין שוין דאָס צווייטע מאָל אין אַמעריקע. איך קען זיי אַלעמען גוט ווי מיינע פינף פינגער. איך זאָג זיי שטענדיק: ברידערלעך, מיר וועט איר ניט פאַרדרייען אַ קאָפּ... זיי זאָגן מיר אָפּטמאָלס: אונדזערע אַרבעטער. אַז איך קען דורך און דורך זייערע אַרבעטער. ס'איז ניט ווי ביי אונדז אין וואַר־שע, אַרבעטער, וואָס זייערע טאַטעס זיינען געווען אַרבעטער און זייערע קינ־דער אויך. דאָ אַן אַרבעטער, ווי נאָר ער מאַכט אַ פּאָר דאָלאַר זוכט ער צו עפענען אַ קענדי־סטאָרקע... איך קען אייער פּראָלעטאַריאַט" — מאַכט ער גוטמוטיק מיט דער האַנט.

פון דעם סאָבוויי גייען מיר אַרויס אויפן גאַס. ס'איז שפּעט נאָך מיטאָג, דער רעש אויף די גאַסן איז שוין געדעמפּט. מיר טרעפן כמעט נאָר יידישע פּנימער. מיר דרייען זיך אַריין אין דער קאַנאַל־סטריט. מיר זיינען שוין אין סאַמע האַרץ פון דעם איסט־סייד. אָט דאָס איז דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק! וויפיל מעשיות, וויפיל לעגענדעס, וויפיל נעמען פון מענטשן זיינען פאַרבונדן מיט אים אין זיכרון. דאָ האָט געקיכיגט אין יענע יאָרן די שוויץ־אַרבעט אין די שעפּער, דאָ איז געבוירן געוואָרן די אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער פּרעסע, דאָ האָט זיך געהאַדעוועט אַזוי פיל פּיין און אַזוי פיל העלדיש־קייט. וויפיל יידישע באָרוועסע יינגלעך זיינען געוואַקסן אויף דעם פלאַסטער פון איסט־סייד, וויפיל איידעלע מענטשן זיינען אַרויסגעקומען פון זיי. פון דאַנעט גייט די דעראָבערונג פון אַמעריקע דורך די מיזרח־יידן. אָט דאָ ליגט טאַקע ירושלים ד'אַמעריקע... די רוסישע רעוואָלוציע האָט אין ערגעץ אין

דער וועלט ניט געהאַט אַזעלכע פלאַמעדיקע פריינד ווי אין דעם איסט־סייד. דאָס אַמעריקאַניזירטע יידישע לעבן איז מאַקע אין די דאָזיקע גאַסן געשאַפן געוואָרן. אַמעריקאַניזירט לעבן?! מיר גייען דורך דער קאַנאַל־סטריט, און פון אַלע זייטן וואַרפן זיך אין די אויגן שילדן מיט פרומע יידישע אויפשריפטן... מוכר ספרים... מוכר ספרים... כשר־עסן (גאָר ניט נייטיק אַזעלכע אויפשריפטן, ווייל דאָ איז ממילא אַלץ כשר!) אויף די עקן גאַסן שטייען יידן און האַנדלען מיט באַב, אַרבעס, ניסלעך, קאַרטאָפליעס. איבערן גאַס טראָגט זיך דער מוזיקאַלישער טאָן פון אַ יידישן ביטערן ניגון. פאַרדאַגהטע מענטשן שטראָמען אַרום. יונגעלייט אַנגעטאָן פיין, עפּעס ווי שבתדיקע קליידער אין וואָכנטעג טראָגן זיי. אַמעריקאַניש לעבן איז דאָס? פאַר וואָס דערמאָנט עס מיר אונדזערע יידישע שטעטלעך? צי זיינען דאָס טאַקע נישט אַריבערגעוואָרפענע שטעטלעך פון דאָרטן? איסט־סייד איז אפשר ניט קיין נייע יידישע שטאָט, נאָר דאָס גרויסע, זייער גרויסע יידישע שטעטל? איך פיל זיך דאָ היימיש ווי אַמאָל אין מיין דווינסק, אין קאָוונע, אין ווילנע. איך קאָן זיך ניט איינהאַלטן פון לאַכן; יאַטשקאָווסקי זאָגט אויך אַזוי:

— מיך וועט איר נישט נאַרן. ס׳איז דאָ ביי אייך די נאַלעווקעס, די מאַרשאַלקאָווסקי, פונקט ווי אין וואַרשע...

אָט איז דער נומער 48. וויפיל אַרטיקלען האָב איך אַריבערגעשיקט צו דעם קאַנאַל־סטריט 48. „פרייע אַרבעטער שטימע״ — אַ פאַרשטויבטער שילד פון אויבערשטן שטאָק דערמאָנט מיך די פריינד וואָס איך האָב דאָ אין שטאָט. אַ פאַרעלטערט הויז, אָפּגעשלאָגענע ווענט, סקריפּנדיקע טרעפּ, צדקה־פּושקעס אויף די ווענט אונטן ביי דער טיר וואָס עפנט זיך מיט מאַטערניש. מיר הייבן זיך אַרויף צו דער רעדאַקציע. דאָס גאַנצע געביי איז מיר ליב. עס איז ווי איינגעגראָבן אין דעם אַלטן איסט־סייד. איך האָב זיך אפשר אַנדערש פאָרגעשטעלט די רעדאַקציע פון אַן אַמעריקאַנער בלאַט, אָבער אַזוי איז דאָך בעסער. מיר דערלאַנגען אַ שטויס די טיר — און מיר געפינען זיך אין אַן ענגן לענגלעכן צימער, פאַרשטעלט מיט ביכער־פּאָליצעס, צייטונגען, קליידער. ביים פענצטער זע איך אַ גרופּע מענטשן, וואָס ווענדן זיך לעבעדיק צו אונדז. אַ הויך געוויקסיקער מאַן מיט אַ פריינדלעכן פּנים הייבט זיך אַבּיסל לינקיש אויף פון טיש ביי ׳ם פענצטער און שטרעקט אויס די האַנט. דאָס איז יוסף קאָהאַן — דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״. זיינע ברייוועלעך זיינען שטענדיק געווען זאַכלעך און קורץ. איצט זע איך אים: אַ טיפּישע פּראָלעטאַריער־געשטאַלט, הויך אויסגעצויגן און שטרענג.

— ד״ר שטיינבערג, מיר קענען זיך שוין לאַנג! — קוועטשט מיר

פריינדלעך די האַנט אַ בלאַסער, אויסגעמאַטערטער יונגער מאַן — איך בין ד״ר פראַנק.

— אוודאי קענען מיר זיך לאַנג. איך לייען שטענדיק אייערע אַרטיקלען!

— ענטפער איך אָפּ.

מען דערלאַנגט מיך אַ שטופּ און מען פּליסטערט צו: דאָס איז מינץ, ער איז בלינד!.. ערשט איצט באַמערק איך אַן עלטערן מאַן מיט צוגעשלאָסענע אויגן אויף אַ קאַלך־ווייסן געזיכט. זיין האַנט איז שוין לאַנג אויסגעשטרעקט און שטופּט זיך אַזוי ווי אין פינצטערניש. — „שלום עליכם, ד״ר שטיינבערג — הער איך זיין יינגלישע שטים — שלום עליכם! קוים דערוואַרט זיך אויף אייך. מיר קענען זיך אויך שוין פון לאַנג אָן. איך בין אַ שטענדיקער ל ע ז ע ר פון אייערע אַרטיקלען... און דאָס איז וויינרימש, מיין בעסטער חבר און פריינד — שטעלט ער מיר פאָר אַן אומעטיקן יונגנמאַן מיט שעמעוודיקע שמייכלענדיקע אויגן.

— זעצט זיך, ד״ר שטיינבערג, דערציילט אונדז וואָס הערט זיך עפּעס אין איראָפּע. ביי אייך טוט זיך דאָך עפּעס אַ וועלט — רעדט מינץ מיט דער פריינדלעכקייט פון אַ מכניס אורח.

— און מיר רעכענען גאָר אַז די גרויסע וועלט איז ביי אייך! —

— אוודאי — ענטפערט לעבעדיק אָפּ מינץ מיט אַ פּאַטערלעכן מאַן

— ביי אונדז איז אויך עפּעס, אָבער ביי אייך זיינען די דענקער מיט די שרייבער מיט די פּאָעטן... מען מוז אייך באַקאַנט מאַכן מיט אונדזער פּערסאָנאַל.

מען באַקענט זיך. דורך דער שמאָלער קאַמער גייען מיר אין דעם דרויסערייד ה ד ר . איך קאָן ניט אַנדערש אָנרופן די גאַנצע דאָזיקע סביבה וואָס איז דורכגעווייקט מיט יידישקייט. ביי אַ זעצמאַשין זיצט ח. אַקסלער. מיט אַ קאַזירעק איבערן שטערן. — אַט ער מאַכט עס די גרייזן אין אייערע מאַנוסקריפּטן וואָס איר שיקט אונדז — לאַכט עמיצער.

אַקסלער שמייכלט. — גרייזן?

איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס טאַקע ס׳זיינען קיין מאָל נ י ש ט אַ קיין גרייזן אין די העברעישע ווערטער. איר זייט דאָך דאָ אַלע אונדזערע יידן...

— אַ שאָד וואָס איר האָט זיך פאַרזאַמט אויף צוויי וואָכן — בייגט זיך צו מיר איבער מינץ, און אויף זיין פּנים שטאַרצן אַרויס די מילך־ווייסע הייטלעך איבער די אויגן. — מיר האָבן שוין געהאַט געדונגען אַ האַל און געמאַכט אַנאָנסן וועגן אַ קבלת־פּנים. אַ סך מענטשן זיינען געווען אַנטוישט — ציט ער אַ ביסל די ווערטער.

איך זע, יוסף קאַהאַן זיצט רויק ביים טיש און הערט זיך אויפמערקזאַם צו. קענטיק, אַז אין די זאַכן איז נישט ער נאָר מינץ דער אַקטיווער

עלעמענט. און איך האָב אפילו נישט געוווסט, אז אזא מענטש עקסיסטירט אין דער וועלט.

— קאָן מען נישט גלייך ווידער באַשטימען די פאַרזאַמלונג? — פרעג איך. איך האָב דאָך פון שיף טעלעגראַפירט אז איך קום.

— מיר האָבן מער נישט געוואָלט ריזיקירן. אָבער נעכטן האָב איך — בייגט זיך צו מיר פאַרטרויליך מינץ — אריינגעגעבן אייער בילד אין „פאָרווערטס". וויינריטש, פרעגט אָן ווען איז פריי ווידער א האַל!

עס הייבט זיך אָן די געשעפטלעכע זאָרג. מען טעלעפאָנירט, מען רעדט עפּעס ענגליש, מען האַלט זיך אָן עצה. איך קוק זיך אַרום. ס'איז ענגלעך אביסל, ס'איז אַלץ ווי פאַרשטויבט. אָבער ד ריי ס י ק יאָר באַלד לעבט די „פרייע אַרבעטער שטימע". זי איז אַזוי אַלט ווי דער „בונד" אין רוסלאַנד, ווי די ציוניסטישע באַוועגונג. וואָס זי האָט שוין דורכגעלעבט! ש. יאַנאָווסקי, ד"ר מעריסאָן, די ווייס־גרויע מענער פון יידישן אַנאַרכיזם האָבן דאָ געאַרבעט... מיט אַ סטאַטעטשנער שטים פרעגט מיך יוסף קאַהאַן אויס וואָס מאַכן די קרובים: ראָקער אין בערלין, בערקמאַן אין פּאַריז. - - „איר וועט שוין האָבן וואָס צו זען ביי אונדז" — זאָגט ער מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל, אַזוי ווי ער וואָלט מיר נישט וועלן פאַרדאַרבן די ערשטע איינדרוקן. עפּעס ווי אַ לאַסט ליגט אויף אים. איך דערמאָן זיך, אז ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געבעטן אז מען זאָל באַפרייען אים פון דעם רעדאַקטאָרשטול. ער לעבט ווייט הינטערן שטאָט און קומט אַהער אויף דריי טעג אין וואָך צו מאַכן דעם נומער.

— אַלזאָ, ד"ר שטיינבערג — דערקלערט אונדז מינץ — אייער ערשטע פאַרזאַמלונג וועט מוזן זיין ערשט נאָך ניי־יאָר. מען קאָן נישט פריער. אַלזאָ דעם 8־טן יאַנואַר אין רענד־סקול. איר וועט זיך דערווייל באַקענען מיט מענטשן, מיט דער שטאָט... ווייסט איר וועמען מיר האָבן געבעטן צו ריידן צו אייער קבלת־פּנים? צביונען — פון דעם פרץ־שרייבער־פאַראיין. ער איז אַ לינקער, צביון. און דערנאָך ניגערן. איר קענט אים? אַ פיינער מענטש. איך ליב אים שטאַרק, ער איז פון אונדזערע בעסטע שרייבער. איך האָב אים נעכטן טאַקע געזען. און אַ סאָציאַליסט איז ער. פאָרזיצער וועט זיין אונדזער קאַהאַן.

— און דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דער פאַרזאַמלונג?

— ניין, מיר טראַכטן טאַקע אז איר דאַרפט גלייך אַרויסטרעטן מיט אַ לעקטשור. אָבער אַזאַ אז זי זאָל ציען דעם עולם. וואָס האָט איר צוגעגרייט?

— די לאַגע אין אייראָפּע? צי אפשר די נייע פּראָבלעמען פון היינטיקן סאָציאַליזם? צי אפשר וועגן רוסלאַנד?

מינץ קווענקלט זיך שטאַרק. צי וועלן אַזעלכע טעמעס ציען דעם עולם?

ד"ר פראַנק לאַכט אויפגערעגטערהייט: וואָס הייסט עס וועט ניט ציען? ווע־מען עס ציט נישט זאָל זיצן אין שטוב...

— אפשר האָט איר אַ ליטעראַרישע טעמע? — פרעגט מינץ ווידער — דאָ האָט מען ליב אַזעלכע טעמעס. אָט האָט פּראָפעסאָר שנייערסאָן געהאַלטן דריי לעקציעס נאָך אַנאַנד וועגן פּסיכאָלאָגיע.

ביז איצט האָב איך געשוויגן. איצט מוז איך שוין לאַכן. — אָבער, ליבער ה. מינץ, איך בין דאָך ניט געקומען ריידן וועגן ליטעראַטור. מיין טעמע איז גאָר אַן אַנדערע. מיר וועלן שוין אויסגעפינען אַ טעמע...

— אָבער פאַר דעם ע ר ש ט ן אָוונט מוז זיין דער נאָמען אַ פּאַסיקער.

— לאָז דאָס אָפּ — מישט זיך אַריין דער שוויגנדיקער יווינריטש — מען וועט שוין צוקלערן...

— איצט דאַרפט איר באַזוכן דעם „פאָרווערטס" — עסקט זיך מיט מיר מינץ — איר קענט דאָך נאָך פון בערלין אַב. קאַהאַנען. ווער וועט אייך באַגלייטן? איך וועל אייך באַגלייטן אַהין.

מיר זעגענען זיך אָפּ ווי אַלטע פריינד. מען זאָגט שוין מער ניט ד"ר נאָר חבר שטיינבערג. אַזוי וועט עס בלייבן אויף ווייטער.

— איך וועל אייך באַזוכן ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום — זאָגט מיר שטילערהייט פראַנק.

* * *

זאַלבעפערט באַוועגן מיר זיך פּאַמעלעך פון די טרעפּ איבער דער גאַס. ווינריטש האַלט אונטער מיינצן אונטערן אָרעם צערטלעך אָבער מיט אַ שטייפן פּנים. די קראָמען האַלטן זיך ביים פאַרמאַכן. מיט שרייענדיקע לייכטנ־דיקע אותיות רופט צו זיך דער שילד פון לעבס קינאָ־טעאַטער. אין די אויערן גרילצט אַ פאַרוויינטער ניגון פון אַ מוזיק־געשעפט. עטלעכע יידן שטייען און הערן זיך צו ווי מען באַזעצט די כלה אין גראַמאָפאָן. אַלע ווײַלע ווערט די גאַס אויפגעציטערט ווי פון אַ אונטערערדישן רעש. דאָס קייקלט זיך נישט ווייט איבער אונדזערע קעפּ דער עלעוויטאָר. די קאַנאַל־סטריט האַקט זיך פּלוצים אָפּ און מיר דערזען אויף אַ קליינעם גאָרטן־פּלאַץ אַ שלאַנק, פיל־גאָרנדיק געביי אויף וועלכן עס איז אָנגעצייכנט מיט ריזיקע בוכשטאַבן: Forward (פאָרווערטס). לעבן אים אין אָרום אים שטייען ברייט־בייכיקע הייזער און שטיבלעך, אָבער מיט דער הויכקייט פון זיין וווּקס און מיט דער שמאָלקייט פון זיין טאַליע באַהערשט ער זיי אַלעמען. דאָס „פאָרווערטס" געביי באַהערשט איבערהויפּט די גאַנצע אַרומיקע יידישע סביבה פון איסט בראָדוויי. ער סימבאָליזירט, אַזוי צו זאָגן, דעם איסט־בראָדווייער האָרעפּאַש־ניק וואָס איז דאָ פאַר די אייגן פון אַלעמען עולה לגדולה געוואָרן. ס'איז דאָ אַ סך שיינס אין דעם וואָס דווקא דאָ, אין דער טיפּישער יידישער אָרעמקייט,

האָט זיך אויסגעצויגן אין דער הויך דער „פאָרווערטס"־בנין, וואָס אין דער טונקעלער סביבה אַרום שיינען ביינאַכט ווייט אַרום די לייכטנדיקע אותיות פון זיין נאָמען. איך קען פאַרשטיין די סימפּאַטיע וואָס דער ניו־יאָרקער אַר־בעטער קאָן פילן צו דעם שטאָלצן סימבאָל פון זיין אייגענעם גבירישן אויפ־קום. די פראַגע איז נאָר: צי די באַלעבאַטישקייט אין דעם הויז געהערט דער פרייען אַרבעטער אָדער דעם אויפגעקומענעם פּראָלעטאַרישן גביר?

מיר הייבן זיך אויף אַ ליפט צו דער רעדאַקציע. אַלע אויפשריפטן אַרום זיינען יידיש. אוי, פאַר וואָס איז דאָ שוין אַביסל צו פיל יידישלעך? דער יונגערמאַן וואָס באַדינט דעם ליפט האָט אַ פאַרבונדענע באַק. מוז דאָס דוקא אַזוי זיין, לויט דער ליטעראַרישער טראַדיציע פון שלום־עליכמען (אין די „באַרדיטשעווער האָטעלן")? צוזאַמען מיט אונדז הייבן זיך און פאַר־טיילן זיך אין די פאַרשיידענע עטאַזשן מענער, הויכע, גלאַט ראַזירטע, פעסט געבויטע, מיט זיכערע געזיכטס־שטריכן, מיט שוואַרצע ברילן אויף די אויגן. דאָס מוזן זיין יוניאָן־טוער, אַרבעטער־רינג־מענטשן, ציטונג־שרייבער. מיי־נע באַגלייטער ווייזן מיר אָן ביי די פאַרביי־פליענדיקע גאָרנס: דאָ איז פרעז־פאַראיין, רעדאַקציע „צוקונפט", אַרבעטער־רינג, געווערקשאַפטן...

מיר באַטרעטן אַ גרויס צימער מיט טישן און לאָמפּן. מענטשן אַרום איז שוין ווינציק צו זען, אָבער מיט זיינע צעשויבערטע גרויע האָר דערזע איך באַלד אַב. קאַהאַנען. ער איז פאַרוואונדערט אַביסל צו טרעפן מיך דאָ. נאָך מיט חדשים צוריק, אַז ער איז געפאָרן פון רוסלאַנד, האָב איך אים דערציילט אין בערלין אַז איך קלייב זיך קיין ניו־יאָרק. — האָט איר דאָרטן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס וועט אַרבעטן פאַר אייך? — האָט ער געפרעגט. איך האָב געענטפערט, אַז ניין, אַז איך האָב אָבער דאָרטן אייניקע פריינד. — דאָס איז ווייניק ביי אונדז — האָט ער נאָך מער פאַרוואונדערט גערעדט. — מ י ר וועלן דאָך פאַר אייך ניט פירן קיין פּראָפּאַגאַנדע. און אָן דער־ווערט מען ביי אונדז פאַרפאַלן. די „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט ניט קיין איינפלוס...

איצט, אַז ער האָט מיך דערזען אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרלוירן. — נו, פריוועטסטוויו וואָס אין אַמעריקע! — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו מיר אין רוסיש (אַנדערש ווי רוסיש האָט ער מיט מיר ניט גע־רעדט איבערהויפּט די גאַנצע צייט אין אַמעריקע). קאָגדאַ ווי פריעכאַלי? — סעוואָדניאַ! — פאַרוואָס האָט מען אים ניט אויפגענומען ביים שיף? — האָט ער זיך אומגעדרייט צו אַ פּאָר מיטאַרבעטער — איך האָב דאָך גע־שיקט, ווער האָט געדאַרפט גיין?

ער רופט מיך אַריין אין זיין רעדאַקציע־צימערל, קען נאָך אַלץ ניט געפינען די נייטיקע ווערטער: — איר זייט געקומען צו שפּעט היינט —

זאָגט ער — די רעדאַקציע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. קומט מאָרגן און איך וועל פאָרשטעלן פאַר אייך אונדזערע מיטאַרבעטער. איר וועט אונדז געבן אַן אינטערוויו...

מיר גייען זיך פונאַנדער. אַ קלאַפּ נאָך אין טיר צו וולאַדעקן. ער איז צופרידן צו הערן אַ גרוס פון זיין בערלינער ברודער. איך האָב טאַקע ביי דניאל טשאַרני — פאַרן אוועקפאָרן — גענומען אַ שעה אונטעריכט מכח דעם ווי מען דאַרף זיך ניט אויפפירן אויפן שיף בעת מען האָט אַ סאָוועטישן פּאַס. טשאַרני האָט געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג, ער האָט גערעדט אין וועג דאָס וואָס ער טראַכט, און ער האָט געמוזט דערפאַר באַטראַכטן אמעריקע פון דער זייט פון עליס־איילענד אליין. נאָך זיין אונטעריכט האָב איך טאַקע געשווינגן אויפן שיף ווי די פיש אין ים אַרום אונדז. וולאַדעק האָט געוואָלט אָבער הערן מער ווי אַ גרוס — און מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מאָרגן ביים לאַנטש.

מיינע צוויי מלאָכים־באַשיצער האָבן מיך ווייטער געפירט — צום „טאָג". דאָ דערביי אויף דער זעלביקער גאַס, מיט אַ פּאָר נומערן ווייטער, אין אַ הויז וואָס פאַרלירט זיך לגבי דעם „פאָרווערטס"־געביי. נאָך אונטן באַקאַנט מען מיך מיט אַ יונגערמאַן מיט אַ באַשיידן געזיכט: דאָס איז אַן איידעם פון שלום־עליכמען — ב. צ. גאָלדבערג. אויבן אין דער רעדאַקציע איז טומלדיק, יידישלעך. מיר דרינגען אַריין אין אַ צימערל, מען זעצט מיך אוועק פאַר דעם רעדאַקטאָר דינגאָל. מיט אַ וויכער, אויפמערקזאַמער און גלייכגילטיקער שטים פרעגט ער איינביינענדיק דעם קאָפּ: „וואָס זיינען די צוועקן פון אייער קומען אַהער, ד"ר שטיינבערג?" — איך פּרוּוו זיצנדיק אין פּעלץ און פאַרסאָפּעט פון די טרעפּ, דערקלערן בקיצור די צוועקן: העלפן די געפאַנגענע אין רוסלאַנד, באַקענען דעם עולם מיט אונדזער אידעאָלאָגיע...

— צי וואָלט איר ניט אָנגעשריבן, ד"ר שטיינבערג, פאַר אונדז אַן אַרטיקל וועגן אייערע צוועקן?

— אַן אַרטיקל שרייבן? דערצו בין איך נאָך ניט פעיק. מיר וועלן זען שפּעטער...

מיר גייען צוריק. דאַכט זיך אַז איך פיל דאָ דעם פאַרבאָרגענעם חילוק צווישן „פאָרווערטס" און „טאָג" דאָרטן איז אמעריקאַניזם מיט אַ יידישן אונטערשלאַק, אין „טאָג" איז יידישקייט מיטן אונטערשלאַק פון אמעריקאַניזם.

אַלזאָ, אָפּגעאַרבעט שוין דריי וויזיטן. — איר מוזט באַזוכן אויך דעם „מאָרגן־זשורנאַל" — דערקלערט מיר מינץ — אָבער דאָס וועט איר ניט פאַרשפּעטיקן. קומט איצט אַריין אין אונדזער קאַפע, דאָ דערביי...

אין קאַפע „אייראָפּע"

מיר פאַרקירעווען זיך אין א געסל, מיר שטעלן זיך אָפּ פאַרביי א פענצ־טער ווו עס גלאַנצן די בוכשטאַבן: „אייראָפּע". צוזאַמען מיט דעם ווינטער־דיקן ווינט טרעטן מיר אַריין אין „אייראָפּע" גופא. טישלעך צעוואָרפן אי־בער א טונקעלן חדר, א געדיכטע רעסטאָראַן־לופט שלאָגט אין דער נאָז, אין א ווינקל צוזאַמענגעשאַרט א גרופּע מענטשן. דאָס זיינען יידישע שריי־בער. איינעם דערקען איך אַליין: ד"ר קאַראַלניק, — „האַלאָ, ד"ר קאַראַל־ניק, וואָס מאַכט איר?" — רופט אויס מיט א יונגלשן קול מינץ. ער שטעקט אַלעמען די האַנט, שטויסט זיך אָן אויף די וואָס ער רופט אויס יעדעס מאָל. — „דאָס איז תלוש! — א באַגאַבטער שרייבער, דאָס איז נחום יוד! — אונדזער פיינער פּאָעט, און דאָס איז אונדזער גרויסער פּראָזאַיקער אָפּאַ־טאָשו. שטעלט מינץ יעדן פאָר און באַלויכט אים מיטן אַמעריקאַנישן פייער. דאָס איז ד"ר מוקדוני. און דאָס — צביון!

— איך קאָן דאָך אייך אַלעמען, — זאָג איך — מיר זיינען דורך דער פּרעסע שוין לאַנג גוט באַקאַנט, — און מיר דריקן זיך די הענט. אָט דאָס איז מוקדוני, מיין אומבאַקאַנטער פריינד פון דער פאַרוואָרפענער רוסישער שטאָט אופא? איך האָב זיך אים פאַרגעשטעלט אַנדערש, איידער מיט א פּענסנע, מיטן שפּיציקן פּנים פון אַן אינטעליגענט. אפשר ווייל אין די אותיות „מוקדוני" ליגט א מאָנומענטאַלע וואַגיקייט?

מען זעצט זיך ביי א שבנישן טישל; אָפּאַטאָשו, קאַראַלניק און נחום יוד גייען אַריבער צו אונדז. — וואָס הערט זיך ביי אייך, אין אייראָפּע? — מען דערציילט, מען פרעגט אויס, מען פאַרוואָרפט מיט פראַגן. די דראַ־מאַטישע אַנטוויקלונג פון דער באָלשעוויסטן־פּאַרטיי אין רוסלאַנד רופט אַרויס באַזונדערן נייגיר. מיט זשורנאַליסטישער לעבעדיקייט קירעוועט די פראַגן קאַראַלניק, מיט שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן, מיט אַן איינגעהאַלטענעם פייער הערט זיך צו נחום יוד, פאַרלייגט ביידע הענט אויפן טיש, מיט דעם שווערן בערן־קאָפּ איבער זיי שווייגט אויפמערקזאַם אָפּאַטאָשו. „ די טעג האָט מיר טאַקע געשריבן וועגן אייער קומען דובנאָוו. — וואָס מאַכט

ער איצט אין געזונט?״ — פרעגט אַפּאַטאַשו. און זינקט איין אין שווייגן. דערווייל גייט צו שטילערהייט אַ יונגע שוואַרץ־אויגיקע פרוי, פון די באַלעבאַטעס פון „איראַפּע״, פרעגט צניעותדיק: וואָס וויל מען באַשטעלן? גוואַלט, ווו האָב איך שוין געזען אַמאָל די דאָזיקע פרוי? אין דער אמתער אייראָפּע? אין דווינסק, אין קאָוונע, אין גראָדנע, אין מאָסקווע? נו, געוויס דאָס איז דאָך די יידישע פרוי פון אונדזערע שטעט... און אָט דערקען איך דעם כמעט־ווייסן טישטעך פון טיש, די טאַץ מיט דער גלאָז אין וועלכער מען דערלאַנגט טיי, און די קיכלעך אויף אַ קליין טעצעלע אויסגעלייגט. הייסט עס מאַקע אַז בתוך עמי אני יושב. דאָס יידישע שטעטל איז דאָ דאָ. דאָס „פאָרווערטס״־געביי איז נאָר אַן אָנשטעל פאַר פרעמדע...

קאַראַלניק פרעגט וועגן מיינע ערשטע איינדרוקן. — אָ, צו וואָס האָט איר געדאַרפט באַזוכן רעדאַקציעס? א י ר דאַרפט עס ניט טאָן! — זאָגט ער אַרויס, עפּעס מיט פאַרדרוס. איך נעם דערציילן וועגן מיינע היינטיקע באַזוכן. ס׳רייסט זיך אַרויס ביי מיר אַ גלייכווערטל. מען שמייכלט אַרום. איינער בייגט זיך איין צו מיין אויער: זייט פאָרזיכטיק!

ער איז אפשר גערעכט, מיין פריינד. דאָ אין דער „קיבעצאַרניע״ (אַזוי רופן אָן דעם ליטעראַרישן רעסטאָראַן) איז בעסער צו הערן און צו זען איידער צו ריידן.

— און וואָס קענט איר מיר דערציילן פון מיין פאַמיליע? — פרעגט קאַראַלניק.

— איך האָב געדאַרפט מיטברענגען פאַר אייך אַ באַנד לידער פון יעסענינען, האָט אייער ברודער פאַרזאַמט צו מיין צוג.

ביי דעם נאָמען יעסענין האָט געפּלאַצט דאָס שווייגן פון נחום יוד, דער דיקלייביקער, פעך־שוואַרצער דיכטער מיט אַ געזיכט פון אַ שמיד, רופט אַרויס מיט אַן אַנטציקונג אין רוסיש: אָט דאָס איז אַ פּאָעט, דער יעסענין...

קאַראַלניק מאַכט אַוועק מיט דער האַנט. נחום יוד נעמט זיך אָן שטאַרקער פאַר דעם רוסישן זינג־פויגל: — איי, וואָס פאַרשטייט איר אין אים? אַנדריי ביעלי פאַרשטיי א י ך ניט, איך האָב קיין געפיל נישט צו אים, אָבער יעסענין...

נחום יוד רעדט מיט מיר רוסיש, מיט דעם שאַרפן ר׳ אין די ווערטער. ער געפינט אין מיר אַ פריינד פון יעסענינען.

מיר דאַרפן שוין גיין. מען זעגנט זיך אָפּ, מען זאָגט זיך צו ווייטער צו טרעפן זיך. איך פיל זיך דאָ היימיש מיט זיי. איך מערק אָבער אַז זיי קענען זיך ניט צוגעוווינען צו מיר. עפּעס אַ פרעמד־קערפּער, נישט יידיש, נישט רוסיש געגנוג.

י. נ. שטיינבערג

אין דער קאַלטער און ווינטיקער נאַכט גייט אונדז באַגלייטן נחום יוד. ער איז אין דער צערטלעכער און ערנסטער אַטמאָספער פון דער רוסישער דיכטונג: — האָט איר ליב געהאַט סאָלאָגובן? — פרעגט ער אין וועג.

— נו, ער איז פרעמדלעך צו אונדזער גייסט...

— אי, וואָס פאַר אַ דיכטער דאָס איז געווען! האָט איר געלייענט מיינע איבערזעצונגען פון אים אין יידיש?

און אין דער פאַרטראַגענער איסט־סיידער גאַס, אין דעם האַלב־ליכט פון דעם אָוונט — דערהער איך ווי עס הילכן אָפּ ריטמישע שורות אין דער באַסאָווער שטים פון נחום יודן:

ווען דאָס לעבן ווערט שווער אומדערטרעגלעך פאַר מיר,
אין דער וויסטעניש גיי איך צו טרוימען פון דיר...

דיך גערופן וואָלט איך, נאָר איך ווייס ניט קיין וואָרט,
איך וואָלט שיקן נאָך דיר — נאָר איך ווייס ניט דאָס אָרט.

סיוועט אָן ווערטער דער טויט זיך צעקושן מיט מיר,
און מיט שטילקייט באַוועגט מיך דערפירן צו דיר.

מיט אַ דראָענדיקן, פעך־שוואַרצן קול ווידערהאַלט ער: „דער טויט זיך צעקושן מיט מיר”.

— דאָס האָט איר אָקערשט געשאַפן די איבערזעצונג? — חידושט מען זיך.

— ניין, שוין אַמאָל... אַ טיפער פּאָעט סאָלאָגוב. לענט איר זיין געדיכט „די אַמפּאָרע”? ניין? הערט מיין איבערזעצונג. הערט ווי ס׳איז אַריבערגענומען זיין אייגענער ריטעם:

אין אַן אַמפאָרע בונט באַמאָלן
טראָגט וויין אַ שטילער שקלאַף פאַרטראַכט.
ס׳איז טונקל אויף דעם וועג דעם שמאָלן
און אין די הימלען איז שוין נאַכט...

מיר גייען זאַלבעדריט איינגעטוליעט אין דער ניו־יאָרקער נאַכט און מיר מערקן אויך ניט דעם שמאָלן, רעגנדיקן וועג פון גאַס. דער ערנסטער, פאַרטראַכטער ריטעם פון געדיכט צווינגט אונטער זיין געוואַלט:

מיט איין פוס אין אמעריקע

און אין דער טונקלקייט אנטקעגן
קוקט דורכדרינגלעך זיין בליק אריין,
אז אויף דער ברוסט אים פון די ברעגן
זאל ניט צעגיסן זיך דער וויין.
אזוי — א טראג איך, פול רעיונות,
מיין כוס מיט ליידן אנגעפילט.

איך טראג דורך זייטיק־שטילע וועגן
דעם בייזן כוס, אז אומבאוווסט,
זאל עמיצער וואס קומט אנטקעגן
אים נישט פארגיסן אויף מיין ברוסט. 1)

ס'איז געווען מאדנע צו הערן די שטילע פערזן פון וויטן רוסישן דיכ־טער דא אין דער נאכטיק רוישנדיקער גאס. און דאך איז עס ניט געווען מאד־נע, ווייל א יידישער דיכטער האט אין די איבערגעגאסענע ווערטער אויס־גערעדט זיין אייגענע נשמה. דער לעבעדיקער דיכטער האט מיר מיט איין מאל באוויזן ניו־יארק פון א גאר אומדערוואַרטעטער זייט: פון שטילקייט און טרוים. איך בין אים געווען דאנקבאר פאר אזא אנטפלעקונג, שוין אין דעם ערשטן טאג מיינעם דא.

מיר האבן זיך ערגעץ אויף אן עק גאס אין רוסיש אפגעזעגנט מיט דעם אינערלעך אויפגערעגטן נחום יודן און געגאנגען צו אונדזער ארבעט אויף דער באוערי (א גאס וואס איר פינצטערע באדייטונג האב איך שפע־טער דערקענט). אין דעם הויז פון דעם „מארגן־זשורנאל" הייבן מיר זיך פאמעלעך אויף דעם ליפט. אויבן גייט אונדז פריילעך אנטקעגן מיט א ברייטן שלום עליכם אן אלטער מאן מיט א משכילישן פנים, מארגאשעס: — א, ד"ר שטיינבערג, איך קען אייך גוט. איך קען אייער דיסערטאציע וועגן תלמוד...

— ווי קומט איר דערצו? — לאך איך. — איך האב שוין פארגעסן וועגן דעם!

— ניין, מיר געדענקען אלצדינג — רעדט ער מיט דעם עכטן דייטש־מערישן לשון פון א משכיל. ער איז אן א רעקל, אין דעם וועסטל פון א פארהארעוועטן צייטונג־מענטש. איך האב ליב גוואלטיק די אטמאספער פון א צייטונג, און זיין אויסזען, ווי אויך פון די געציילטע ארומיקע, דערמאנען מיך אן מיינע „יונגע יארן". אויך מיר האבן אמאל פריש איינגעאטעמט די שווערלעכע צייטונגס־לופט פון רעדאקציעס, איידער מען האט געמוזט אז

1) „צוקונפט", יאנואר 1928

טרעטן אַן אַ זײט. די נױטװענדיקײט און די מעגלעכקײט צו רײדן טאָג טעגלעך מיט דעם אַנאָנימען דרויסנדיקן עולם, דאָס שטענדיקע פילן זיך אין דער װעלט און די װעלט אין זיך, — װאָס האָט געקאָנט זײן אַנציִענדיקער פאַר אונדזער אײנעם? איצט גײט מען אַרום מיט פרײנדלעכע קנאה־געפילן.

— האָט איר געלײענט אונדזער אַרטיקל װעגן אײַך? — פרעגט מאַר־גאָשעס. — זעט איר — ער פירט מיך צו צו אַ קעסטל, — איר זײט אַרײַנגעטראָגן אין אונדזערע רשימות.

— זײט איר אַ קרוב — פרעג איך אים — פון דעם ד"ר מאַרגאָשעס אין „טאָג"?

— מײַנער אַ זון! ער איז געװעזן אַ רב און איז איצט אַ שריפטשטע־לער. אָבער ער שרײַבט אין גאָר אַנדערע געביטן װי איך. זעט איר — באַ װײַזט ער אויף זײַן טיש מיט אַן אויסגעשפּרײטן כתב־יד — איך שרײַב אַ סעריע װעגן הײליקע ייִדן.

די הויפּט־רעדאַקטאָרן זײַנען ניטאָ, און מיר פאַרלאָזן די רעדאַקציע. איצט זוכן מיר אויף אַ טעלעגראַף פון װעלכן איך זאָל קענען געבן די צװײ קײבלס צו מײַנע הײמישע. אַ גאַנצן טאָג ניט געקאָנט אויסגעפינען די מי־נוט. דער טעלעגראַף איז דאָ אַ פּריװאַט־געשעפט, ניט קײן מלוכה־אַמט. עפּעס אַ פרײלעכער ייִדישער בחור רוקט אונטער די בלאַנקן... צי מעג איך שרײַבן רוסישע װערטער אין אַ טעלעגראַם?

דער בחור װאָס קאָן די שבעים לשונות, זאָגט אַז יאָ. אָנגעשריבן די פאָר װערטער קײן בערלין, און איצט קאָן מען פאָרן אַ הײם.

די ערשטע נסיעה אַלײן איבער ניו־יאָרק גײט אַריבער לײַכט. אין שטוב געפין איך אַ שבתדיקן מיטאָג צוגעגרײט פון מיסיס ה.

— װוּ איז מיסטער ה.? — פרעג איך.

— ער איז נאָך ניטאָ פון דער אַרבעט.

ויהי ערב ויהי בקר יום אחד. מיט אַ פאַרטומלטן קאָפּ װאַרף איך זיך אַרײַן אין שלאָף, אין דעם זומערדיק־פאַרגלעזערטן צימער.

אינטערוויו אין „פאָרווערטס"

28־טער דעצעמבער.

קולות פון די גאַסן־יינגלעך האָבן מיך אויפגעוועקט. ס'איז שוין אַיך צייט. איך קוק זיך אַרום. אַ שטילינקער זיינער קלאַפּט אָפּ צערטלעך די סע־קונדן. אויפן פּרויען־טישל ביים פענצטער ליגט ווייס פּאַפּיר און קאָנווערטן אויף צו שרייבן בריוולעך. אַ היימישע וואַרעמקייט נעמט אַרום דעם קער־פּער. וואָס איז דאָס פאַר אַ סביבה? איך בין דאָך ניט געקומען אַהער צום ווילטאָג און אָפּרו. ס'איז דאָך עפּעס אַמעריקע, אַ לאַנד פון אַקטיוויטעט און עפּישענסי... ביים פרישטיק פרעג איך מיין מיסיס: — ווו איז מיסטער ה.?

— ער איז שוין אַוועקגעפאָרן אין געשעפט — ענטפערט זי רויק, און די אויגן קוקן זאַרגלאָז.

— ווען איז ער דען נעכטן געקומען? — וואונדער איך זיך.

— יאָ, ס'איז ביי אונדז, אין דער דרעס־בראַנזשע אַ שווערע אַרבעט פון שטענדיק. איצט איז נאָך דערצו אַ קריזיס... מען האָט פיל שאַדנס, מען מוז זיך יאָגן נאָך די קויפער. און נאָך דעם יאָגט מען זיך זיי זאָלן באַצאָלן...

דער ווילשטאַנד פון דעם הויז ווערט מיר עפּעס ווי צווייפלהאַפט. מוז מען אַ ז ו י הארעווען צוליב אַזאַ הויז?

מיר קומען אַרויף צו ריידן וועגן איר שוועסטער, וואָס מען לויבט אַזוי אין בערלין. זי האָט מיט איר מאַן פונקט אַזאַ קליידער־געשעפט אין באָס־טאָן. „אָבער זיי גייט עס בעסער. זיי האָבן נישט פאַרלאָרן אַזוי פיל געלט וויפיל מיר. מיין שוועסטער איז אַ גוטע נשמה, זי זאָרגט פאַר אַלעמען. זי קאָן נישט אויסהאַלטן אַז איר אַליין גייט גוט. זי וועט באַלד מסתמא קומען אַהער אין ניו־יאָרק"...

דער גוטער מלאך יאַטשקאָווסקי קומט צו פאָרן כדי צו פירן מיך ווי־דער אין שטאָט. ער איז אַ ביסל אין אומרו. וואָס איז? שטעלט זיך אַרויס אַז דער קייבל, וואָס איך האָב נעכטן געשיקט קיין בערלין, א י ז נ י ט אַוועק. מען האָט אים היינט צוריקגעבראַכט צו יאַטשקאָווסקין. פאַר־וואָס? ווייל איך האָב אַריינגעשטעלט אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט אין דעם

טעקסט. אָט האָט איר אייך די שבעים לשונות. איך שטעל זיך פאָר ווי מען איז אומרויק איצט אין מיין היים, ניט ווייסנדיק ווו איך געפין זיך: אין ניו־יאָרק צי אין עלים־איילענד. אַלזאָ תיכף אויפגעהויבן זיך און פאָרן, ראשית כל, צום טעלעגראַף. — איר וועט עס קענען מאַכן פון דער רעדאַק־ציע פון „פאָרווערטס" — באַרויקט יאַטשקאָווסקי. און מיר לאָזן זיך גיין.

איצט אין דער פרי איז אַב. קאַהאַן וויניקער צעשויבערט ווי נעכטן נאָך מיטאָג. דאָס רעדאַקציע־צימער איז פול מיט פּאַרנומענע מענטשן און שרייבנדיקע פּענעס. ס'איז אַ גרויסער באַטריב אין אַ גרויסאַרטיקן בנין. פון דאָנעט גייען עס אַרויס זיבן מאָל אין וואָך די געוואַלטיקע צייטונג־לייוונטן אין הונדערטער טויזנטער קאָפּיעס, מיט די בילדער, מיט דער וועלט־אינפאָרמאַציע, מיט דעם רעש פון סענסאַציעס. נישט ווילנדיק פאַר־גלייכט מען די גדולה צו וועלכער ס'האָט זיך דערהויבן דער „פאָרווערטס", מיט דער אָרעמער אָפּגעלאָזענער איינריכטונג פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע".

וואָס פּאַסט בעסער פאַר אַ סאָציאַליסטישן בלאַט: די אָרעמקייט פון דעם קלאַס וועלכן עס פאַרטיידיקט, צי די רייכקייט פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער עס גייט אָן דער קאַמף? צי דאַרף טאַקע די אַרבעטער־באַוועגונג שטענדיק, ביזן ענדגילטיקן נצחון, בלייבן אין די לעכער און אין די קעלערס פון קאַפּיטאַליזם, ווי עס איז געווען אין אָנהייב, — צי פאַרקערט, זי דאַרף פאַמעלעך, בהדרגהדיק אַריבערנעמען אין איר האַנט די אַ צרות און די פּאַלאַצן פון די קאַפּיטאַליסטן? און באמת גערעדט, איז טאַקע אַ שאָד פאַרן סאָציאַליזם אין ניו־יאָרק, אַז ער באַזיצט אַזאַ מין גרויס בלאַט ווי דער „פאָרווערטס" און אַזאַ אייגן הויז ווי זיין בנין? איז עס געווען בעסער אַז מען האָט זיך געשטופּט און געוואָרגן אין ענגשאַפט און דלות פון דעם אַלטן איסט־סייד? מען וואָלט גערארפט אויספרעגן וועגן דעם דעם אַלטן דור ניו־יאָרקער יידישע סאָציאַליסטן וואָס טרעטן נאָך היינט אויף דעם זעלביקן איסט־סיידער פּלאַסטער. ד"ר פאַרנבערג, ד"ר מעריסאָן, ש. יאַנאָווסקי, קאַפּעליאַוו און טאַקע אויך אַב. קאַהאַן וואָלטן געקענט אַביסל דערציילן וועגן דעם פלאַמענדיקן ענטוזיאַזם און דער גרייטשאַפט צו קרבנות וואָס האָט געהערשט אין יענע „מאַגערע" יאָרן פון דער יידישער באַוועגונג. אין די מיט שוויים טריפנדיקע שעפּער, אין די סאָציאַליסטישע שטיבלעך, אין די פאַר זייער קיום־קעמפנדיקע רעדאַקציעס איז געווען מער לייִדן און מער אמונה אין סאָציאַליזם, איידער היינט. עס שיינט עפּעס אַזוי ווי ווען דער שטיינערנער בנין פון היינטיקן פאַרפונדעוועטן סאָציאַליזם וואָלט אויסגעזויגן סיי די אַמאָליקע לייִדן סיי דעם אַמאָליקן גלויבן.

דאָס איז די פראַגע וואָס שטייט היינט פאַרן סאָציאַליזם אומעטום:

צי ווערט ער נישט אויסגעלייזיקט פון זיין אינהאלט דורך דער גרויסער עשירות און טעכניק פון זיין ארגאניזאציע? אט איז איין ליעבעדיקער ביי־שפיל פון טויזנטער. עבערט, דער שפעטערדיקער דייטשער רייכס־פרעזידענט, איז אלס יונגער מענטש אנגעקומען אמאל אין בערלין צו אר־בעטן אין דעם סאציאל־דעמאקראטישן פארטיי־פארשטאנד. ער האט באלד אויסגעפונען, אז אין דער קאנצעלאריע גייט די ארבעט אן פאמעלעך, פראָ־ווינציעל. די בריוו וואס מען שרייבט בלייבן אן קאפיעס, אדער די קאפיעס שרייבט מען איבער מיט דער האנט. אז מען דארף ריידן מיט וועמען פון דער ווייטנס, פארט מען צו אים אדער מען באנוצט א טעלעפאן פון א שכנישן הויז. האט עבערט געמאכט א רעוואלוציע אין פארשטאנד: ער האט צוגערעדט קויפן א שרייבמאשין און אוועקשטעלן אן אייגענעם טעלע־פאן. די אלטע פירער פון דער פארטיי וואס האבן געציטערט אויסצוגעבן אן איבעריקן גראשן פון ארבעטער, האבן געשאקלט מיט די קעפ. ווער איז געוועזן גערעכט? אוודאי עבערט, דער יונגער ארבעטער! ער האט געזען ווי פאר זיינע אויגן וואקסט און ברייטערט זיך אויס די באוועגונג, האט ער איר געוואלט פארשאפן די טעכנישע ארבעטס־מיטלען, זאלן זיי טאקע דינען ניט נאר דעם קאפיטאליזם אליין... איז עבערט געבליבן גערעכט ביזן סוף? אוודאי האט עבערטס באוועגונג געהאט שפעטער די גרעסטע דער־פאלגן, האט כמעט ווי דערגרייכט די מלוכה, עבערטן אליין געשטעלט אויפן שפיץ פון איר. אבער — ווו איז געבליבן די נאאיוויטעט, די „פראָווינציע־לע" ערלעכקייט פון יענער צייט אן א שרייבמאשין און א טעלעפאן?

אין היינטיקן דייטשלאנד איז די לאגע אזא, אז אן ערלעך סאציאליס־טיש בלאט מוז דווקא אנהייבן ווידער אמאל פון א רעדאקציע אין א קעלער אדער א בוידעם. די הויך־אויסגעבויטע וועגט פון די ציישונגען, געווערק־שאפטן, פארטיי־הייזער, האבן פונאנדערגעטיילט די פירנדיקע שיכטן פון ארבעטער־קלאס און די ארבעטער גופא. מוז מען טאקע אפשר — ווי אין די זיבעציקער יארן פון א מאל — אומקערן זיך צו די שטיבלעך, צו דער שטופעניש, צו דער אומגעלומפערטער און קינדישער באגייסטערונג. עס זאל ווידער געבארן ווערן דער צוטרוי פון סאציאליסטן פון איינעם צום אנ־דערן. די רעדאקציע זאל אונטערהונגערן, די לעזער זאלן אפשפארן פון זייער לעצטס, די אידעע זאל באהערשן די ארעמע טעכניק.

די „פרייע ארבעטער שטימע" איז דערפאר טאקע אן ארבעטער־בלאט אין א גרעסערער מאס ווי דער „פארווערטס". די ערשטע טראדיציעס לעבן דארטן אין ארעמען שטיבל, ניט דא. אמת, איך פיל היינט אויך דארטן נישט קיין באגייסטערונג, פונקט אזוי ווי איך פיל זי ניט אין „פארווערטס". די באגייסטערונג האט זיך היינט אין יידישן ארבעטער־אמעריקע אריבערגע־

טראָגן אין אַן אַנדער לאַגער... אָבער דער גייסטיקער אומעט ליגט אויף דעם סאָציאַליסטישן איסט־סייד ניט צוליב אָרעמקייט, נאָר צוליב אַנדערע סיבות — מיר וועלן נאָך ריידן פון דעם.

אַב. קאַהאַן בעט מיך אויסטאָן דעם מאַנטל, באַקענט מיך מיט די מיט־אַרבעטער. איך הער די נעמען און דערמאָן זיך זייערע אַרטיקלען. צביון, וואָס שמייכלט איינגעהאַלטן, איז מיר שוין פון נעכטן באַקאַנט, אַט איז ראַגאָף. איך וואָלט זיך קיין מאָל ניט משער געווען, אַז ער איז אַזאַ יונגער און שלאַנקער. פאַר וואָס האָט ער זיך מיר געדוכט ווי אַן עלטערער, דיקלע־כער מענטש מיט אַ קודלאַטן שוואַרצן קאָפּ אין ברילן? האָב איך אים פריער געזען? יאָ, געוויס, איך מיש אים פּשוט צוזאַמען מיט דעם רוסישן באָלשעוויק ראַגאָוו וואָס פירט אַן שוין העכער צען יאָר מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין מאָסקווע! זאָל מיר דער אַמעריקאַנער ראַגאָף מוחל זיין: ס'איז גאָר קיין פאַרגלייך נישט צווישן אים און דעם מאָסקווער גראָדאָנאַטשאַלניק... און דאָס איז אָשעראָוויטש. אַט הייבט זיך אויף אַ יונגער בחור וואָס פירט די טעאַטער־אָפּטיילונג: „מיר האָבן יענע וואָך מיטגעטיילט וועגן אייער פּיעסע". אַלע זיינען צו מיר ווייך און פריינדלעך, אפשר שוין צו פריינדלעך. מיר וווּנדערט עם אַביסל: זיי ווייסן דאָך, אַז איך בין ניט פון זייער לאַגער. ס'איז ניטאָ קיין צייט אַריינצוטראַכטן זיך. אַב. קאַהאַן רופט צו זיך צו איינעם: „מען דאַרף שטיינבערגן פאָטאָגראַפירן. לאָמיר דאָ אַראָפּנעמען פון אים אַ רעכט בילד. און איר, אָשעראָוויטש, נעמט ביי אים אַן אינטערוויו. אַב. קאַהאַן וויל קאָנטיק אַ העלף טאָן מיר, דעם איינזאַמען משולח וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיין לאַנד.

איידער מען נעמט זיך פאַר דער אַרבעט, וויל איך צונויפבינדן זיך מיטן טעלעגראַף. מיר דערגייען דעם סוד פון זייער אָפּזאָג צו שיקן די טעלעגראַם. זיי ווייסן ניט וואָס באַדייט דאָס וואָרט: „פּריביל". — און אַז מיר וועלן זאָגן אויף דייטש „אָנגעקומען", וועט איר אָפּשיקן די טעלעגראַם? — פרעגט מען ביי די יודעי ספר פון דאָרטן. — יאָ, זיי וועלן אָפּשיקן...

מיט אָשעראָוויטשן גייען מיר זיך אינטערוויואירן אין אַ רויקן צימער. דורך אַן ענגן קאָרידאָר קומען מיר אין אַ זיצונג־זאַל. לאַנגע טישן מיט שטולן, פון די ווענט קוקן אַראָפּ פּאָרטרעטן פון דעבסן און מאיר לאָנדאָן (אַלע ריידן דאָ פון אים מיט אַ שטאָלץ, מיט אַ ליבשאַפט). מיר זעצן זיך צו צו אַ פענצטער, אָבער ס'איז גוואַלטיק הייס. אָשעראָוויטש נעמט זיך צום בלייַשטיפט. ער איז אַ מענטש מיט אַ קיילעכדיקן נאַאיוון פּנים וואָס הערט אוים מיינע דערציילונגען מיט התפעלות. ס'איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו זען אין אַמעריקע אַ מענטשן, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אין זיך די פעיקייט צו אַזאַ באַגייסטערונג. ער איז גרייט אָנצוהייבן מיין געשיכטע פון אדם הראשונס

צייטן. דא ליפט אריין א יונגערמאן און זאגט אין איילעניש: „קאהאן האט געהייסן אנשרייבן וועגן שטיינבערגן צוויי ארטיקלען”. מירביידע האבן גאר נישט אנטקעגן. די היץ איז אומדערטרעגלעך. אין עק צימער שטייט אן עמערל מיט וואסער. מיר טרינקען צוזאמען און באשליסן, אז אשעראוויטש זאל בעסער היינט קומען צופארן צו מיר אהיים. דארטן וועט ער רויקערהייט דורכריידן זיך מיט מיר.

פון רעדאקציע גייען מיר ארויס צוזאמען מיט וולאדעקן אויפן גאס צו פרישטיקן. וולאדעק איז הויך און שטייף, אויף זיין לענגלעכן געזיכט אונטער די שווארצע ברילן בלאנדזשעט א שטענדיקער גוטמוטיקער שמייכל. דאס איז דער שמייכל פון אן אין זיך זיכערן מענטשן. ער איז אויסערלעך במעט א קאפיע פון דעם „פארווערטס”-געביי וואס מיר פארלאזן איצט. דער זעלביקער הויכער וווקס, די זעלביקע זיכערקייט, דער זעלביקער שמייכל. וולאדעק איז אמעריקאניש אין אויסזען, אין די רויקע זשעסטן, אין דעם מיושבדיקן ארויסגעבן פון זיך די ווערטער. און וולאדעק איז דער יידישער בחור פון רוסלאנד מיט די געקרייזלטע האר, מיטן שווארצן בליק פון די אויגן, מיט דעם טעמפעראמענט וואס פילט זיך הינטער דער רויקער אויסגעהאלטנקייט.

דער טומל און דער הארמידער אויף די גאסן דורך וועלכע מיר גייען, איז באטויבנדיק. אלע ווילע טראגט זיך אריבער איבער אונדזערע קעפ מיטן אייזערנעם בראזג און געפילדער דער עלעווייטאר. עס איז מיר שווער צו הערן און צו ריידן צו וולאדעקן. מוז איך אלץ מער און מער אויפהייבן מיין קול כדי צו מאכן זיך פארשטענדלעך. פלוצים גיט זיך וולאדעק א בייג צו מיר און זאגט מיט א שמייכל: — ביי אונדז דא, שטיינבערג, שרייט מען נישט אין דער גאס אז מען וויל ריידן. איר וועט ז יי (ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט אויף דעם עלעווייטאר) סיי ווי סיי נישט אריבערשרייען. פארקערט, אז צוויי מענטשן גייען איינער לעבן אנדערן, רעדט מען גאר שטיל. און מען הערט בעסער...

מיר איז גוואלטיק געפעלן געווארן דאס שטיקל מוסר. עס איז אין אים געלעגן מער ווי אן אנווייז ווי צו פירן זיך אויף א ניו-יארקער חוצפהדיקער גאס. איך האב שפעטער אט דעם מוסר השכל ארויסגעפונען בנוגע דעם גאנצן יידישן לעבן אין אמעריקע. און פאר וואס טאקע אין אמעריקע נאר? דער בעסטער מעטאד פאר א נייער אידעע אדער פראגראם איז נישט אריינצורייסן זיך אין דער שרייעריש-טעאטראלישער וועלט מיט מער טומל און רעש, ווייל „איר וועט זיי סיי ווי סיי נישט אריבערשרייען”. די נייע אידעע מוז קענען ריידן מיט איר אייגענער שטילער שפראך, וועט זי דורכדרינגען צו דעם צעטומלטן גרויסשטאט-מענטשן. זי וועט דערהערט ווערן אין דער

סאמע מיט פון דעם רעש — טאקע דערפאר ווייל זי איז באשיידן, צניעות־דיק, אייגנארטיק. וולאדעקס גיציקע באמערקונג איז געווען א סימבאלי־שער אנוויַז.

אין א רוישנדיקן יידישן רעסטאראן פארנעמען מיר, צווישן הונדערטער מענטשן, א טישל. וולאדעק נעמט מיר פריינדלעך דערקלערן אין וואס פאר א שווערער לאגע איך געפין זיך איצט אין אמעריקע... איר וועט פארפאלן ווערן אויב איר וועט נישט ארגאניזירן תיכף אייער ארבעט. אמעריקע האט ליב טומל, סענסאציע. אויב מען האט דא ניט קיין אפאראט, קאן מען גאר שנעל ווערן פארגעסן. איר פארשטייט דאך, אז דער „פארווערטס" וועט ניט זיין מיט אייך. געווים איז אין „פארווערטס" ניטא קיין אויסגעשפראכענע ליניע. איך, צום ביישפיל, שטיי אויף אן אנדער פאזיציע ווי קאהאן. נישט אין אלץ קאן איך אויך איינשטימען מיט די מענשעוויקעס. די רוסישע רעוואלוציע איז א פאקט מיט וועלכן מען דארף זיך רעכענען. אבער מיט אונדזערע היגע קאמוניסטן האבן מיר ניט וואס אנצוהייבן. איך לייען אפילו נישט זייער צייטונג...

עס גייט צו צו אונדזער טישל אן ארעמער, הכנעהדיק לאכנדיקער מענטש מיט געשניצטע שפילצייג אין האנט. ער באט אן זיין סחורה. געלאסן און פריינדלעך הייסט אים וולאדעק ארויפטראגן אין זיין אפים א פאר שפילזאכן.

— יא — פיר איך ווייטער אונדזער שמועס — איך קאן שוער פאר־שטיין אייער קאמוניסטישע צייטונג „פרייהייט". א העלפט פון איר איז פאר־נומען מיט אנאנסן וועגן אונטערנעמונגען און אוונטן. און מיט וואס פאר א התלהבות ווערט באשריבן דער באזאר וואס זיי האבן איצט איינגעארדנט אין ניו־יארק! דער גאנצער ארסענאל פון רעוואלוציאנערע ווערטער ווערט דא אויסגענוצט...

מיר זיינען אריבער צו דער פארגאנגענהייט. איך האב זיך דערמאנט ווי איך האב אין 1907, אין קאוונע, אויף א בונדישן מיטינג געהערט זיין ארויסטרעטונג. איך בין דעמאלט א יונגער סטודענט געקומען קיין קאוונע, אין סאמע ברען פון דער וואל־קאמפאניע צו דער צווייטער דומע. צוזאמען מיט מיין גמרא־רבין ז. ראבינקאוו האבן מיר באשלאסן צו גיין אויף א פאר־זאמלונג ווו דער בארימטער „לאסאל" האט געדארפט ריידן. דאס האט גע־זאלט זיין אין א בית־מדרש. איך האב איבערגעטאן מיינע סטודענטישע קליי־דער, די פאליציי זאל מיך ניט נאכקוקן. אזוי פארשטעלטערהייט זיינען מיר געקומען אהין, דערזען אויף דער בימה א הויכן בחור וואס האט מיט גרויס טעמפעראמענט, הייבנדיק אויגן און הענט צו דעם הימל, אויסגערופן: „א, דו גרויסע רוסלענדער רעוואלוציע! א, דו זון פון דער באפרייאונג!" מיר

זיינען געשטאַנען אין דעם עולם און געזען ווי לעבן אונדז האָט געקאָכט פאַר אויפרעגונג קעגן דעם רעדנער א בחור׳ל, א פועלי־ציוניסט. אז מיר האָבן אים געפרעגט פאַר וואָס ענטפערט ער אים ניט, האָט ער מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אָפּגערופן זיך: „אַז מיר סטשיטאַיענען זיך ניט מיט זיי!" איך מיט ראַבינקאָוון האָבן נאָר געקאָנט איבערוואַרפן זיך מיט שמייכלענדיקע בליקן. איך, אין מיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל מיט די אַרבל וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַריבער די הענט, און ראַבינקאָוו אין זיין שמענדיקן איבערציער האָבן אויסגעזען ווי צוויי יונגע בעלי־מלאכות. ראַבינקאָוו האָט נאָך — אין די היציקע מאָמענטן — אונטערגעשריען און צוגעגעבן פאַרע.

אַז וואָלאַדעק איז אונטער רוישיקע פּאַטשערייען אַראָפּ פון דער בימה, האָט זי תיכף פאַרנומען אַ עסעסאָוועץ. ער האָט זייער שיין אויסגעפירט די מעשה מיט פרצעם פרומער קאַץ, וואָס פאַרגלאָצט די אויגן און וויל אַריינ־נאַרן דעם אַרבעטער אין זאַק אַריין. האָט זיך „לאַסאַל" ווידער ניט געפּוילט און האָט אויף דער בימה שוין מער ניט גערעדט ראָמאַנטיש־פאַרצויבערט, נאָר שטעכעדיק־גיפטיק. און ער האָט טאַקע דערמאָנט פון היינען דעם יידישן הונט, וואָס וואַרפט אַראָפּ זיין לבוש ערשט אום שבת... ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער זאַפּלאַגישער געפעכט וואָלט נאָך געקאָנט אָנגיין ווייטער, ווען וואָלאַדעק וואָלט ניט אין סוף פון זיין קורצן דרוש אויפגעפאָדערט: „חברים־בונדיסטן, פאַרלאָזט מיט מיר צוזאַמען די פאַרזאַמלונג!" אַ טומל, אַ ליאַרעם, הענט־קלאַפּערייען פון בונדיסטן, פּראָטעסט־געשרייען פון די ס״ס. מיר באַוועגן זיך אויך צו דער טיר, ווייל די פאַרזאַמלונג איז שוין צערודערט, און עס געפעלט אונדז ביידן דער פּאָליטישער געפילדער ביז גאָר...

מיר גייען אַרויס פון רעסטאָראַן אויפן גאַס. עס איז ווי שטענדיק טומל־דיק. יידן איילן זיך, טראָגן זיך מיטן אימפּעט. — צי דען מוז מען טאַקע אַזוי לויפן? — פרעגט איך וואָלאַדעקן — אַז מיר וואָלטן איצט אָפּגעשטעלט אַ יידן אין גאַס און פרעגן ווו איילסט דו אַזוי, וואָס וואָלט ער געזאָגט? אפשר וואָלט געוועזן כדאי צו גרינדן דאָ אַ חברה אויף צו באַקעמפן די איילעניש?

— וואָלט די דאָזיקע חברה אויך געמוזט איילן זיך! ענטפערט ער — אַניט וואָלט מען זי תיכף פאַרגעסן.

די יידן האָבן דאָ טאַקע אַ צווייענדיקן טעמפּ: דעם אַמעריקאַנער טעמפּ און דעם אייגענעם „בחפזון". — מיר ריידן אָפּ צו טרעפן זיך ביי אים אין שטוב פרייטאָג אָוונט. דאָרטן וועל איך טרעפן אויך ש. ניגערן און די

י. נ. שטיינבערג

אנדערע ברידער. וולאדעק פירט מיך ארויף אין דער רעדאקציע פון דער „פרייער ארבעטער שטימע" און דערקלערט: איך נעם ארויס ביי אייך א צעטל אז איך האב דעם ד"ר שטיינבערג צוגעשטעלט אייך צוריק גאנצערהייט...

מיט די שרייבער פון „מאָרגן־זשורנאַל“

אין דער רעדאַקציע זע איך צום ערשטן מאָל שערמאַנען. דאָס איז יענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער וועגן וועלכן עס האָט מיר דערציילט ח. זשיטלאָווסקי. ער איז פאַראינטערעסירט אין מיין אַרבעט, ער גרייט זיך צו צו מיין ערשטן אָוונט און וועט זיין דער קאַסירער. איך האָב צונויפצורופן דורך אים וואָס גיכער אַ זיצונג פון די ניו־יאָרקער עסערן. ער נעמט זיך אָן צוצוגרייטן אַזאַ פאַרזאַמלונג וואָס איז פאַר מיר איינע פון די וויכטיקסטע. ווייל ראשית כל, קאָן איך דאָך ניט אַרומבלאָנדזשען ווי אַ „ליבער גאַסט“ אין פרעמדע פּאָליטישע הייזער. איך מוז זען פערזענלעך, באַקענען זיך, דורכריידן זיך ביזן גרונט מיט די עסערן פון ניו־יאָרק. זיי הייבן דאָך ניט אָן צו וויסן אַפילו וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַ לינקער עסער. שערמאַן שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער דערציילט, אַז אין סיביר איז ער טאַקע געזעסן צוזאַמען מיט אונדזער לינקן עסער טרוטאָווסקין. ער דערמאָנט אים מיט וואַרעמקייט: ווי קאָן מען דען אַנדערש ריידן וועגן דעם נאַאיוון, ריין־האַרציקן, טיף־געלערנטן קינד טרוטאָווסקין? שערמאַן אַליין האָט דעם טיפּ פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער נאָך ניט פאַרלוירן. ער איז שלאַנק, בלאָנד, באַוועגלעך, מיט אַ פריינדלעכן בליק פון הינטער די ברילן. איך דערצייל אים, אַז טרוטאָווסקי איז אַלץ נאָך פאַרשיקט אין סיביר, אַז זיין טעאָרעטיש בוך וועגן דער אַגראַר־פראַגע ליגט אין בערלין אין מאַנוסקריפּט, ווייל עס איז ניטאָ קיין געלט צום דרוקן. זיינע פריינד דאָ וואָלטן אים געדאַרפט העלפן. שערמאַן איז מסכים. ער קערט זיך אום צוריק צו דער אַסיפה פון עסערן, און פרעגט צי זאָל מען ניט האָבן פריער אַ פאַרזאַמלונג פון די יידן־עסערן, און דערנאָך די אַלגעמיינע. דאָס וווּנדערט מיך, פאַר וואָס ניט אַלע צוזאַמען? ער מיינט דאָך ניט די יידישע עסערן. (וואָס דאָס איז טאַקע אַן ענין פאַר זיך), נאָר יידן־עסערן. וואָס פאַר אַ באַציונגען הערשן דאָ ביי די עסערן אין ניו־יאָרק? שערמאַן האָט אָבער בעסער געקענט זייער גרופּע. איך האָב עס שפּעטער פאַרשטאַנען. איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז שערמאַן איז

אייגנטלעך מער ייד ווי עסער. און טאַקע דערפאַר האָט ער איצט מיר גע־וואָלט העלפן אין אַמעריקע.

דער אַלטער מינץ איז פאַרטאָן מיטן קאָפּ אין מיין ענין. אַקערשט האָט ער טעלעפאָנירט צו ד"ר עלסבערגן, צו וועמען איך האָב אַ בריוו פון זשימ־לאָווסקין. מינץ רעדט צו מיר, „קוקנדיק" אויף שערמאַנען: זעט איר, א י ם האָב איך אַריינגענומען, און אייער קבלת־פּנים קאָמיטעט איך האָב דאָך צוזאַמענגעשטעלט דעם גאַנצן קאָמיטעט (זיינע ליבן ציען זיך אויס אין אַ קינדעריש־פריילעכן לאַכן, און די פאַרמאַכטע אויגן בליקן ערנסט און טויט). איך האָב מיר געזאָגט, ווי איז דאָס עפּעס אָן אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָ־נער אין דעם קאָמיטעט? און שערמאַן איז דער פּאַסיקער מענטש דערצו. אַלע אונזערע עסערן דאָ (ער זאָגט עס מיט אַ שטילערן קול) זיינען רעַ־אַקציאָנערן... אייער ערשטער אַרויסטריט מוז געמאַכט ווערן גוט. אָבער אייערע טעמעס געפעלן מיר נישט, עס מוז זיין עפּעס וואָס זאָל ציען דעם עולם. דערציילט וואָס האָט איר שוין אויפגעטאָן...

אַז איך בין געווען אין „פאָרווערטס", ווייסט ער שוין. דאָ אין דער יידישער צייטונגס־געסל ווייסט מען תיכּף אַלצדינג. איך דערצייל אַז איך וועל זיין די טעג ביי וולאַדעקן. מינץ איז באַגייסטערט: „ניט אמת? אַ פיינער מענטש איז דער וולאַדעק. און וואָס פאַר אַ רעדנער ער איז! אָט מיט אים טאַקע האַלט זיך אָן עצה וועגן דער טעמע פון אייער ערשטן רעפעראַט".

איך מוז גיין ווייל אַשעראָוויטש וועט קומען צו מיר אַ היים. אָבער דערווייל מוז איך זיך ווידער אַריינכאַפּן אין „מאָרגן־זשורנאַל". מינץ באַ־שטייט אויף דערויף. דאָרטן ביי אונדז אין אייראָפּע, דאַכט זיך אַז דער „מאָרגן־זשורנאַל" איז מיט אַ גייסטיקן תהום אָפּגעטיילט פון די אַנדערע, „וועלטלעכע" יידישע בלעטער. דאָ אויפן אָרט זע איך, אַז אַלע בלעטער זיינען נאָענט צווישן זיך, אַז די שרייבער פון אַלע צייטונגען זיינען אייגנט־לעך איין חברה. די „ריכטונג" פון זייער בלאַט איז אַ זאַך פאַר זיך. שפּע־טער אַז איך האָב טאָג אין טאָג געלייענט א ל ע ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען, האָב איך באַמערקט אַז ביים איבערגעבן אַלגעמיינע אינפאָרמאַ־ציע איז דער „מאָרגן־זשורנאַל" אַ סך פּינקטלעכער ווי די אַנדערע. עס פעלט אים די פאַרבלענדונג פון די פּאַרטייאישע בלעטער. די אינטערעסן פון „מאָרגן־זשורנאַל" ליגן עפּעס ווו אַנדערש.

אַז איך בין אַרויפגעקומען אין דער רעדאַקציע האָב איך אין אַ קליין קעמערל ביי די טישן געפונען דיביידע פירנדיקע מענטשן: פישמאַן און ווערניק. דעם נאָמען ווערניק האָב איך געקענט פריער פון זיינע ביבליאָ־גראַפישע איבערזיכטן („אונדזער צוויי־שפּראַכיקע ליטעראַטור"). איצט האָב איך געזען פאַר זיך דעם זילבער־גרויען קאָפּ און די ביז גאָר לעבע־

דיקע אויגן פון דעם גרויסן מתמיד און לייענער. איך געדענק ווי טאקע פ. ווערניק האט זיך אפגערופן אויף מיין בוך „מאראלישער פנים פון דער רעוואלוציע״ מיט א פאר יאר צוריק. „דער מחבר — אזוי האט ער אומגעפער געשריבן — באווייזט מיט לאגישע באווייזן אז דער באלשעוויסטישער טעראר טויג ניט און אז מען דארף אים פארדאמען. אז מען לייענט אבער דעם בוך זעט מען אז ווען דער מחבר וואלט געהאלטן, אז טעראר טויג יא פאר דער רעוואלוציע, וואלט ער אויך געפונען גענוג באווייזן פאר דעם אנדערן שטאנדפונקט״. ס׳איז געווען קענטיק אז ווערניק — א ייד איינגעטונקט אין לומדות און ראציאנאליזם — איז אומצופרידן מיט ראציאנאליסטישע ארגומענטן קעגן טויט־שטראף און טעראר. דער גאנצער עטישער מהות זיינער איז אזוי שטארק געווען געווענדעט קעגן בלוט־פארגיסן, אז ער איז געווען ווי באליידיקט פון „באווייזן״ און חקירות אין אזא פשוטער פראגע. — אזוי האט אמאל אויך טאלסטאי געשריבן. אז דער בעסטער ארגומענט קעגן טויט־שטראף איז צו באווייזן א מענטשן די סצענע פון א הינריכטונג; און ער האט עס טאקע מיט א דערשיטערנדיקער קלארקייט באשריבן... זיי זיינען אפשר גערעכט אין זייער זעלישער אפנייגונג קעגן דעם הומאניסטישן ראציאנאליזם. אבער מען מוז דאס טאן ווייל יענער דער קעגנערישער צד, ארבעט און ארגומענטירט מיט לאגישע און כלומרשט־פראקטישע סברות. מוז מען דעם קעגנער באזיגן אויף זיין אייגענעם פעלד.

מען וואלט אפילו געקאנט זאגן, אז דאס קינסטלערישע באקעמפן טויט־שטראף (טאלסטאיס א באשרייבונג) איז פונקט אזוי באליידיקנדיק פאר דעם אומיטלבארן שטילן געפיל ווי די לאגיש־טעארעטישע. מיר טארן אבער ניט אויסמיידן סיי די קינסטלערישע סיי די ראציאנאליסטישע ארגומענטן... בעת איך האב געשריבן דעם בוך קעגן באלשעוויסטישן טעראר האב איך פאר זיך אדער פאר די גייסטיק־נאענטע מענטשן לחלוטין ניט געדארפט באווייזן א פיתום ורעמסס פון ארגומענטן. אבער דער ענין „רעוואלוציע״ איז אזא שווערע הלכה, אז מען ארבעט ארום איר, באזונדערס אין דעם היינטיקן „וויסנשאפטלעכן״ דור, נאר מיט לאגישע טעאריעס. דער באלשעוויזם האט דער דאזיקער לאגישקייט מקריב געווען אלע מענטשלעכע געפילן, האט מיט דעם דאזיקן רעוואלוציאנערן ראציאנאליזם פארגיפטעט א גאנצע גענעראציע פון מענטשן. מוז היינט אויך דער פראטעסטירנדיקער עטישע־געפיל ארויסטרעטן קעגן אים אנגעטאן אין די כלי־זין פון לאגישן גלאנץ. אבער מען קאן גרייזלעך פארשטיין דעם פארדרוס און די איראניע וואס זיינען געלעגן אין דער ביבליאגראפישער נאטיץ פון ווערניקן. איצט אז איך האב געזען ווערניקן אליין, האב איך אויך אין זיינע אויגן געמערקט פייערלעך פון שכלדיקייט און איראניע. ער איז מיר געווארן תיכף סימפאטיש.

מיט זיין הויכן וווקס און די גרויע וואנצעס, מיט דער גאנצער רויקער האַלטונג פון א יידן, האט ער דערמאנט אן אן אמעריקאנישן סענאטאר. ער איז טאקע אין לאנד איבער 40 יאר. נעמענדיק אין האנט א דיקן יידישן באנד, זאגט ער צו מיר: — זעט איר, דאס איז „אונטערן ראד" פון בעל־מחשבות. וועגן דעם באנד וועל איך די טעג שרייבן, און אייך דעם פלימעניק דערביי דערמאנען. דאס איז זייער א גוטער בוך.

דער הויפט־רעדאקטאר פישמאן, א מיושבדיקער ציוניסטישער מענטש. האט מער געשוויגן. אריינבליקנדיק מיט איין אויג אין די מאנוסקריפטן, פלעגט ער באלעבאטיש אריינווארפן א ווארט. ביים נאמען בעל־מחשבות האט ער מיט אכטונג דערמאנט זיין מיטארבעטערשאפט „ביי אונדז אין מארגן־זשורנאל". איך האב דערקלערט, אז איך וויל דורך מיין זיין אין ניו־יארק אונטערשטופן די אויסגאבע פון זיינע ווערק. א יונגערמאן, ד. מעקלער, האט צוגעגעבן פריינדלעך: יא, מיר פארנעמען זיך דערמיט. זעט איר, דא אין ווינקל ליגן די קאפיעס וואס זיינען נאך ניט פארשפרייט.

פישמאן איז אויפגעשטאנען צו באווייזן מיר די רעדאקציע. דאס ווייטיקסטע איז געווען א קעמערל אין וועלכן ס'האבן איינזאם געהודזשעט א פאר אפאראטן און ארויסגעגעבן פון זיך אומענדלעכע ווייסע בענדלעך פון טעלעגראפן־שריפט. די אפאראטן נעמען אויף אויטאמאטיש די טעלעגראפישע ידיעות פון דער גאנצער וועלט. די רעדאקטארן האבן מער ניט ווי איין זארג: פונאנדערצולייגן די שטומע בענדלעך אויפן טיש און צו שניידן זיי לויט זייער אינהאלט. ניט אלץ וואס דא ווערט באריכטעט, דרוקן מיר. מיר קלייבן אויס דאס אינטערעסאנטסטע פאר אונדזערן לעזער. אזעלכע אפאראטן זיינען אין ניו־יארק דא נאר ביי גאר די גרעסטע צייטונגען — האט ער מוסיף געווען מיט א רויקן שטאלץ.

ס'איז א פארכאפנדיק בילד פאר א זשורנאליסט צוצוקוקן זיך צו אזא שטיל־קלאפנדיקער מאשינקע פון וועלכער, עס דוכט זיך, טראגן זיך פארשטיקטע קולות פון דער גאנצער וועלט. מען דארף זיך נאר פארשטעלן ווי א נאפאלעאן, למשל, וואלט איבערגעקערט די וועלט האבנדיק פאר זיך אזא מאשין. מאסקווע, פאריז, קאירא, לאנדאן — דאס זיינען געווען די שפיצן פון זיינע געאגראפישע שפרונגען. און דער „מארגן־זשורנאל" האט אין איין האלב־שעה ידיעות פון אלע קאנטינענטן און אלע פעלקער.

— מיר האבן דא — רעדט געמיטלעך צו מיר ווערניק. און זיינע אויגן קוקן זיך צו אויפמערקזאם — א קליינע געזעלשאפט פון אונדזערע יידן... יידן פארשיידענע: סוחרים, קינסטלער, שרייבער, וואס האבן אמאל אין אונדזערע מקומות געקאנט לערנען... וויל מען דא ניט פארגרעבט ווערן קלייבט מען זיך צונויף איין מאל א חודש ביי א מיטאג. מיר רופן עס

„חברותא״... אז עס קומט קיין ניו־יארק א חשובער גאסט, רופן מיר אים אויף א מיטוואך.

— און וואס טוט דער גאסט?

— גארנישט. מען באריירט עפעס א טעמע וואס האט א שייכות צום גאסט. אז דער גאסט וויל, זאגט ער אויך א פאר ווערטער... עס זיינען געווען ביי אונדז אלע, אן שייכות צו פארטיי: חיים ווייצמאן, הערמאן שטרוק, פישל שנייערסאן. וועט איר אפשר אויך קומען צו אונדז?

איך ענטפער: מיר וועלן זען. איך וויל זיך באקענען מיט דער שטאט...

מיר גייען זיך פונאנדער. אין צווייטן צימער נעמט ביי מיר אפ אן אינטערוויו א דיקלעכער יונגערמאן מיט א ברייטן געזיכט. איך טראכט זיך ניט ווילנדיק: די מלאכה מאכט ער מסתמא צענדליקער מאל. וואס פאר אן אינטערעס האט ער צו מיין רייזע?

ניין, ס'איז ניט אזוי פשוט. אפילו איבערבאך באטאנט, אז אים איז אינטערעסאנט דווקא מיין שטעלונג צו טעראר. ער אליין האט זיך אומגעקערט נישט לאנג פון סאוועט־רוסלאנד. וואלט ער וועלן אז איך זאל דורכלייענען איין ארטיקל פון זיין רייזע... ער גיט עס מיר: איך באמערק דארטן ערלעכע ווערטער וועגן דעם ווי דער קליינער מענטש ווערט געדריקט אין רוסלאנד פון סאציאליסטישע באאמטע... וואס ארט דאס אייגנטלעך א בירגערלעכע צייטונג? — טראכט איך מיר. שפעטער האב איך דעם זעלביקן דערקענט אלס א פאעט. אין יידישן „פען־קלוב״ איז ער געזעסן צווישן די דיכטער. אלזא די רעדאקציע פון ד ע ר צייטונג איז ניט אנדערש פון די אנדערע.

מען גייט אראפ פון די טרעפ און מען טראכט: איין צייטונג איז אמעריקאניזם מיט א יידישן אונטערשלאק, די אנדערע — יידישקייט אויף אמעריקאניש. דא נאך א שריט ווייטער: פרומקייט און ציוניזם אויפן אמעריקאנישן שטייגער. צי זיינען די מענטשן וואס ארבעטן ארום דער אדער יענער צייטונג אנדערע? מסתמא וועל איך דאס שפעטער בעסער פארשטיין.

דער גורל פון געדרוקטן וואָרט

אַז איך בין געקומען אַ היים איז שוין געווען שפּעט. זעקס אַזייגער איז דערשינען אַשעראַוויטש, און מיר האָבן פאַרבראַכט אין שמועס ביז עלף. מיט דער זעלביקער לעבנסלוסטיקער התפעלות האָט ער צוגעהערט אויך דאָ. אַז ער האָט גענומען אויספרעגן וועגן מיין יוגנט, האָב איך דער־ציילט אַביסל וועגן אונדזער לערער און פריינד זלמן ראַבינקאָוו, דערציילט אַז אונדזערע עלטערן האָבן פון רוסלאַנד נאָכגעשיקט אים צו אונדז קיין דייטשלאַנד כדי „די תורה זאָל נישט פאַרגעסן ווערן". און די טעלזער ישיבה, וואָס ראַבינקאָוו איז געווען פון אירע בעסטע תלמידים, האָט זיך דורך אים יאָרן־לאַנג איינגעלעבט מיט דעם העכסט־וויסנשאַפטלעכן אוני־ווערסיטעט אין היידעלבערג. אַשעראַוויטש האָט זיך געחידושט אָן אַ ברעג. לײדער האָט ער דעם דאָזיקן פּונקט אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ אין זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס". איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם צוועק דערפון, אויב ניט לשם סענסאַציע. אפשר וואָלט נאָך געהאַט אַ זינען צו אונטערשטרייכן אַז אַ יידישער סאָציאַליסט איז ניט מחויב צו פאַרגעסן די לעבעדיקע קוואַלן פון יידישן עבר. אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע וווּ סאָציאַליסטישע בילדונג פאַרבינדט זיך אָפט מיט כשרער יידישער עם־הארצות וואָלט עס אפשר געהאַט אַ זינען. אָבער געשען איז עס גאָר אויף אַן אַנ־דער אופן... אַז איך האָב גענומען דערציילן אַשעראָוויטשן וועגן דעם העלדני־שן לעבן פון מיינע חברים אין רוסלאַנד, פון קאַכאָווסקאַיאַ, ספּירידאָנאָוואַ און אַנדערע, האָט ער זיך אָנגעצונדן נאָך מער. ער האָט אַוועקגעוואָרפן שוין לאַנג זיין פעדער, און האָט נאָר צוגעהערט. אַ זשורנאַליסט וואָס פאַר־געסט אָן זיין פעדער, איז דאָך די ערלעכקייט אַליין.

ס'איז געוואָרן שפּעט אָוונט. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און מיכ־טער ה. האָט אונדז ביידן גערופן צום אָוונטברויט. איך האָב אים איצט דערזען צום ערשטן מאָל. אַ בכבודיקער ייד פון אַ יאָר 50 דער טיפּ פון אונזערע קאַנטן, אָבער מיט אַ שטעמפּל פון דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס. מיט אַ רירעוודיקייט פון אַ יונגן מאַן האָט ער אונדז צוגערופן: „לאָמיר אַמאָל אויך זען ביים טיש שרייבער". מיסטער ה. האָט אויסגעזען שטאַרק

פֿאַרמאַטערט, אין זיינע אויגן איז געלעגן אַן אָפֿענער טרויער. אָבער ער איז געווען אויפֿגעראַמט ביז גאָר. ס'איז ווידער געווען אַ שבתדיקער מאָלצייט, און מיסיס ה. איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פֿון אַ אשה כשרה בעת זי הערט אויס דעם קידוש פֿון איר מאַן. אַ שטילע צערטלעכקייט האָט פֿאַרבונדן דאָס פֿאָרפֿאָלק.

— און וואָס איז מכוח אַ גלעזעלע? — האָט לוסטיק געפֿרעגט מיסטער ה. נאָכגעבנדיק דער אַלגעמיינער שטימונג האָט די מיסיס אוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פֿלעשעלע מיט עפּעס אַ רויטן געטראַנק. אין אַמעריקע איז אַזאַ טרונק שטרענג פֿאַרבאָטן; האָבן טאַקע אַלע בירגער פֿון לאַנד צו זיי טרינקען, צי ניט, משקה אין הויז. דער אינטערוויו מיט מיר האָט זיך געענדיקט; האָט מען איצט אָנגעהויבן אינטערוויואירן אַשעראָוויטשן. מיסטער ה. האָט זיך אַלץ געחידושט וואָס ער זעט פֿאַר זיך אַ מענטשן פֿון וועמעס פּעדער עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ צייטונג. — „אַט היינט רעדט איר דאָ, און מאָרגן איז עס אין בלאַט!“.

דאָס געדרוקטע וואָרט איז נאָך עד־היום אַ מיסטעריע פֿאַר דעם דורכשניט־מענטש. ער קאָן זיך ניט באַפֿרייען פֿון אַ יראת־הכבוד געפֿיל בעת עס קוקן אַרויס אויף אים פֿון פּאַפּיר די שוואַרץ־געדרוקטע אותיות. די דאָזיקע ווירקונג איז פֿאַרשיידן ביי פֿאַרשיידענע פֿעלקער, אָבער זי איז אומעטום דאָ. דער אייראָפּעער, קען גאַנץ גוט דעם מקור פֿון געדרוקטן וואָרט; ער קען אין אַ גרויסער מאָס דעם מעכאַניזם (פֿון דער רעדאַקציע, פֿון דער פֿאַרמיי פֿון ווירטשאַפֿטלעכע באַטריבן) פֿון וועלכן עס קומט אַרויס אַ צייטונג, אַ בוך, אַ גאַסן־פּלאַקאַט. אָבער ווי נאָר עס דערשיינט פֿאַר זיינע אויגן אַ פֿאַרטיקער דרוק־דאָקומענט, פֿאַרוואַנדלט ער זיך אין אַן אַנאָנימער קראַפֿט וואָס ד ר י ק ט אויף אים ווי אַ באַרג. דער לעזער נעמט אויף די שוואַרצע פּינטעלעך פֿון דער צייטונג וואָס ער לייענט, ווי אַ געזעץ, ווי אַ פּאָדערונג. ער פֿאָלגט דעם באַפֿעל ווייל ער ווערט אַרויסגעגעבן פֿון אַ מאַכט: אַ פּאַרטיי, אַ מלוכה, אַ באַלעבאָס.

נאָך מער שטייט נשתומם פֿאַר דעם געדרוקטן וואָרט דער רוסישער מענטש. ער פֿאַרמאָגט לחלוטין נישט די טעכנישע און פּאָליטישע קענטשאַפֿט פֿון דעם ווי עס ווערט געשאַפֿן אַ צייטונג, אַ בלעטל. דערשיינט עס פֿאַר אים ווי אַ מעכטיקער כח וואָס שטייט איבער זיין שוואַכן מענטשלעכן שכל. אין די געדרוקטע ווערטער הערט ער אַרויס נישט אַ ידיעה אָדער אַן אויפֿרוף, נאָר אַ פֿאַרבאָרגענעם זין, אַ מאָראַלישן באַפֿעל, אַן אָנווייז אויף אַ לעבנס־ציל. און ער איז גרייט צו פֿאָלגן דאָס וואָרט ווייל ער זעט אין אים אַ הייליקע, אָדער דעמאָנישע, זיך פֿון אויבן אָנטפּלעקנדיקע קראַפֿט.

— דער יידישער פֿאָלקסמענטש איז אַ סך מער געוווינט צו דעם ספֿר ווי

אנדערע פעלקער. נאָר טאַקע דערפאַר האַלט זיך ביי אים אויף די דאָזיקע טיפע באַציונג צום געדרוקטן וואָרט. אפשר טראָגט ער אין זיכרון דאָס בילד פון דעם גאָטספאַרכטיקן סופר וואָס צייכנט מיט כונה יעדן אות פון דער תורה? צי דאָס איז אַ לומדישער ספר, צי אַ מעשה־ביכל, צי אַ „בלאַט" — דער ייד באַציט זיך צו זיי מיט יראת־הכבוד אָדער מיט כעס, אָבער קיין מאָל ניט גלייכגילטיק. דערפון נעמט זיך זיין אַכטונג צו די „שרייבער". — אַז די ה.׳ס וואָלטן געוווסט וו אָ ס עס טוט זיך אַרום דעם וואָרט אין די ציַיטונגען, רעדאַקציעס, פּאָליטישע שטיבלעך! עס וואָלט געווען פאַר זיי די גרעסטע אַנטוישונג.

עס קומען אויף אַמאָל די משונהדיקסטע געדאַנקען. אפשר האָט אונזער קולטור גאָר געטאָן שאָדן דער געניאַלער איינפאַל פון גוטענבערגן, די דרוקמאַשין? מען פרייט זיך: די מענטשהייט גייט אַלץ מער אַרויס פון דער „פינצטערניש" פון אַנאַלפאַבעטנטום, אַלע קענען באַלד לייענען און שרייבן. און וואָס איז דאָס גליק? מען לייענט אַ פּרעסע, וואָס ווערט געשאַפן ווי טאַנדעט־סחורה פאַר מיליאָנען לייענער; מען זאַפּט אַריין אין זיך נאַרישע און שעדלעכע איינפלוסן פון מענטשן, פאַר וועלכע דאָס שרייבן איז געוואָרן אַ שרייבעריי פאַר געלט. דער לייענער — און דווקא וואָס מער ער לייענט — ווערט פאַרפלאָכטן אין אַ נעץ פון פאָראורטיילן, אויפגעצוווּנגענע סברות און געפאַרבטע געפילן. אין משך פון צייט קען ער ז י ך א ל י י ן שוין ניט אָפּטיילן פון דעם גייסטיקן שאַבלאָן. ווייל די ציַיטונג איז מייסטנס אַנאָנים, טיט זי אָפּ ביי די שרייבער דאָס לעבעדיקע געפיל פון אחריות פאַרן אויפגעשריבענעם וואָרט. ער זעט אויך נישט פאַר זיך דאָס פּנים פון לעזער. גייט דער לעזער אַרוים יעדן טאָג פון דער ציַיטונג אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס ווי פון אַ מאָסאָווער מאַרק־קראָם. דאָס געדרוקטע פּאַפּיר האָט דעם מענטשן באַפרייט פון טראַכטענישן און גייסטיקע מאַטערנישן. עס האָט אים געמאַכט צו אַ שאָטן פון ציַיטונג, פון „זיין" ציַיטונג. דאָס הייסט אַז ער ווייכט ווי פון פעסט צוצוהערן זיך צו אַן אַנדער ריכטונג, צו פאַרגלייכן די מיינונגען פון פאַרשיידענע בלעטער און אַרויסצוגעפינען אַן אייגענעם אורטייל. עס זיינען דורך דעם אויפגעבויט געוואָרן ווענט צווישן מענטשן, צווישן אַרבעטער באַזונדערס, נישט בעסער ווי אין אַ דור הפלגה.

מען וועט זאָגן: געוויס איז דאָס שלעכט, אָבער באַחרית הימים, בעת אַ נייער סאָציאַלער געביי וועט אויפקומען, וועט דאָס געדריקטע וואָרט נישט זיין פאַרקויפט צו דעם געלט. אפשר וועט עס זיין אַזוי. אָבער מען מעג האָבן ספקות. אָט איז אין רוסלאַנד דאָס וואָרט פאַרקויפט נישט צו דעם געלט, נאָר צו אַן אידעע (אַ טיראַנישער אידעע). איז עס געוואָרן פרייער, ד״ה האָט עס דאָרטן מער געהאָלפן דער באַפרייונג פון דעם מענטש־

לעבן גייסט? קאָן דאָרט דאָס וואָרט נישט טענהן ווי אסתּר־המלכּה: כּי נמכּרנו לעבדים ולשפחות? דער באַלשעוויזם דרוקט נישט אַנדערש ווי דאָס ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע וואָרט. אָבער וואָס גרעסערע שטראָמען פון געדרוקטן פּאַפּיר גיסן זיך אויף דעם פאָלק און זיין יוגנט, אַלץ מער פאַרשאָטן ווערט דאָס אורשפּרינגלעכע, פּשוטע, פרישע טראַכטן פון מענטש.

אַנדערש איז עס מיט דעם אויסגעשפּראָכענעם וואָרט. דאָרטן ווו דער רעדנער שטייט אויג אויף אויג מיט די צוהערער־מאַסן, איז כּמעט ניטאָ די פאַלשקייט פון דעם אַנאָנים. אין אַ פאַרזאַמלונג הערט דער עולם נישט נאָר די ווערטער וואָס ווערן געזאָגט, נאָר אויך דעם טאָן אין וועלכן זיי ווערן געזאָגט. דאָס מענטשלעכע פּנים, דער קערפּער פון רעדנער, דער אָפּענער צי דער פאַרבאַהאַלטענער געפיל שפּילן דאָ מיט. און דער עולם הערט זיך צו אָפּטמאָלס צו זיין „צווייטן לשון" וואָס שטעקט און וויברירט הינטער דעם וואָרט־לשון. דער רעדנער קאָן זיך אַ סך ווייניקער באַהאַלטן הינטער דעם וואָלקן פון דרוק־פּינטעלעך. דער צוהערער קאָן זיך פרייער פונאַנדערקלייבן אין דעם שטראָם פון די רייד.

די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אידעאַלן וואָלט געדאַרפט איצט אומקערן זיך צוריק צו דער וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי ווי עס איז געווען אַמאָל, אין די צייטן פון די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און פאָלקס־רעדנער. מיט דער נאַרישער גדלות פון „היינטיקע" קוקט מען אַראָפּ אויף יענע צייטן. אודאי זיינען דעמאָלט געווען מער ווי היינט מענטשן־מאַסן וואָס האָבן געקענט נישט דעם ליטעראַרישן אַלף־בית, נאָר טאַקע דעם גייסטיקן אַלף־בית. דער פאָלקס־רעדנער האָט דעמאָלט דורך דעם וואָרט געוווּנען דאָס האַרץ פון די צוהערער, — צי דאָס איז געווען אַ מוסר־זאָגער, אַ פּאָליטישער טוער, צי אַ סאָציאַלער רעבעל. דער היינטיקער סאָציאַליזם וועט קריגן אַן אינערלעכע השפּעה אויף די מאַסן, באַזונדערס אויף יוגנט, אויב ער וועט אויסלייזן דאָס וואָרט פון זיינע פּאַפּירענע קייטן. פון פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט וואַקסט לייכטער אַרויס די פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט, דורך ביישפּיל פון אייגענעם לעבן.

ה. איז פון די יודעי ספר, ער וויל וויסן ווי עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ ספר וואָס דערשיינט י ע ד ן טאָג. אַשעראָוויטש האָט גענומען דערציילן. ער האָט ליב דעם געביט אין וועלכן ער אַרבעט, ד"ה אַז ער קאָן אַרויסגעפינען, אַרויסזויגן פון אים דאָס מערקווירדיקסטע. דאָס סענסאַציאָנעלסטע, דאָס משונהדיקסטע. אַ יידיש־אַמעריקאַנער זשורנאַליסט פון אַ גאַנץ יאָר הייבט ניט אָן אַן אַרטיקל אויב ניט מיט די ווערטער: „וווּנדערבאַר", „מערקווירדיק", „גרויסאַרטיק". אַניט קען ער ניט כאַפּן די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער. אַשעראָוויטשס געביט איז געווען רוסלאַנד, און

ווו איז נאָך דאָ אַזאַ לאַנד מיט אַזוי פיל סענסאַציעס ווי רוסלאַנד? הערנ־דיק מיין באַריכט וועגן די איצטיקע רעוואָלוציאָנערן, האָט ער אַרויסגע־וויזן אַ גרויסע קענטשאַפט אין דער געשיכטע. — פון וואַנעט? — יאָ, איך פיר דאָך אין „פאָרווערטס" דעם היסטאָרישן טייל פון רוסלאַנד. באַזונדער וועגן צאַריזם איז דאָ צו דערציילן און צו דערציילן. ניט לאַנג האָבן זיך ביי אונדז געדרוקט די בריוו פון דער קייסערינע. און איצט איז די סענ־סאַציע מיט דעם טאָגבוך פון דער ווירובאָווא...

אַשעראָוויטש האָט זיך ממש אויסגעצייכנט אין די קענטעניש פון צאַרישן הויף. — ווייסט איר, איך האָב זיך דאָ אין ניו־יאָרק געטראָפן מיט דעם גענעראַל קאָמיסאַראָוו. ער האָט דאָך אַמאָל צוגעגרייט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט די פּראָקלאַמאַציע צו פּאָגראָמען אויף יידן. האָט ער גע־וואָלט טרעפן זיך מיט מיר אין אַ רעסטאָראַן, און מיר האָבן ביי אַ גלעזל וויין פאַרבראַכט שעהן לאַנג. איך האָב דאָס דעמאָלט באַשריבן. ער האָט זיך מודה געווען אַז ס'איז טאַקע אמת מיט די פּראָקלאַמאַציעס. און דער־נאָך איז ער אַוועקגעפאָרן צו די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד אַרבעטן אויף זיין געביט...

סודות אויף סודות שיטן זיך דאָ אין דעם שטילן אָוונט. אונדזערע גאַסטגעבער זיינען געזעסן פאַרכישופט. דאָס רויטע פלעשעלע אויפן טיש האָט זיך אַלץ מער אויסגעבלייכט. דער שמועס איז אַריבער אויף דער רו־סישער ליטעראַטור. און דאָ האָבן מיר דערהערט פון אַשעראָוויטשן, אַז ער איז ניט נאָר אַ ליבהאָבער פון איר, נאָר ער באַאַרבעט זי אויך. ער שרייבט דראַמען, וואָס ווערן אויפגעפירט אין יידישע טעאַטערס — האָט ער מיט אַ שמייכל דערציילט. איצט גראָד האָט ער אָנגעשריבן אַ דראַמע פון פּ ו ש ־ ק י נ ס לעבן. — פון פּושקינס? — האָב איך ניט ווילנדיק אויסגערופן. — יאָ, — האָט ער באַשיידן געענטפערט — איך פאַרנעם זיך שוין לאַנג מיט שטודירן זיין לעבן.

צי ווייס די רוסישע ליטעראַטור וואָס פאַר אַ איבערגעגעבענע פריינד זי האָט עס אין די רוסישע יידן פון אַמעריקע? אין די נאָענטסטע וואָכן האָב איך טאַקע געזען אין די בלעטער אַז אַשעראָוויטשעס „ליבשאַפטן פון אַלעקסאַנדער פּושקין" און אַן איטאַליענישע דראַמע פון פּושקינס לעבן, זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערס. אויף די אַנאָנסן האָט זיך געזען דער מורינישׁ געקרייזלט פנים פון פּושקינען, און דורך אים האָט יידיש אַרויסגעקוקט דאָס פנים פון מאָרים שוואַרץ. אַזאַ נאָענטקייט צו רוסלאַנד האָב איך שפּעטער געמערקט אין אַ ל ע יידישע שיכטן פון אַמעריקע. אין פּרומע און באַלעבאַטישע פונקט אַזוי ווי אין די פרייע און ראַדיקאַלע. ס'איז אַ סימן טוב פאַרן רוסישן פאָלק אויב אַזאַ היסטאָריש־

דערפאַרן פאָלק ווי דאָס יידישע פילט פריינדשאַפט צו אים. אָבער ס׳איז אויך אַ סימן טוב פאַרן יידישן פאָלק אַז אין זיין גרייז־גרויער דערפאַרונג ציט עס זיך צו אַ יונגן, קולטורעל נישט פאַרברויכטן רוסישן פאָלק. דאָס רוסנטום פון יידישן איסט־סייד איז אַ פאַקטאָר פון זיין גייסטיקער דער־האַלטונג. עס איז אַפילו אַ פאַקטאָר וואָס ווירקט, אַ דאַנק זיין זעלישן איינ־האַלט, קעגן דער היגער אַסימילאַציע. איך ווייס ניט צי די פּושקין־דראַ־מעס זיינען געווען גערעטן, אָבער צי האָט מען אין מאָסקווע אין 1928 געשפּילט צוויי פּיעסן וועגן אים?

עס איז שוין געוואָרן גאַנץ שפּעט. די געזיכטער זיינען געווען בלייך, דאָס פּלעשעלע אויך. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט אַשעראָוויטש, און נאָך לאַנג געזעסן אַליין. מיסטער ה. איז געווען גליקלעך צו הערן פון „דער היים". אין די דרייסיק יאָר אַמעריקאַנער לעבן האָט זיך ביי אים ניט פאַר־קלענערט די תשוקה אויף צוריק. ער האָט דאָ געהאַט זיין בית־מדרש און די פּאַסיקע סביבה, ער האָט אריינגעקוקט אין אַ ספר און געלייענט די יידי־שע בלעטער. אָבער ער איז געווען ניט אין דער היים. ער האָט זיך גע־קוויקט זעענדיק אַ סאָציאַליסט, וואָס קאָן רעדן אין זיין לשון. און מיט אַן אויפגערעגטער שטים וואָס האָט זיך תמיד פאַרהאַקט צוליב ניט געוווינט־קייט צו דרשנען, האָט ער גענומען דערמאָנען שטעלן אין דער תורה וואָס פּאַסן זיך צו סאָציאַליזם. טייטשנדיק פּסוקים און דורכמישנדיק זיי מיט אַמעריקאַנישע ווערטער האָט ער גערעדט. „זעט נאָר דער רבונו של עולם אַז די מענטשן פאַרשטייען... יו נאָאו... טוט ער זייער פאַרלאַנג... ווייל ער גלייכט די מענטשן... און ווי נאָר ער מערקט אַז זיי פאַרשטייען, זאָגט דער רבונו של עולם: אָל רייט!"

וואָס איז דאָ אייגנטלעך צו לאַכן? פאַר וואָס זאָל טאַקע דער רבונו של עולם ניט קענען ריידן אַמעריקאַניש? — עס איז שוין טיפע נאַכט, און מיר גייען זיך פונאַנדער. מיסטער ה. זאָגט: איך פאָר מאָרגן פרי אַוועק. וועלן מיר זיך ניט זען... אָבער איך האָב אַ סך מיט אייך צו ריידן... שור.

ויהי בוקר ויהי ערב יום שני.

ייִדישקייט בנוסח אַמעריקע

29־טער דעצעמבער.

היינט איז דער ערשטער רויִקער טאָג. איך דאַרף ניט אין דער פֿרי פֿאָרן אין שטאָט. איך קאָן זיך דערלויבן דורכצונעמען אין קאָפּ דעם וויכער פֿון איינדרוקן און געזיכטער אין וועלכן איך דריי זיך שוין אַ פּאָר טעג. דערווײַלע זײַנען עס לעבעדיקע, הײַליקע איינדרוקן און פֿריינדלעכע, אויפֿמערקזאַמע געזיכטער פֿון אומעטום. וווּ ווייס אָבער צי איז עס ניט דער סקאַרבאָוועך נוסח פֿון אַמעריקאַנער הכנסת אורחים? ווי לאַנג האַלט זיך דאָ אַזאַ פֿריינדלעכקייט און צי וועט זי זיך אַריבערטראָגן אויף דער ז א ך צוליב וועלכער איך בין געקומען?

בײַם עסן הער איך פֿון מיסיס ה. אַז זי אײַלט זיך באַלד פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, אַז זי וועט מיך איבערלאָזן אויפֿן גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב. — ווּהין? זי פֿאָרט אַרויסהעלפֿן איר מאַן אין געשעפֿט. ס'איז אים זייער שווער אויסצוקומען אַליין אָן מענטשן... ווי איז דאָס, איר האָט גאָר קיין אָנגעשטעלטע ניט? — ניין — שאָקלט זי איינגעהאַלטן מיטן קאָפּ ··· ער איז איינער אַליין. אָבער איך בין געוווינט צו אַרבעטן (דערלאַנגט זי אַ לוסטיקן טרייסל מיטן קאָפּ). אַמאָל האָב איך אין דער זעלבער בראַנזשע געאַרבעט אין שאַפּ...

ס'איז שווער פֿאַרצושטעלן זיך, אַז אָט די געצערטלטע, זעלן־רויִקע פֿרוי האָט זיך אַמאָל אויך געשטיקט אין דער פֿאַרביטערטער שאַפּ־לופֿט. זי רעדט אָבער אַרויס די ווערטער מיט אַ שטאָלץ. דאָ שעמט מען זיך ניט מיט אַזאַ פֿאַרגאַנגענהייט. אפֿשר דערפֿאַר ווײַל דאָס קאָן ווידער ווערן אַ צוקונפֿט?

מיסיס ה. גייט אַוועק. עס לויפֿן אַרײַן פֿון אויבן אירע פּלימעניקעס. דאָס בחורל פֿון אַ יאָר צען און דאָס מיידעלע פֿון אַכט האָבן ביידע שפּיציקע פּנימער. זיי ריידן הויך, אַזוי ווי אַלע ייִדישע מענטשן אין ניו־יאָרק. זיי ריידן צוויי שפּראַכן: ענגליש און... העברעיִש. פֿאַרוואָס העברעיִש? ווײַל זיי באַזוכן אַ העברעיִשע טאָגשול דאָ אין דער געגנט. בענסאָנהורסט — איז

אַ געגנט מיט ציוניסטישע, פרום־באַלעבאַטישע עלעמענטן. פאַרמאָגט עס ישיבות, רבנים, תלמוד־תורות, פרויען־פאַראיינען צו לערנען לשון־קודש. טאָגשולן פאַר קינדער. איך פרווו צונויפריידן זיך מיט די קינדער אין זייער לשון. ס'איז מאָדנע צו זען עכטע יידישע געזיכטעלעך מיט דעם אומעט אין די אויגן ווי זיי ריידן עפעס טערקיש. מיר ריידן זיך קוים צוזאַמען: העברעיש קענען זיי נאָר געציילטע ווערטער, אין ענגליש קען איך נאָך ניט דערהויבן זיך צו זייער מדרגה. אָבער איך הער פון זיי אַז זיי גייען אין דער פּאָבליק־סקול צוויי מאָל אַ טאָג. זיי האָבן, הייסט עס, אַן איבעררייס אויף מיטאָג. און שפעטער ביי טאָג גייען זיי ביידע אין דער יידישער שול אַריין אויף אַ פאָר שעה. — געפעלט אייך אין דער שול? — יאָ! — ענטפערן זיי הילכיק און רירעוודיק.

עס איז שוין דאָ אַ גאָר גרויסע שיבט קינדער אין אַמעריקע וואָס באַזוכן די ביידע שולן: די אַלגעמיינע און די יידישע (צי דאָס איז אַ יידיש־וועלטלעכע, צי אַ העברעיסטיש־ציוניסטישע, צי אַ תלמוד־תורה). באַזונדערס נאָך דער מלחמה — האָט מען מיר דאָ דערציילט — האָט זיך פאַרשפרייט די נעץ פון תלמוד־תורות און העברעישע שולן. פאַר וואָס דווקא דעמאָלט? ווייל דער עולם האָט אַ סך פאַרדינט אין דער מלחמה און נאָך מלחמה־צייט. איז מען געוואָרן באַלעבאַטישער, געזעצטער, איינגעוואָרצלטער. האָט זיך פאַרוואָלט דאָס אַמאָליקע באַלעבאַטישע, הדרת־פּנימדיקע לעבן פון יענער זייט ים. די אָרעמקייט פון אַמאָל האָט זיך אָפּגעטאָן פון די קרייזן. אָבער דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע שיינע לעבן פון אַמאָל האָט געצויגן צו זיך. אַמאָל פלעגן אַפילו פרומע יידן, אַריינכאַפּן זיך קיין אַמעריקע, טאָן די שווערסטע אַרבעטן, מחלל־שבת זיין אָפּן כדי נאָר אַרויסצודרייען זיך פון דעם דלות. היינט צו טאָג האָבן די דאָזיקע שיכטן, און אַפילו אַ טייל פון די „פריי־געזאָגענע", צוריק אַ צי געטאָן זיך צום גאָטספאָרכטיקן לעבן־שטייגער... זאָל דאָס זיין דערפאַר ווייל דאָ לעבן יידן פון דעם לעצטן עמיגראַציע־דור, וואָס זיינען איצט דורכשניטלעך אין די פופציקער יאָרן? וואָס עלטער מען ווערט, אַלץ מער גלוסט זיך צו דעם בכבודיקן אָרט־לעבן? און אפשר האָט אַ גרויסע מאָס אין דער באַוועגונג דער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט דאָ טאַקע נאָך דער מלחמה? האָט דאָס אַ שטופּ געגעבן דעם סוחרישן און דעם אַרבעטאָרישן גוט־פאַרדינער צו בויען אַ אייגענער לעבנס־היים. דער אַמעריקאַנער קריסטלעכער דורכשניט־באַלעבאָס איז כמו רעליגיעז און רעספּעקטאַבל בנוגע זיין קירך און זיין מלוכה. בויט זיך אויס דער ייד אין זיין אָרט אויך אַ קירכלעך־שטאַטלעכן לעבן־שטייגער.

אַזוי קומט דאָ אויף אין אַ גרויסן מאָסשטאַב די אַלטע יידישקייט איינ־

געפּאַסט אין מאָדערנע אַמעריקאַנישע פאָרמען און אויסגעצויגן אין יראת-הכבוד פאַר דער אַמעריקאַנישער פאָן. איך גלייב אַז דאָס איז דערוויילע נאָך ניט קיין לעבעדיקע ייִדישקייט מיט אַן א י י ג ע נ ע ם שטרעבן פאָרויס. ס'איז פּשוט כתרילעווקע, ווילנע, באַרדיטשעוו פאַרבונדן מיט גויאישן ניו-יאָרק. אָבער דאָ, אין די קרייזן, איז פאַראַן אַ טעכניש-אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט. עס ווערן געבויט בתי-מדרשים, ישיבות, טעמפּלען און מיליאָן-דאָלאַרדיקע געביידעס. עס ווערן אָוועקגעלייגט רייכע געלט-פאָנדן; עס ווערן פאַרבונדן טויזנטער מענטשן אין חברות, אין פרויען-אָרגאַניזאַציעס, אין קינדער-גרופּעס. מיט אַ ברייטער האַנט גיט מען דאָ צדקה; איך האָב מורא, אַז מיט אַ ברייטערער האַנט ווי אין די ראַדיקאַלע שיכטן פון אַמעריקע.

די ביידע פּלימעניקעס האַלטן אויך שטאַרק פון דער אַלגעמיינער שול. מיט אַ קינדערשער איבערגעבנקייט ריידן זיי פון אַמעריקאַנער „פלעג". זיי זיינען פרום-פּאַטריאָטיש. איך קאָן אָבער ניט צוגעווינען זיך דערצו אַז זיי קענען ניט ריידן קיין יי ד י ש. זיי פאַרשטייען מסתמא ווען עס רעדט זיך אין שטוב ייִדיש, אָבער אַן אוצר מיט נשמה-לעבן גייט דאָך פאַרלוירן פאַר זיי. העברעיש וועט דאָך בלייבן ביי זיי דאָ אין לאַנד נישט מער ווי אַ ייִדישע צירונג. צי ווערן נישט די דאָזיקע קינדער שוין איצט אָפּגעריסן פון די עלטערן, פון די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע?

די אומגליקלעכע מערי סניידער

היינט אין אָוונט האָב איך געדאַרפֿט באַזוכן ד״ר עלסבערג. ער וווינט אין אַן אַנדער עק שטאָט, אין דער מעדיסאָן עוועניו. ס'איז אַ ווייטער מהלך. און איך וויל דורכפֿאָרן דעם וועג אַליין, אָן באַגלייטער. איך זעץ זיך אַריין אין סאָבוויי. גוטע מענטשן האָבן מיר אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל דעם מאַרשרוט. בין איך דאָך ניט ערגער פֿון דעם רוסישן זעלנער וואָס בלאָנדזשעט אין פּעטערבורג און געפֿינט. ס'איז דאָך אַזוי פּשוט: מען דאַרף פֿאָרן ביז דער פֿאָרטאָן־סטריט, דאָרטן איבערזעצן זיך אויף דער אי־עם־טי סאָבוויי; אַ סימן האָב איך: ס'איז אויף איר אָנגעשריבן: לעקסינגטאָן עוועניו! דערנאָך פֿאָרן ביז דער 86 סטריט, דערנאָך אַרויסגיין אויפֿן גאַס און גיין ביז דער 91־טער גאַס, און דאָרטן שוין אויפֿזוכן דעם נומער 1275. האָב איך ווי יענער זעלנער אַריינגעשטעקט דעם אַדרעס הינטערן אָפּשלאָג פֿון מאַנטל און געלאָזט זיך אין וועג.

ס'איז געווען אין שפּעטן טאָג, אָבער איידער די געשעפֿטן און די באַטריבן שליסן זיך, איז אין סאָבוויי געווען שטיל און געראַום. מענטשן זייַנען געזעסן פֿאַרמאַטערטע און אַריינגעטאָן אין זיך. מענער אַלע אָנגעטאָן גלייך, פּונקט ווי פֿון איין בילדל אַראָפּ. און ווייל איך האָב זיך נאָך ניט צוגעוווינט צו די געזיכטער, האָט זיך מיר געדוכט אַז זיי אַלע האָבן א יי ן פּנים. פֿרויען, מיידלעך אַביסל אויסגעפּוצט, די ליפּן רויטלען זיך שאַרף, די זיידענע זאָקן צייכענען אָפּ די פֿיס ביז איבער די קני. אָבער אויך זיי זייַנען ענלעך ביז גאָר צווישן זיך.. מיילער באַוועגן זיך ריטמיש אַרויף און אַראָפּ: מען קייט גומי און מען שטופּט אָפּ די צייט. געזיכטער זייַנען פֿאַרשטעלט מיט די צייטונגען. ברייטע ליילעכער פֿון פּאַפּיר, באַמאָלט מיט פֿאַרביקע בילדלעך שורשענען אין די הענט. פֿון אַלע בלעטער שטאַרצט אַרויס איין פֿרויען־געזיכט. זי איז די העלדין פֿון טאָג, מיט איר איז פֿול די אַמעריקאַנער וועלט. דאָס איז מערי סניידער, וואָס איז צוגעמשפּט צום טויט... זי האָט מיט איר געליבטן צוזאַמען געהרגעט איר מאַן. אַלע אינסטאַנצן זייַנען שוין דורך. אין סינג־סינג וואַרט זי אויף דעם חסד פֿון גאָווערנאָר. די בי־

טערסטע שעהן פארברענגט זי אין איר איינזאמער צעל. א מוטער און א קליין טאכטערל באזוכן זי אין די דאזיקע פארכטיקע טעג...

אבער די פרעסע לאזט זי ניט ארויס פון אירע הענט. זי באשרייבט, זי באמאלט, זי בארעדט און פארלוימדעט זי פון קאפ ביז די פיס. זי שטעקט זיך אריין צווישן מוטער, טאכטער און באבע. זי פארלויפט אלע וועגן די אדוואקאטן. זי צייכנט אין צענדליקער בילדער די געזיכט־שטריכן, די קליי־דער, די האר פון דער פארמשפטער. זי ציילט יעדעס ווארט אין איר מויל, זי רייסט איר ארויס ווערטער פון מויל. זי לאזט זי ניט בלייבן אליין מיט איר צער און שרעק. „מערי סניידער איז היינט אויפגעשטאנען בלייך פון איר בעט". „מערי סניידער האט גערופן צו זיך א גלח". „מערי סניידער האט פאר דעם קארעספאנדענט פון א ו נ ד ז ע ר ציימונג דערקלערט"... היות ווי זי וועט מוזן אפגעבן איר לעבן אויפן עלעקטרישן שטול, ווערט אויך דער דאזיקער שטול א העלד פון דעם טאג. מען דערמאנט אויך דעם הענקער, מען רעכנט אוים די נעמען פון די — ביז איצט אין אמעריקע זיבן — פרויען וואס מען האט געטייט אין נאמען פון געזעץ. ס'איז ניטא קיין ברעקל יראת־הכבוד פאר דעם גורל פון דער אומגליקלעכער פרוי. ס'איז ניטא אפילו קיין רחמנות צו איר, ווייל זי לייענט דאך מסתמא, אדער קאן לייענען די דאזיקע ציימונגען אין איר טויטן־צעל. עפעס ווי מען וואלט א לעבעדיקן מענטשן אנגעטאן תכריכים.

דאס איז נאך ווייניק: א געזעלשאפט וואס לעבט און אטעמט מיט געלט, דריקט ארויף דעם געלט־סטעמפל אויך אויף דעם „לעבן" פון מערי. סניידער. ווי איז דאס מעגלעך? נעמלעך אזוי: די פרוי סניידער האט געהאט איר אייגנס אן אינשורענס־פאליסי אויף א פאר טויזנט דאלאר. איצט וועט דאס אייגנס איבערגיין צו איר טאכטער. אבער ס'זיינען דא עפעס פארמאלע צוטשעפענישן וואס נאר זי אליין, די פרוי סניידער, קאן אויפקלערן. האבן זיך אירע אדוואקאטן אנגעכאפט פאר איר פאליסי כדי אזוי ארום אפצו־שטויסן אויף א פאר טעג איר טויט. און דערווייל בעטן זיי רחמים ביי די העכסטע אינסטאנצן. אלזא א געלט־פאפירל קאן איצט אפהאלטן דעם חלף וואס הענגט איבער איר האלז, אבער ניט דאס געוויסן אדער דער פראטעסט פון דער געזעלשאפט. און בשעת די ציווילע ריכטער פון אן אינשורענס־אינסטאנץ וועלן זיך מתוכח זיין און אנטשיידן איבער די פארמאלע דע־טאלן פון פאליסי, וועלן זיי בשעת־מעשה שניידן דעם שניר־ל פון איר לעבן... אפשר וואלט שוין בעסער געווען אז אזעלכע העלדנטאטן פון א מלוכה זאלן געשען שטילערהייט, בגנבה, אין דער פינצטערער נאכט? אפשר וואלט בע־סער געווען, אז מען זאל נישט אזוי לאנג אויסציען אין דער צייט די אגא־ניע פון די צום טויט פאראורטיילטע? אבער אין דער אמעריקאנישער פרע־

סע האָט מען וועגן אָט די אַלגעמיינע פראַגן גאָר ניט גערעדט. דאָס בלענדנ־דיקע ליכט פון סענסאַציע־פּראָזשעקטאָר איז געווען געריכטעט נאָר אויף דער אויסערלעכער פיגור פון מערי סניידער. דאָ אין שטאָט לעבן מיליאָנען מענטשן מיט אַ ליאַרעמדיקן לעבן. דריי, פיר מאָל אַ טאָג לייענען זיי אַלע ווי עס דערנענטערט זיך איר טויט מיט אַ נויטווענדיקייט פון דער נאַטור. בעת עס איז דאָך ל ח ל ו ט י ן נישט קיין נויטווענדיקייט פון דער נאַ־טור! און קיינער מישט זיך נישט אַריין. דאָס איז ניט משיג צו זיין מיטן שכל. זיינען דאָ אַ ל ע כמעט ווי אַנטיילנעמער פון מערי סניידערס טויט. איך הייב אָן צו פאַרשטיין פאַר וואָס איך האָב דאָ כמעט אין ערגעץ ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג פון דעם טויט פון סאַקקאָ און וואַנצעטי. די פרעסע האָט מסתמא דעם ענין אַזוי אַרומגעפּלאָכטן מיט די פּוסטע דע־באַטן פון אַרום און אַרום אַז דער לעזער האָט ניט געקענט דורכדרינגען צום מענטשלעכן אָדער סאָציאַלן ק ע ר ן פון דער זאַך. אומעטום איז די טויט־שטראָף אַ שרעק־זאַך, ווייל זי איז די לויה פון אַ לעבעדיקן מענטשן. אָבער דאָ איז זי נאָך ערגער. עס פעלט איר אַפילו די פאַלשע בושה פון איראָפּע.

איך האָב זיך באַמיט צוצוקוקן זיך צו די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן. איך האָב געזוכט צווישן זיי יידן; דערווייל דערקען איך זיי לויט די יידישע צייטונגען וואָס זיי האַלטן. געגאָלטע געזיכטער און שוואַרצע רעמלעך פון ברילן טראָגן זיי, דוכט זיך, ווי אַלע אַמעריקאַנער. אין די ווינקלען פון די בענק זיינען געזעסן נעגערס. זיי. באַזונדערס די נעגערינס, האָבן אויסגע־זען ווי שעמעוודיק. עפּעס ווי זיי וואָלטן וועלן באַהאַלטן זיך פון דעם אָרט וואָס זיי פאַרנעמען. אין די אויגן אָן אומעט, אָבער ניט אַזאַ ווי דער יידי־שער אומעט. אַ מער קערפּערלעכער אומעט ווי פון מענטשן וואָס מען האָט געשלאָגן. איך קאָן ניט צוזען ווי אָן אַלטע נעגערין — ווייזט אויס, פון מיטעלן ווילשטאַנד — איז אויסגעפּוצט געננוי ווי אירע ציוויליזירטע „שוועס־טער". אַ דיקער פוס שטעקט זיך אַרויס פון אונטער אַ קורצן קלייד, אַ דאַ־מענהוט קוועטשט צונויף איר קאָפּ, און דער גאַנצער קערפּער רייסט זיך איר פון דעם בגד. צו וואָס דאַרף זי עס האָבן ווען זייערע פּאַרווייסטע אויגן, זייערע נאָזלעכער און ברוינע הויטפאַרב פאַרלאַנגען גאָר עפּעס אַנדערש. איך קוק זיך צו בגנבה צו זיי און זע איצט ווי פאַרשיידן זייערע פּנימער זיינען. מיט ליאַרעם און טראַסק טראָגט זיך דער סאָבווײ. אויטאָמאַטיש עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך זיינע שטאָלענע טירן. ער וואַרפט אַרויס און נעמט אַריין הונדערטער מענטשן. וואָס נעענטער צום שטאָט אַלץ געדיכ־טער ווערט דער עולם. איך האָב זיך צופיל פאַרקוקט, איך האָב מורא איך זאָל נישט פאַרפאָרן קיין בוּיבעריק.

ביים פענצטער קעגן מיר זיצט א יונגער בחור מיט א קאשקעטל פון אן ארבעטער אויפן קאפ. איך פרעג אים פאמעלעך אויף ענגליש: איז באלד דא די פארטין סטריט? — איר קאנט מיט מיר ריידן יידיש — רופט זיך אפ דער בחור — די פארטין סטריט איז נאך ווייט. איר מוזט זיין דא א פרעמדער...

דאס איז א באשיידענער יונגערמאן פון א יאר 25. ער איז ניט הויך, ניט דיק, ניט אפגעפרעסן: א מאגערער יידישער בחור מיט א רוימלעכן פנים. אין זיין געזיכט ליגט רו און גרייטקייט צו העלפן.

— פון וואנעט זייט איר געקומען? — פרעג איך אים.

— איך בין פון רומעניען, בעסאראביע ווייסט איר? ערשט א פאר יאר דא.

— ווי לעבט זיך אייך דא?

זיינע אויגן לייכטן צופרידן. — ס'איז אל־רייט... איך בין א גלעזער. אין די סעזאן־מאנאטן ארבעט איך אויס ביי א 40 דאלאר א וואך, מען מאכט א סוקסעס.

— און וווּ פארט איר איצט אזוי שפעט? ס'איז דאך סוף טאג.

— איך האב א באשטעלונג אין שטאט. אליין ווין איך אין ברוקלין.

— פארלעבט איר אליין דאס געלט?

— פריער האב איך אביסל געשיקט אין דער היים. אבער דא נישט לאנג (און ער פאררויטלט זיך שעמעוודיק) האב איך חתונה געהאט. מוז מען האבן מער...

— ווו האט איר געפונען אייער פרוי? פון דער היים נאך?

— ניין, א מיידל פון דאנען, זיך דא באקענט...

— זייט איר א מיטגליד פון חברות, פון יוניאן?

— שור! פון מיין יוניאן... פריער פלעג איך באזוכן מער לעקטשורס אין שטאט. איצט נאך דער חתונה זיצט מען מער אין שטוב...

— זייט איר געווען א פארטיי־מענטש?

— ביי אונז דארטן בין איך געווען א פועלי־ציון. דא האב איך אויך אביסל באזוכט די לעקטשורס. אבער, יונאאו, די ביזנעס פארדרייען דא דעם קאפ אזוי אז...

— אט וועל איך דא באלד האלטן א לעקטשור, וועט איר קומען?

איך קלייב פאר זיך צוהערער אין די סאבוויים. ער איז שטארק פאר־אינטערעסירט צו זען פאר זיך א לעבעדיקן לעקטשורער פון יענעם זייט ים. ער שמייכלט נאאיוו און צופרידן. — ווי הייסט איר — פרעג איך אים —

זאָגט מיר אייער אַדרעס. און ער פאַרשרייבט מיר אין מיין נאָטיץ־ביכל מיט
א געבראָכענער שריפט: E. Schiff, 386. E. 94str. Brooklyn N. Y.

איצט זיינען מיר אויף אַן אמת באַקאַנט. איך זאָג אים אַז וועגן מיר וועט ער לייענען אַן אַנאָנס אין דער צייטונג. וויפיל טויזנטער אַזעלכע יונגעלייט זיינען מסתמא צעשאָטן איבער ניו־יאָרק, אין די הונדערטער נומערן פון די צענדליקער גאַסן אין ברוקלין. ליבער חבר שיף! אָט ביסטו איצט נאָך א יונגער, פרישער באַי מיט א מאָגערן פּנים און א שטראַלנדיקן בליק. ווער ווייס ווי דו וועסט אויסזען אַמאָל, אין א צענדליק יאָר אַרום? וועלן מיר זיך דערקענען אַז איך וועל קומען ווידער אין דיין לאַנד?

אַן אַנדער בחורל מיט זייער אַן ערנסטן פּנים זיצט לעבן מיר און ברומט עפּעס אַרויס. מיר דרייען זיך אום צו אים. א קורצינקער מיט א טיפן רבנישן הוט איבערן קאָפּ, מיט א גרויסן פּאַרטפעל זיצט ער דאָ. איך פרעג אים אַזוי ווי ערשט נעכטן געזען זיך מיט אים:

— און איר זייט דאָ שוין לאַנג?

— אויך נישט לאַנג. געקומען אהער פון ארץ־ישראל. פון ירושלים...

— וואָס טוט איר דאָ?

— איך בין געקומען שטודירן אין א קאַלעדזש. איך בין אין סיטי־קאַלעדזש...

— פון וואָס פאַרדינט איר צום לעבן?

ער באַווייזט אויפן פּאַרטפעל. — איך בין א ממונה אויף תלמוד־תורות, ישיבות. מען האָט מיר איבערגעגעבן די אויפזיכט אין א געגנט...

— איר זייט א מזרחי־ציוניסט?

— ניין. נים אַלע פון ארץ־ישראל זיינען ציוניסטן...

ער האָט אַן אײדעלן, סאַמעטענעם פּנים, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען איבער אומעטיקע אויגן. עפּעס א רב אין מיניאַטור. אָבער ער שטודירט אין קאַלעדזש!

— וועט איר פאָרן צוריק אהין?

— איך ווייס נאָך נישט...

מיטן חבר שיף קוקן מיר צוזאַמען אויף דעם למדן וואָס האַלט זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד.

— זאָגט מיר: פון וואַנען קענט איר אַזוי גוט ריידן יידיש?

ער שמייכלט. — מיין זיידע איז דער זוועניגאָראָדקער רב. איר האָט געהערט מסתמא פון אים? ער איז שוין לאַנג אין ארץ־ישראל. אַז אונדזער

פאמיליע איז געקומען אהין, האט ער פארלאנגט מיר זאלן קענען יידיש. ער האט מיט מיר געלערנט גמרא...

— רעדט איר גאר ניט העברעיש צווישן זיך אין ירושלים?

— ניין, ווי עס מאכט זיך. יידיש א סך...

(אז איך וואלט געקענט, וואלט איך אים לעבעדיקערהייט אוועקגעשיקט אין דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע!).

אונדזער צוג דערנענטערט זיך פלוצים צו פארטין סטריט. איך געזעגן זיך מיט מײנע בײדע באקאנטע, הער אים זײערע אנווײזן ווי צו גײן, גײ ארויס אויף דער פלאטפארם און פארגעס תיכף אלצדינג.

דא אויף דער פלאטפארם טוט זיך חושך. דאס הייסט ליכט איז אפילו דא גענוג, איבערגענוג. רויטע לעמפלעך, גרינע לעמפלעך. עס שימערירט אין די אויגן. אויף די טרעפ ארויף און אראפ, אין די רחבותדיקע האלן פון סאבוויי־וואקזאל, אין אלע ריכטונגען שלענגלען זיך, קײקלען זיך שטילברומענדיקע כוואליעס פון מענטשן. וווּ נעמען זיך אזוי פיל מענטשן אין אײן שטאט? — וואלט געפרעגט שלום־עליכם. איך דארף איצט אריבערגײן אויף דער פלאטפארם פון א נײער ליניע „אי־עס־טי". ס'איז לײכטער צו זאגן אײדער אויסגעפינען זיך צווישן די צענדליקער אײזערנע טרעפלעך און טירן און טויערן און גראטעס, וואס זײנען אומעטום ווי מיט מאן פארשאטן מיט מענטשן. דאס גאנצע געבײי טראסקעט און ליארעמט און טרײסלט זיך ווי אין פיבער. די לופט ווערט צעריסן אויף שטיקער פון פײפערײען, בלאזערײען, הורדזשעניש. ווי ווערט ניט פארדולט דער קאפ בײ די מענטשן? און אפשר איז ער טאקע פארדולט? קאלטבלוטיק ווי אײז שטײען ארום די באאמטע, געמיטלעך זײנען אויסגעשטעלט ציטונגען און נאשערײען אויף די שטענדערס. אין א דיק־בײכיקער גלעזערנער כלי גיסט זיך אן אויפהער עפעס א געלבע פליסיקײט, ווי א נר־תמיד. מסתמא א זיסלעכער לימאנאד. איך פרעג אויס בײ די רויקע מענטשן מײן מארשרוט, און איך פארדרײ זיך אלץ מער אין דעם הו־הא. שווײגנדיקע מענטשן־מאסן באוועגן זיך דא טאקע רויק, אבער ווער ווײס ווי זײ פירן זיך אויף אין א מאמענט פון א שרעק, פון א פאניק?

ס'איז שווער אונדזער אײנעם בכלל צו פארשטײן: צו וואס איז דא אומעטום אזוי פיל טומל? מען האט דעם אײנדרוק אז דער טומל איז אײבערטריבן, עפעס ווי קינסטלעך געשאפן. אט טאקע דא אויף די סאבווײבאנען, איז א חוץ אלע קולות פאראן נאך אײנער, א באזונדערער רעש. בעת איר גײט ארײן אין דער באן, ווארפט איר ארײן א „ניקל" אין א גלעזערנעם קעסטל. דער ניקל פאלט ארונטער מיט א מעטאלענעם קלאנג, און איר קענט בעת מעשה דורכגײן דורך דער טירל צו דער באן. אבער דאס טירל

נישט נאָר לאָזט זי דורך, נאָר זי דערלאַנגט דערביי אַ לאַנגן הילכיקן קנאַק. שטעלט זיך איצט פאָר, אַז עס קנאַקט אַזוי פאַר הונדערטער, פאַר טויזנטער מענטשן, אַז עס קנאַקט אויך ביי אייער אַ ר ו י ס ג יי ן פון באַן, ווען איר וואַרפט שוין ניט אַריין אַפילו קיין ניקל. דער רעש עפּעס ווי פון גיגאַנטישע המן־קלאַפּערס, איז גוואַלטיק. וויפיל איך האָב נישט גע־פרעגט ביי אַמעריקאַנער דעם שכל דערפון, האָב איך עס ניט פאַרשטאַנען. מען זאָגט: דאָס איז צוליב קאָנטראָל; ס'איז דאָ אַן שטיבל דערביי אַז אויג וואָס ציילט די פאַרבייגייער. אַ קאָנטראָל דורך דעם געפילדער? הײנט צו וואָס איז דאָס אויטאָמאַטישע סיסטעם מיט די ניקלס? און אויב קאָנ־טראָל, צו וואָס די באַטויבנדיקע קלאַפּעניש ביים אַרויסגיין? און אויב שוין יאָ אַזאַ קאָנטראָל, פאַרוואָס ניט מאַכן, אַז דאָס טירל זאָל זיך עפע־נען שטילער און איידעלער? —

איך האָב מורא אַז דער רעש איז ניט צופעליק אין אַמעריקע, אַז דאָס איז אַ סיסטעם. מען ב אַ ט ו י ב ט דורך דעם די מענטשלעכע קעפּ. דער ליאַרעם אין די צייטונגען וועגן יעדן נישטיקן ענין איז דער זעלבי־קער ליאַרעם וואָס טראַסקעט איבערן קאָפּ אויף די גאַסן, אין די סאָבוויס, דורך די עלעוויטאָרס. מען זאָגט מיר: דאָס קומט דערפון וואָס די וואַגאָ־נעס זיינען שטאָלענע, און זיי מוזן אַרויסגעבן פון זיך דעם קלאַנג און דעם טרייסל. פאַר וואָס איז דאָס ניטאָ אין אייראָפּע? די טעכניק שטייט דאָך דאָ העכער; קאָן זי ניט צוטראַכטן שטילערע קלאַנגען? אָט באַוועגט זיך דאָך אַ לוקסוסדיקער אויטאָ ווי אויף זיידענע זאָקן. ניין, דאָס מוז ליגן טיפער. אומבאַוווסט אפשר וויל דער קאַפּיטאַליסט האַלטן די מענטשן אין שטענ־דיקער שפּאַנונג און נערוועזיטעט. מענטשן זאָלן ניט קענען קומען צו זיך, איבערכאַפּן דעם אָטעם, אַ טראַכט געבן. ענדלעך בין איך דאָך דורכגע־דרונגען דורך דער וויסטעניש. איך בין געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם פון „אי־עס־טי" און געוואַרט אויף דעם צוג. ערשט שפּעטער האָב איך אַרויס־געפונען דעם סוד ווי צו דערקענען און אָפּשיידן די דאָזיקע ליניע פון דער אַנדערער: „בי־עס־טי". אויף ד ע ר פּלאַטפאָרם שטייען דאָך אויסגע־שטעלט גלעזערנע כלים פון וועלכע מען קאָן פאַר 1 סענט קריגן צוגעשאָטן אַ ביסל פיסטאַשקענע ניס. פּונקט ווי קיי־גומי דאַרפן זיי העלפן אָפּשטופּן די צייט. מען קנאַקט ניסלעך און מען קוקט זיך צו צו די שכנים. איינער פון זיי האַלט פונאַנדערגעוויקלט אַ יידישע צייטונג. ווענד איך זיך טאַקע צו אים: „צי דאָ איז דער וועג צו מעדיסאָן־עוועניו?" ער ענטפערט אָפּ פריינד־לעך, און דורך אַ זודיקער כוואַליע פון הינטן ווערן מיר ביידע אַריינגע־שטופּט אין דעם וואַגאָן וואָס איז אָקערשט אָנגעפאָרן. ס'איז אַן עלטערער

יונגערמאַן מיטן אויסזען פון א משכילישן קעסטקינד. אין האַנט איז ביי אים א פעקל.

— און וועלכן נומער דאַרפט איר אין מעדיסאָן־עוועניו?

— נומער 1275 — ענטפער איך.

ער פאַרטראַכט זיך א ווײַלע און רעדט מיט א שמייכל ווי פאַר זיך. „ווײַס איך טאַקע ווּהין איר פאָרט. צו ד״ר עלסבערגן מסתמא?"

א נאָדל אפילו ווערט ניט פאַרלאָרן אין ניו־יאָרק! איך וווּנדער זיך ווי קומט ער צו וויסן אַזוי גוט די שטאָט. ער שמייכלט ווייטער: „פון וואַנען איך קען אים? איך בין געווען אַמאָל א תלמיד פון זשיטלאָווסקין, און איך קען זיי אַלעמען גוט. גריסט פון מיר ד״ר עלסבערגן".

— פאַרוואָס זאָגט איר „אַמאָל"? היינט זייט איר ניט מיט זיי?

דאָ איז ער געוואָרן אומעטיקלעך. — „איצט בין איך פאַרהאָרעוועט אין ביזנעס. דער קאָפּ ליגט ניט דערביי". און ער האָט מיר געוויזן זיין פעקל: „מאַנישעוויטשעס מצות". ער איז א שטאָט־דרייזנדער פון מצות, מעל, פאַרפל פון מאַנישעוויטשעס פירמע.

די באַבושקאַ מיט קערענסקין

ד"ר עלסבערג האָט מיך אויפגענומען שטייענדיק אויבן, אויף דעם טרעפּ וואָס פירט צו זיין קאַבינעט. ער איז פריינדלעך פון ערשטן בליק אָן. און אַז ער לייענט דורך זשיטלאָווסקיס בריוול צו אים וועגן מיר, זאָגט ער אַרוים שמייכלענדיק: „זשיטלאָווסקי הייסט אַז מיר זאָלן זיין גוטע פריינד, מוזן מיר דאָך זיין". איך דערצייל אים מיינע פּלענער, פרעג אויס די מעג־לעכקייטן. ער פאַרטראַכט זיך, נעמט אַראָפּ די ברילן און ווישט זיי... איך קוק זיך אַרום. דאָס איז זיין מעדיצינישער קאַבינעט. איך האָב געהערט אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר און אַ גוטער מענטש. איצט וווינט ער דאָ, אין דער האַלב־אַריסטאָקראַטישער געגנט פון שטאָט. אָבער צענדליקער יאָרן האָט ער געהיילט מענטשן אין דער אָרעמער יידישער געגנט. ער האָט אויך איצט ניט איבערגעריסן מיט יענער באַפעלקערונג. ער פאָרט צו זיי, זיי קו־מען צו אים. אין ד ע ם קאַבינעט (ער האָט מיר שפּעטער דערציילט) זיינען דורכגעגאַנגען הונדערטער מענטשן פון כלערליי ריכטונגען. עס זיינען געווען אויך אַרבעטער צעבלוטיקטע אין די קאַמפן פון רעכטע מיט לינקע. ס'זיינען געווען קאָמוניסטן און „פאָרווערטס"־מענטשן, אָן אונטערשייד. ער האָט זיי אַלעמען פון כמה וכמה יאָרן געקענט ווי „פּאַציענטן", ער האָט גע־קענט זייער שטוביקן לעבן און היים. האָט ער — ווי אַ דאָקטאָר — מיט אַ פריינדלעכער איראָניע זיי געהיילט און געעצהט. אָט דער נישט־געוויק־סיקער מענטש מיט דעם בלאָנדן בערדל, מיט די גאָלדענע רעמלעך פון ברילן מיטן קינדישן אויסזען פון פנים פּאַסט זיך טאַקע צו זיין דער קינדער־דאָקטאָר פון איסט־סייד.

עלסבערג איז אָבער נאָך עפּעס: ער איז דער ענערגישער פריינד פון זשיטלאָווסקין. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן אין אַמעריקע אַ קהלשן ענין פאַרבונדן מיט זשיטלאָווסקין וואָס דערביי זאָל ניט מיטאַרבעטן עלסבערג. בעת איך בין איצט דאָ געזעסן האָט דער טעלעפאָן אים געשפּאָלטן אויף צווייען: עלסבערג האָט אין איין צייט געגעבן רעצעפּטן צו קראַנקע און האָט געענטפערט אויף אָנפראַגעס וועגן קהלשע זאַכן.

ד"ר עלסבערג איז פאַרמאַטערט אָפּגעטראָטן פון טעלעפאָן. מיט קורצ־

זיכטיקע אויגן קוקט ער זיך ארײַן אין מיר און נעמט פונאַנדערוויקלען זײַ־נע סברות. ער איז אַ גענײַטער מענטש און האָט שוין געזען ניט איין גאָלד־גרעבער אריבערגעקומען פון אייראָפּע. „ס'וועט ניט לײַכט זײַן אײַער אַר־בעט — זאָגט ער — ווײַל דאָ איז איצט אָפּגעקילט דער אינטערעס צו רוס־לאַנד. די וואָס האָבן דעם אינטערעס, זײַנען ביי די קאָמוניסטן. איר זײַט דאָך ניט קיין קאָמוניסט?"

איך דערצייל אים אַביסל וועגן אונדזער פּאָליטישער ליניע. ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו דער שאַרפער קריטיק פון באָלשעוויזם און צו די האָפנונגען וואָס מיר האָבן פאַר אַ נײַער צוקונפט. ער איז ניט מסכים מיט ד ע ר ליניע; זי איז אים נײַ און אומפאַרשטענדלעך. ער וויל ניט אַזוי שאַרף קריטיקירן די באָלשעוויקעס, און ער גלייבט ניט אין אונדזערע סאָ־ציאַליסטישע האָפנונגען (שפּעטער האָט איך אַזעלכע „פּאַסיווע פּאַרטיידי־קער" פון באָלשעוויזם געפונען אָן אַ שיעור פיל). באָלשעוויקעס זײַנען ביי אים פּשוט אַ מלוכה וואָס איז גוט צו יידן. — איר האָפּט טאַקע — פרעגט ער שטילערהייט — אַז אין רוסישן פאָלק זײַנען נאָך דאָ גייסטיקע כחות אויף צו פירן ווייטער די סאָציאַלע רעוואָלוציע? („סאָציאַלע רעוואָלוציע" ווערט דאָ, אין דעם מיט זשיטלאָווסקין אָנגעזאָפּטן הויז, אַרויסגערעדט מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ היימישע זאַך).

— איך האָב — זאָגט ער אָפן אַרויס — אין גאַנצן פאַרלוירן דעם אינטערעס צו רוסלאַנד. ס'איז מיר ניט בילכער ווי אַן אַנדער לאַנד. רוס־לאַנד איז מיר נאָענט נאָר צוליב די יידן וואָס לעבן דאָרטן. איצט איז דאָרטן מעגלעך קאָלאָניזאַציע, גיב איך זיך אָפּ דערצו. אין ארץ־ישראל — האָט זיך אַרויסגעשטעלט — קאָן זיך דאָס יידישע פאָלק ניט אײַנאָרדענען...

עלסבערג האָט אויפן קאָפּ אַלע געשעענישן מיט די סאָציאַליסטישע געסט וואָס פלעגן קומען קיין אַמעריקע. ער דערציילט וועגן דעם גרויסן דערפאָלג פון גערשוני, בעת ער האָט דאָ געאַרבעט פאַר דער פּאַרטיי סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. „אָבער דעמאָלט זײַנען די אַרבעטער ניט גע־ווען אַזוי פיינדלעך צווישן זיך ווי איצט. בנוגע צו רוסלאַנד האָבן אַלע דע־מאָלט געהאַט סימפּאַטיעס. גערשוני האָט טאַקע דעמאָלט אַ סך אויפגעטאָן. אָבער — שמייכלט ד"ר עלסבערג — ער איז אויך געווען אַ פּראַקטישער מענטש. ער פלעגט צוקנאַקן מיט די פינגער און זאָגן: „איך דאַרף האָבן ממתקים, ממתקים". אין די לעצטע יאָרן האָב איך שוין ניט געקענט מיט־גיין מיט די געסט. בעת דאָ איז געווען די „באַבושקאַ" לעצטן מאָל, האָט זי אונדז גערופן צו זיך אין האָטעל. זײַנען מיר געגאַנגען זאַלבעדריט: איך, חיים און מענדל ראָזענבוים. בשעת מיר האָבן געוואַרט אויף איר אין האָ־טעל, האָב איך געזען מיט וואָסערע מענטשן זי האָט זיך דאָ פאַרבונדן, בין

איך שטילינקערהייט אוועקגעגאנגען. חיים און מענדל זיינען געבליבן. די „באבושקע" האט זיי שפעטער געזאגט, אז די יידן פארשטייען ניט רוסלאנד...

...אז דא איז פאראיארן געווען קערענסקי, בין איך געווען איינגעלאדן צו אים. איך האב אפן געזאגט אז מיך אינטערעסירט ניט מער רוסלאנד, נאר די יידן אין רוסלאנד. איך האב אים דערציילט אויך וואס די „באבושקע" זאגט וועגן יידן. האט ער מיר געענטפערט: אויב א י ר האט ניט קיין אינטערעס פאר רוסלאנד, פאר וואס זאל ז י עס ניט זאגן?

עלסבערג האט דאס דערציילט מיט דער נאאיווער נאציאנאלער איבערצייגונג פון א יידן. איך האב זיך נאר געלאנט חידושן ווי האט ער נישט איינגעזען די קרומקייט פון אזעלכע באציונגען צו א לאנד אין וועלכן עס לעבן טאקע יידן. און דערביי האט ער נאך טענות צו ז יי , צו די רוסן! איז דא ניט נאציאנאליזם אויסגעלייזיקט פון סאציאליסטישן גייסט? — איך האב מורא אז א ז א נאציאנאליזם שפירט זיך היינט ביי די קאנסערוואטיווע יידן ווייניקער ווי ביי די אזוישטע ראדיקאלע יידן. ביי די קאנסערוואטיוו־פרומע איז דער אינסטינקטיווער יידישער נאציאנאליזם אי־בערגעדעקט אדער דורכגעגייסטיקט דורך אן אוניווערסאל־רעליגיעזער אנשוי־אונג, און דאס פירט זיי צו מענטשלעכערע באציונגען ווי נאר נאציאנאלע. דער געוועזענער ראדיקאל וואס האט זיך אויסגעניכטערט פון סאציאליסטישע (אדער ציוניסטישע) „חלומות", זוכט אין זיין פארלוירנקייט א גייסטיקן עיר־מקלט און געפינט אים אין דער „היימישקייט" אין דעם „מאמע"־לשון, אין מוטער־נאציאנאלן נאציאנאליזם. דעמאלט קאן אנטשטיין אזא שמועס צווישן קערענסקין און עלסבערגן.

עלסבערג דערציילט טשעקאווע מעשיות פון דעם ראדיקאלן אמעריקא־נער עולם. ער קען דעם עולם דורך און דורך. עס עפנט זיך די טיר און זיין פרוי גייט אריין. א שטיק רוסלאנד מיט אמאל, דא אין דער יידישיסטישער אטמאספער! א מאסקווער, פרייליכע, לייטזעליקע, ברייטע רוסאטשקע! ס'פארשטייט זיך אז מען הייבט אן ריידן רוסיש. עלסבערג דערציילט דעם צוועק פון מיין רייזע. דא אין הויז איז עס קיין נייעס ניט. זיי ווארפן זיך דורך מיט א פאר ווערטער. עלסבערג גייט שנעל צום טעלעפאן ארויסצו־רופן דעם אדער יענעם. איך קען די דאזיקע אינסטינקטיווע באוועגונג פון גרייטקייט צו העלפן. ס'זיינען דא מענטשן וואס אז זיי הערן וועגן א נייער פארפליכטונג, ווערן זיי ווי צוגעשמידט צום שטול. און ס'זיינען דא אזעל־כע וואס בעת זיי דערהערן א נייע בקשה, גיט זיי א הייב אויף פון דעם שטול, כדי אריינצווארפן זיך אין דער זאך. עלסבערג איז פון דעם צווייטן סארט מענטשן.

מיר גייען זיך פונאנדער, און ער גיט מיט אויפן וועג א ריכטיקע

אמעריקאנישע עצה. „אייער קבלת־פנים־אָוונט וועט זיין ערשט דעם אכטן יאַנואַר. דאַרפט איר זיך ביז דעמאָלט ניט ווייזן אין גרויסע יידישע פאַרזאַמלונגען... אַז מען זעט דאָ ביי אונדז אַן אָנגעקומענעם גאַסט איין מאָל, קומט מען ניט מער צו זיין אָוונט. אַ סך קומען ניט צוליב דעם לעקטשור, נאָר פשוט אַ קוק צו געבן אויף אַ נייעם פּערזאָן. טאָר מען זיך ניט מאַכן וואָכעדיק פריער".

איצט פאָר איך אַהיים קיין בענסענהוירסט. היות ווי דעם וועג אַהער האָב איך שוין אויסגעשטודירט, קאָן איך איצט רויק פאָרן צוריק. איך דאַרף מער ניט ווי אַריינזעצן זיך אין סאָבוויי. ווי געפינט מען אָבער דעם סאָבוויי אין די ליידיקע גאַסן, אַז ער פאַרבאַהאַלט זיך גאָר עפּעס אין אַ קעלער פון די שטומע אַרומיקע מויערן? עס איז שפּעט אין אָוונט. האַלט איך אָפּ אַ שטייפן אַמעריקאַנער און פרעג אים אין ענגליש. ענטפערט ער מיר תיכף אויף דייטש, אין דעם קלאָרסטן בערלינער דייטש. פרעג איך אים: ווי קומט איר אַהער? — לאַכט ער: עס איז דאָך גראָד די דייטשע געגנט וווּ מיר שטייען איצט... און דאָ דערביי האָט טאַקע אַרויסגעלויכטן מיט פייערלעך דער דייטשער טעאַטער. איך האָב זיך באמת דערפרייט דערהערנדיק דעם „היימישן" דייטשן לשון. אַראָפּגעלאָזן זיך אין דעם סאָבוויי־קעלער און אַוועקגעפאָרן. אמת, איך וועל נאָך דאַרפן אַריבערזעצן זיך אויף אַ נייער ליניע, אָבער צו וואָס זיינען דאָ די ניסלעך, אויב ניט צו דערקענען די ליניע? הכלל, איך בין געקומען אַהיים אין צוויי און האַלב שעה אַרום...

די קענער פון ניו־יאָרק האָבן מיר דערקלערט אַז ס'איז אַ ביסל צו פיל אָבער מיר איז אויסגעקומען צו לייענען שפּעטער צבֿיונען ווי ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די בראָנקס. פון איסט־בראָנקס איז ער געפאָרן קיין וועסט־בראָנקס און האָט ניט געפונען דעם וועג. אויב ער מעג, מעג איך אַוודאי.

די ליידן פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן

30־טער דעצעמבער.

היינט איז אַרויס דער „פאָרווערטס" מיט דעם ערשטן אַרטיקל וועגן מיר פון אַשעראָוויטש. צי עס געפעלט צי עס געפעלט מיר ניט דער סטיל און דער נוסח — איז אַ פראַגע פאַר זיך. אָבער מיין מיסיע וואָלט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אין יידישן אַמעריקע אויב דער „פאָרווערטס" וואָלט ניט געלאָזט וויסן וועגן מיר זיין עולם לעזער. דורכן „פאָרווערטס" האָבן געדאַרפט דערגיין וועגן מיר אויך די קאָמוניסטישע לעזער פון דער „פרייהייט". ס'איז ניט קיין צופאַל. טאַקע דערפאַר ווייל די ביידע צייטונגען „פרייהייט" און „פאָרווערטס" באַקעמפן זיך טאָג־טעגלעך און טאַקע ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר די ביידע פאָליוסן פון אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער, — ווערן די ביידע צייטונגען געלייענט פון די אַקטיווע עלעמענטן פון ביידע ריכטונגען. אַזוי איז דאָס אויך אין דייטשלאַנד, ווו דער „פאָרווערטס" מיט דער „רויטער פאַנע" רייסן זיך טאָג פאַר טאָג און ציען די חיונה איינער פון אַנדערן.

היינטיקער טאָג איז געוועזן ביי מיר פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אין דער רעדאַקציע פון „פ' אַ' ש'" האָב איך מיט מינצן דורכגערעדט זיך וועגן די באַציונגען צווישן מיין אַרבעט און דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע פון ניו־יאָרק. מען האָט דאָך מיר פון אַלע זייטן געזאָגט, אַז אַ באַקאַנטע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע מוז שטיין הינטערן קאַמפיין פון אַ געקומענעם גאַסט. מיר האָט זיך אָבער ניט געוואָלט פאַרלירן מיין אידעאישע אומאָפּהענגיקייט. עס איז געווען נייטיק, אַז די ריכטונג וואָס איך קום אַהער צו פאַרטרעטן, זאָל אַרויסטרעטן מיט איר אייגענעם פּנים. ווי צופרידן בין איך געווען אַז מינץ האָט מיר, אין נאָמען פון זיינע חברים דערקלערט: די אַנאַרכיסטן ווילן ניט פאַרדינען פון מיין קאַמפיין קיין איין סענט; זיי ווילן נאָר האָבן פון מיין אַרבעט אַ מאָראַלישע הילף פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון זייער אידעען; ס'איז בעסער אַז איך זאָל אויפטרעטן ניט פון זיי, נאָר פון אַן אייגענעם „ד"ר שטיינבערג קאָמיטעט", וואָס האָט זיך געגרינדעט צוליב מיין קומען.

מער האָבן מיר זיך צו דער טעמע ניט אומגעקערט.

ס'איז געקומען פאר אן אינטערוויו ב. סמאָליאַר, דער פאָרטרעטער פון „ייטא". מיר האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. דער סימפּאַטישער סמאָליאַר האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די סברות וואָס אונדזער איינער האָט בנוגע דעם איצטיקן סאָוועט־רוס־לאַנד. קיין באַזונדערע נייע „אייגענע" פאַקטן האָב איך ניט פאַר דעם לע־זער. אָבער מען מוז אונטערשטרייכן, אַז די לאַגע פון יידישן האַרעפּאַשניק וועט אין רוסלאַנד ניט געלייזט און ניט געבעסערט ווערן אַזוי לאַנג ווי דער אַלגעמיינער פּאָליטישער רעזשים הערש דאָרטן. סיי די אינדוסטריאַליזאַציע סיי די קאָלאָניזאַציע פון יידן זיינען נאָר כּיסויִען א.יף אַ ווייל, ווייל דער גאַנצער סאָציאַלער באָדן אין לאַנד איז אַ וואולקאַנישער. דאָס הייסט נישט אַז די אַמעריקאַנער יידן דאַרפן ניט צוהעלפן אַקטיוו צו די אַלע פּלענער אין רוסלאַנד, נאָר דאָס הייסט, אַז מען דאַרף געדענקען די גרענעצן פון די פּלענער. אַזוי ווי רב ישראל קאָן ניט געהאָלפן ווערן אָן כל ישראל, קאָן אויך דער כל ישראל ניט געהאָלפן ווערן אָן כל רוסלאַנד. סמאָליאַר איז גע־זעסן פאַרטראַכטערהייט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך דערהערט אַז ער איז געשיקט געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „ייטא" אין מאָסקווע. פאַר אים איז אַלזאָ אונדזער שמועס געווען מער ווי אַן אינטערוויו.

אָבער וועגן איין געביט פון פאַקטן האָב איך אים דאָ אויך דערציילט, פאַקטן וועלכע ווערן אין גאַנצן פאַרשוויגן אין דער יידישער פּרעסע. דאָס זיינען די ידיעות וועגן די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען פון די ציוניסטן־סאָ־ציאַליסטן אין רוסלאַנד. ס'איז אַ העראָאישער קאַפּיטל וועגן מויזנטער יונגע מענטשן, בחורים און מיידלעך, וואָס קומען אָפּ פאַר אַן אידעע. די יידישע פּרעסע וואָס צעטראָגט איבער דער וועלט די קלענסטע און פּוסטסטע נייעס „וועגן יידן", האָט דאָ אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער. ס'איז עפּעס אַזוי ווי ווען די ציוניסטיש־באַלעבאַטישע און סאָציאַליסטישע־פּרעסע וואָלט זיך צונויפגערעדט צו מאַכן וועגן דעם אַ שוויג. דערביי איז עס אַן ענין וואָס איז צום וויינקסטן פּאַרטייאיש. איך האָב דערציילט סמאָליאַרן וועגן די איינצלנע פאַלן פון העלדישקייט, וועגן דער מאַסנהאַפ־טיקייט פון דער זאַך. אַזאַ פאַרדרוס וואָס איך האָב נאָך ניט מיט זיך די רשימה פון 700 פאַרשיקטע חלוצים און ציוניסטן־סאָציאַליסטן אין רוס־לאַנד. אָבער איך קריג זי די טעג פון בערלין... סמאָליאַר האָט די ידיעות פאַרשריבן מיט אויפרעגונג, זיינע אויגן האָבן געלויכטן. איך בין געווען טיף צופרידן וואָס מיר, אַ „פרעמדן", איז מעגלעך צו פאַרשפּרייטן אָט די ידיעות. די „ייטא" שיקט פונאַנדער אירע אינטערוויוס אין צענדליקער יידישע בלעטער פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

ווידער אין „פאָרווערטס"־בילדינג. דאָס מאָל גייען מיר מיט מינצן און ד"ר פראַנק צום אַרבעטער־רינג. מען דאַרף זיך באַקענען מיט זייערע פירנדיקע מענטשן. אין אַ גרויסן צימער, פאַרשטעלט מיט טישן פון אַ קאַנצעלאַריע און אָפּגעצאַמט מיט אַ ווענטל, איז אָנגעגאַנגען אַ וואָכעדיקע שטילע אַרבעט. צווישן די טישן זיינען אַרומגעגאַנגען מענער מיט פעסטע אַרבעטער־געזיכטער. דאָס זיינען געווען באַסקין, ראָטמאַן, וויינבערג. מען האָט זיך פאַרגעשטעלט: סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, קאַסירער פון אַר־בעטער־רינג. זיי האָבן פריינדלעך געדריקט די האַנט. זיי איז געווען אומ־באַקאַנט מיין פּאָליטישע ריכטונג, אָבער זיי האָבן היינט געלייענט וועגן מיר אין דעם „פאָרווערטס". און דאָס איז געווען גענוג. מיט אַ רויקן שטאָלץ האָבן זיי באַוויזן מיט דער האַנט אויף דער ברייטקייט פון אָפיס, געוואָלט אָנהייבן באַווייזן זיין פאַרנעם. אָבער דאָ איז אַראָפּגעקומען אַ שליח, מיט־געטיילט וועגן דעם אָנהייב פון אַ זיצונג. — צי ווילט איר ניט טאַקע — האָבן זיי זיך צו מיר געווענדעט — אַרויפקומען צו אונדזער מיטינג? ס'איז גראָד אַ מיטינג פון באָרד אָף דירעקטאָרס פון אַרבעטער־רינג. צוויי מאָל אַ יאָר קומט עס פאָר. אפשר וועט איר וועלן אַדרעסירן דעם מיטינג?

פאַרוואָס טאַקע ניט אַדרעסירן? דער אַרבעטער־רינג איז דערווייַלע איינע פון די פאָר נישט־געשפּאָלטענע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

מיר הייבן זיך אויף אַ שטאָק העכער. די זיצונג קומט פאָר אין אַ זאַל וואָס איז צען מאָל גרויסאַרטיקער איידער דאָס צימער דאָס צימער פון דעם ערשטן סאָ־וועטישן סאָווגאַרקאָם (ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן). אַרום טישן זיצן מענער, לויטן טיפּ זייער ענלעכע צו די פירער ווי וויינבערג און באַסקין. וויינבערג דער פאָרזיצער דערקלערט: צווישן אונדז געפינט זיך איצט אַ חשובער גאַסט פון אייראָפּע אאַ"וו... מען פּאַטשט בראַוואָ, און איך האָב די מעגלעכקייט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. — „ס'איז מיר אַ פרייד צו זען דאָ, שוין אין די ערשטע טעג, אַ יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וואָס האָלט זיך צוזאַמען, איז ניט געשפּאָלטן. אין אייראָפּע ביי אונדז איז די געשפּאָלטנ־קייט ליידער זייער גרויס... מיר קענען אַלע די פאַרדינסטן פון אַרבעטער־רינג, מיר שעצן די קולטור וואָס ער האָט אַמאָל איינגעפלאַנצט אין יידישן אַמעריקע... איך בין געקומען אַהער צו באַריכטן וועגן אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג וואָס איז אייך ווייניק באַקאַנט, וועגן די קעמפער אין רוסלאַנד וואָס ליידן צוליב איר גרויסע יסורים". איך זע קוים געזיכטער, אָבער מיר דוכט אַז זיי פילן סימפּאַטיע צו מיין זאַך. מער וויל איך ניט שטערן די זיצונג, און מיר גייען אַוועק.

ביים אַראָפּגיין ווי זאָל מען ניט אָפּשטעלן זיך אין דער רעדאַקציע פון „צוקונפט"? ווי זאָל מען ניט באַגריסן דעם גאָר אייגנאַרטיקן פּאַרטרעטער

פון „בונד" חי ליעסינען? איך האָב אפילו זיין בילד קיין מאָל ניט געזען. אָבער ליעסין איז ניטאָ אין רעדאַקציע. דאָס איז אַ קליין צימערל ווו קענטיק מענטשן פאַרזאַמען זיך נאָר אויף אַ ווײַלע. זיין סעקרעטאַר קרעפּליאַק — אַ שטילער ייִדישער שרייבער מיט אַ ווייך קלינגנדיקער שטים — רעדט אַ פּאָר ווערטער. דוכט זיך אַז ער פּאַסט אויך זייער ווייניק אַריין אין דעם גאַנצן האַמעטנעם בילדינג. ווי קומט דער בילדינג צו „שטילע פאַרנאַכטן"? קרעפּליאַק דערציילט מיר אַז מיין כתב וואָס מען האָט פאַרלוירן, איז שוין געפונען געוואָרן און וועט זיך באַלד דרוקן (ער האָט זיך טאַקע געדרוקט אין 16 חדשים אַרום) און אַז ליעסינען וועט מען קענען זען ביי אים אין דער היים, ער „פילט נישט גוט" (דעם דאָזיקן „פילט" האָב איך שפּעטער געהערט הונדערטער מאָל אין ניו־יאָרק. דאָס איז אַ תרגום פון ענגליש).

אַ שפּרונג איבערן גאַס — און מיר זיינען אין דער רחבות פון קאַפע „איראָפּע". ס'איז מיטאָג־צייט, און ס'איז פול מיט מענטשן. מענטשן פון אַלע ייִדישע בלעטער — „מאָרגן־זשורנאַל" און „אויפקום", „פאָרווערטס" און „טאָג", און „פרייע אַרבעטער שטימע". אַלע וואָס רייסן זיך אַרום אין דרויסן, זיצן דאָ אין אַ מנין. אָבער איך האָב דאָ דערזען עפּעס נייעס. שטילערהייט ווי איבערגעדעקט מיט אַ טלית איז אַריינגעקומען ליוויק. מיט זיינע בלאָנדע האָר און ברעמען זעט ער אויס ווי אַ גרייז־גרויער יונגערמאַן. אויף די שמאָלע פּלייצעס טראָגט ער אַ לאַסט פון גוואַלטיקער שווערקייט. איך האָב ליוויקן פריער געזען אין בערלין, אויף זיין וועג קיין רוסלאַנד. ער האָט גערעדט אין זיין פאָרטראַג ערנסט און וואָגיק. אָבער ער איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט האַלב־קאָמוניסטישע אינטעליגענטן, מיט נח'ם שטיפן און אַנדערע ווי ער. ער געהערט דאָך אָבער צו דער „פרייהייט"? אַלזאָ האָבן מיר דאָ אין קאַפע שוין אַלע פּאָליטישע פאַרבן און אויסנאַם. יאַטשקאָווסקי שווימט דאָ אַרום ווי אַ פיש אין היימישן טייך. ער מאַכט אַ וויכטיקן אויפטו: אַזוי ווי איך גיי ניט באַזוכן די רעדאַקציע פון „פרייהייט", וואָלט כדאַי געווען צו אָרגאַניזירן מיט די קאָמוניסטן אַן עפנטלעכע דעבאַטע. און טאַקע מיט אַלגינען גופא וועלכן איך קאָן פון אַמאָליקע צייטן פּערזענלעך... אוודאי איז דאָס אַ גוטער פּראָיעקט! ווער זאָל זיין דער פאַרמיטלער צווישן די צדדים? — זאָל דאָס זיין ליוויק! דערלעלערט ער. און מיר זיצן שוין דריי ביי איין טישל. יאַטשקאָווסקי שושקעט זיך געהיימניספול. ליוויק איז גרייט דורכצורייטן זיך מיט „יענע". איך רעכן אַז זיי וועלן דאָס וועלן — זאָגט ער — איר זייט דאָך אַזוי צו זאָגן פון א יי ן לאַגער. איר פאַלט דאָך ניט אַן אויף ראַטן־רוסלאַנד...

ער רעדט מיט אַ רויקן קול און שמייכלט. אויפן געזיכט לויפן זיך פריינדלעך פונאַנדער די קנייטשן, און די טיף אַריינגעשטעלטע אויגן ווערן

ליכטיקער. ס'איז אייגנטלעך א יונג בלאנד פנים, אבער מיט פארצערטע אויגן. איך לייען אין דער „פרייהייט" זיינע לידער. ווי פאסט ער זיך אריין אין יענער סביבה?

מיר כאפן אפ אונדזער מיטאג און מיר איילן זיך. ס'איז היינט באשטעלט אין „טאג" אן אינטערוויו מיט מיר. דער שטיפער דינגאל האט מיך באגעגנט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכל און האט מיך איבערגעגעבן צו ב. לינדערן. לינדער, א הויכער, קוועקזילבערדיקער יונגערמאן מיט א געשליפענעם מענה־לשון, האט זיך ראשית כל, גענומען אנטשולדיקן וואס ער מוז אפנעמען ביי מיר די כראנאלאגישע ידיעות פון מיין לעבן, וואס ער באמיט מיך בכלל מיטן אינטערוויו. — וואס איז דא צו אנטשולדיקן זיך? אבער היים איז ביי אייך ווי אין גיהנום? — מיר זיצן אין א קליין צימערל, און איך מעג אראפווארפן פון זיך דאס רעקל. מיט פארקאשערטע ארבל טרעטן מיר צו צו דער ארבעט. — אייגנטלעך — הייבט אן לינדער — מוזן מיר פעסטשטעלן דעם הויפטצוועק פון אייער קומען אהער. ווי מיר פארשטייען, איז עס אין די אינטערעסן פון די געפאנגענע סאציאליסטן?

איך דערקלער מיינע צוועקן, און שטעל זיך אפ, האבנדיק אין זין דעם „טאג"־לעזער, אויף די יידישע צילן. איך דערצייל בקיצור וועגן דעם וואס מיר רופן אן די אידעען פון א יידישן סאציאליזם. לינדער שיינט צו זיין פארכאפט פון זיי. ער הערט זיך צו און ער ווארפט איילנדיקע צייכנס אויפן פאפיר. אז איך דערמאן וועגן דער גיט־פראלעטאַרישקייט פון יידישן סאציאליזם — שאקלט ער לעבעדיק מיטן קאפ. אז ס'קומט צו ריידן וועגן נביאישע קוואלן פון סאציאליזם — נעמט ער עס אויף ווי אן אייגענע זאך. און אז מיר גייען אריבער צו די פארפאלגונגען פון די ציוניסטן־סאציאליסטן אין רוסלאנד — איז ער מיטגעריסן אין סימפאטיע צו זיי... עס דוכט זיך מיר אז ער איז אן אייגענער מענטש, און אפשר איז דאס די פרישקייט פון א זשורנאליסט? (די זעלביקע ערנסטע פרישקייט האב איך שפעטער געזען אין זיינע אנדערע ארטיקלען). ס'האט זיך פארצויגן דער שמועס. מיט א טויט־ערנסטן פנים האט זיך ביי אונדז אויף א ווײַלע אפגעשטעלט ד"ר מארגאשעס. איך מוז אבער שוין גיין. לינדער פרעגט נאך אוים קלייניקייטן. אז ער דערהערט וועגן מיין דראמע אין דייטשלאנד, שרייט ער אויס: „וואס שווייגט איר, גזלן! דאס איז זייער וויכטיק!"

שבת־מאָלצייט ביי וואָלאַדעקן

אין „פאָרווערטס" טרעף איך זיך מיט וואָלאַדעקן און מיר פאָרן צו אים א היים, צו גאַסט. אונטן אין אַריינגאַנג פון הויז איז דער וועסטיבול א גרויסאַרטיקער, א פּאַרפּוצטער. נישט אַנדערש ווי אין פּאַלאַצן בויט מען ביי אונדז אַזעלכע וועסטיבולן. דאָ איז עס ניט מער ווי א גרויס הויז מיט דירות. אַז מיר הייבן זיך אַרויף אויבן, עפנט אויף וואָלאַדעק אַן איינפאַכע — לויט ניו־יאָרקער מאָסן — פּשוטע דירה. די סביבה אין הויז איז אויך איינפאַך. זיין פרוי לויפט אַרויס אויף א ווייל און פאַרשווינדט ווידער אין קיך. עס גרייט זיך אַן אָוונט־ברויט פון א פרייטאָג צו נאַכטס. די קינדער אויסערלעך, באַזונדערס א זון, א מיניאַטור־קאָפּיע פון וואָלאַדעקן. אין מהות שיינען די קינדער צו זיין עפּעס אַנדערע מענטשן. איך פיל זיך דאָ פריי. וואָלאַדעק לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף דער סאָפע, פרעגט מיך אויס וועגן מיינע ערשטע שריט. דוכט זיך אַז ער ווייזט אַרויס אַן אינטערעס צו מיין אַרבעט. — וויפיל קלייבט איר זיך אויפצוזאַמלען געלט דאָ? — פרעגט ער מיך. אַז איך דערמאָן די ציפער 5000, שאָקלט ער מיטן קאָפּ: דאָס וועט איר מסתמא האָבן... איך דערצייל וועגן די ספקות וואָס מיינע האָט בנוגע דעם נאָמען פון מיין פאָרטראַג. ער קוקט דורך דעם פּעקל טעמעס און שטעלט זיך אָפּ אויף „פּאָליטיק און מאָראַל". ער האָט א ריכטיקן חוש. מיר שוויגן פאַרמאַטערטערהייט.

...איך וויל אייך עפּעס פאָרלייגן צום אָנהייב פון אייער קאַמפּיין. דאָס איז קעגן מיינע פּאַרטיי־פליכטן, אָבער איך וועל עס טאָן. זונטאָג, יעדן זונטאָג האַלט איך א לעקטשור פאַר אַן אָפּן פאָרום. דאָס גייט אָן אין משך פון יאָרן (וואָלאַדעק זאָגט עס מיט א רויקן שטאָלץ). מיר האָבן צוגעווינט דעם עולם צו קומען יעדן זונטאָג אין דער פרי צו אַן ערנסטער פאַרזאַמלונג. די אַרבעטער הערן דאָ א באַריכט וועגן דער לויפנדיקער פּאָליטיק, הערן אונדזערע בעסערע שוישפּילער. קאָלעקשאָנס מאַכן מיר דאָ איצט זעלטן, ווייל דער עולם איז זייער פאַרענגט, שניידער גייען אַרום א לאַנגע צייט אַרבעטסלאָז. אָבער ד ע ם זונטאָג קומט צופאָרן, איך וועל דערמאָנען אייערע געפאַנגענע, און מיר וועלן פּרווון מאַכן א קאָלעקשאָן.

דאָס איז דאָך טאַקע זייער גוט! אַז דער ערשטער אַרויסטריט מיינער זאָל קומען דורך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָב איך זיך ניט געריכט.

— איך טאָר עס אפילו ניט טאָן צוליב מיין פּאַרטיי, און לאָמיר טאַקע אָפּמאַכן אַז וויפיל עס וועט אַריינקומען געלט, זאָלן מיר זיך טיילן אויף דער העלפט. אַ הונדערט דאָלאַר וועט מסתּמא זיין...

אַ מיטלמעסיק־געוואַקסענער יונגערמאַן מיט אַ כמעט שעמעוודיקער פיגור איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, רייבנדיק זיך די הענט פון דרויסנדיקער קעלט. מיט אַן איינגעהאַלטענער פריינדשאַפט, מיט אַ שטילן קול האָט זיך ש. ניגער באַגריסט מיט אונדז אַלעמען. אפשר האָב איך מיך ניגערן פאָרגעשטעלט אַנדערש, אָבער איצט אַז איך האָב אים דערזען שיינט מיר, אַז אַ נ ד ע ר ש קאָן ער גאָר ניט און דאַרף ניט זיין. אַ בחורשער פנים מיט נאַאיווער רויטער פאַרב אויף די באַקן, אַ פאַרטראַכטער קוק דורך די ברילן, די גאַנצע געשטאַלט פון אַ ווילנער לערנער און בונטאָוושטשיק

— ווי דאָס פּאַסט באמת צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור! דער היטער און דער גערטנער פון דער ליטעראַטור טראָגט אַ פּראָווינציעלע געשטאַלט? אָבער ער טראָגט זי נישט, זי איז ד אָ אין אים. זי לאָזט אים נישט אויסמישן זיך מיט דער אַמעריקאַנער גרויסשטאָט און גאַס. אין דער דורכזיכטיקער לופט פון דער „נאַאיווער פּראָווינץ" קלינגען אָפּ ווערטער, די גאָר הויכע ווערטער פון לעבן קלאָר און ערלעך. אין דער דיקער לופט פון רוישיקער גרויסשטאָט פליען די ווערטער אַרום צעמישטע און אויסגעליידיקטע. אויפן ווילנערישן פנים פון ניגערן זעט מען: פאַר אים זיינען י ע נ ע רייד ניט ליטעראַריש־קריטישע „ווערטער", נאָר לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט צו זיי אַ טיפן יראת הכבוד. ער איז מסתּמא ניט קיין מעורב עם הבריות, זיין געביט ליגט דאָרטן ווו עס שטייט: והיה כי היה דבר אלוקים עליו...

וואָלאַדעק, דער מעורב עם הבריות, הייבט זיך אויף. מיר געפינען מיט ניגערן גלייך די טעמעס וואָס פאַרבינדן. ער האָט אַ לעבעדיקן אינטערעס צו די סאָציאַלע באַוועגונגען אין אייראָפּע, באַזונדערס צו די רעליגיעזע זוכענישן אויף דעם געביט. דאָס איז ביי מיר אַ נייעס; איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אים מער איינגעזונקען אין דער יידישער ליטעראַטור. איך דערצייל אים וועגן אַזעלכע גרינדלעכע מאַרקסיסטן ווי פרוי ראָלאַנד־האָלסט און וועגן זייער אַנטוויקלונג אין דער פריערדיקער לערע, וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון רעליגיעז־געשטימטע סאָציאַליסטן. ער נעמט עס אויף ווי אַ געוווּנטשענע זאַך.

עס קומען אַריין נאָך ברידער משאַרנים, עס באַווייזט זיך דער שפּיציקער פנים פון דעם פאַרביסענעם פרומען אפיקורס: ד"ר גינזבורג. מען

רופט אונדז צום טיש. ס'איז געדעקט און אָפּגעשטימט לויטן קאָמערטאָן פון פרייטאָג־צו־נאַכטס. וואָלטן איצט געלעגן פאַרן באַלעבאָס אויבן אָן אַ פּאָר חלות, וואָלטן געשימערט אויף אַ זייטיקן טישל די שבת־ליכט, וואָלט עס ניט געענדערט שטאַרק דאָס בילד. די מאכלים, די שמועסן, די געהויבנ־קייט פון שטימונג, און טאַקע דאָס וואָס די פרויען זיצן דאָרטן אַראָפּ, אין דער צווייטער העלפט טיש — מאַכט דעם מאָלצייט כשר און פרום. די שפּיציקע אויגן מיט די איינגעהאַלטענע פונקען פון חוזק ביי ד"ר גינז־בורגן פּאַסן צום בילד. ער הייבט טאַקע אָן די באַטאַליע.

— איך קוק אויף אייך און איך וווּנדער זיך. פּונקט אַזוי ווי איך קאָן נישט פאַרשטיין זשיטלאָווסקין. וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע ווילט איר איינגעט־לעך האָבן? די באָלשעוויקעס אָט אַזוי ווי זיי מאַכן, אָט דאָס איז סאָציאַ־ליזם און דאָס איז רעוואָלוציע...

אַלע אַרום זיינען געווען קעגן גינזבורגן. איך דערמאָן אים אַז אויך אין רוסלאַנד איז לכתחילה געווען גאָר אַנדערש מיט דער רעוואָלוציע. אין דער ערשטער אָקטאָבער־צייט.

ניגער שאָקלט איבערצייגנט מיטן קאָפּ. דאָס איז מיר אַן אָנגענעמע איבעררראשונג. — פון וואַנען האָט איר באַטראַכט יענע צייט? — פרעג איך אים.

— איך בין געווען דעמאָלט אין פּעטראָגראַד! איך פלעג גיין אָפטמאָלס אין סמאָלני־אינסטיטוט, איך האָב זיך צוגעקוקט...

קיין גרעסערע מתנה האָט מיר ניגער יענעם אָוונט נישט געקאָנט צוטראָגן. עס זיינען אַזוי ווייניק, ביי יידן, געבליבן מענטשן וואָס טראָגן אין זכרון יענע צייט אומבאַפלעקט פון די ווייטערדיקע געשעענישן.

אַז זולאַדעק מישט זיך אַריין און הערמאָנט דעם סאָציאַליזם ווי מען האָט זיך אים געחלומט אַמאָל, טרייסלט זיך גינזבורג אָפּ פון אים מיטן אַמעריקאַנישן אַרגומענט: „נו יע. איר זייט אַמאָל געזעסן אין טורמע. אָבער היינט זייט איר דאָך אַלע בורזשויעס...

גינזבורג איז באַקאַנט ווי אַן עזות־פּנים, און זולאַדעק שטעלט זיך אים ניט אַנטקעגן. מיט זיין הארבער שטים ווענדט זיך גינזבורג ווידער צו אונדז. ער האָט צו אונדז טענות, פאַר וואָס מיר גלייבן אין מענטשן. איר זייט דאָך עפּעס פאַרבונדן מיט די ספרים, וועל איך אייך דערמאָנען אַ פּסוק. כי יצר לב האָדם — שטייט געשריבן — רק רע כל היום. היינט מיט וועמען הייבט איר אָן?

ער ווישט מיט כעס זיינע ליפּן און שווייגט. איצט איז אָבער אונדזער מאָמענט אַריבערצוגיין אין אַן אַטאַקע קעגן אים. אַלע כאַפּן זיך אויף מיט

אַ פּראָטעסט: ס׳טייטש, אַזוי שטייט גאָר ניט אין פּסוק! ר ק רע כל היום — שטייט ניט! עס שטייט לב האָדם רע כל היום, און מער נישט...

ניגער דערקלערט עס מיט אַ רויקער ערנסטקייט. וולאַדעק איז זייער אויפגעלייגט: ער געדענקט אויך ניט אַ זאַ פּסוק. מיר גייען אַלע איין אַבלאַווע קעגן דעם למדן דעם וואָלף. אויף דעם „רק" שטייט אפשר טאַקע די וועלט. איז טאַקע דער מענטש נ אָ ר שלעכט, זייט איר, ד״ר, גע־רעכט! איז ניטאָ קיין סאָציאַליזם! מען דאַרף אָבער דעם ראַק אויסשניידן... דער ד״ר איז רויק. ווען מיר טאַקע נעמען אַ חומש און אַ קוק טאָן. מען זוכט אַ ספר, ס׳איז נישטאָ. אַן ענגלישער חומש איז יאָ דאָ, מען עפנט, מען נישטערט און מען געפינט: „וואָס אָנלי עוויל"... אַלזאָ דאָך רק!

אַ פאַרווירונג אויף אַ ווײַלע, נאָר מיר לאָזן נישט אָפּ. מיר וועלן כאַפּן אַ קוק אין דעם אמתן חומש, נישט ביי די גוים. איצטער געדענקען מיר שוין אַלע, אַז אַזוי פּעסימיסטיש קאָן די תורה נישט זיין.

גינזבורג שווייגט אַ ווײַלע און פאַלט אָן פון אַן אַנדער זייט. — איך קאָן אַ רעוואָלוציע נישט אָננעמען פּשוט אַלס דאָקטאָר. אַלס דאָקטאָר דאַרף איך אָפּהיטן פון פאַרגיסן בלוט און נישט רופן דערצו...

— און אין דער „רויקער" צייט ווערט נישט פאַרגאָסן קיין בלוט? הייסט עס, אַז מען מוז דווקא קומען צו אַ מלחמה ווו בלוט גיסט זיך ימים־ווייז, כדי איר זאָלט עס באַמערקן? און טאָג פאַר טאָג אַרום אונדז גיסט זיך נים קיין בלוט, זאָל זיין טראָפּנווייז?

— אַז איר האָט שוין היינט דערמאָנט פּסוקים — ווענד איך זיך צו אים — לאָזט אייך דערמאָנען פון דער גמרא. המלבין את פני חבירו ברבים כאלו שופך דם? אַז מען באַליידיקט אַ מענטשן, פאַרגיסט מען זיין בלוט אין אַ רויקער צייט, אָן רעוואָלוציעס!

— אַך — כאַפּט זיך אויף אין גינזבורגן דער דאָקטאָר — דאָס איז דאָך נאָר אַ משל. זיי מיינען דערמיט צו זאָגן, אַז ביי דער אויפרעגונג פון אַ מענטשן גיסט אָפּ זיין בלוט פון געזיכט און עס ווערט בלייך.

— דאָס מיינען מיר דאָך טאַקע. אַרום אונדז גיסט זיך אומעטום אָפּ דאָס בלוט טאָג נאָך טאָג.

מען איז שוין אויפגעשטאַנען פון טיש. די ברידער פרעגן מיך אויס וועגן זייער בערלינער טשאַרני. גינזבורג איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן רויך פון זיין ציגאַר. פון דעם רויך קוקן אַרויס זיינע פאַרטראַכטע אויגן. וויפיל אמונה און גרייטשאַפט צו אמונה ליגט מסתמא באַהאַלטן אין יעדן קנייטש פון זיין סקעפּטיציזם.

אויפן וועג צוריק צו מיין היים האָט וולאַדעק מיט הנאה און קענ־טעניש דערציילט וועגן די פּלעצער און גאַסן וואָס זיינען פאַרביי געגאַנ־

גען. ס׳זײנען געקומען צו רײד די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון אַמעריקע. ער האָט גערעדט װעגן זײ מיט אַנטציקונג. ער װאָלט געװען גרײט באַװײזן מיר אײניקע פון זײ. אין װאַשינגטאָן דאַרף מען אָנזען דעם קאָנגרעס; אָבער אױך אין ניו־יאָרק איז דאָ װאָס צו זען אין דער מוניציפּאַליטעט. אַז דאָ איז געװען ניט לאַנג אױף אַ באַזוך טאָני זענדער, די סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, האָב איך זי אױך געפירט באַװײזן ניו־יאָרקער אַנשטאַלטן. דער איצטיקער גאָװערנאָר סמיט איז אױך אַן אײגנאַרטיקע דערשײנונג. ער איז ניט קײן סאָציאַליסט, פאַרשטײט זיך, אָבער אין אַ סך געביטן איז ער זײער ראַדיקאַל.

װאָלאַדעק האָט גערעדט װעגן אַמעריקאַנער מלוכה־לעבן מיט אַן אײנגערלעכן טיפן אינטערעס. קענטיק אַז ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זײן אײגענער דערגרײכונג, װײל דער דורכשניטלעכער ײדישער אינטעליגענטישער עמיגראַנט האָט װײניק װאָס פון די זאַכן. װאָלאַדעק װיל זײן אַן עכטער אַמעריקאַנער אין דעם זין פון אָנטײל נעמען אין דער מלוכה־באַלעבאַטישקײט (ער איז שױן געװען אַלדערמאַן אין ניו־יאָרק). אַז איך דערמאָן דעם טיפ פון אַמעריקאַנער קאַלטן, געלאַסענעם בירגער, װי מיר האָבן אים אין דער פאָרשטעלונג פון אײראָפּע, ליקנט עס װאָלאַדעק מיט אַ שמײכל פון אַ הײמישן קענער. — אַז מען קוקט זיך צו — זאָגט ער — צו די גרױסע מענטשן פון אַמעריקע, צו אַ װילסאָן אָדער צו אַן אײבראַהאַם לינקאָלן... האָט איר אַ סך געלײענט װעגן זײ? איך לײען אַ סך די אַמעריקאַנער געשיכטע. זעט מען װי די גרױסע זײנען דאָס אַרױסגעװאַקסן אָט פון די פּשוטע בירגער.

קאָנטיק, אַז װאָלאַדעק פּאָלעמיזירט דאָ מיט אַן אַנדער טיפּ פון זײנע חברים, װאָס טראָגן נאָך מיט זיך אַרום די אײראָפּעישע געשטאַלט פון מלוכה און מלוכה־מענטשן. ער רעדט מיט התפּעלות װעגן דער אומגעהױערער עקאָנאָמישער מאַכט פון אַמעריקע. שמײכלענדיק אין זיך אַרײן פון אַ גײסטיקן תּענוג, דערצײלט ער, װעגן די גװאַלטיקע טראַסטן פון לאַנד װאָס קירעװען מיט מיליאָנען. — אָט קומט איצט פאַר אַ קאַמף פאַר מאַכט צװישן די צװײ גרעסטע אױטאָמאָביל־פירמעס, פאָרד און דזשענעראַל־מאָטאָרס. פאָרד האָט אָנגעפילט דאָס לאַנד מיט זײנע בּיליקע שװאַרצע אױטאָס. האָט זיך געפונען אַ פירמע דזשענעראַל־מאָטאָרס װאָס האָט גענומען פּראָדוצירן אירע אײגענע אױטאָס, אַביסל טײערער, אָבער דערפאַר שענער װי די פאָרדס, אינדיװידועלער, מער צוגעפּאַסט צו פאַרשײדענע געשמאַקן... האָט פאָרד באַגרענעצט זײן פּראָדוקציע און אַװעקגעשטעלט אַ גאַנצן שטאַב פון אינזשעניערן מען זאָל צוטראַכטן װידער אַזאַ מין מאָטאָר װאָס זאָל דערלױבן צו פּראָדוצירן אַ נײעם סאָרט אױטאָס, נאָך בּיליקער, נאָך אַ שענערע

קאנסטרוקציע. פארד האלט נאך ניט דערביי ארויסצוגעבן זיין סוד. דער־ווייל אבער פארוואַרפט „דזשענעראל־מאטארס" אלע ציימונגען מיט ריזיקע אנאנסן וואס קאסטן אפ מיליאנען דאלארן. זיי מאכן פאפולער דעם נייעם נאמען פון זייער אויטא, „שעווראלעט", מען פארשרייט דעם קאפ מיט דעם נאמען. (איך האב טאקע געזען אויך אין „פארווערטס" די דאזיקע ריזן־אנאנסן). און דערנאך וועט זיך מסתמא פארד ווידער נעמען פאר דער קאנ־קורענץ. אט אזוי ארבעטן די גרויסע טראסטן דא אין לאנד. און דערווייל וואקסט דאס רייכטום פון לאנד...

וולאדעקן טוט הנאה דער דאזיקער ריזיקער קאמף. דער אינטערעס זיי־נער שפיגלט אפ זיין אייגענע זעלישע איינשטעלונג. ער יאגט זיך ניט, ווי איך פארשטיי, פאר גרויסע געלט־פרנסות, נאך דעם דאלאר ווי אזעלכע. אים ציט צו אין אמעריקאנישן רעש די מעגלעכקייט פון צוקומען צו אלץ גרעסערער און גרעסערער מאכט איבער דעם מענטשלעכן גורל. איך האב געהערט ווי ער זאגט ארויס מיט א באזונדערער פארשטענדעניש ד א ס וואַרט. אין „פארווערטס" איז דא די ארענע צו פירן דעם מאכט־קאמף. שפע־טער וועט ווערן די ארענע נאך ברייטער.

מיר האבן זיך אפגעזעגנט ביי מיין הויז, און איך בין אריינגעפאלן אין דער שבתדיקער אטמאספער פון ה.־ס פאמיליע. עס האלטן ביים אויס־גיין די שבתדיקע ליכט, דאס פארפוצטע פארפאלק זיצט ביים טיש נאכן בענטשן. דער באלעבאס איז אויסגעטאן פון דאגות. ער האט מיר א סך צו דערציילן, איך האב אים, ער דערציילט וועגן שול ווו ער דאוונט, וועגן נדבות וואס יידן האבן צוגעזאגט צו געבן. אט האט איינער א ייד יענעם שבת מנדב געווען אויף דער תלמוד־תורה גאר א גרויסע סומע. לעווינסאן הייסט ער. ער גייט אריין צו אונדז אפט...

— פון וואנען האט ער דאס געלט?

— ער האט געארבעט ווי מיר אלע, ביז א יאר 50, אין דער קליידער־בראנזשע, האט א סך געהארעוועט. איצט ברויכט ער ניט מער צו ארבעטן. ער גייט ארום אין גאס פריי, קאן געבן נדבות. ער איז אבער גוט קראנק...

איך דערצייל וועגן אונדזער היינטיקן וויכוח מיט ד"ר גינזבורגן, מיס־טער ה. לאכט פון פולן הארצן און זאגט: אוודאי האט איר געוווּנען! —

דער חומש ליגט שוין אויפן טיש און אין קאפיטל אכט פון בראשית לייענען מיר: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו". ניטא קיין רק. מיר האבן אלזא געוווּנען די פאזיציע פאר דער מענטשהייט. איך בין גרייט תיכף צו טעלעפאנירן צו וולאדעקן, אז דער ענגלישער חומש האט געפאלשעוועט. ס'איז אבער שפעט נאכט. לאמיר דערווייל לאזן ד"ר גינזבורגן וויגן זיך אין זיינע פעסימיסטישע חלומות.

י. נ. שטיינבערג

אויף מאָרגן אין דער פרי האָב איך טעלעפאָנירט וועגן אונדזער נעכ־טיקער אַנטדעקונג, און וולאַדעק האָט זיך אונטערגענומען איבערצוגעבן תיכף די ידיעה ווייטער, צו ניגערן און גינזבורגן. פונדעסטוועגן איז אויך ד״ר גינזבורג געווען גערעכט. מיר האָבן אַריינגעקוקט אין פסוק נאָך דעם מבול, בעת אים איז געזעסן אין קאָפּ קאַפּיטל זעקס פאַרן מבול, און דאָרטן שטייט טאַקע: יצר מחשבות לבו רק רע כל היום...

זיינען מיר לײדער אַלע געבליבן גערעכט.

די געמיטלעכע יידישע היים

נאָר איין גאַסט איז געווען אין משך פון גאַנצן טאָג, דער פּועלי־ציוניסט רעוווּצקי. אַ מאָדנע דערשיינונג דער מענטש: אַן אָפּגעלאָזענער, פאַרעלטערטער, ווי אַ פאַריתומטער מענטש. און דאָך איז ער היינט אין פּרינציפּ אפשר דער איינציק־מעגלעכער פּועלי־ציוניסט. ער איז ניט קיין סאָציאַליסט מיט די אויף רעכטס־בליקנדיקע אויגן פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער איז שוין ניט מער קיין מאָסקווער קאָמוניסט, און בעת מיין זיין אין אַמעריקע האָבן זיינע לינקע פּ״צ פאַרלאָזן דעם לעצטן באָלשעוויסטישן פּלאַץ: דעם „איקאָר״. אַ פּועלי־ציוניסט וואָס איז פאַרזיכטיק אין דער לינקייט, און לינק אין דער פאַרזיכטיקייט — אַזאַ מין פּועלי־ציוניסט איז ער. אָבער ער טרויט זיך נאָך ניט אַוועקצושטעלן דעם פוס אויף אַ ניי שטיקל ערד. זיינען דען ווייניק געווען אַנטוישונגען? אין מאָסקווע — אַנטוישונגען, און אין קיעוו (בעת ער איז אויף אַ ווײַלע געווען מיט פּעטליורעס רעגירונג) — נאָך וועלכע בלוטיקע אַנטוישונגען! מיט אַ פאַרמאַטערטן געמיט זאָגט ער מיר: — איר האָט אין זיך אַ גלויבן. איר טרעט אויף אין נאָמען פון אַ גרויס לאַנד. אייער אידעאָלאָגיע איז פאַר אייך נישט צעבראָכן. ביי אונדז איז דאָס אַנדערש. באַזונדער שווער איז עס דאָ אין אַמעריקע...

מיר ריידן וועגן די פּערספּעקטיוון פון אַ דריטער ריכטונג אין סאָציאַליזם. ער איז שוין לאַנג פאַר אַזאַ ריכטונג, זיינע חברים פאַרשטייען עס נאָך ניט. מיר וועלן זיך נאָך צוזאַמענקומען און פּרווון דורכשמועסן זיך. (ערשט פאַרן סאַמע אַוועקפאָרן מיינעם האָב איך אים גערופן צו אַזאַ מין דיסקוסיע־אָוונט אין דער רעדאַקציע פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג״. ער האָט אָבער דאָרטן אַנטפּלעקט זיין גאַנצן שוואַרצן פּעסימיזם). ער וואָרנט מיך — ווי אַ געניטער אַמעריקאַנער — קעגן דער הילף וואָס עס ווייזן מיר ארויס די אָדער יענע יידישע צייטונגען. מען דאַרף בלייבן אומאָפּהענגיק...

וואָס פאַר אַ טראַגישער מזל עס ליגט היינט אין סאָציאַליזם. אַמאָל איז געווען אַ פּרינציפּ, אַז מען טאָר ניט שרייבן און אונטערשטיצן די בירגערלעכע פּרעסע. די סאָציאַליסטן פון אַ דייטשלאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ מאָראַלישער זינד. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען! די נאָכגיביקע ווערטער פון אַ זשאָרעס: „איך קלעפּ אָן מ יי ן פּראָקלאַ־

מאציע אויף יעדער וואנט!" מען האט אזעלכע רייד געהאלטן פאר א פועל־יוצא פון פשרות־פאליטיק. מען האט ניט געוואלט צולאזן אזא חילול־השם, אז די טייערסטע געדאנקען פון מענטשן־באפרייאונג זאל מען אויסדריקן אויף די בלעטער פון קלאסן־פרעמדע, קולטור־פיינדלעכע ציטונגען. ווייל דער סאציאליזם האט געטראגן א קולטור, וואס האט זיך ניט געטארט אויסמישן מיט דער בירגערלעכער, סאציאל־אויסבויטארישער „קולטור". און היינט איז געקומען דערצו אז מען הייסט אונדז אפשיידן זיך אויך פון סאציאליסטישע בלעטער! די לעצטע יארן האבן אריינגעבראכט א שארפע צעטיילונג אויף צוויי לאגערן: סאציאל־דעמאקראטן און קאמוניסטן. קיין איינער פון די וואס שטעלט זיך אריין אין א יי ן מחנה, וועט ניט שרייבן אין דער אנדערער. אבער נאך שווערער איז געווארן די לאגע פון יענע סאציאליסטן, וואס שטייען דרויסן פון די ביידע פארפאנצערטע לאגערן די זיינען פאראורטיילט צו בלייבן שטום. פאר זייער אומאפהענגיקן קול איז ניטא קיין טריבונע און קיין רעזאנאנס. די אפיציעלע סאציאליסטישע פרעסע וואס איז געשאפן געווארן דורך די באמיונגען פון צוויי דורות ארבעטער, איז היינט א גייסטיקע שטייג פאר זיי אלעמען! און עס איז דערגאנגען דערצו אז א רעבעלירנדיקער, אומרויקער סאציאליסט מוז אנקומען אפטמאלס צו דער בירגערלעכער פרעסע כדי נישט פארשטיקט צו ווערן אין דעם שווייגן פון „אייגענע".

איך געדענק ווי מיר אין דייטשלאנד האבן געהאט פאריבל אויף עממא גאלדמאן און אלעקסאנדער בערקמאן, הלמאי זיי האבן געגעבן זייערע שארף־קריטישע ארטיקלען וועגן באלשעוויזם אין דער גרויסער קאפיטאליסטישער פרעסע פון אמעריקע. מיר האבן געטענהט: אונדזערע סיכסוכים מיט די באלשעוויקעס מוזן מיר דורכנעמען אין דער ארבעטער־פרעסע, ניט צושטעלן מאטעריאל פארן וועלט־קאפיטאל, ניט העלפן אים פארסמען דעם קאפ פון ארבעטער מיט שנאה צו ראטן־רוסלאנד. אונדזערע פריינד, גאלדמאן און בערקמאן, האבן אבער געענטפערט: ניין, מיר מוזן תיכף און מיטן גאנצן אמת באריכטן דעם וועלט־פראלעטאריאט וו א ס מיר האבן ארויסגעטראגן פון רוסלאנד און באלשעוויזם. דער אמעריקאנער ארבעטער לייענט נאר די קאפיטאליסטישע פרעסע. ער לייענט דארטן טאג־איין טאג־אויס די קאפיטאליסטישע ידיעות און רכילות וועגן רוסלאנד. זאל ער איצט הערן פון א ו נ ד ז דעם ריכטיקן אמת; זאל ער פון אונדז דערהערן דעם חילוק צווישן די פארדארבער פון דער רעוואלוציע און דעם העלדישן רוסישן פאלק וואס וויל דורכפירן אן עכטע סאציאלע רעוואלוציע...

מיר, די צדדים, זיינען געבליבן ביי אונדזערע מיינונגען. אבער מען האט געקענט פארשטיין די ביידע אלטע קעמפער און זייער שטימונג, בעת

זיי האָבן זיך אָקערשט אַרויסגעריסן פון רוסלאַנד און נאָך געהערט הינ־טער זיך די שיסעריי קעגן די מאַטראָסן פון דעם קראָנשטאַטער אויפשטאַנד. זיי האָבן ג ע מ ו ז ט אַרויסשרייען זייער וויי־געשריי אין דער וועלט. זיינען זיי געגאַנגען צו דער „גרויסער" פּרעסע. און איצט זע איך טאַקע אין אַמעריקע אַז דער אַרבעטער לייענט ניט קיין אַרבעטער־פּרעסע, אַז ס'איז ניטאָ צו אים קיין אַנדער צוגאַנג. 1)

אַז איך בין שפּעטער געבליבן אַליין און בין אַרויס צו מיינע באַלעבאַ־טים, האָב איך דערהערט אַ מאָדנע ידיעה: דער ייד לעווינסאָן, דער נדבן פון וועלכן מען האָט גערעדט אין שול, איז היינט פּלוצים געשטאָרבן. ווי אַזוי? אָט גאָר פּשוט: געגאַנגען אין גאַס שפּאַצירן, דערפילט עפּעס אין האַרצן און געפאַלן. — פון אַ האַרץ, אַזוי איז טאַקע ביי אונדז שטענדיק — זאָגט רוויק ה. — מען גייט אין גאַס און מען פאַלט. דאָס האַרץ האָט זיך איבערגעאַרבעט.

— היינט וואָס טויג אייך די יאָגעניש נאָכן דאָלאַר אין די יינגערע יאָרן?

— אָט דאָס איז אַמעריקע... מען האָרעוועט יונגערהייט כדי צו מאַכן אַ לעבן שפּעטער.

— כדי מאַכן אַ שטאַרב, ווילט איר זאָגן?

עס ווערט באַלד טונקל. היינט איז ניי־יאָר ביי נאַכט. מען זאָגט אַז אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק טוט זיך מעשים. מען מעג טרינקען און מען הוליעט. אַ געוועזענער חבר פון רוסלאַנד וואָס וווינט צוזאַמען מיט רו־סישע קינסטלער טעלעפאָנירט איך זאָל קומען צו זיי פּראַווען „נאָווי גאָד". איך וועל בלייבן בעסער אין דער היים. שפּעטער גייט צו פרוי ה. און פרעגט מיך שטילערהייט צי וויל איך ניט גיין מיט איר אין אַ מוווי. מיר זיינען געזעסן אין אַן אָריענטאַליש־אויסגעפּוצטן זאַל און געקוקט אויף די מעשיות וואָס האָבן זיך געוויקלט אין די לייוונטן פון עקראַן. אַרום אונדז און הינ־טער אונדז האָט מען געקנאַקט ניס, געשושקעט זיך. געוואָרפן זיך מיט ווערטער, מיט שמייכלען, מיט לאַבענישן. יונגע חברה, מיט געקרייזלטע האָר, מיט שוואַרצע אויגן, מיט פאַרהאָרעוועטע הענט — דאָס זיינען גע־ווען יידישע מיידלעך, מסתמא אַרבעטערקעס... איך געדענק ניט וואָס מיר

1) אינטערעסאַנט, אַז טראָצקי האָט אויך אויסגענוצט דעם זעלביקן וועג בעת ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד. אין זיין „בריוו צו די רוסישע אַרבעטער" פון 27־טן מערץ 1929, האָט ער געשריבן: „מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז די גרעסטע צאָל אַרבעטער אין אייראָפּע, און גאָר באַזונדערס אין אַמעריקע, לייענט נאָך אַלץ די בירגערלעכע פּרעסע".

האָבן אָקערשט געזעין אין קינאָ. אָבער איך געדענק וואָס די אומעטיקע און שטילע מיסים האָט פּאַמעלעך דערציילט פון זייער אייגענעם לעבן.

שווערער פּאַרדרוס און ביטערע זאָרגן האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון הינטער דער געמיטלעכקייט פון זייער הויז. דער מאַן ה. האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק פּאַרלוירן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל. דאָס קליידער־געשעפט האָט ער געהאַלטן צוזאַמען מיט זיין אייגענעם קרוב. מען האָט געדאַרפט טיילן אויף העלפט די פּרנסות מיט די פּאַרלוסטן. מען איז געווען אויסגעבונדן. באַזעצט זיך צוזאַמען אין דעם הויז. אָבער עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע באַנקראָטן, אין די טויזנטער דאָלאַרן. און ווייל דאָס געשעפט איז געווען אויף ה.־ס נאָמען, האָט זיך דער שותּף אַרויסגערוקט פון טראָגן דעם שאָדן. מער נאָך: ער האָט אין אַן אַנדער אָרט געעפנט אַן אייגענעם געשעפט. האָבן זיך אָנגעהויבן שוואַרצע טעג. מען איז שוין אַלט און מען מוז איינער אַליין אַרומלויפן איבערן שטאָט. פאַר וואָס אַרומלויפן? ער זוכט אַלץ אויפצומאָנען די חובות וואָס מען איז אים שולדיק. יאָגט ער זיך נאַכט און טאָג נאָך די בעלי־חובות (איז דאָס ניט גאָר אַ בילד פון דעם חושכדיקן מאַנופאַקטור־סוחר פון פּוילן?) קיין מענטשן אין קראָם קאָן מען נישט האַלטן מער. איך גיי אַהין פירן די ביכער. אַלץ וואָס מען האָט געהאַט איז איינגעזונקען אין געשעפט...

— קאָן מען גאָרניט ווידער אַ מאָל אַרויפקומען, נאָך דעם ווי מען האָט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט, און ס'איז דאָ אַ קונדשאַפט?

— דאָס איז גאָרנישט. פאַרקערט, איצט מופן מיר זיך אַרוים אין אַן אַנדער געגנט. דאָ איז צו גרוים די קאָנקורענץ. ס'איז ניטאָ קיין האָפנונג מען זאָל ווידער אויפקומען. די צייט איז איצט שלעכט און מען איז אַלט...

זי שווייגט אַ ווײַלע.

— מען וואָלט אפשר געדאַרפט אַוועקגיין פון דעם הויז. אָבער ווי קאָן מען אַוועק אַז מען איז שולדיק אויף אים. האָבן מיר אַריינגעצויגן אין דער זאַך מיין שוועסטער פון קליוולענד. זי האָט אויך אַ חלק אין הויז. זי איז אַ איידעלע נשמה. האָבן מיר אַרויפגעלייגט אויף איר די גאַנצע לאַסט...

מיר זיינען געקומען אַ היים. מיסטער ה. איז ניט געווען. ער איז אַרומגעלאָפן מסתמא אין די גאַסן. פון די געמיטלעכע ווינקלען פון הויז האָבן אַרויסגעקוקט זאָרגן און צער. די באַלעבאָסטע האָט מיט אַ שמייכל געזעגנט זיך מיט מיר. איך האָב זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו קיין בערלין ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער אַרבעטער־רינג מענטש

ו׳טער יאַנואַר, 1928.

היינט האָב איך געזען ביי זיך אין שטוב אַ לעבעדיק שטיק פון „אַר־בעטער־רינג". חבר אָדער טאָקע מיסטער ב. איז אַריבערגעקומען צו מיר באַזוכן מיך אַלס וויטן קרוב, דעם פּלימעניק פון בעל־מחשבותן. ער האָט אַמאָל — מיט אַ יאָר 30 אָדער 40 צוריק — אַלס ישיבה־בחור געגעסן טעג ביי מיינע קרובים אין אַ ליטווישער שטאָט. ער דערמאָנט זיך מיט וואַרעמער דאַנקבאַרקייט וועגן יענעם הויז און יענער צייט. ער איז שפּעטער אין אַמע־ריקע געוואָרן „גוט אָפּ", און האָט אויך גענומען אָנטייל אין די יידישע אינס־טיטוציעס. ער איז דיק און ברייט. זיין געזיכט שטראַלט מיט רואיקייט. זיי־נע אויגן — גוטע אויגן — קוקן אַרום מיט גלייכגילטיקייט אָדער ביזנעס פאַרנומענקייט. די ווערטער וואָס ער נוצט וועגן געהויבענע פראַגן גייען אַרום פון אים מיט שווערקייט. דער גוטמוטיקער און סקעפּטישער ב. וויל מיר דאָ באמת העלפן. ער סימפּאַטיזירט מיט די געפאַנגענע אין רוסלאַנד און ער איז אפשר אַ ביסל שטאָלץ מיט דעם גאַסט פון זיין געבורטשטאָט. אָבער ער לייגט ניט קיין סך האָפענונגען אויף זיינע פריינד פון דער אַרבע־טער־גאַס. ער גלייבט נישט, אַז מענטשן וועלן מיר העלפן. — ניטאָ קיין צייט.

— וואָס הייסט מען האָט דאָך פרייע אָוונטן!

— אין די אָוונטן איז אַזוי: מען האָט מיטינגען, אין די יוניאָנס צי אין אַ בראַנטש. און אַ מאָל גייט מען אין אַ טעאַטער. און אַז ניט שפּילט מען נאָר אין אַ פּינעקל...

— איר זאָגט דאָך אָבער אַז מען האָט סימפּאַטיע מיט אונדזערע גע־פאַנגענע!

— אוודאי, און מען גיט אַמאָל אַ דאָלאַר. אָבער פאַרנעמען זיך דער־מיט? מען מוז דאָך מאַכן אַ לעבן. און דערצו נאָך איז די שטאָט אַזוי גרויס. מען מוז אָפּגעבן אַ סך צייט ביז מען קומט צו עפּעס וואָס.

— אָט בין איך דאָך געקומען צו אייך איבערן ים.

ער לאַכט גוטמוטיק, אַזוי ווי מען לאַכט פון אַ נאַאיוון.

— איר זייט דאָרטן אידעאַליסטן. מיר האָבן דאָ שוין פאַרגעסן וועגן אידעאַליזם.

י. נ. שטיינבערג

באלד האָט ער ווידער אַ געלעגנהייט צו לאַכן פון מיר. ער זעט די גרויסע פּעק מאַטעריאַלן און ביכער וועלכע מען האָט מיר געשיקט פון בערלין.

— צו וואָס דאַרפט איר עס דאָ? — פרעגט ער פאַרוואונדערט.

— דאָס איז מאַטעריאַל פאַר די לעקציעס וואָס איך וועל דאָ האַלטן. ספּעציעל וועגן דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון רוסלאַנד, וועגן דער לאַגע פון יידן, וועגן דער מע־אָריע פון באָלשעוויזם...

— אָט דאָס אַלץ ווילט איר געברויכן אין די לעקטשורס? פאַר אונזער עולם? (ב׳ לאַכט געמיטלעך). ווער דאַרף עס דאָ האָבן? ווער האָט עס גע־דולד צו הערן? ביי אונדז אַז מען קומט אויף אַ לעקטשור, קוקט מען אויפן לעקטשורער איידער אויף זיינע רייד. (ב. איז געווען גערעכט. איך האָב פאַר די גאַנצע זעקס חדשים כמעט ניט געדאַרפט האָבן די מאַטעריאַלן. דער עולם האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו עפּעס אַנדערש אין פאַרטראָג).

דאָ האָט זיך מסתמא אויפגעכאַפּט אין אים דער געוועזענער לערנער, וואָס קאָן ניט ליידן דעם פאַרגרעבטן עולם. פאַר אַזאַ עולם וויל ער ניט האָבן אפילו קיין גוטן מגיד. „מען דאַרף זיי נאָר עפּעס וואָס זאָגן". דאָס פאַרשטייט ער ניט, אַז ער איז אויך שולדיק אין דער לאַגע פון דער יידי־שער גאַס.

איך האָב עס אים אָפן געזאָגט. ער האָט צוגעגעבן אַז מען איז געוואָרן דאָ אָפּגעלאָזן, באַלעבאַטיש אָפּגעלאָזן. ס׳איז אָבער שוין שווער צו קעמפן קעגן דעם, מען איז שוין ניט יונג..׳ ער האָט מיר אָבער — מיט אַ תקיער כּח — שטאַרק צוגעזאָגט צו העלפן. מיר וועלן זען.

מיין געוועזענער חבר וו. לעווין איז געקומען נאָך מיטאָג פאַרבעטן מיך צו אים אין שטוב. מיר שטייען אַ פּאָר מינוט שווייגנדיק און באַטראַכטן איינער דעם אַנדערן. ער האָט זיך ניט שטאַרק פאַרענדערט פאַר די צען יאָר וואָס איך האָב אים ניט געזען. דער געקרייזלטער קאָפּ, די שוואַרצע קאַרשן־אויגן, דער מילדער בליק פון פנים. דעמאָלט איז ער אין מאָסקווע געווען טריי איבערגעגעבן צו דער פאַרטיי לינקע ס״ר. מיט אַ צניעותדיקן קול פלעגט ער אויפטרעטן פון דער טריבונע פון סאָוועטישן פאַרלאַמענט. איך געדענק ווי ער האָט גערעדט — אין נאָמען פון אונזער פאַרטיי — קעגן לענינען וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם צענטראַליסטישן כאַראַקטער פון „העכסטן עקאָנאָמישן ראַט". צניעותדיק האָב אויך געקלונגען זיינע אַר־טיקלען אין דער פאַרטיי־פּרעסע. אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער די פאַרפאָלגונגען, איז ער אַוועק אין וויטן מזרח־סיביר, דערנאָך האָט אים איינגעשלונגען כינע. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזוכט אין אַמעריקע. די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע חלומות האָבן זיך אָפּגעטאָן פון אים, עס האָט אים

אָבער געצויגן צום רוסישן דאָרף און ליד. אין זיין אומעטיקן באַנד רוסישע לידער האָב איך געפונען פיינע איבערזעצונגען פון לייוויקן, זישע לאַנדוי, מאני לייבן. אָבער קאַנטיק אַז זיין שיר־השירים האָט געהערט צו אַן אַנ־דער לאַנד און פיין.

„ווידער ווינטער!
אויף שוואַרצן שטאָל
טראָגט עס מיך אין סטעפּן פון אַמעריקע.
ריוג פון שנייען האָט צונויפגעפרעסט די בערג
און איבערן שניי — דער שוואַרצער קראָ
מיט אומעטיקן רוף צו דיר: אָ, רוסלאַנד!"...

אָט דאָס געדיכט זיינס איז געווען געווידמעט סערגיי יעסענין. מיט יעסענינס רוסלאַנד האָט לעווין געלעבט. היינט וואָס האָט ער שוין געקאָנט אויפטאָן אין דעם היינטיקן אַמעריקע?

אביסל אַמעריקאַניזירט. איז אָבער דאָך איצט געשטאַנען פאַר מיר ווידער דער ווייכער, אביסל אַפּגעלאָזענער, פאַרחלומטער אינטעליגענט. די צען יאָר האָבן טיף צעטרייסלט זיין גייסטיקע רו. ער איז געווען צעקאָ־ליעטשעט פון לעבן. מיין שטייפע ארבעטס־פּראָגראַם האָט אים אפילו גע־וואונדערט... מיר זיינען אין א שלאַקס־רעגן א לאַנגע צייט געפאָרן צו אים אין הויז, און האָבן געזוכט אַפּצופרישן דעם זעלישן שניר׳ל צווישן אונדז. ער איז א „פיינטער" דאָ און פאַרדינט נישקשה. אָבער דער קאָפּ ליגט אים אין רוסישער ליטעראַטור, און ס׳איז ניטאָ אין ניו־יאָרק קיין פּאַסנדיקער קרייז. ס׳זיינען דאָ דוכאָבאָרן, טאָלסטאָיאַנישע גאָט־זוכער, אָבער זיי זיי־נען ווייט אוועק אין דער פּראָווינץ. און די אַמעריקאַנער גופא? צווישן זיי זיינען דאָ מענטשן גייסטיק נאָענטע צו רוסלאַנד, אָבער ווי קומט מען צו זיי?...

אין זיין שמאָלער טונקעלער וווינונג האָב איך געטראָפן זיין יונגע רוסישע פרוי מיט א קינדערשן פּנים. אויך דער אַמאָל באַקאַנטער רוסישער שריפטשטעלער גוסעוו־אָרענבורסקי, א נידעריק מענטשל, א צעקנייטשטער אַמעריקאַניזירטער רוסאַק, האָט זיך דאָ געפונען. ביי א גלעזל טיי האָט מען מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן: איך לעב ראָך יעדנפאַלס נענטער ווי זיי צו רוסלאַנד. מען האָט מיט אומעטיקער איראָניע גערעדט וועגן דער איינזאַמ־קייט דאָ. זי אַליין זינגט און וואָלט וועלן א סך זינגען, נאָר ס׳איז ניטאָ דאָ פאַר וועמען. מען האָט אין רוסישן לשון אריינגעבראַכט ענגלישע ווערטער און מען האָט זיך געוואונדערט איבער זיך: „ענגעלשע" שפּראַך האָב זיי גערופן דעם ענגלישן לשון, ד"ה מלאָכים־שפּראַך. ס׳איז שווער צוצוזען יענעמס גלות, צוצוהערן זיך צום רוסישן „על נהרות בבל". איך האָב גע־קאָנט איצט פאַרשטיין לעווינס ווערטער אַז אין אירע לידער גיסט זיך אויס

פאַר אים די רוסישע נשמה. איר יונגע פיגור, צעפלאַכטענע האָר, שעמעוו־דיקע באַוועגונגען — זיינען געווען א שטיק פון יענעם לאַנד. לעווין איז געזעסן פארטרוימט אַן א זייט. זיי האָבן מיר דערקלערט אז זיי פאָרן באַלד אוועק קיין אייראָפּע, נעענטער צו רוסלאַנד. אַט אַזוי וועט ער, צען יאָר ארומבלאָנדזשענדיק אין דער וועלט, איבער סיביר, כינע, יאַפּאַן, אַמעריקע, ווידער אומקערן זיך א היים, צו יעסענינס לאַנד.

ווידער א שלאַקסרעגן, א דאַך פון סאָבוויי, און אריבערגעפלויגן אין אַן אַנדער עק שטאָט. שפּעט, מיט צרות, אָבער דאָך ארייננעפאַלן אין שטוב צו ד״ר עלסבערגן. ער האָט מיך גערופן ווייל היינט אָוונט זיינען ביי אים געסט. איינער פון זיי איז משה קאַץ פון פילאַדעלפיע. צי קאָן איך זיי? אוודאי! פון וואַנען? פון דער זשורנאַליסטיק, פון דער געשיכטע פון יידישן אַנאַרכיזם. מ. קאַץ, ד״ר מעריסאָן, זאָלאָטאַריאָוו.. דער קלאַסישער טיפּ פון דעם יידישן אַמאָליקן משכיל, אפּיקורס און נאַראָדניק אין איין פּערזאָן. די הויכע, שלאַנקע פיגור, די קורץ געשאָרענע גרויע האָר, דאָס גע־גאָלטע געזיכט מיט די גרויע וואָנצעס און אַן אויסזען פון א נאַש בראָט. א מענטש פון א העראָאישן דור וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען ביי אונדז. דאָ אין אַמעריקע איז יענע עפּאָכע נאָך פאַראַן. ס׳איז געווען אפילו משונהדיק צו הערן יידישע ווערטער פון זיין מויל. און דערביי איז ער רע־דאַקטאָר פון דער „יידישער וועלט״ אין פילאַדעלפיע. ער האָט מיך אויך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. מיר זיינען דאָך נאָענטע קרובים, דורך זשיטלאָווסקין. מיט א ציטערדיקער שטים האָט ער דערמאָנט אונדזער געמיינזאַמען אידעישן יחוס. אויך זיי האָבן געוואָלט הערן אַן אויפהער וועגן רוסלאַנד. זיי, פאַרפונדעוועטע און פאַרוואָרצלטע אין אַמעריקע, ציען זיך מיטן הארצן אהין, אפשר נים ווייניקער ווי די לעווינס ווו איך בין אַקערשט געווען.

עלסבערג בעט העלפן אָרגאַניזירן מיינע ארויסטרעטונגען אין פילאַ־דעלפיע. עלסבערג גייט פּאַמעלעך אריין אין מיין זאַך און רעדט שוין פאַר מיר. זיי זיינען מרוצה, אָבער מיט א טרויעריקער איראָניע זאָגט מ. קאַץ: איר ווייסט דאָך, ווי ווייניק מען קאָן איצטער אויפטאָן. ס׳איז ניטאָ מער די צייט פון א גערשוני, ווען א ל ע האָבן מיטגעהאָלפן. מען איז צע־קריגט און צעטיילט איצט...

זיין שטים ציטערט אַפּ מער ווי שטענדיק. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין: ער האָט געהערט אַמאָל צו די ערשטע בויער פון ראַדיקאַלן יידישן אַמערי־קע. היינט ליגט עס צעבראָכן, ווי געבראָכן איז זיין שטים. און דאָך זיינען זיינע אויגן לעבעדיק־יונג.

ערשט אין דער דריטער שעה אין דער נאַכט האָב איך זיך אומגעקערט

אהיים. וואס איז דער וואונדער, אז מען קאן זיך נישט צוגויפריידן אין וועג מיט די היגע מענטשן. ווי האט יענער ייד דערציילט וועגן פאריז: א שיין לאנד און א גוט פאלק, איין חסרון האבן זיי נאר: דאס לשון הרגעט זיי אוועק... אויך דא אין אמעריקע איז דער זעלביקער חסרון.

2־טער יאנואר, 1928.

ביי מיר איז היינט א לענגערע צייט געזעסן ד״ר פראנק. ערשט איצט האט ער זיך אנטשלאסן צו „באאומרויקן״ מיך. — „איר וועט נאך האבן געננוג אויסצושטיין פון אונדזערע נודניקעס, ווייל איך וויל אייך ניט שטערן״, — זאגט ער און א בלייכער שמייכל לויפט דורך איבער זיין פנים. אויף דעם קינדיש־ברייטן געזיכט ליגט א מידקייט און עפעס אזוי ווי א פאר־צווייפלונג. און דערביי האט דער דאזיקער יונגערמאן צו טאן מיט די טיפסטע און איידלסטע גייסטער פון מענטשלעכן דענקען. ער האט איבער־געזעצט אין יידיש דעם „אויפרוף עום סאציאליזם״ פון לאנדויער און אין ענגליש די רעליגיעזע שריפט פון גערשענזאן („דער שליסל פון גלויבן״)· פון וואנען נעמט זיך אזא מידקייט אין דער גאנצער פיגור זיינער? אז ער רעדט, ווערט זיין געזיכט אויסגעגלעטער אוןווארעמער.

ער הערט זיך צו צו מיינע אפרופן וועגן פארשיידענע מענטשן, און ער וואונדערט זיך אויף מיין אפטימיזם. — איך וויל אייך ניט מאכן שווער דאס הארץ, אבער איר וועט שוין זען שפעטער. ס׳איז ניטא קיין איינער, כמעט ניט קיין איינער וואס זאל זיין איבערגעגעבן צו גייסטיקע אינטע־רעסן. מ׳איז דא שרעקלעך איינזאם.

ער פארטראכט זיך און דערציילט באלד מיט א ביטערן שמייכל: אז איך בין געקומען אהער, האב איך אין „פארווערטס״ געגעבן א פאר אר־טיקלען איבער עקאנאמישע פראגן. זיי האבן, דוכט זיך, אויסגענומען. אבער דער באלעבאס־רעדאקטאר רופט זיך אפ צו מיר אין א פאר טעג ארום: „צו וואס דארפט איר שרייבן? איר וואלט געקאנט א סך מער פארדינען ווען איר גייט אריבער אין אינשורענס״. אז ביי די יידישע רעדאקטארן איז דאס שרייבן נישט מער ווי געשעפט. ס׳איז רעכט צו האנדלען מיט הערינג און מיט ציימונגס־ארטיקלען... איצט אז א שאטן פון ביטול לויפט דורך איבער זיין געזיכט, הייב איך אים אן צו פארשטיין.

— און איר מיינט אז די אנדערע זיינען בעסער? אט די „פרייע אר־בעטער שטימע״ טראגט זיך נאך ארום מיט די אלטע נוסחאות פון אמא־ליקן אנארכיזם· אומעטום אין דער וועלט באוועגט זיך דער מענטשלעכער געדאנק, מען זוכט און מען טראכט. נאר דא איז אלץ קלאר. רעליגיע טאר מען נישט דערמאנען. די אלטע אפיקורסים וואס זיינען פרעמד צו דער גאנצער וועלט, האבן זיי איינגערעדט אין דעם. היינט האבן דא די „ראדי־

קאַלן״ די משוגענע אידעע פון געבורטן־רעגולירונג און טראָגן זיך אַרום דערמיט. און דאָס איז דאָך די גרעסטע זינד קעגן סאָציאַליזם. וואָס פאַר אַ סאָציאַליזם איז דאָס אַז מען האָט גאָר מורא פאַר מענטשן?...

ד״ר פראַנק לאַכט מיט אַ סאַרקאַסטישן פנים און מאַכט מיט דער האַנט אַ יאושדיקע באַוועגונג.

— די אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָ אַזוי געשפּאָלטן ווי איר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. מען האָט זיך פיינט ערגער ווי שונאים. איר וועט גאָר ניט קענען צוקומען צו די מאַסן, צו די לינקע אַרבעטער, למשל — מען וועט זיי פשוט ניט צולאָזן צו אייך. אָבער דאָס דאַרף מען דאָ גאָרניט· עס איז וויכטיק אַז איר זאָלט ריידן צו דער אינטעליגענץ, צו די קרייזן וואָס קענען נאָך עפּעס פאַרשטיין. זאָלן זיי דאָס אַריינגעמען אין זיך, און שפּעטער ווען עס איז וועט עס אפשר אַריינדרינגען צו די מאַסן...

איך וויל אויפהאַלטן דעם זודיקן שטראָם פון אַ פאַרביטערטן מענטשן. אויסגעוואַקסן אין דער ליטווישער שטאָט וואָס איז דורכגעווייקט מיט ביל־דונג און לומדות, האָט ער זיך געלאָזן אין דער וועלט. ער קען שפּראַכן, ער שרייבט ענגליש, ער איז אַריינגעטראָטן אין עקאָנאָמישע פראַגן פונקט אַזוי ווי אין יידיש־רעליגיעזע. ער פרייט זיך וואָס אַ ריי אַמעריקאַנישע נאַ־טורוויסנשאַפטלער קומען צו רעליגיעזע זוכענישן. און ער האָט קיינעם ניט וועמען עס אַרויסצוגעבן. רעדט ער זיך היינט אַראָפּ פון האַרצן פאַר אַ ניי געקומענעם מענטשן. איך וויל אים דערמונטערן, איך דערמאָן אים צענדלי־קער מענטשן אין ניו־יאָרק וואָס זיינען גוטהאַרציק און צוגעלאָזט צום אַנ־דערן. ביי דעם נאָמען ליעסין ווערט זיין געזיכט ווייכער. ער ציט אָפּ דעם אָטעם און זאָגט: אפשר זייט איר גערעכט. נו, איר וועט נאָך זען, איך וויל אייך ניט מאַכן שווער דאָס האַרץ...

ד״ר סערגיי אינגערמאַן און דער ס״ר אָבערוטשעו

דער הײנטיקער אָװנט איז בײ מיר געװען אַן אומאָנגענעמער. עפּעס װי דאָס מזל װאָלט געװאָלט אונטערטראָגן מיר דעם טיפּ מענטשן פון װעלכע פראַנק האָט גערעדט. איך בין נאָך אַ לאַנגער רײזע איבער די באַנען צוגעקומען צו ד״ר אינגערמאַן. צו אים האָט מיך געפירט גאָר אַ באַזונדער ענין. איך װײס אַז ער איז דער אָנפירער פון די ניו־יאָרקער רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פון דעם גאָר־גאָר אַלטן אָרטאָדאָקסישן שניט. אָבער ער איז אַ ליבלעכער פעטער פון באָריס קאַמקאָװן, מײן נאָענטן חבר און פירער פון דער פּאַרטײ לינקע ס״ר. היות װי ער איז אַ װיכטיקער מיטגליד פון דעם ניו־יאָרקער „רױטן קרײץ״ (ד״ה דער געזעלשאַפט צו העלפן די געפאַנגענע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד), האָף איך דורך אים צוצוקומען צו דער געזעלשאַפט.

איך פיל אָבער פון זײער זײט אַ פאַרבאָרגענע פײנדלעכקײט. שױן אײניקע מאָל האָב איך זיך געװענדעט צו זײ פון בערלין מיט דער בקשה אַרײַנצושליסן אױך אונזער געפאַנגענע חברים אין זײער הילף. זײ האָבן ניט געענטפערט אַפילו. מען האָט מיר דערצײלט אַז פרױ סטרונסקי האָט סימפּאַטיעס נאָר צו די רעכטע ס״ר, און זי איז דער הױפּט־טוער פון „רױטן קרײץ״ — מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אָבער ד״ר אינגערמאַן מיט זײן פרױ געװען אין בערלין און זײ האָבן מיך באַזוכט. זײ האָבן דעמאָלט דערקלערט אַז ניט קוקנדיק אױף די פּאָליטישע חלוקי־דעות װעלן זײ צוזען, אַז דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט זאָל אונדזערע אױך העלפן. אָבער — װי געזאָגט — דער קאָמיטעט האָט אונדז איגנאָרירט.

אַז סערגיי מיכאַילאָװיטש (דאָס איז דער נאָמען פון ד״ר אינגערמאַן), איז אַרױסגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך דערקענט, איז ער געװאָרן שטאַרק מבולבל. ער האָט עפּעס ניט געפונען קײן װערטער. דער גוטמוטיקער אַלטער מאַן, מיטן פּנים און לשון פון אַ רוסישן זעמסקי דאָקטאָר, האָט גענומען װאַרפן זיך אױף אַלע זײטן. — אַנטשולדיקט, האָט ער גערעדט אײלנדיק רוסיש — מײן פרױ איז נישטאָ, זי ליגט קראַנק אין אַ קליניק — בײ מיר איז דאָ ניט אױפגעראַמט... װען זײט איר געקומען? איר מוזט מיך אַ

ווילע אנטשולדיקן, ביי מיר זיצן איצט פּאַציענטן. איך וועל זיך באַלד באַפרייען...

איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין זיין פאַרווירונג. ער האָט מיך אריינגעפירט אין אַ צימער, באַוויזן אײלנדיק אַ יונגנט־פּאָרטרעט פון קאַמ־קאָוון אויפן טיש, און איז פאַרשוואונדן. אַז ער האָט זיך שפּעטער באַפרייט, זיינען מיר געזעסן אין זיין קליינעם עסצימער, און אַ נעגער־פרוי האָט אים דערלאַנגט דעם מיטאָג. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען פון דער נאָענט אַ שווארצן. אין אייראָפּע זיינען מיר ניט צופיל באַהאַוונט מיט ידיעות וועגן נעגער־לעבן. אַז איך האָב געזען מיט וועלכער שטילער הכנעה די היגע נעגערין רעדט צום „מאַסטער" און ווי אומבאַמערקט־שטיל זי באַוועגט זיך אין צימער, האָב איך זיך נאַאיוו דערמאָנט אָן דעם „שטיבל פון פעטער טאָם".

סערגיי מיכאילאָוויטש איז געווען פונקט אַזוי נערוועז ווי פריער. ער האָט גענומען פונאַנדערפרעגן אויף וועמען איך וויל זיך דאָ שטיצן אין מיין אַרבעט. איך זע דאָ קיינעם ניט ווער זאָל זיין נאָענט צו אייך. איר פאַרשטייט דאָך (האָט ער מוסיף געווען מיט אויגן אָפּגעווענדעט צו דער זייט) אַז איך קאָן אייך ניט העלפן...

ערשט דאָ האָב איך פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער איז געווען צערודערט. ער האָט מסתמא געמיינט, אַז איך וועל פאַרלאַנגען פון אים פּאָליטישע הילף! איך האָב איצט געקאָנט אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס און באַרויקן אים. — ווי האָט איר דאָס גאָר געקענט מיינען, סערגיי מיכאילאָוויטש? איך וועל מיין אַרבעט פירן אַליין.

דורך די אינטעליגענטישע ברילן האָבן אויף מיר איצט געקוקט פאַרוווּנדערטע אויגן. אָבער זיי איז נאָך אַלץ נישט באַשערט געווען צו באַרויקן זיך. — איך בין געקומען צו אייך נאָר בנוגע דעם „רויטן קרייץ". נישט געקוקט אויף אייער צוזאָג, האָט ער אונדז ביז היינט אַפילו נישט געענטפערט, און אייער טאָכטער איז געווען סעקרעטאַרין.

— ניין, ניין — האָט ער זיך ווידער גענומען איילן — מיין טאָכטער איז שוין לאַנג ניט סעקרעטאַרין. און איך פאַרנעם זיך ווייניק מיט דער זאַך. איר געדענקט איך האָב אייך אַמאָל געשריבן...

און ער האָט געפונען אַן אויסוועג. עס וועט זיין ריכטיקער אויב איך וועל זיך דורכרידן וועגן רויטן קרייץ מיט אַבערוטשעוון. ער איז אַ ס"ר, ער פאַרנעמט זיך דערמיט. ווילט איר, איך וועל אייך באַלד צונויפפירן מיט אים. ער מוז איצט טאַקע זיין אין שטוב.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיטן רויטן קרייץ וועל איך האָבן געברענטע צרות. פון דער גאַנצער אויפפירונג פון ד"ר אינגערמאַן האָב איך אַרויסגעזען אַז ער איז שוין געווען גוט אינפאָרמירט וועגן מיר און אַז עס טוט

זיך שוין עפּעס צווישן דעם רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן עולם. דערפאַר איז ער געווען אַזוי מבוהלדיק. ער האָט טעלעפאָנירט צו אַבערוטשעווען, און מיר האָבן אָפּגערעדט אַז איך וועל טאַקע באַלד זיך אַריבערכאַפּן צו אים. איך בין געווען צופרידן אָפּצוברעכן דאָ מיין וויזיט. סערגיי מיכאַילאָוויטש האָט ניט געוווסט ווו אַהינצוטאָן זיינע אויגן, האָט מיר אָנגעבאָטן צו נע־מען ביי אים איצטער און שפּעטער רוסישע בלעטער. „אַ גוטן אָוונט אייך!"

מיט מיין פריינד יאַטשקאָווסקין האָב איך זיך געטראָפן אין גאַס און צוזאַמען אויפגעהויבן זיך אין דער ענגער דירהלע פון אַבערוטשעוון. זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט אין דער פּאַרטיי ס"ר, נישט אַזוי צוליב זיינע אויפטוען ווי צוליב זיין מקור. ער איז געווען אַן אָפּיצער און האָט בשעתו אַ סך ריזיקירט פאַרבינדנדיק זיך מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אָבער אַז עס איז געקומען די גרויסע צייט פון אַנטפּלעקן זיך — די רעוואָלוציע פון 1917 — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַבערוטשעוו איז געווען נישט מער ווי אַ רעוואָלוציאָנער־געשטימטער ליבעראַל און פּאַטריאָט. קערענסקי האָט אים באַשטימט פאַר דעם מיליטער־קאָמאַנדיר פון קיעווער געביט אין דעם סאַמע ברען פון די אוקראַאינישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. ס'פאַר־שטייט זיך אַז אַ ליבעראַלער פּאַטריאָט האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די דעמאָלטיקע שטורעמס, און ער איז פּאַרוויינט געוואָרן פון דעם היסטאָרישן ווינט. דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן קיין אַמעריקע ווו ער האָט זיך איצט אַרומגעטראָגן מיט דער מאָגערער אידעישער טאָרבע פון „רוסלאַנד" און „דעמאָקראַטיע". שוין יאָרן לאַנג האָב איך זיך ניט געטראָפן מיט אָט דעם טיפּ פון אַ פּאַטריאָטישן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. ווי זעט ער איצט אויס?

אַז מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם ענגן קאָרידאָר פון זיין דירה, איז אונדז אַרויס אַנטקעגן אַ גוואַלדאָווע פיגור פון אַן עכט־רוסישן גיבור, גרויס, בלאָנד, מיט אַ ברייטער לאָפּעטע־באָרד, מיט פריינדלעכע אויגן, האָט אונדז אַבערוטשעוו נעגעבן דעם ברוך־הבא. אין זיין אויסגעשפּרייטן שאָטן האָט זיך כמעט פאַרלאָרן זיין קליינינקע פרוי. מען האָט אונדז אַריינגע־פירט אין אַ צימערל ווו אַ כשרער רוסישער סאַמאָוואַר האָט מכבד געווען אורחדיק געשיפּעט. אויפן טיש האָט ניט געפעלט אויך דאָס טעצעלע וואַרעניע. בעת איך האָב מיט אינטערעס באַטראַכט דעם פרישלעבעדיקן ד ע כ ט ; עסער, האָבן זיי ביידע מיט דעם זעלביקן אינטערעס צוגעקוקט זיך צו אַ לעבעדיקן ל י נ ק ן עסער. זיינען דאָך זייערע פאַרשטעלונגען וועגן די „פּאַרמאַסקירטע באָלשעוויקעס" (און דאָס זיינען מיר דאָך!) געווען די שווי־דערהאַפטסטע. און דאָ, אויפן צענטן שטאָק פון אַ ניו־יאָרקער הויז, קאָן מען זיך טרעפן ווי נאָענטע... עס וואָלט געקענט קומען צו אַ פאַרלעגנהייט צווישן אונדז, ווען דער פריינדלעכער באַלעבאָס וואָלט ניט גענומען באַלד

אויספרעגן ביי מיר וועגן אונדזער חברטע, אלעקסאנדרא איזמאאילאָוויטש. זיי האָבן זי אפילו גערופן מיט דעם אינטימען נאָמען: סאָניא. זיי האָבן זי געקענט נאָך פון יענער צייט אין יאָר 1906, ווען זי האָט געוואָרפן א באָמבע אין דעם מינסקער גובערנאַטאָר קורלאָוו. זיי האָבן אויך געקענט ספּירידאָנאָוואַן און האָבן זי אויך אָנגערופן מאַרוסיא („ספּירידאָנאָווא" איז געווען א פּאָליטישער נאָמען און א לאָמפּ־רוף, וואָס די עסערן קע־נען ניט פאַרטראָגן; „מאַרוסיא" קלינגט היימיש ווי א דערינערונג אָן דער פּאַטריאַרכאַלישער עסערישער משפחה). דאָס אַליין האָט אַריינגעטראָגן א מונ־טערן טאָן אין אונדזער געשפּרעך.

אָבערוטשעוו האָט געגעסן פון טעלערל די וואַרעניע און האָט זיך געהאַלטן דיפּלאָמאַטיש אין דער הויפּט־פּראַגע. אָט טאַקע דיזעלביקע סאָניא און מאַרוסיא מוזן געהאָלפן ווערן פון דעם ניו־יאָרקער רויטן קרייז, צו וועלכן ער געהערט אַליין. האָט ער זיך אונטערגענומען דורכצושמועסן זיך. וואָס איך פאַרלאַנג פון זיי דערווייל איז, אַז איך זאָל קענען פּערזענלעך אויפקלערן די לאַגע פאַר זייער קאָמיטעט... שטרענג איז אָבער אָבערוטשעוו געווען בנוגע אַלעמען וועמען ער האָט חושד געווען אין „באָלשעוויזם". די ניו־יאָרקער רוסישע האַלב־באָלשעוויסטישע צייטונג („נאָווי מיר") האָט ער גערופן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג א שמיר־בלאַט. אַז דער נאָמען פון שרייבער גוסעוו־אָרענבורגסקי איז אַרויפגעשווומען אין די רייד, האָט ער מיט עקל דערמאָנט אַז יענער „פּאַטשקעט דאָס פּאַפּיר אין דעם באָל־שעוויסטישן בלאַט". די באָלשעוויקעס גופא זיינען פאַר אים פאַרברעכער און אַוואַנטיוריסטן. און טשערנאָוו, דער פריערדיקער פירער פון די עסערן, איז נישט מער ווי א שאַרלאַטאַן, אָט אַזוי פּשוט האָט ער עס אַרויסגעזאָגט מיט דער באַסאָווער שטים שאַרלאַטאַן, און האָט דערביי פריינדלעך באַ־לעקט דאָס לעפעלע מיט קאַרשן־וואַרעניע. ס'איז קאָמיש און שרעקלעך ווען אין א גוטמוטיקן מענטשן כאַפּט זיך אַריין א בלוטיקע שנאה צו עפּעס. שנאה לשם מה? צוליב וועמען? פאַר וועמענס כבוד?

שנאה צוליב „רוסלאַנד", צוליב דעם הייליקן, דעם „אייגענעם" פאָ־טערלאַנד. גאָר נישט מער צוליב סאָציאַליזם. דאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט דער פּאַטריאָטישער בירגער, וואָס איז אין די צענדליקער יאָרן פון רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף געלעגן באַהאַלטן אונטערן סאָציאַליסטישן מאַנטל. „זיי", די באָלשעוויקעס, האָבן פאַרשוועכט רוסלאַנד. זיי, די ניט־עכטע רוסן, האָבן פאַרשוועכט... פון אַזעלכע מחשבות פירט אַמאָל א ענג שטעגעלע צום אַנטי־סעמיטיזם אויך. אפשר אָבערוטשעוו פון היינט ניט, אָבער די אָבערוטשעווס פון מאָרגן... ער האָט גענומען דערציילן וועגן א זאַמלבוך פאַר נויטבאַדערפ־טיקע רוסישע שרייבער אין דער עמיגראַציע וואָס ער שטעלט דאָ צונויף.

און אַז ער האָט אָנגערופֿן די נעמען פֿון די אויטאָרן פֿון זאַמלבוך און פֿון די נצרכים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַן ערב רב פֿון נעמען, פֿון כלומרשטע סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן און האַלב שוואַרצע מאַהניקעס. דעם געוועזענעם סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער איז דאָס געווען אַלץ גלייך, ווייל מען דאַרף דאָך העלפֿן דער „רוסישער" וויסנשאַפֿט, דער „רוסישער" ליטעראַטור. רוסיש און אַנטי־באָלשעוויסטיש. אַזעלכע מענטשן מיינען אַז זיי שטייען אונטער די פֿליגלען פֿון דער נאַציאָנאַלער שכינה, און אין דער אמתן באַשיצן זיי אַ רוסלאַנד וואָס איז זיי ליב רײן־פּערזענלעך אָדער קלאַסן־מעסיק.

...איך קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ שאַרלאַטאַן איך האָב געמוזט זיין אין זיינע אויגן. אָבער מען איז געזעסן רויק און געלאַסן געשמועסט.

אַ שפּאַציר איבער די יידישע יוניאָנס

3־טער יאַנואַר, 1928.

אין דער רעדאַקציע פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" איז היינט צו מיר שטיל צוגעגאַנגען אַ יונגער בחור מיט ליכטיקע אויגן, שמייכלענדיק רופט ער זיך אָן: לוי פרידמאַן. — פאַר וואָס האָט איר זיך ביז איצט ניט אָפּגערופן? — פרעג איך אים. איך האָב געשריבן תּיכּף ווי אַנגעקומען אַהער...

— איך האָב אייך ניט געוואָלט שטערן די ערשטע טעג.. איך האָט דאָ געגנוג צו טאָן... איך קוק זיך צו צו אים. פון בריוו קען איך אים שוין לאַנג, אָבער איצט זע איך אַז ער איז יונג, לעבעדיק, באַשיידן, מיט אַן אָפּענעם אַרבעטער־געזיכט. מיר זעצן זיך אין אַ ווינקל און פרוון ריידן. ער ענטפערט שטילערהייט האַלבע ווערטער און בעט אָפּלייגן דעם שמועס אויף אַ רויקן אָרט. אָפּגערעדט: מאָרגן אין דער פרי ביי מיר. ער זעגנט זיך אָפּ מיט אַ וואַרעמען פּנים. ער האָט דאָך — איינער פון די גאָר ווייניקע — גערופן מיך קומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן אַ געמיינזאַמען וועג...

מיטן ד"ר פראַנק האָבן מיר אָפּגערעדט צו מאַכן אַ קליינעם שפּאַצירגאַנג איבער די יידישע יוניאָנס. גייען מיר היינט, ראשית כּל, צו דער אַמאַלגאַמיטעד. די אַמאַלגאַמייטעד האָט אַ שם פון אַ לינקס־געריכטעטער אָרגאַניזאַציע. איר יידישער זשורנאַל „פּאָרטשריט" פאַרנעמט — אין די אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן — אַ ליניע וואָס איז אָפּגעזונדערט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם. פאַר מיין קומען קיין אַמעריקע האָט מיר איר רעדאַקטאָר — ע. ראַבקין — אָנגעבאָטן אָנצושרייבן אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פון דייטשישן פּראָלעטאַריאַט. די שטעלונג פון דעם אַרטיקל האָט אין גאַנצן געפּאַסט פאַר זיי. דאָס האָט געשאַפן אַ אידעישע נאָענטקייט צווישן אונדז. איך האָב אויך געהערט אַז איינער פון זייער פירער — סאָלוצקי — האָט מיט אַ יאָר צוריק געוואָלט זיך נעענטער באַקענען מיט דער פּראָגראַם פון אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ אין פּאַריז (וו עס זיינען פאַרבונדן די פּאַרטייען, וואָס שטייען דרויסן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם). איך האָב געהערט אַז דער פירער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד יוסף

שלאָסבערג שטייט נאָענט צו דער דייטש־אַמעריקאַנער לינקער פּאַרטיי פון לודוויג לאָרע, ד״ה צו יענער וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון מאָסקווער אינ־טערנאַציאָנאַל. זיינען דאָס אַלזאָ מענטשן מאנשי שלומינו.

מיר טרעפן זיך אין דעם גרויסן געבוי אויף יוניאָן־סקווער ווו עס גע־פינט זיך די אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן. דער יוניאָן־סקווער איז מרעיש עולמות מיט זיין טומל און געפילדער. דאָס איז איינער פון די סאַמע פאַרפּלאָנטע־נע קנוילן פון ניו־יאָרק. אַלע ווײַלע וואַרפט דער סאַבוויי אַרויס פון זיך טויזנטער מענטשן וואָס צעטיילן זיך ווי מוראשקעס איבערן פּלאַץ. הויכע מויערן מיט צענדליקער עטאַזשן און הונדערטער פענצטער־אויגן שטייען אַרום דעם פּלאַץ, לאַנגע שורות פון אויטאָס שלענגלען זיך צווישן די מענטשן. אַ ווינטערדיקע זון באַשיינט קאַלט דעם רויק־פאַרהאָוועטן עולם. פון צווישן די רחבותדיקע מויערן, געדיכט באַזעצטע מיט קאָנטאָרן, ביוראָס, געשעפטן און באַנקן, וואַרפט זיך פּלוצים אין די אויגן די „פרייהייט". די קאָמוניסטישע רעדאַקציע פאַרנעמט דאָ אַ פּאָר הויכע עטאַזשן. אין דעם הויף פון דער ענגלישער גאַס שרייט אַריין די „פרייהייט" מיט איר יידישן שילד. און אַט לייכטן אַנטקעגן די אותיות פון אַמאַלגאַמייטעד, ראשית פון אַמאַלגעמייטעד־באַנק, דער איינציקער יידישער אַרבעטער־באַנק וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פאַרנעם. דוכט זיך זי איז געווען די ערשטע עקאָ־נאָמישע אינסטיטוציע פון אַמעריקע וואָס האָט אָנגעהויבן פירן געשעפט־באַציונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד, און דערמיט דורכגעבראָכן די וואַנט פון באָיקאָט. אויבן אין די צימערן פון דער יוניאָן טרעפן מיר די פירנדיקע מענטשן. אַ קורצוווקסיקער, רירעוודיקער יונגערמאַן, — דאָס איז ראַבקין. אַ הויכער ברייטפּלייציקער עלטערער מענטש מיט אַ מילדן אויסדרוק פון די אויגן — דאָס איז שלאָסבערג. עפּעס ווי מיר וואָלטן געווען שוין פון פריער באַקאַנט. ער שטעלט מיך פאָר צו אַ דריטן אין צימער: דוד פּינסקי. אַזוי עלעגאַנט, קאָרעקט און היינטיק־וועלטלעך האָב איך זיך אים ניט פאָרגע־שטעלט. נאָך פון מיינע יינגלשע יאָרן איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ פאָר־שטעלונג וועגן אַ רעוואָלוציאָנערן אויטאָר. האָט ער איצט ניט געזאָלט זיין אַ באַיאָרנטער און אָפּגעלאָזענער יידישער דיכטער?... ער איז אָבער שלאַנק און פריש, מיט לעבעדיקע, אַביסל פאַרחלומטע אויגן. די געקרייזלטע וואָנ־צעס אויפן ראַזירטן געזיכט, דער מאַנטל, די הענטשקעס, דער פריינדלעכער שמייכל, — אַ גרוס פון אייראָפּעישער גרויסשטאָטישער עלעגאַנץ. דאָס איז דאָך גאָר ניט ענלעך צו די היימישע שרייבער־געשטאַלטן פון קאַפּע „אייראָפּע".

י. שלאָסבערג וויל מיר באַווייזן אַ ביסל פון זייער יוניאָן. אויף דער וואַנט הענגען צוויי גרויסע געדרוקטע דאָקומענטן מיט אונטערשריפטן פון

רוסישע סאָוועט־פירער. דאָס זײַנען — דערקלערט מיט שטאָלץ שלאָסבערג — די קבלות אויף דעם געלט וואָס אונדזער יוניאָן האָט געשיקט קיין רוסלאַנד אין די הונגער־יאָרן. מיר האָבן געשיקט גרויסע הילף. איך לייען אויף די דאָקומענטן סומעס פון 150.000 דאָלאַר. דאָס איז אַ באַווײַז — איך הער עס אין שלאָסבערגס אינטאָנאַציע — פון דער „לינקייט" פון זייער יוניאָן (ד ע ם נוסח פון „לינקייט" קען איך שוין גוט. העלפן די הונגערנדיקע אָדער פאָדערן די אָנערקענונג פון דער מאָסקווער רעגירונג בײַ די מלוכות — איז אָפטמאָלס אַ לינקע סגולה קעגן זײַן באמת לינק בײַ זיך אין לאַנד. שלאָסבערג פירט פון איין צימער אין דעם אַנדערן. אין דעם סטאַטיסטישן צימער באַווײַזט ער שאַפעס אָנגעפילטע מיט קאַרטאָטעקן פון די יוניאָן־מיטגלידער. — „אַז מיר ווילן וויסן וואָס עס טוט זיך מיט וועלכן ניט איז מיטגליד אין גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדע, קענען מיר דאָ גלײַך דערפאַרן". ער נעמט אַרויס אַ קאַרטל און באַווײַזט: ס'איז אין איר פאַרצייכנט די גאַנצע, אַזוי צו זאָגן, אינדוסטריעלע ביאָגראַפיע פון אַן אַרבעטער ערגעץ־ווו אין לאַנד. טאָמער ענדערט זיך זײַן לאַגע ווערט דאָס תיכּף פאַרצייכנט אויף ד ע ם קאַרטל אין דעם צענטראַל־אַמט. ס'איז געמאַכט אַזוי ווי אין די דײַטשע געווערקשאַפטן און אפשר נאָך בעסער. ווײַל אין דער אַמאַלגאַמייטעד איז אָרגאַניזירט ניט אַ גלײַכאַרטיקע אַרבעטער־מאַסע, נאָר אַ פיל־נאַציאָנאַלע. זיבן־אַכט נאַציעס פון אַרבעטער זײַנען פאַרטראָטן אין דעם מענער־שנײַדער פאַרבאַנד. עס ווערן דאָ אַרויסגעגעבן צײַטשריפטן אין ענגליש, יידיש, איטאַליעניש, ליטוויש, רוסיש. עס פאָדערט זיך אַ באַזונדערער פּאָליטישער טאַקט און קענטשאַפט כּדי צוזאַמענצוהאַלטן אין אַ יי ן יוניאָן טויזנטער מענטשן פון אַזוי פיל נאַציעס. געוויס איז אַמעריקע אַ שמעלצטאָפּ פאַר די נאַציעס, און אויך אין די אַרבעטס־באַדינגונגען פון אַ געוויסער בראַנזשע האָבן זיך מיסתּמא אויסגעבילדעט גלײַכע לעבנס — און קאַמף־פאָרמען. פונדעסטוועגן האָבן די נאַציעס יעטוועדע ז יי ע ר ע לעבנס־מנהגים און פאָדערונגען. יעדע איז פאַרבונדן גײַסטיק מיט איר פאָטערלאַנד אין דער היים. און עס איז אַ פאַרדינסט פון דער אַמאַלגעמייטעד וואָס זי האָט זיי צוזאַמענגענומען, אײַנהאַלטנדיק בײַ יעדערער איר אייגענעם פּנים. אפשר קומט עס דערפון וואָס יידן (הילמאַן, שלאָסבערג) פירן אָן מיט דער יוניאָן?

זיי האָבן מיר אָבער דערציילט אַז מיט דער צײַט מוז ווערן אַלץ קלענער די צאָל פון די פירנדיקע יידן אין יוניאָן. ווײַל עס קומט פאָר אַ גרויסער איבערשיכטונגס־פּראָצעס צווישן די מענער־שנײַדער־מאַסן. אַמאָל איז עס געווען כּמעט אַ מאָנאָפּאָליסטישער צווײַג פון יידישער אַרבעט, האָט אויך די יוניאָן ממילא געהאַט אַ יידישע פירונג. איצט דרינגען אַרײַן אַלץ מע־

איטאַליענישע, סלאַווישע און אַנדערע אַרבעטער אין דעם פאַך. און זיי לאָזן ביסלעכווייז פילן זייער פאַרלאַנג צו זיצן אין דער פירערשאַפט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט, למשל, אין דעם וואָס דער יידישער „פאָרטשריפט" וועט דערשיינען באַלד ניט יעדע וואָך, נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן. די צייטשריפטן פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס ווילן דערפאַר דערשיינען אָפטער...

צי זאָל דער יידישער אַרבעטער זיין אומצופרידן מיט אַזאַ אַנטוויקלונג? די יידישע פירער האָבן אויפגעהאַלטן און דערמוטיקט דאָס נאַציאָנאַלע אייגן-לעבן ביי די אַנדערע סעקציעס. און מיט רעכט. די אַלגעמיין-מלוכהשע אַמעריקאַנישע „מאַסקע" נעמט צו ביים אַרבעטער זיין נאַציאָנאַלן פּנים. אויב די יידן האָבן דאָ אויסגעהאָדעוועט „פרעמדע" נאַציעס, צו אַ באַוווסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַרישן לעבן, האָבן זיי געטאָן נאָר זייער פליכט. (נישט אַנדערש איז די לאַגע מיסתּמא אויך אין פּאַלעסטינע, בנוגע די אַראַבישע אַרבעטער-מענטשן). מען דאַרף נאָר האָפן אַז דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין פון די אַנדערע סעקציעס וועט זיך ניט אומדרייען אין אַ פיינדשאַפט קעגן דער יידישער סעקציע. יעדנפאַלס מוז דער געבוי פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין זין פון סאָלידאַריטעט זיין אַן אימפּאָנירנדיקע דערשיינונג. מען דאַרף נאָך געדענקען אַז זי איז אויפגעבויט אין יענער ספּעציפיש-יידישער אַרבעטס-בראַנזשע פון שניידעריי וואָס פאַרנעמט נאָך אַ קליינעם אָרט אין דער מעכטיקער אינדוסטריע פון לאַנד. ס'איז אַ ווירדיקע אַנטפּלעקונג פון יידישן סאָציאַלן כוח.

ביים לאָנטש קומען מיר צו ריידן אויף אונדזערע טעמעס. וועגן דער שאַרפער צעשפּליטערונג פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס אויף רעכטס און לינקס. גראָד איז איצט אַ מאָמענט פון דורכשניטלעכער רו. די אַטאַקעס פון די לינקע זיינען אַזוי ווי אָפּגעשלאָגן, אָבער אויך די רעכטע ליגן אין אַ צעבראָכענעם צושטאַנד. וואָלט ניט געווען אַ יושר, אַז אין דעם איצטיקן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט זאָל זיך דערהייבן אַ קול פון אַ דריטן לאַגער וועלכן מען זאָל ניט קענען חושד זיין אַז ער איז „אונטערגעשיקט" פון יענע ביידע לאַגערן? וואָלט ניט געווען די אויפגאַבע פון דער אַמאַלגאַמייטעד וואָס האָט זיך דורכגעהאַלטן אָן שפּאַלטונגען, צו פּרוּוון שאַפן אַזאַ דריטן לאַגער וואָס זאָל פירן צו אַ פאַרשטענדעניש? שלאָסבערג הערט זיך צו, אָבער ער לייגט ניט קיין האָפענונג אויף אַזעלכע פאַרשלאָגן. עס וואָלט אויך געווען ניט קלוג אַריינצומישן אין די דאָזיקע גיפטיקע סכסוכים די אַמאַלגאַמייטעד, וואָס האָט זיך ניט נסים אויסגעהיט פון זיי.

— איך מיין ניט די יוניאָן ווי אַזעלכע, נאָר די טוער אירע. זיי זאָלן זיך צונויפקומען מיט די אויסגעניכטערטע עלעמענטן פון די לינקע און די

רעכטע, אויסאַרבעטן ניט נאָר אַ פּלאַטפאָרם פון געמיינזאַמע פאָדערונגען אין עקאָנאָמישן קאַמף, נאָר שאַפן אַן אַטמאָספער פון פּראָלעטאַרישער אחדות..

שלאָסבערג שאָקלט מיטן קאָפּ. ער קען מסתמא בעסער די מוער פון אַלע ריכטונגען, ער ווייסט ווי ווייט עס איז דערגאַנגען די קעגנזייטיקע פאַרביטערונג.

אָבער גאָר אַ קלאָרע תשובה גיט ער מיר ווען איך באַריר די פראַגע פון סאָציאַליסטישע געפאַנגענע אין רוסלאַנד. צי קאָן איך האָפן אויף הילף מצד דער אַמאַלגאַמייטעד? מיט זיין מילדער שטים ענטפערט ער גאַנץ אַנטשידן אַז ניט. זייער יוניאָן היט זיך אָפּ פון אַריינצוטראָגן וועלכע ניט איז פּאָליטישע שטרייט-פראַגן אין דער אַרבעט. נאָר דערמיט גיט זיך זיי איין צו האַלטן אַלע ריכטונגען צוזאַמען. וואָלטן זיי אויפגעהויבן די געפאַנגענע-פּראַגע, וואָלט דאָס אויפגעבראַכט די לינקע עלעמענטן פון יוניאָן.. ס׳פאַרשטייט זיך אַז איינצלנע מיטגלידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד וועלן גערן שטיצן די געפאַנגענע, איצט איז אָבער אין אונדזערע אַרבעטער-קרייזן, באַזונדערס ביי די שניידער, אַ גרויסער קריזיס. מען איז זייער פאַראָרעמט, מען לעבט פון שטיצע...

— אויב מען טאָר נישט אויפהייבן ביי אייך קיינע פּאָליטישע פראַגן, ווי איז צו דערקלערן אַז איר, ה׳ שלאָסבערג, זייט אַזוי איבערגעגעבן צום ציוניזם? ס׳מוז דאָך זיין זיכער אַ קעגנערשאַפט דערצו אין אייערע קרייזן;... און איך לייען אַז איר טרעט אויף ביי דעם געווערקשאַפטן-קאַמפּיין טאַקע ווי דער פאַרטרעטער פון דער אַמאַלגאַמייטעד?..

שלאָסבערגס גערזיכט האָט ביי דער פראַגע אויפגעלויכטן. יע, — האָט ער געזאָגט — איך בין געווען, מען קען זאָגן, איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אין אַמעריקע אָנגענומען פאַר פּאַלעסטינע. ס׳איז דאָך געווען פריער, ביי די יידישע סאָציאַליסטן דאָ, ערגער ווי טריף. איצט איז שוין דאָס געוואָרן אַ פשוטע זאַך, אָבער דעמאָלט האָט מען געדאַרפט האָבן מוט. גיין, היינט שטערט אונדז קיינער ניט אַרויסצוטרעטן אין די אינטערעסן פון אַרבעטער-פּאַלעסטינע.

אויך ביי דוד פּינסקי וואָס איז געזעסן מיט אונדז האָט זיך ביי דער פראַגע געוויזן אַ שמייכל פון גייסטיקער צופרידנקייט. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך ביידע דערמאָנט אָן די קאַמפן וואָס זיי האָבן געמוזט אַמאָל אויסהאַלטן כדי דורכצוברעכן דאָ אַ וואַנט. „אַב. קאַהאַן איז דאָך שוין אויך אַ פריינד פון דער זאַך... עס ענדערט זיך בכלל אַ סך אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. אָט הער איך פון אייך אַז מען זעצט איבער אויף יידיש דאָס בוך פון דע-מאַן, ווו עס ווערט באַטאָנט דער עטישער כאַראַקטער פון סאָציאַליזם... איך

דערמאָן זיך ווי מיט יאָרן צוריק האָב איך אויך שטענדיק אונטערשטריכן דאָס עטישע, די עטיק אין סאָציאַליזם".

ס'איז מיר אַ ביסל מאָדנע: אויב מען האָט געקאָנט דורכברעכן אַ וואַנט אין איין פראַגע, פאַר וואָס אַזאַ צוריקגעהאַלטעניש אין די היינטיקע שווערע פראַגן? אָדער ווייל מען איז אַמאָל געווען יינגער?

מיר גייען זיך פונאַנדער און ריידן אָפּ די טעג צו טרעפן זיך ביי שלאָסבערגן און ביי פּינסקי אין דער היים. דערוויייל פירט מיך מיין מלאך פראַנק אויף די פליגלען פון אַן עקספּרעס צו דער אַנדערער יוניאָן.

אין דער „אינטערנעשאָנאַל" הערשט אַ גרויסע שטילקייט. אפשר דערפאַר ווייל מיר זיינען געקומען אין אַ מיטאָג־שעה? אָבער אַז מען דערמאָנט זיך וועגן דעם גרויסן רעש און איינדרוק וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געמאַכט מיט אירע מיטגלידער־צאָלן און געלט־פאָנדן, זעט עס איצט אויס ווי עפּעס אָפּגעשטאָרבן. די גאַנצע אַטמאָספער אין דעם בילדונגס־דעפּאַרטמענט וואָס מיר האָבן באַזוכט, האָט דערמאָנט אָן אַן עיר הנדחת... די שאַרפסטע און בלוטיקסטע קאַמפן האָבן זיך צווישן די רעכטע און לינקע אָפּגעשפּילט טאַקע אויפן באָדן פון דער אינטערנעשאָנאַל. ביידע צדדים האָבן ניט געשאַנעוועט איינער דעם אַנדערן. שלעגערייען, גענגסטערס, פּאָליציי מיט ריכטער — אַלץ איז געווען אַ מיטל אין קאַמף. די קאָמוניסטן האָבן, ראשית, אַרויסגעשטופּט די „רעכטע" דזשאָב־האָלטערס (ד"ה יוניאָן־באַאַמטע), ווייל זיי האָבן אויסגענוצט די טענות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי די מיטגלידער קעגן די פאַרפונדעוועטע פירער. די רעכטע האָבן באַלד ווידער אַרויסגעשטופּט די קאָמוניסטן בעת יענע האָבן דערקלערט — צוליב ברוטאַלן פּרעסטיזש — אַ שטרייק וואָס האָט ניט געהאַט קיין גליק. ביידע צדדים האָבן זיך געהאַלטן פאַר די איינציקע פאַרטרעטער פון די מאַסן, בעת די יוניאָן און דער ווילשטאַנד פון די מאַסן איז געלעגן צעשמעטערט אויף דער ערד. די געווינער פון דער מלחמה זיינען געבליבן די באַלעבאַטים פון דעם טרייד. דער טרייד (פרויען־שניידערײַ) האָט בכלל איבערגעלעבט אַ געוויסן קריזיס צוליב דעם איבערבוי פון דער פּראָדוקציע. איצט, נאָך די אַרבעטער־קאַמפן, האָבן די באַלעבאַטים אין אַ טאָפּלטער מאָס געקאָנט פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס.

דער אומעט, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן, איז אפשר געווען ניט קיין צופעליקער. צו פאַני קאָהן, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער יוניאָן, האָב איך געהאַט אַ בריוול פון דע־מאַנען. איך האָב זי געפונען זיצנדיק ביי אַ טיש פאַרוואָרפן מיט בריוו און פּאַפּירן. אַן עלטערע פרוי אין שוואַרצן אָנגעטאָן, מיט שוואַרצע האָר, אַ פאַרהאָרעוועט אַרבעטער־געזיכט. (איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַ יידישע אַרבעטער־

פירערין ביי דער דורכפירונג פון איר קולטור־שליחות). — איך בין אויך אמאָל געווען א סאָציאַליסטעש־רעוואָלוציאָנערקע — דער ציילט זי אונדז — נאָך אין יענע צייטן בעת די באַבושקע איז דאָ געווען...

— פאַרוואָס עפּעס נאָר אמאָל? פרעג איך.

— היינט — שאָקלט זי מיטן קאָפּ — האַלט מען ניט דערביי. מען איז אַזוי אַריינגעוואַקסן אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. רוסלאַנד ליגט שוין פון וויטן. — איר האַלט אַז די לערע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט נישט קיין באַדייטונג פאַר אַמעריקע גופא?

איך קריג אַן אומדירעקטע תשובה אויף מיין פראַגע. זי דערציילט מיט איינגעהאַלטענער לעבעדיקייט וועגן די „רעאַלע. גאַנץ רעאַלע" פראַגן וואָס מען מוז לייזן דאָ אויף אַן אָרט יעדן טאָג. מען מוז, ראשית כל, געבן דער אַרבעטערין בילדונג. די יידישע שניידערקע אַרבעט אין שווערע פאַר־העלטענישן, און זי איז זייער, זייער אָפּגעשטאַנען. מען דאַרף זען אַז זי זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אַרום איר, אין איר טרייד און אין דעם שטאַט זי זאָל ניט אַרומגיין אין דער פינצטער און לאָזן זיך פירן פון יעדן איינציקן...

פאַני קאָהן האָט אַוועקגעלייגט אַ לעבן אויף דער גייסטיקער דערוואַ־כונג פון דער יידישער שניידערין, רעדט מיט איבערצייגונג. זי מיינט זי־כער אַז אונדז ביידן, ד"ר פראַנק און ד"ר שטיינבערג, מוז אַזאַ בילדונגס־אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט זיין נאָענט צום האַרצן. און זי ווייסט ניט אַז די דאָזיקע בילדונג וואָס איז אַ גרויסער ציל פאַר אַ סך פּראָלעטאַרישע איינצל־לעבנס, קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מניעה פאַרן סאָציאַליזם ווי אַ גאַנצעס. ס'איז געווען די ראשונים־צייט פון דער באַוועגונג בשעת וויסן איז געווען מאַכט, בשעת די אויפקלערונג וועגן דער אַרומיקער סאָציאַלער וועלט האָט געפירט טאַקע די אַרבעטס־מענטשן צו מרידה. אָבער שפּעטער האָט זיך דאָס וויסן געטומען פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַזוינס וואָס איז אַ געפאַר פאַרן געוויסן. פּראָלעטאַריער האָבן געריסן די עפּל פון דעם עץ־הדעת און האָבן ניט געמערקט אַז דער בוים שטייט איינגעפלאַנצט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן גאָרטן. פאַר ד י עפּל האָט מען שוין קיינעם ניט גע־טריבן פון גאָרטן. פאַרקערט גאָר, אַ סך אַרבעטער האָבן זיך — מיט דער בילדונג — באַזעצט דווקא אין דעם דאָזיקן גאָרטן אויף שטענדיק. דורך דער געוויינלעכער אינטעלעקטועלער און סאָציאַלער בילדונג וואָס היינט קריגט עס דער אַרבעטער הויפנווייז, ווערט ער צומאָל פאַרבילדעט. די אויס־בילדונג פון זיין האַרץ, פון זיין פשוטער לעבנס־אַרט, פון זיינע עכטע גע־פילן ווערט אונטערדריקט. ס'וועט באַלד ניט זיין קיין אַנאַלפאַבעטן אין בילדונג, אָבער ס'וואַקסן די נשמה־אַנאַלפאַבעטן. ווי אָפט האָבן די אַרבע־טער־טוער וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די טיפענישן פון די מאַסן. עפּעס

אזוי ווי א פאראכטונג צו זייער מקור. אוודאי זאל מען פארדאמען דעם פינצטערן מזל פון דער פריערדיקער הכנעה־צייט, אבער מען זאל ניט פאר־לירן דערביי די סטיכישע, הארציקע קראפט פון דעם מאסן־מענטש. אפשר זען די געפאר בעסער טאקע מיר, די סאציאליסטן פון די „געבילדע־טע" קרייזן, פון די „דאקטוירים" און אינטעליגענטן..

בשעת פאני קאהן האט גערעדט וועגן די „רעאלע, גאנץ רעאלע" פראגן וואס מען מוז לייזן יעדן טאג, האט זי אפשר דערביי אויך פאלעמיזירט קעגן קעגנער, קעגן די קאמוניסטן. זי האט געוואלט אויסדריקן איר גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון „קליינער" מינימאליסטישער ארבעט. מיר האבן ניט גערעדט וועגן דער שפאלטונג אין איר יוניאן. אבער דאס האב איך דערהערט אזוי ווי אן אפקלאנג פון יענע קאמפן.

...וווהין פירט אונדז איצט דער וועג? ס׳פארשטייט זיך קיין קאסרי־לעווקע, דער ניו־יארקער קאסרילעווקע, דארטן ווו עס דערהייבט זיך איר פאלאץ, דער רעסטאראן „אייראפע". אויפן מיטן גאס לויפט צו מיר צו און כאפט זיך קושן רענקע, מיין ליטווישער חבר. ער זוכט מיך היינט ארום פון אין דער פרי אן, און — אין ניו־יארק ווערט דאך נישט פארפאלן אפילו א נאדל... אין „אייראפע" דערציילט מיר אט דער דינינקער בחור מיט דעם בלאנדן פנים פון א שייגעץ ווי ס׳לעבט זיך אים דא. זיין טעכנישער דיפלאם פון דייטשלאנד איז געקומען צוניץ. ער רעדט שוין נישקשהדיק ענגליש, ער פארדינט א 40 דאלאר א וואך, און ער פארגעסט ניט זיינע חברים, די מאק־סימאליסטן פון ליטע, וואס שטייען אין פראנט קעגן פאשיזם. אין „אייראפע" פילט ער זיך אויך גוט. ער האט דאך אין מאריאמפאל געקענט אביסל יידיש... דערווייל ווערט דא ארום לעבעדיקער. ס׳קומען אן נייע געזיכטער. אט איז ד״ר שאצקי, וואס האט אקערשט פארענדיקט זיין „ספינאזא און זיין סביבה".א הארטע, מאסיווע פיגור מיט א שטילן קול פון זיכערער פעסט־קייט („שיקט אייער בוך קיין בערלין, דארט שרייבט איינער איצט א פילעם־מאנוסקריפט וועגן ספינאזעס לעבן!"), אט איז ד״ר קאראלניק (מיר ריידן אפ צו טרעפן זיך היינט ביי אים). און אט ווינקט מיר צו מיטן בלאנד־גוישן פנים בערל לאקער. — ווו באהאלט איר זיך דא אין שטאט? — שטעקט ער מיר צו א ברייטן שלום־עליכם. — מען קאן דאך אייך גאר ניט געפינען! אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" זאגן זיי ניט אייער אד־רעס"... לאקערן האב איך איבערצוגעבן גרוסן. מיר ריידן אפ צו טרעפן זיך מארגן ביי אים. ער וויל מיר אפילו העלפן זוכן א צימער. פון אלע זייטן זאגט מען מיר טאקע אז איך דארף שוין פארלאזן מיין בענסהווירסטער באהעל־טעניש און ארויסגיין אויף דער ליכטיקער שיין פון איסט־סייד.

ביי ד״ר א. קאַראַלניק אין שטוב

...אַ ברייט־גופיקער אויטאָמאָביל, עפּעס ווי אַ קאַרעטע פון מלך סאַר בעצקים יאָרן, האָט זיך געטרייסלט און געוואָרפן אויף די קופּעס זאַמד מיט שטיינער ווו מיר זיינען אַריינגעפאָרן. ס׳איז געווען חושך, און מען האָט ניט געזען קיין מענטשן אַרום. ס׳איז געווען אַ געגנט וואָס האַלט נאָך אין בויען זיך. מיר זיינען עס געפאָרן צו ד״ר קאָראַלניקן. ער האָט מיר טאַקע געזאָגט אַז צו אים איז ניט לייכט צוצוקומען. דער שאָפער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, די קאַרעטע האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן און אַ הייב געטאָן — און מיר זיינען אַרויס אויף אַ פּלאַץ ווו ס׳האָבן געלויכטן לאַמטערנעס.

אין דער דירה אויבן איז געווען ליכטיק און פריינדלעך. ביסלעכווייז זיינען זיך צונויפגעקומען געסט. אויף דער סאָפע, די הענט צווישן די קני און אין גאַנצן איבערגעבויגן אויף פאָרנט, מיט פאַרטיפטע, צו אַ וואַסער־נימפע ענלעכע אויגן איז געזעסן פרוי קאָראַלניק. אַן ענערגיש־געקרייזל־טער קאָפּ, אַ דיכטעריש־שלאַנקע פיגור, אַ שוואַרץ־געשטופלטער פּנים פון אַ דווקא־מענטשן — חיים גרינבערג. אויף אַ שטול איז באַשיידן געזעסן ש. ראָזענפעלד, מיט שאַרף־פאַראינטערעסירטע אויגן אויף אַ סקעפּטיש־פאַר־קרימטן געזיכט. דאָס געזיכט איז צעקנייטשט אין אַלע ריכטונגען, און די קנייטשן זיינען ווי בייטן דורכגעגראָבענע אויף ערד. אַן אוראַלט פּנים פון ישראל סבא. (ווען ש. ראָזענפעלד וואָלט געווען העכער אין וווקס און גרע־סער אין פלאַך, וואָלט עס געווען די געשטאַלט פון זיין פאָלק). נאָך מענטשן זיינען געזעסן אַרום, און אויבן אָן ד״ר קאָראַלניק. דער מייסטער פון דער מהיכא־תיתא־זשורנאַליסטיק. „מהיכא־תיתא״ איז נישט געגזי.

ס׳איז אין דייטשלאַנד נישט לאַנג אַרויס אַ בוך פון וואַלטער הועק מיטן נאָמען „פילאָזאָפיע פון סיי דאָס און סיי דאָס אַנדערע״. אַ ז אַ מין געדאַנקען־סטיל, שיינט מיר, איז נאָענט צו קאָראַלניקן. אַזאַ סטיל דער־מאָנט אָן אַ נעץ וואָס פאַרמעסט זיך אַריינצוכאַפּן פאַר זיך און פאַרן לע־זער אַלע פאַרשיידנאַרטיקע פישן וואָס שווימען אַרום אין גאָטס לעבנס־ים. אַזאַ סטיל קאָן אָבער באַטייטן אויך אַ חשק צוצולאָזן צו זיך און אָפּצושטופּן פון זיך אַלע גייסטיקע באַשעפענישן וואָס כאַפּן זיך אַריין אין נעץ פון „סיי

דאָס און סיי אַנדערש". ביי קאַראַלניק איז מער אָפּשטופּעניש ווי צולאָזע־ניש. עס פעלט ביי אים (דאָס הייסט אין זיין פעדער) די נאאיווע באַגייסטע־רונג וואָס גיט זיך אָפּ צו אַ טעמע אין גאַנצן, ניט פילנדיק איבער זיך דעם ביַטש פון דער סקעפּטישער דיאַלעקטיק. ער קאָן אַרומנעמען און באַפּוצן אַ טעמע מיט די בליענדיקסטע, עקזאָטיש פאַרבנרייכסטע ווערטער, און דאָך פעלט די אַלע ווערטער די פּשטות און דער ריח פון אַ פּשוטן פעלד־בלימל.

איז ער פאַרנומען מיט זיינער אַן אייגענער טעמע וואָס זאָל זיך רייסן דורך אַלע אַרטיקלען, עסייען, באַטראַכטונגען, לצנות וואָס ער שרייבט? אַוודאי דריקט ער אָפּט אויס אין זיינע אַרטיקלען קלאָרע מיינונגען וועגן פּראַקטישע פראַגן (למשל, ציוניסטישע). אָבער זיין אויפגאַבע איז דאָך גע־ווען צו וועקן דאָס אַבסטראַקט־רויקע דענקען. דער רוח הביטול אויף ד ע ם געביט איז אומעטום געפערלעך, ווייל מענטשן און לעזער פאַרלירן זיך דאָ לייכט. אָבער ער איז דאָפּלט געפערלעך אין אַמעריקע. ווייל דער ביטול צו גייסטיקע ענינים ווערט דאָ אַריינגעבלאָזן דורך דעם סקעפּטישן ביזנעס־גייסט פון אַ דאָלאַר־וועלט. ווען דער שאַרפזיניקער רוח הביטול פון אַ קאַ־ראַלניק פאַראייניקט זיך ביים לעזער מיט דעם דאָלאַר־ביטול פון דער אַמע־ריקאַנער סביבה, מוז דער יידישער לעזער געמזיקט ווערן אין אַ צווייענדי־קער מאָס. דער יידישער ביטול, סיי ביים פאָלק און סיי ביי די חכמים, שטאַמט פון דעם וואָס דאָס פאָלק האָט אַ סך געזען און דערקאָנט. דער אַמעריקאַנער בטול וואַקסט דערפון וואָס דאָס יונגע פאָלק האָט ווייניק געזען און דערקאָנט, אָבער האָט הצלחה און חוצפּה. אַז דיביידע אַרטן פון סקעפּסיס זאָלן זיך באַזעצן אין דער נשמה פון אַן אַמעריקאַנער יידן, איז דאָס שלעכט: ער קען פאַרלירן דעם טאַלענט צו באַגייסטערונג. רוח הביטול קאָן אַריבערגיין אין ביטול הרוח... איך האָב אויך נישט געמערקט אַז קאַ־ראַלניק זאָל זיך אָנצינדן פון „קליינע" מענטשן און זאַכן. קאַראַלניק וואָס פילט זיך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אייראָפּעער אין אַמעריקע, גיט זיך אונ־טער די פאָדערונגען פון דער דאָרטיקער פּרעסע. אַמעריקע קען אָפּשטעלן די אויפמערקזאַמקייט פון איר לעזער נאָר ביי „באַרימטע" מענער און מעשיות. קאַראַלניק שרייבט אויך מייסטנס פון די גרויסע און באַרימטע, אמת אַריבערהייבנדיק די טעמע אין אַ העכערער גייסטיקער ספערע. מעג־לעך אַז דאָס איז די קללה פון דעם שרייבן אין אַ טעגלעכער ציַיטונג.

קאַראַלניק איז מונטער און רירעוודיק. אויף זיין שטיפערישן געזיכט האָט געבלאָנדזשעט אַ שמייכל, ניט דער שטענדיקער שמייכל פון חוזק, אָדער ריכטיקער פון חוזק מאַכן וועלן. אַן אַנדער שמייכל — פון פאַרלעגנ־הייט, ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען. ער האָט דערציילט אַז מאָקע היינט אויף אַ פאַרזאַמלונג ערגעץ ווו איז צו אים צוגעגאַנגען איינער פון

די היגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט אים מיט כעס געפרעגט צי וועט ער שטיצן שטיינבערגס פאָדערונג פאַר זיינע געפאַנגענע. „ראשית כל, האָב איך אים געזאָגט, פאַרנעם איך זיך גאָרניט מיט דעם „רויטן קרייץ"... פאַר וואָס עפּעס ווענדן זיי זיך צו אייך! — פרעג איך.

— איך בין דאָך אַמאָל געווען אַן עסער...

דאָס איז פאַר מיר גאָר אַ נייעס. פון יענער צייט געדענק איך דאָס ניט. ס'פאַרשטייט זיך אַז מען איז געקומען צו רעדן פון יענער צייט, פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַלע פון דאַנען זיינען דעמאָלט געווען אין פּעטראָגראַד. קאָראַלניק האָט מיט יענעם שעמעוודיקן שמייכל פּלוצים געזאָגט: איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן וועגן אייך אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" אַן אַרטיקל („דון יצחק השני"). האָט מען דאָס איבערגעדרוקט אין ווארשע און מען האָט, אַן מיין וויסן, עס אָנגערופן: „שטשעגלאָוויטאָוו אין תפילין"... ער האָט זיך געוואָלט ווי פאַרענטפערן פאַר יענער צייט. און מיר איז עס אַזוי גלייכגילטיק.

מיט דעם „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" פון יענער צייט איז געווען פאַרבונדן ביי מיר אַ דערמאָנונג. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך דעמאָלט דורכגעלייענט אַז מען האָט די צייטונג פּלוצים פאַרמאַכט און די דרוקעריי קאָנפיסקירט. האָט מיר גלייך אין דער פרי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן מיין פעטער בעל־מחשבות. ער האָט ניט „געליבט" די ראַטן־מאַכט און האָט נאָך מיט אַ רחמנותדיקן אינטערעס געקוקט אויף מיר, אויפן פאָלקס־קאָמיסאַר. אַז איך האָב אים איין מאָל געזאָגט אַז די ראַטן־מאַכט וועט זיך האַלטן לאַנג, האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט בכלל ניט דערוואַרט קיין וועלטן־דערלייזונג פון די רוסן. — שוין שפּעטער, אין יאָר 1923, האָב איך אים געטראָפן אין בערלין, בעת עס זיינען אָנגעגאַנגען די סאָציאַלע מהומות. ער איז געווען אויפגערעגט און פאַרוווּנדערט „צי דען מאַכן עס די דייטשן נאָך די רוסן?". זיין גאַנצע אמונה אין אייראָפּע איז, ווייזט אויס, געווען דערשיטערט... ער האָט נישט געהאַלטן פון דער ראַטן־מאַכט, אָבער ער האָט מיר טעלעפאָנירט אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאַרן „טאָגבלאַט". עס איז טאַקע געלונגען נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט. איך האָב אין דעם רעגירונגס־צימער געטראָפן דימאַנטשטיין, דעם קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים. ער איז געווען אויך גאָט די נשמה שולדיק. דאָס האָבן געטאָן די פירער פון „קאָמיסאַריאַט פעטשאַטי", וויל דער „טאָגבלאַט" האָט געדרוקט אַנאָנסן אָן דערלויבעניש. האָב איך אַרויסגעזוכט דעם דעקרעט וועגן אַנאָנסן און באַוויזן דימאַנטשטיין אַז — לויטן זאַקאָן — האָט מען געדאַרפט פריער וואָרענען די רעדאַקציע... דער באָלשעוויק דימאַנטשטיין האָט זיך איצט געמוזט אַריינלייגן ביי זיין חברה, און מיר האָבן

דורך דעם „טריבונאַל פּעטשאַטי" אָפּגעשאַפט דעם באַפעל פון קאָמיסאַ־ריאַט. אָנשטאָט דעם האָט יצחק גרינבוים, דער רעדאַקטאָר, געדאַרפט זיך שטעלן צום טריבונאַל. ער האָט זיך שפּעטער געשטעלט און געוווּנען די זאַך.

איך האָב דערציילט דאָ איצט די מעשה, קאָראַלניק האָט אַ ווײַלע גע־שוויגן. ער האָט געהאַט פאַר די אויגן יענע צייט. מיך האָט ער איצט פריינד־לעך געוואָלט אויסשליסן פון איר, אָבער אַ סאַרקאַסטישער שמייכל האָט באַוועגט זיינע ליפּן. „איך קאָן אייך דערציילן אַן אַנדער מעשה וועגן דעם ווי מען האָט זיך דעמאָלט פאַרהאַלטן צו דער פּרעסע". און ער האָט דער־ציילט אַ טשעקאַווע געשיכטע וואָס האָט געזאָלט באַלייכטן פאַר אונדז יענע ביטערע צייט.

...מיר האָבן דעמאָלט אַ גרופּע אינטעליגענטן (מיט גאָרקין צוזאַמען) באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ רוסישן זשורנאַל. מיר האָבן געוווּסט אַז עס איז ניט לייכט, אָבער מיר האָבן געוואָלט עפּעס אויפהאַלטן פון דער קולטור... בין איך אַוועק אין סמאָלני צו קריגן אַ דערלויבעניש. ביים פּעטראָגראַדער סאָוועט איז געווען אַזאַ „קאָמיסאַריאַט פּאָ דעלאַם פּעטשאַטי". דער פאָר־זיצער זיינער איז געווען עפּעס אַ (די פאַראַכטונג צום עפּעס!) זאָף. אים האָט מען קיין מאָל ניט געקאָנט כאַפּן, און זיין פאַרטרעטער איז אויך ניט געווען. בין איך געגאַנגען אַהין אַ פּאָר טעג, אַרומגעדרייט זיך אין אויפ־נאַם־צימער מיט נאָך אַנדערע מענטשן, און ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו עפּעס. איינער אַ הויכער באָלשעוויק אין סאָלדאַטישע בגדים האָט זיך דאָ שטענדיק אַרומגעשפּאַצירט אין קאָרידאָר. ביז ס'איז מיר איין מאָל געוואָרן נמאס און איך בין צוגעגאַנגען צו דעם רויטגוואַרדייער און שטרענג געזאָגט צו אים, אַז איך וויל וויסן אַהין צי אַהער. צי איך וועל קריגן די דערלויבעניש צי ניט. האָט ער מיר אויף דערויף געזאָגט: קומט מאָרגן, וועט דאָ זיין דער שטעלפאַרטרעטער פון זאָפּן. איך וועל שוין היינט איבער־געבן וווהין מען באַדאַרף... אַז איך בין געקומען ווידער מאָרגן, גייט צו מיר צו אָט דער זעלביקער רויט־גוואַרדייער און זאָגט אַז מ'וועט מיר דער־לויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל. נאָר וואָס דען? (און ער האָט זיך פאַר־שעמט דערביי). ער בעט מיך אַז איך זאָל דאָ אָנשרייבן פאַר אים דעם טעקסט פון אַ דערלויבעניש, ווייל ער אַליין האָט נישט קיין קענטעניש אין דעם. איר הערט דאָס איז אַ טוער פון קאָמיסאַריאַט פּעטשאַטי! האָב איך אים אָנגעשריבן דעם טעקסט פאַר מיר, און ער האָט זיך אונטערגעשריבן. און דאָ זע איך אַז דאָס איז געווען טאַקע דער שטעלפאַרטרעטער פון זאָפּן... אַז איך האַלט שוין ביים אַוועקגיין, גיט ער מיט די האַנט און זאָגט שעמעוו־דיק: איך פאָר די טעג צו זיך אין דאָרף. אַז עס וועט אַרויסגיין ביי אייך דער זשורנאַל, שיקט מיר אַהין צו אַ נומערל („פּרישליטע נאָמעראָק").

ס'איז בײ אונדז דאָרטן גאָר ניטאָ קײן ליטעראַטור. שיקט מיר צו אַ נו־מער...

— אַט אַזױ רעדן די פירער פון דער רעװאָלוציע! — האָט פאַרענ־דיקט ד"ר קאַראַלניק, און אַ שאָטן פון ביטול האָט זיך פאַרשפּרײט איבער זײן געזיכט.

— װי מען װיל, אַזױ קאָן מען אױסטײטשן אײער סצענע — האָב איך זיך אַרײנגעמישט — װילט איר, קאָן מען זי באַטראַכטן אַלס דעם בעסטן באַװײז פון דער פײנקײט פון רוסישן פאָלקסמענטש. זעט: איר זײט צוגעגאַנגען שטרענג (אָדער גראָב) צו דעם סאָלדאַט, און ער האָט אײך געענטפערט רויק און זאַכלעך... װאָס ער האָט צוגעזאָגט האָט ער אויף מאָרגן דערפילט... ער האָט זיך ניט געשעמט מודה צו זײן זיך פאַר אײך, פאַר אַ קעגנער און פאַרן אינטעליגענט, אַז ער קאָן אַלײן ניט אָנשרײבן די דערלױבעניש... לאָמיר זײן דאָ ערלעך: װאָלטן מיר, אינטעליגענטן, גע־האָט דעם מוט אַזױ אָפן צו זײן בפני אַנדערע?... ער האָט געהאַט צוטרוי צו אײך בעת איר האָט אים געשריבן דאָס פּאַפּיר, און ער האָט בײ אײך נאַאיװ געבעטן שיקן צו זיך אין דאָרף אַ נומער, הגם ער פילט װאָס איר װעט דאָרטן אָנשרײבן אין זשורנאַל... װײל ער האָט באמת אַכטונג פאַר דער קולטור. אַט דװקא אַזעלכע מענטשן דאַרפן אָנפירן מיט אַ רעװאָלוציע און אַ מלוכה...

מען איז געװאָרן ערנסט אין געשפּרעך. אײנער האָט מיך געפרעגט: זאָגט אַלײן, הײנט נאָך צען יאָר, זעט איר נישט אײן אַז מען האָט ניט געטאָרט צעטרײבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? מען האָט זי צעטריבן נאָר דערפאַר װײל איר האָט ניט געהאַט דאָרטן קײן מערהײט!

— געװיס, נאָר דערפאַר — װער לײקנט עס דען? אַז עס װאָלט גע־װען פאַר אונדזער זאַך אַ מערהײט, װאָלט געװען אַ סך בעסער. מיר װאָלטן דעמאָלט דורך איר אײנגעפירט די סאָװעט־רעפּובליק...

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט װי בײם אָנבליק פון אַ פאַרשיכורטן מענטשן. איך האָב דאָך גערעדט אַזױ הײמיש װעגן יענער צײט און יענע טוער, אַז ס'האָט זיך פאַרלױרן דער שרעק און דער כעס פון דעמאָלט. זײ האָבן זיך מיסתמא געװוּנדערט װאָס מען קען רײדן אַזױ רעאַליסטיש פון יע־נער פאַנטאַסטישער צײט. איז מען ניט געװען דעמאָלט אַלע צוזאַמען אויף יע־נער זײט סמבטיון?... חיים גרינבערג װאָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ־געבויגן פאַרטראַכט, האָט זיך געגעבן אַ הײב און געפרעגט: איך זע אַז איר באַטראַכט די אַלע זאַכן װי רעאַלע. האַלט איר אַלזאָ פאַר מעגלעך אַז מען זאָל נאָך איצט קענען מאַכן רוסלאַנד סאָציאַליסטיש?

— סאָציאַליסטיש איז צופיל געזאָגט — אָבער סאָװעטיש — אװדאי.

גרינבערג האָט געשטעלט איינע נאָך דער אַנדערער פראַגן וועגן רעאַלע מעגלעכקייטן פון אַ סאָציאַליזם און האָט זיך נאָר געחידושט. מען האָט פון דעסטוועגן זיך צוגעהערט. פּאַרזונקען אין זיך מיט געהיימניספולע אויגן איז געזעסן פרוי קאַראַלניק. שטיל רייכערנדיק אָן רייד איז געזעסן אָן אַ זייט ש. ראָזענפעלד. אויך זיין פּנים האָט געזאָגט אַז אין די „סאָציאַלע עקספּערימענטן" גלייבט ער ניט.

איך האָב דאָס אייגנטלעך שוין געוווסט פון אַמאָל. אין יאָר 1914 האָבן מיר ביידע געאַרבעט, אין אויפטראַג פון דער מאָסקווער יעוואָפּאָ (געזעלשאַפט צו שטיצן די מלחמה־פּאַראומגליקטע), אין דעם פּוילישן קאַנט (אָסטראָלענקע, מאַקאָוו, אָסטראָוו, רוזשאַן), דאָרטן ווו מען האָט הינטער דעם פראָנט געראַדפּט יידן. מיר, יונגע לייט, (מיין פרוי אַריינגערעכנט), זיינען אַראָפּגעקומען מיט סאָציאַלע פּראָיעקטן. פּאַרטייליכנדיק געלט אָדער זאַכן, בויענדיק פאַר די היימלאָזע קיכן און קינדער־גאָרטנס האָבן מיר זיך באַמיט אוועקצושטעלן עס אויף אַ באַדן פון פּרינציפּ. צי זאָל יעדע פאַמיליע קריגן גלייך אַ באַשטימטע צאָל פּראָדוקטן לויט אירע מיטגלידער, אָדער יעדנס ביכל זאָל זיין אויסגעשטעלט מער ניט אויף אַ באַשטימטע סומע און ער זאָל מעגן אויסקלייבן אין דער קהלשער קלייט אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט? דאָס זיינען געווען די אונטערשיידן פון קאָלעקטיוויזם אָדער קאָמוניזם... אין רעמל פון צדקה. און ווי זאָל מען לערנען אין די קינדער־גאָרטנס: יידיש צי געמישט? און ווער זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער צדקה לויטן אַרבעטס־פּרינציפּ: די שטענדיקע רבניש־בטלנישע אינסטיטוציעס צי נייע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטן מיט אַ שטאַרקן געמיש פון דער יוגנט? אַלע פּראָבלעמען זיינען געווען אויסגעפּראַלט, כאָטש מען איז געשטאַנען אונטער אַ רעגן פון קוילן און ביי אַ שטענדיקער געפאַר פון ווערן אַרויסגעטריבן... אָבער מיר, יונגוואַרג, האָבן מיטגעבראַכט ניט נאָר מיטלייד און געלט. מיר האָבן געוואָלט, אויסנוצנדיק די עת צרה און די פאַרלוירנקייט פון די אַלטע כלי־קודש, אויפשטעלן נייע יסודות פון סאָציאַלער אַרבעט. ש. ראָזענפעלד האָט דעמאָלט סקעפּטיש געקנייטשט דעם פּנים. ער האָט פּשוט, אָן „סאָציאַלע עקספּערימענטן", געוואָלט העלפן דעם אָרעמען יידן...

אַז מיר האָבן זיך שפּעט אויפגעהויבן צו גיין אַ היים, האָבן מיר זיך דערשראָקן: אַזאַ מהלך איז נאָך ביז אַהיים. ראָזענפעלד האָט צום גליק געזאָלט פאָרן אין דער זעלביקער ריכטונג וואָס איך. ביים געזעגענען זיך אין דעם קליינעם פּירהויז האָט קאַראַלניק, ווידער מיט יענעם פאַרלעגענעם שמייכל, געזאָגט מיר: די דעבאַטן וואָס מיר האָבן דאָ געפירט, וועגן דער אוטשרעדיטעלנאַיע סאָבראַניע, נעמט איר דאָך ניט אויף אייער חשבון?...

זיין אויפמערקזאמקייט האט מיך גערירט, איך האב אים פרייליך א קוועטש געטאן די האנט.

אז מיר זיינען שפעטער א שעה צייט געפארן זאלבענאנד אין דעם פוסטן סאבוויי־וואגאן, האב איך, דוכט זיך, בעסער געזען דעם אונטערשייד צווישן די ביידע יידישע סקעפטיקער: ראזענפעלד און קאראלניק. דער סקעפ־טיציזם בכלל מעג זיך באציען אויף די העכסטע און אבסטראקטסטע גע־ביטן (פון אידעען, פון גאט, פון געשיכטע), אבער אין תוך איז עס שטענ־דיק א באציאונג צו מענטשן. דער פילאזאפישער, דער מאראלישער, דער סא־ציאלער סקעפטיקער דריקט יעדעם מאל אוים אייגנטלעך זיין לעבנס־דער־פארונג בנוגע צו מענטשן. עס זיינען מעגלעך דערפאר פארשיידענע ארטן פון סקעפסיס. ראזענפעלד פארמאגט ניט מער קיין פייערדיקע אמונה אין מענטשן; זיינע געזיכט־קנייטשן האבן אריינגענומען אין זיך צו פיל אנטוי־שונגען. ער קאן צו די מענטשן פילן נאר רחמנות, מיטלייד, קרובהשאפט; זוען עס גיט זיך זיי איין עפעס למעלה פון דעם דורכשניט, קאן ער זיי באוונדערן ווי געראטענע אומבאהאלפענע קינדער. קיין פליגלען הינטער די פלייצעס פון דער מענטשהייט זעט ער היינט נישט. דערפאר טיילט ער פאר זיך אוים פון דער מענטשהייט דאס יידישע פאלק, און אין דעם פאלק גופא פאלגט ער נאך אויפמערקזאם און סקעפטיש יעטוועדן זיין טריט. — קאראלניק האט אויך נישט קיין גלויבן אין דער מענטשהייט ווי זי שטייט און גייט. ער פילט אבער צו איר שוואכקייט ניט אזוי רחמנות ווי פאראכ־טונג. ער זעט אויך ניט קיין רווישנדיקע פליגלען הינטער די פלייצעס פון די מאסן. דערפאר זוכט ער — מיט א סקעפטישן שמייכל — צו בלייבן נאר אין דער געזעלשאפט פון די אויסדערוויילטע גרויסע גייסטער.

אויף א סטאנציע בין איך ארויפגעגאנגען. איך האב געדארפט האבן די 21־טע עוועניו. מענטשן, איינזאמע און איילנדיקע, האב איך אפגע־שטעלט און געפרעגט. זיי האבן מיר אנגעוויזן. אין קאלטן און נאסן ווע־טער האב איך געשפרייזט איבער דער 19־טער און 20־טער עוועניו. ענד־לעך צוגעקומען... ערשט איצט האט זיך ארויסגעשטעלט דער מהלך. איך האב געדארפט האבן די קרייצונג פון דער 21 עוועניו מיט דער 79 סטריט. און געשטאנען בין איך אומגעפער ביי דער 60־טער סטריט. אנגעגורט די לענדן און ווידער געשפרייזט. האט מיר די נאטור אונטערגעטראגן א מתנה: זומפן, צעקראכענע ליים און ציגל, פון רעגן צעפלאסענע גאסן. א גאנצער ים מיט קאסרילעווקעס אין הארבסט האט זיך אויסגעשפרייט אונטער מיי־נע פים. קיין מענטשן, קיין פאליסמען, קיין אויטאס זיינען ניט געווען ארום. קיין האלד־אפניקעס אויך ניט, אפילו זיי איז דאס ארט געווען צו פינצטער. וואלט איינער פון זיי פארבלאנדזשעט אהער, וואלט ער זיך זיכער דער־שראקן פאר מיר. ארום 3 אזייגער ביי נאכט בין איך אריינגעפאלן א היים.

דער ליכטיקער לוי פרידמאַן

4־טער יאַנואַר.

היינט דאַרף קומען צו מיר לוי פרידמאַן, דער יונגערמאַן וועלכן איך האָב געטראָפן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע". מיר זיינען באַפריינדעט נאָך איידער מיר האָבן זיך באמת געטראָפן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער מיר אָנגעהייבן צו שרייבן קיין בערלין. ער האָט מיר צוגעשיקט זיין ערשטן בוך. דער „רוף צו זיך" (אַזוי האָט געהייסן זיין בוך) איז געווען אייגנאַרטיק. געשריבן אין אַ שפּראַך וואָס איז געווען שווער צו געניבן פאַר אונדזער ליטוויש־אייראָפּעישן צונג, מיט אַ שלל אַמעריקאַניש־יידישע ווענדונגען. אָבער די שפּראַך האָט פאַרמאָגט אייגענע אויסדרוקן און בילדער. און דער אינהאַלט איז געווען, אין סטיל פון ניטשע, לירישפילאָזאָפיש, געשמידט אין אַפאָריזמען. „לײדן" איז געווען דער נאָמען פון אַ וואַנדערער וואָס האָט פאַרלאָזן די מענטשלעכע שטאָט, האָט לאַנג געבלאָנדזשעט ביז ער איז „צוריקגעקומען צו מענטשן". די גייסטיקע עטאַפּן פון זיינע טראַכטענישן האָבן באַצייכנט אַזעלכע ווערטער ווי די „הייל אין זיך", „די בענקשאַפט נאָך דעם אייביקן איינציקן", „דיין מאָס און מיין ווערט". דאָ האָט אַ פרישער גייסט געטראַכט וועגן די ערשטע און די לעצטע פראַגן פון לעבן, און זי געזוכט ניט אַרום זיך, נאָר אין זיך: „ווייל ווייטער פון אַלעמען ביסטו צו זיך אַליין".

אַז איך האָב אים שפּעטער צוגעשיקט מיין „מאָראַלישן פּנים פון דער רעוואָלוציע", האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַן אַרטיקל פאַר די „פרייע שריפטן". „מאָראַל און געזעלשאַפט" האָט געהייסן דער עסיי און געזוכט האָט ער צו באַווייזן (נישט באַווייזן אייגנטלעך, נאָר אַרויסזאָגן) אַז אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט קען ניט טראָגן אין זיך קיין מאָראַל. „צווישן מאָראַל און געזעלשאַפט קומט אייביק פאָר אַ קאַמף און אַ ברוגז צוליב מאַכט. עס דוכט זיך טייל מאָל אויס, אַז ביידע שטרעבן זיי צו אַ פאַראייניקונג, צו איין צוועק. נאָר אַזוי שנעל ווי זיי טרעפן זיך צונויף, שפּרינגען זיי אָפּ מיט פאַרביטערונג און האָס... מאָראַל איז דער פלאַם און וואַרעמקייט פון לעבן, און געזעלשאַפט איז אַ געביידע וואָס איז אויפגעשטעלט

געוואָרן אין דער סביבה פון לעבן. ווען אַט די גאַנצע סביבה זאָל קאָנטראָ־לירט ווערן פון דער געביידע, וואָלט עס געהייסן אז א קינד פון לעבן הערשט איבער דעם מוטער־לעבן... מאָראַל איז א פרייער שטראָם, און גע־זעלשאַפט איז א דיסציפּלינירטער סיסטעם. קיין אָרדנונג קען נישט דער־לויבן א פלוס וואָס האָט די נאַטור פריי צו שטראָמען, אַז ער זאָל זי פאַר־פלייצן און אָפּמעקן אירע גרענעצן... קיין מאָל, אַזוי לאַנג ווי די אייביקייט וועט פליסן, וועלן זיך מאָראַל און געזעלשאַפט נישט פאַראייניקן. א נייע מאָראַל האָט זיך נים געקענט אריינרייסן אין א געזעלשאַפט, נאָר האָט גע־מוזט ארויפקומען אויף אירע חורבות. קיין געזעלשאַפט האָט ניט געדולדעט א מאָראַל איידער זי האָט זי פאַרברענט מיט אירע אידעען... מאָראַל האָט אָראָפּגענידערט אויף די מענטשלעכע געמיטער נישט פון קיין קאָנצענטריר־טע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, נאָר פון איינצלנע פאַרשטויסענע און פאַר־האַסטע מענטשן. ווי זשע קען מען געטרויען די געזעלשאַפט צו ווערן די באַשיצערין פון דער מאָראַל?"

לוי פרידמאַן האָט געזוכט ראיות פאַר זיך אין דער געשיכטע: ביי פּלאַטאָ און ביי סאָקראַטן, ביים קריסטנטום און ביים יידנטום. „זייער וויכ־טיק איז די אָנווייזונג פון דער מאָראַל ביי יידן אין דער צייט פון די נביאים. הגם די מאָראַל האָט דעמאָלט רעגירט, איז זי אָבער געלעגן אויסשליסלעך ביי די נביאים. דאָס איז א באַווייז אַז מאָראַל מוז זיין אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפט". פאַר וואָס אָבער איז שטענדיק פאַראַן די בענקשאַפט צו פאַר־אייניקן מאָראַל און געזעלשאַפט? „דאָס איז — ענטפערט פרידמאַן — א פאַרשטעלונג פון מענטשלעכן גייסט און זיין בלאָנדזשען. ער פאַרלירט א סך מאָל דעם גלויבן און ווערט געשלאָגן. און כדי אָנצוהאַלטן זיך וויל ער זיך צוטוליען צו א באַשיצער. דאַכט זיך אים אויס אַז מיט א פאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפט וועט ער באַשיצן זיינע טוגנטן."

פון דער אַבסטראַקציע גייט פרידמאַן אריבער צו אונדזער צייט, צו דער רוסישער רעוואָלוציע. „די רוסישע רעוואָלוציע באַווייזט אונדז א זעל־טענעםביישפּיל ווי אַזוי די מאָראַל האָט זיך אַנטוישט, פּלאַנירנדיק א פאַר־אייניקונג מיט דער געזעלשאַפט. גראָד פון דאָרטן שרייט די מאָראַל מיט פאַרצווייפלונג, דורך דעם בוך „מאָראַלישער פּנים פון רעוואָלוציע". שטיינ־בערג האָט געוואָלט זיין דער פאַרמיטלער פון דער מאָראַל מיט דער גע־זעלשאַפט, און דערפאַר האָט ער געמוזט אוועקגיין". די סיבה ליגט אין דער רעוואָלוציע, ווי אין יעדער געזעלשאַפט, — דאָס וואָס זי איז שטענ־דיק אין תוך מאַטעריאַליסטיש. רעוואָלוציע אין אונדזערע צייטן האָט א מאַטעריעלן באַטרעף, און איז אָנגעפירט פון א מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. אַזא וועלט־אַנשויאונג קען ניט פאַרגיטיקן די וועקסלען פון די

אידעען ווייל זי ליקנט אפ זייער זעלבסטשטענדיקייט. עס קען נישט געלינגען אריינצובלאזן א נשמה אין סאציאליזם, ווייל די נישט באפרידיקונג פון דער גייסטיקער זייט פון מענטשן מוז זיין גאנץ נאטירלעך אין דער קעניגרייך פון מאטעריאליזם". און שטאלצע ווערטער קלינגען אפ אין פרידמאנס שטים. „איך וואלט געזאגט צו דער געזעלשאפט: איך האב בעסער ליב אייער שנאה צו דער מאראל איידער אייער קאאפעראציע. מיר געפעלט בעסער איר אומזיכערקייט ביי דעם פרייען מענטשן איידער איר זיכערקייט אין די מאטעריאליסטישע אינסטיטוציעס".

איך האב געבראכט דא גרעסערע אויסצוגן פון פרידמאנס עסיי, צו באווייזן וואס פאר אן אינערלעכע קראפט ס'איז געלעגן אין דעם מיר אומבאקאנטן שרייבער. דאס מוז דאך זיין אן עלטערער, דערפארונג־רייכער מענטש וואס ברענגט ארויס אזעלכע שווערע ווערטער. ווען ער קריטיקירט מאראלישע פאדערונגען צו דער געזעלשאפט, טוט ער עס דערפאר ווייל ער טרויט ניט דער סטאביליזירטער געזעלשאפט אז זי זאל אפהיטן מאראל. אבער דערפאר וויל ער פארפעסטיקן די מאראל אין אנדערע טיפערע קוואלן. „די גאראנטיע פאר די ווערטן פון מאראל מוז איבערגעלאזן ווערן אין דעם ליכטיקן אומגעצוימטן שטראם פון דעם אונטערבאוווסטזיין, ווו (עס הערט זיך) דער גערויש פון יענער עכטער ווארהייט". איז דאס ניט א לעבעדיקער גייסט?

באלד זיינען מיר שוין געשמאנען אין א לעבעדיקן בריוו־אויסטויש. לוי פרידמאן האט ניט גערעדט „קעגן געזעלשאפט" כדי זיך צו באפרייען דערמיט פון פליכטן. זעענדיק מעטאפיזיש די פאלשקייט און פוסטקייט פון די מענטשלעכע באציונגען (אין געזעלשאפט, פאמיליע, רעוואלוציע), איז ער ניט געווען פארביטערט, בעל־גאוה'ש, פאראכטנדיק. פארקערט: ער האט געוואלט העלפן בויען עפעס נייעס, רעוואלוציאנער־עטישעס. אז ס'האבן גענומען דערשיינען די „פרייע שריפטן", האט ער זיך באגייסטערט אפגערופן אויף זיי. „דער איינדרוק וואס דער זשורנאל מאכט איז גלענצנד, עס געפעלט מיר זיין ערנסטער טאן. איך גלייב אז אין דעם מישמאש פון דער סאציאליסטישער באוועגונג וועט ער געפינען אן אפקלאנג און זיך דורכברעכן ביסלעכווייז א וועג צו אן אנהענגערשאפט. מיין מיינונג איז אויך אז ער זאל ארויסגיין פיר מאל א יאר". (זיין בריוו פון 11־טן יאנואר 1926). „איך וויל האפן, אז דער זשורנאל וועט האבן לאנגע יארן, און אויך איך וועל זיין איינער פון זיינע מיטארבעטער" (19־טן סעפטעמבער 1926).

אז איך האב זיך געקליבן פארן קיין אמעריקע און האב אנגעפרעגט זיין מיינונג, האט ער מיר אין בריוו געשילדערט די לאגע פון דער ארבעטער־באוועגונג. „די לאגע אין אמעריקע אויף דער יידישער סאציאליסטי־

שער גאס איז אזא: די ליניעס זיינען שארף אפגעשטראכן. ס׳זיינען דא רעכטס און לינקס. דער גאנצער אינטעליגענטער ארבעטער־עולם, צי נאר מיט סימפאטיעס צו פארטייאיש, פארפירט אדער באוווסטזיניק, זיי אלע פילן אויס די לעקציעס און די אונטערנעמונגען וואס די לינקע רופן, זיי האבן אלע מאל געפאקטע הייזער. דער „פארווערטס" וואגט נישט צומאכן וועלכע עס איז ליטערארישע, פאליטישע אדער פייערלעכע אונטערנעמונגען, ווייל דער פראסטער עולם קומט ניט צו דעם. דער קאמף איז דא זייער א פארבי־טערטער צווישן די יוניאנס. די לינקע וויסנדיק אז זיי האבן אונטערן איינ־פלוס דעם אינטעליגענטן טייל, נוצן אים אויס מיט א שטרענגן פאנאטיזם קענען יענע וואס קריטיקירן זיי. (איך וויל אייך דא באמערקן אז צווישן די אויף וועמען די לינקע האבן אן אומגעהויערן איינפלוס, זיינען ניט גראד באוווסטזיניקע קאמוניסטן, נאר יידן וואס סימפאטיזירן מיט סאוועט־רוס־לאנד). וועגן די לינקע וואלט איך אויך געוואונטשן אז זיי זאלן אן אייך אין גאנצן פארגעסן, וועלן זיי אייך ניט שטערן. אויב אייך וועט געלינגען צו באשאפן דא א ביסל טומל, וועלן זיי אייך ניט פארגינען. אז זיי זאלן זיך באציען צו אייך אזוי ווי צו אבראמאוויטשן, גלייב איך נישט. ווייל עס איז דא א גרויסער אונטערשייד צווישן אייך און אים"

אזוי האט פרידמאן געשריבן אין אנהייב 1926. אין יוני 1927 האט ער ווידער געגעבן זיין שילדערונג: „עס גייט איצט אן א העפטיקער קאמף צווישן די רעכטע און לינקע עלעמענטן. די רעכטע מיטן „פארווערטס" בראש זיינען אפענסיוו. די לינקע ליידן גרויסע צוריקשטויסן אין דער אפי־ציעלער ארבעטער־באוועגונג. די סימפאטיע אבער פון די מאסן איז מיט די לינקע. מען קען עס אנרופן א מין אונטערערדישע סימפאטיע. די באַ־וועגונג אין אלגעמיין איז אריינגעווארפן אין אזא מישמאש אז קיין קלארע ליניעס זיינען נישטא. נישט ביי די קאמוניסטן און נישט ביי די רעכטע. מכוח דעם סאציאליזם האט דא געדארפט זיין איצט א ריין־קולטורעלע טעטיקייט, טאקע ווי די „שריפטן" שטעלן זיך צום ציל. נו, וועט איר זיך פרעגן: פאר וואס טאקע זאלן די „שריפטן" נישט פארנעמען אט דאס גרויסע פלאץ? איז אזוי: דער אמעריקאנער יידישער ארבעטער איז גאר אן אנדער באשע־פעניש ווי עס איז דער פון אייראפע".

אין אקטאבער 1927 קערט ער זיך ווידער אום צו דער זעלביקער טעמע. „דא ביי אונדז זיינען צוויי לאגערן, לינקע און רעכטע. די דריטע ריכ־טונג ווי איר פארטרעט, האט אייגנטלעך ביז אהער נישט געהאט קיין באדן. אפשר דערפאר ווייל עס זיינען נישט געווען קיין טוער אזא ריכטונג ארויס־צורופן, אפשר דערפאר ווייל עס איז טאקע נישטא קיין ארט פאר איר. איך געדענק אז ווען אלגין און די איבעריקע לינקע סימפאטיקער האבן זיך אפ־

געריסן פון „פאָרווערטס" אין די ערשטע צייטן פון דער סאָוועט־רעוואָלוציע, זיינען זיי געווען אַ מין ריכטונג ענלעך צו אייך. אָבער זיי האָבן נישט געקענט בלייבן שטיין זעלבסטשטענדיק און זיי האָבן זיך געמוזט אַריינגיסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. וואָלטן זיי יאָ געבליבן שטיין, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיינעם הינטער זיך... אוודאי איז היינט די צייט אַ ביסל אַנדערש און דער הייסער פּעריאָד פון דעמאָלט האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט. אָבער נישט אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל אַרויסקומען אַזאַ באַוועגונג ווי איר שטעלט מיט זיך פאָר. צו דעם מוזט איר פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון דעם אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער, — פון גויישן איז אָפּגערעדט. עס איז געוווּג אַז איינער זאָל ווערן אַנטוישט אין לינקיזם, און ער נעמט זיך צוריק צו אַרבעט (אָדער ביזנעס) און ווערט זיך אַ מין פילאָזאָף אין אַ ווינקל. דאָס זעלביקע פון דעם רעכטן לאַגער. איך שרייב דאָס אַלץ ווי איך זע עס".

צו די באַשרייבונגען פון לוי פרידמאַן האָבן איך זיך באַצויגן מיט אַ באַזונדערן צוטרוי. דאָ האָט גערעדט אַ מענטש וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרטיפן אין אַן ענין. (און היינט אַז מיר וויסן שוין אַז ער איז ניטאָ מער אין דער וועלט, קלינגען זיינע ווערטער נאָך טיפער. זיי קומען פון אַ מענטשן וואָס איז געשטאַנען צווישן אָדער איבער דיביידע לאַגערן. און זיינע ווערטער זיינען ווי אַ צוואה צו די ביידע. ער רעדט צו זיי אָן ביטערניש, ווי אַ פריינד).

רופנדיק מיך קיין אַמעריקע האָט פרידמאַן פריינדלעך געוואָרנט. מיט קלוגער איראָניע האָט ער געשריבן: „איך וויל, שטיינבערג, אַז איר זאָלט זיך נישט צוזאָגן קיין גרויסע גליקן. נעמט עס מעסיק, וועט איר האָבן הנאה, אַזוי ווי די אַלטע גריכן האָבן געטאָן". און צו דער איראָניע — די נאַאיווע, קינדערשע גאַסט־פריינדלעכקייט: „ווען איר וועט זיין אין ניו־יאָרק, זאָלט איר צוקומען דירעקט אין מיין היים. אַז איר וועט אַראָפּגיין פון דעם שיף, זאָלט איר זיך פרעגן צו דער דריטער עוועניו עלעווייטאָר, איר זאָלט נעמען אַ טראַמוויי אַהינצו. דאָרט וועט איר אַרויסגיין צו דער גאַסן־באַן און פאָרן ביז טרעמאָנט עוועניו. און אַראָפּגייענדיק זאָלט איר זיך פרעגן צו מעלמאָנט עוועניו, און מען וועט אייך צווייזן. איך האָב מיט אייך אַ סך צו רעדן, און איך וויל אייך אויך זען גלאַט אַזוי צוליב מענטש און מענטש".

באַלד וועט קומען צו מיר פרידמאַן. אַז איך האָב אים מיט אַ פאָר טעג צוריק דערזען דאָ, איז מיר געוואָרן אַזוי גוט אויפן האַרצן. דאָס איז דאָך גאָרניט קיין באַיאָרנטער, פאַרביטערטער, אויסגעמאַטערטער פון דערפאַרונג מענטשן. דאָס איז אַ יונגער בחור מיט אַ שלאַנקער געשטאַלט, און דאָס איז אַן אַרבעטער. אַלזאָ די זוכענישן פון גייסט, פון דער לעצטער מאָ־

ראָל שטראָמען אַרויס פון דעם דאָזיקן יונגן אַרבעטער־האַרץ! די שווערע טעגלעכע אַרבעט האָט ניט געשטערט אַזאַ פרידמאַנען צו דערהייבן זיך אין געדאַנק אויף די העכסטע בערג. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אַלע טענות און די פון אויבן־אַראָפּ־בליקן אויף די „מאַסן" מצד די סקעפּטיקער. (איך האָב זיך דערמאָנט דעם נעכטיקן „שיקט צו אַ נומערל").

דער שעמעוודיקער בחור איז געקומען. מיסים ה. האָט אונדז גע־געבן טיי און מיר האָבן זיך צוגעזעצט צום שמועס. לוי פרידמאַן האָט גע־רעדט שטילערהייט, איינגעזונקען אין זיך.

— יאָ, מען וועט קענען געפינען מענטשן וואָס זאָלן פאַרשטיין אַ גייסטיקע ליניע אין סאָציאַליזם. אויך צווישן די יוניאָן־מיטגלידער מערקט זיך אַ טייל וואָס וויל ניט זיין מיט די רעכטע און וויל ניט נאָכמאַכן די לינקע.

— נו, לאָמיר טאַקע פּרוּוון צונויפרופן זיי, טאַקע באַלד...

— ניין — האָט ער געלאָזן אָפּגעוועגט מיט דער האַנט, ווי אַ דער־פאַרענער מענטש — ניין, מען דאַרף עס פריער גוט צוגרייטן... דאָ זיינען שוין פאַראַן באַדינגונגען דערצו... באָט (דאָס ענגלישע „באָט" האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעשטעלט אין זיין יידיש־אַמעריקאַנישן לשון), באָט מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק... ביז מען וועט זיך באַקענען דאָ מיט אייך. איר וועט קענען שפּעטער האָבן דאָ איינפלוס...

מיך האָט אַ ביסל געוווּנדערט זיין רויקייט, זיין געלאַסנקייט. איך האָב זיך צוגעקוקט און דערזען ביי אים אויפן פּנים און אין דער גאַנצער פי־גור עפּעס ווי אַ שווערע מידקייט. זופּנדיק זיין טיי און אָפּווענדנדיק די אויגן האָט ער געזאָגט: יאָ, איך בין איצט נישט געזונט, איך האָב אייך געשריבן וועגן דעם...

ער האָט געהאַט אַ נירן־קראַנקייט, און זי האָט אים געפּייניקט. אפשר ניט אַזוי פיזיש, ווי גייסטיק. זי האָט ניט געגעבן קיין רו זיינע געדאַנקען.

— נעמט ניט אַזוי טראַגיש די קראַנקייט. ווער האָט ניט פון אונדז עפּעס אַ קרענק? אָבער מען באַצווינגט זיך און מען לאָזט זיך אפילו צו אייך איבערן ים...

— ניין, ביי מיר איז עס ערגער. איך קען די נעכט ניט שלאָפן... דאָקטוירים האָבן מיך פאַלש געהיילט, איצט האָף איך אַז ס'וועט זיך באַלד אַנטשיידן. איך גיי ליגן זיך אין אַ שפּיטאָל...

פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט טרויער. פרידמאַנען, דעם שטריי־טער פאַר גייסט, איז געווען באַליידיקדיק און שווער דער געדאַנק אַז זיין איידעלער גייסט איז אַזוי פאַרשקלאַפט צו דעם קערפּער.

— אַזאַ פאַרדרוס וואָס גראָד איצט קען איך אייך ניט זיין באַהילפיק... באָט — האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט — אַז איך וועל אַרויסגיין פון

שפּיטאָל וועלן מיר פאָרן אַפּרוען אין קאַליפאָרניע. איך האָב דאָרטן א פריינד אין א וואונדערבארער געגנט — דערנאָך וועלן מיר זיך נעמען פאַר דער ארבעט...

א ציכטיקער שמייכל האָט באַלויכטן זיין געזיכט. מיר זיינען געפאָרן צוזאַמען צום איסט־סייד. ער דערציילט וועגן דעם צווייטן באַנד פון זיינע טראַכטעניש, וואָס ער האָט שוין פאַרענדיקט. מיר זיינען ווידער געקומען צו זיין קראַנקייט. ער האָט געהאַט אי האָפנונגען אי גרויס מורא פאַר דער אָפּעראַציע. „איך ליג זיך איצטער אין א זייער גוטן שפּיטאָל... דער פּראָ־פעסאָר האָט מיר געזאָגט אַז ער איז גרייט צו מאַכן די אָפּעראַציע אומ־זיסט, ווייל עס איז זייער א זעלטענער פאַל ביי מיר...

מיר איז געוואָרן אומאָנגענעם. — פאַר וואָס עפּעס אומזיסט? ווייל ס'איז א זעלטענער פאַל? זעט אַז עס זאָל ניט ווערן ביי אים א מעדיצי־נישער אינטערעס, אַנשטאָט א מענטשלעכן...

— ניין, ער איז ניט אַזאַ...

— ווי הייסט ער? איך וועל פרעגן ביי ד"ר עלסבערגן...

ביי קאַנעל־סטריט, ווו מיר זיינען ארויס, האָב איך געדאַרפט אריי־בערגיין די רווישיקע גאַס. האָט לוי אונטערגענומען זיך אריבערפירן מיך דורך דעם שטראָם. אַז איך בין שוין געשטאַנען אויף יענער זייט גאַס, האָב איך געזען ווי ער פאַסט נאָך אויף און ווינקט מיר מיט דער האַנט. ער האָט זיך געפילט ווי מיין מכניס אורח אין ניו־יאָרק. (ווי מאָדנע עס איז א מענטש. ער שרייבט לירישע פילאָזאָפיע אין סטיל פון א זאראטוסטרא, און האָט ווי א קינד טויט־שרעק פאַר דער אָפּעראַציע).

אין דער רעדאַקציע „פּא'ש" האָב איך היינט צום ערשטן מאָל דער־זען אין ניו־יאָרק א לעבעדיקן רוס, א פּאָר רוסן. איך האָב די טעג ביי יוסף קאַהאַן געפרעגט דעם אדרעס פון די רוסישע אַנאַרכיסטן, האָט ער ניט געוווּסט. אַזוי יידישלעך איז דער ניו־יאָרקער אַנאַרכיזם געוואָרן. סאַמוסין הייסט דער רוס, א דורכשניטלעך רוסיש ארבעטער־געזיכט, אָבער מיט א גרויס־שטאָטישן גלאַנץ. אַז איך פאַרשרייב זיין אדרעס, רופט ער זיך פּלו־צים אָן: דזשאָן סאַמוסין. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר א נאָמען פון דער הגדה?

ער פאַרשעמט זיך און זאָגט: דאָ הייסט ער אַזוי, אָבער אַז ניט הייס איך איוואַן סאַמוסין. (א ייד האָט געראַטעוועט א גוי פון אַסימילאַציע!) ער וויל אָרגאַניזירן פאַר מיר אַן אָוונט אין דער רוסישער שפּראַך. ס'איז שווער צונויפצוזוכן דאָ א רוסישן עולם. זיי זיינען אָדער שוואַרצע מאַהאָניקעס אָדער קאָמוניסטן. דער בעסטער אופן איז צו אראַנזשירן א דיסקוסיע־אָוונט. מיט וועמען? מיט א קאָמוניסט, מיט א סאָציאַל־דעמאָקראַט, מיט א פּראַ־וואָסלאַוונעם מעטראָפּאָליט, מיט וועמען עס לאָזט זיך...

א. ש. זאַקס און י. אָפּאַטאָשו

יוסף קאַהאַן מיט זיינע פריינד (מינץ, ווײַנריטש, אַקסלער) רופן מיך צו גיין „מאַכן אַ ביס". מיר וואָלטן גריילעך געוואָלט גיין אין אַ רויקן אָרט. אָבער ווייזט אויס, אַלע וועגן פירן קיין „איירעפּע". מיר זיצן אין אַ ווינקל, ארום אַ טישל, אָבער הענט ציען זיך פון אַלע זייטן. אַלע ווײַלע הער איך מינצס יונגטלעכע שטים: „האַלאָ, בוקשטיין, וואָס מאַכט איר?" „האַלאָ — ווער איז דאָס? — אַ, עפּעלבוים, וואָס מאַכט איר?" „האַלאָ, ד"ר קאַראַל־ניק! אַ פיינעם אַרטיקל האָט איר היינט אָנגעשריבן. איך האָב אים געלעזן מיט גרויס הנאה!" צווישן דעם געזאַלצנס און געפעפערטס גייט מען צו און מען „שייקט הענדס". אַ וועלט מיט נייע מענטשן פאַר מיר. בוקשטיין, אַ מיושבדיקער ייד מיט אַ פאַרשלאָסענעם פּנים, באַווייזט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער איז דער עקאָנאָמיסט פון „טאָג", און אַן אַלטער פריינד פון די זעליגמאַנס פון בערלין. דורך דער רויקער און ביטולדיקער מינע לייכט ארויס אַ וואַרעם געפיל צו זעליגמאַנען. עפּעלבוים, דער בעלעטריסט מיטן קאָפּ־שיידל פון אַנאַטעמאַ. שטעכיקע אויגן אונטער שאַרף אָוועקגעשטעל־טע ברעמען קוקן אַריין אין דעם מענטשן. קאַהאַן באַמיט זיך צוריקצוציען מיך צו דער שטילער חברישער סעודה. איך באַמי זיך אויך, אָבער ווי לאָזט זיך עס? אָט איז געקומען לייוויק און האָט זיך שטיל צוגעזעצט צו אַ טיש. ער טרייסלט פעסט מיין האַנט און מיר האָבן שוין אַ געמיינזאַמען „גע־שעפט". פאַר וואָס זאָל מען ניט אָרגאַניזירן אַ גרויסן עפנטלעכן דיספּוט צווישן די קאָמוניסטן און מיר? זאָל פון זיי ארויסטרעטן אָלגין צי אַן אַנ־דערער. מיר ווילן באַווייזן דעם גרויסן עולם ווי מען קאָן רויק דיסקוטירן... לייוויק שאָקלט מיטן בלאָנדן קאָפּ און נעמט זיך אָן דורכצורײדן זיך „דאָרטן". (דעם זעלביקן טאָג נאָך רעדט ער צו די שרייבער פון דער „פריי־הייט" זיי זיינען „אין פּרינציפּ" מרוצה, אָבער ווילן אָפּוואַרטן אַ צוויי וואָכן, כדי צו זען ווי איך טרעט דאָ אויף. וועט טאַקע דערפון קיין זאַך ניט ארויסקומען!) לייוויק הערט זיך צו וועגן אונדזערע געפאַנגענע און שאָקלט ווייך מיטן קאָפּ. ער קען ניט פאַרטראָגן — זאָגט ער — וואָס מען

האלט אין די טורמעס בכלל געפאנגענע, אלע געפאנגענע... דאס מאטערט אים שטענדיק.

און אט גייט צו צו אונדזער טיש מיט א ברייטן ברוך־הבא א. ש. זאקס. זאקס איז היינט א זשורנאליסטישע פיגור אין דער אמעריקאנער גאס וואס ווערט באקעמפט מיט א גיפטיקן סם פון די רעכטע, פון די יידישע סאציאל־דעמאקראטן. אז מען זאל א קוק געבן אויף אים פון אויבן אויף, איז דאס אייגנטלעך שווער צו פארשטיין. ווייל ער זעט אויס ווי איינער פון דער גרויסער מחנה פון די ארבעטער־רינג און יוניאן־טוער פון אמאל. זיין מיושבדיקע רו, זיין גוטמוטיקער שמייכל, זיין געזעצטע פיגור טראגט אויף זיך דעם שטעמפל פון קאנסערוואטיווע קרייזן. ער האט אויך פארדינסטן אין דעם אלטן איסט־סיידער געבוי. ער האט אלס לעקטאר ארויסגעגעבן פאפולאריזאציעס פון מארקסיזם, האט אנגעשריבן די „געשיכטע פון אר־בעטער־רינג". מיט א פאר יאר צוריק איז ער געווען אין בערלין, אויפן וועג קיין רוסלאנד. דעמאלט האבן מיר — אין א זיצונג ביי מיר אין שטוב — געלייגט דעם יסוד פאר דעם „יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט". ער האט זיך מיט גרוים אינטערעס אנגענומען צו ארבעטן פאר דער זאך אין אמעריקע. דער דאזיקער פארשונגס־אינסטינקט האט ביי אים שפעטער ארויס־גערופן אן אינטערעס אויך צו די „פרייע שריפטן", — „כאטש איך בין א מארקסיסט", ווי ער האט מיר געשריבן.

און פלוצים האב איך דורך שטורעמדיקע ארטיקלען אין „פארווערטס" און „וועקער" דערוווסט זיך אז ער איז כמעט אריבער צו די קאמוניסטן. „כמעט", ווייל אריבער איז ער צו זיי ניט, אבער ער שטיצט זיי. איז דער נאמען „זאקס" געווארן ווי א קאמפס־רוף וואס האט גענומען ביי די רעכ־טע קלינגען ערגער ווי „אלגין". פאר וואס? ווייל דער „טאג", די באלע־באטישע צייטונג, האט זיך אריינגעמישט אין די ארבעטער־קאמפן און האט — דורך דער פעדער פון זאקסן — גענומען פארטיידיקן די לינקע. מען האט גענומען שרייבן וועגן „פניות" וואס דער „טאג" און זאקס האבן ביי דער דאזיקער ארבעט. אוודאי האבן אלע געהאט פניות אין דעם קאמף וואס האט געבושעוועט אויף דער יידישער גאס. אוודאי האט דער „טאג", אלס צייטונגס־געשעפט, געוואלט פארנעמען די פאזיציע פון יענע קרייזן וואס זיינען קעגנערס פון „פארווערטס". אבער די פראגע איז נאר: צי ווערט דורך דער אויפדעקונג פון פניות אפגעטאן פון דער וועלט דער קאמף גופא? פניות האט מען דא אויפגעוואָרפן אלעמען, דעם „פארווערטס" נישט ווייני־קער ווי דער „פרייער ארבעטער שטימע". און עס איז לײדער א גרויסער פעלער פון דער „פא'ש" וואס זי האט ניט געפונען אין זיך באצייטנס דעם מוט ארויסצוטרעטן מאקע ווי דער דריטער צד, אין נאמען פון ארבעטער־

קלאַס וואָס איז ניט פאַרבלענדעט פון פּאַרטיי־האַס. רעכטע און לינקע, ביי־דע האָבן זיך גערימן איבערהויפּט צו מאַכט (די איינע אָנצוהאַלטן די מאַכט, די אַנדערע — אַרויסצורייסן זי פאַר זיך). דער אַנאַרכיזם האָט צענדליקער יאָרן געפּרעדיקט אומאָפּהענגיקייט לגבי די פּאַרטייען — האָט ער איצט גע־דאַרפט אַריינמישן זיך. פאַר דעם יידישן אַנאַרכיזם וואָס איז כמעט אָראָפּ פון דער אַמעריקאַנער סצענע, איז איצט געווען אַ זעלטענע היסטאָרישע געלעגנהייט ווידער אויפצוריכטן זיך אין אַ פּראַקטישער באַוועגונג. אין דער יידישער קהלשער גאַס פון ניו־יאָרק ווו אַלץ איז געקניפּט און געבונדן מיט פּניות, האָט די „פאַ'ש" געדאַרפט אַרויסטרעטן מיט אַ פּלאַטפאָרם אָן שום פּניות. זי וואָלט דערביי, ראשית, שטאַרק פאַרלוירן, זי וואָלט דער־פון שפּעטער געוואַלטיק געווונען.

ווי אָפט פעלט היינט בכלל אין דער וועלט פון אידעען און באַוועגונ־גען דער מוט אָפּצוזאָגן זיך פון ביידע צדדים און באַטרעטן אַן אייגענעם, דריטן וועג! אומעטום שטעלט מען היינט אַוועק דעם שוואַכן מענטשן פאַר אַ דילעמע: „אהין צי אהער?" (פאַשיזם אָדער דעמאָקראַטיע! באָלשעוויזם אָדער מאָנאַרכיע!) און מען שטופּט אים אַזוי אַריין אין דער אָדער יענער שטייג. דעם שוואַכן מענטשן „באַפרייט" מען דורך דעם פון טראַכטן און פאַראַנטוואָרטלעך זיין. די אַמעריקאַנער סביבה איז גאָר באַזונדערס מסוגל אַריינצושרייען דעם פאַרטומלטן מענטשן: אהין צי אהער?

זאַקס האָט ניט געטאָן קיין עוולה דערמיט וואָס ער האָט פאַרנומען אַ דריטע פּאָזיציע. די פראַגע איז נאָר צי האָט ער געקענט באמת פאַרנע־מען אַזאַ פּאָזיציע לאַנג, צי איז ער געבליבן אומאָפּהענגיק אין זיינע שיל־דערונגען פון דעם ביטערן קאַמף? אַז איך טראָג זיך דאָ אַרום מיט דעם געדאַנק צו טרעפן זיך מיט דער „דריטער„ שיכט פון די אַרבעטער, לייג איך האָפנונגען אויך אויף זאַקסן. שטייט ער דאָך אין דעם שלאַכט־פעלד ווו פיילן פליען פון אַלע זייטן. וועט ער וועלן מיר אַ העלף טאָן מיט אַן עצה?

זאַקס האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און גענומען שושקענען זיך שנעל, שנעל. — הערט, מיר דאַרפן זיך מיט אייך זען באַלד באַזונדער, ווו עס איז. דאָ קאָן מען נישט ריידן... איר ווייסט, איך בין דאָך איצט ווייט פון זיי אַלעמען. מיר וועלן רופן אייך האַלטן אַ פאָרטראָג אין יידישן לערער־סעמינאַר. העלפן אייך ביים קומען אהער האָב איך ניט געקענט, ווייל איר פאַרשטייט דאָך...

איך פאַרשטיי אפילו ניט, נאָר זאָל זיין אַזוי.

מינץ גייט צו צו מיר עפּעס באַאומרויקט, פון הינטער אים זע איך צביונען. — יאָ, חבר שטיינבערג — זאָגט מינץ, אַריינדרינגענדיק אין מיך — דאָ זאָגט צביון אַז אין אייער אַרטיקל פון „פאָרווערטס" האָט זיך אַריינ־

געכאַפּט אַ שלעכט וואָרט. איך זאָג אים אַז דאָס קען ניט זיין פון אייך. מסתמא האָט מען עס דאָרטן פאַרדרייט...

— וואָס איז? קיין אַרטיקל האָבן איך אין „פאָרווערטס" ניט געשריבן...

— יאָ, אין דעם אינטערוויו פון אַשעראָוויטשן... עס שטייט דאָרטן אַז לעניין איז געווען אַ „רעוואָלוציאָנערער מאַניאַק". וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט? איך האַלט זייער פון לענינען... צביון מיינט אַז איר זאָלט דורך אַ בריוו אין „פאָרווערטס" פאַרריכטן די ווערטער...

איך וואונדער זיך אויף אַזאַ פאָרשלאַג. איך געדענק גאָרניט צי איך האָב געזאָגט אַזאַ וואָרט. און וואָס איז אייגנטלעך שלעכטס אין די דאָזיקע ווערטער? צביון גייט צו נעענטער. עפּעס פאַרלעגן זאָגט ער: מאַניאַק הייסט דאָך אַ ביסל משוגע. דאָס איז באַליידיקנדיק.

— ניין, מאַניאַק הייסט אויך אַז ער איז ווי משוגע אַריינגעטאָן אין זיין זאַך... און דאָס שטימט דאָך אויך: משוגע לאותו דבר.

ברייט אויסגעלייגט דיביידע הענט אויפן טיש קוקט זיך רויק אַרום אָפּאַטאָשו. ער רוקט מיר אַריין די האַנט ווי אַ באַקאַנטן. „וועגן אייך האָט מיר שוין געשריבן דובנאָוו". איך האָב צו אים אַ געשעפט: ער דאַרף געבן אַ בייטראָג צום זאַמלבוך לכבוד זשיטלאָווסקין וואָס מיר פּראָווען אין בערלין. אויף אַ ווײַלע פאַרקלערט ער זיך און זאָגט אַרויס מיט אַ שטיינערנער זיכערקייט: גוט, צום 15־טן יאַנואַר וועט איר עס האָבן... ס'וועט ניט זיין קיין גרויסע זאַך... איך וועל געבן אַ קליינע דערציילונג, וואָס זאָל פּאַסן צום בעל־יובל... און ער האָט באַוויזן מיט די פינגער ווי קליין די זאַך וועט זיין און ווי זי וועט פּאַסן צום בעל־יובל. ער האָט גערעדט און איז געווען אויפגעלייגט ווי אַ בעל־תורה וואָס דערציילט זיין מסיבה וועגן אַ חידוש וואָס ער האָט אויפגעטאָן. און די אויסגעאיידלטע פינגער באַוועגן זיך פלינק. ניט קיין גרויסע זאַך, נאָר איין קנייטש אין דעם פּסוק, און דער פּשט ווערט פאַרשטענדיק... וואָלט איך ניט געוווּסט אַז דאָס איז אָפּאַטאָשו, וואָלט איך געזאָגט אַז דאָס איז דער בכבודיקער גביר און למדן פון שטאָט.

צום ערשטן מאָל זע איך אַ יידישן שרייבער וואָס זאָל אַזוי זיכער ריידן וועגן אַ טערמין. זיינען לייוויקן און לעיעלעס אויך אַזוי פּינקטלעך? אפשר וועט ער, אָפּאַטאָשו, איבערנעמען צו קריגן אויך ביי זיי? ער נעמט טאַקע איבער. „איינראָפּאַ" איז בכלל אַ גליקלעכע ליטעראַרישע בערזע ווו מען קען גאָר נתעשר ווערן. אָט זע איך דאָ מעקלערן. ער איז דאָך דער סעקרעטאַר פון פּרײַז־שרייבער־פאַראיין; וועט ער מיר באַלד זאָגן ווי איז די לאַגע מיט בעל־מחשבותעס ווערק. איך זאָג אים: פאַרן ערשטן באַנד האָט מען אויסגעלייגט 250 דאָלאַר. אָבער ס'איז ניט גענוג. אויף אַרויסצוגעבן די נאָענטסטע בענד דאַרפן מיר האָבן אַ 400 דאָלאַר. איז דאָס מעגלעך?... מעקלער זאָגט: ס'איז ניט אויסגעשלאָסן...

מיט בער׳ל לאָקערן

דאָס טישל אַרום יוסף קאַהאַן איז שוין לאַנג ליידיק געוואָרן. איך האָב זיך צו שטאַרק אַריינגעלאָזן אין ליטעראַרישע געשעפטן. מען דאַרף זיך שוין רירן. ווו בין איך היינט? יאָ, ביי די לאָקערס... און אָט איז ער שוין דאָ, פריש און רירעוודיק ווי שטענדיק. מיר פאָרן צו אים אין האָטעל, כדי צו טרעפן זיך מיט מערעמינסקין און דוב האָזן. זיי זיינען געקומען אַהער ווי די ארץ־ישראל־אַרבעטער־דעלעגאַציע, צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. אין אַ רויקן האָטעל־צימער זע איך זיי ווידער.

מיר האָבן זיך שוין געהאַט געטראָפן מיט אַ צען טעג צוריק אויפן שיף. בעת דער צערעמאָניע־מייסטער פון עסצימער האָט פונאַנדערגעזעצט די פּאַסאַזשירן, האָט ער מיר אָנגעוויזן אַ טיש וווּ עס זיינען געזעסן פיר יידן. איך האָב נאָר באַוויזן צוצוזעצן זיך און אָנרופן מיין נאָמען, ווי איינער פון זיי, אַ ברייט־פּלייציקער יונגערמאַן מיט אַ קינדעריש געזיכט, האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. „צי זייט איר ניט איסאַק זאַכאַראָוויטש פון מאָסקווע?" — רופט ער אויס און איז באמת צופרידן. דאָס איז י מערעמינסקי, מיט וועלכן מיר האָבן אַמאָל אין דער מלחמה־צייט געאַרבעט צוזאַמען פאַר די פּליכטלינגע אין מאָסקווע. איך האָב זיך גלייך דערפילט היימיש אין דער דזשענטלמעניש־אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער פון עסצימער. ס׳פאַרשטייט זיך אַז מען האָט זיך באַקענט מיט די אַנדערע טיש־שכנים. דער האַלבער מנין יידן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נישט ווייניקער ווי פיר קאָנטינענטן. דוב האָז איז ווי אַ פּאַלעסטינע־פאַרטרעטער געפאָרן צוזאַמען מיט מערעמינסקין. אַ ד"ר וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר, איז געווען אַן עכטער ייד פון ברוקלין. איך האָב פאַרטראָטן די אייראָפּעישע פּראָווינץ, און מיין דיקלעכער, פלעגמאַטישער שכן מיט דעם קאַשקעטל אויפן קאָפּ איז אַ ייד דווקא פון ניו־זילאַנד (לעבן אויסטראַליע). מער נישט ווי אַפריקע האָט אונדז געפעלט. ווי האָבן מיר אונדז צווישן זיך צונויפגערעדט? ס׳פאַרשטייט זיך: אויף יידיש... נאַציאָנאַלער פון אונדז אַלעמען זיינען געווען די פּועלי־ציוניסטן; ראַדיקאַלער — דער אַמעריקאַנער דאָקטאָר וואָס האָט זיך איצט אומגעקערט פון רוסלאַנד; פרימער פון אַלע־

מען איז געווען דער אויסטראַלישער ייד. אמת, ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין בשׂרע עסנס, אָבער ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די עוולה וואָס זיי, די ציוניסטן, עסן ניט כשר. ארץ־ישראל האָט זיך ביי אים פאַרבונדן מיט יידישקייט, און יידישקייט איז פרומקייט.

— ווי קומט איר בכלל קיין אויסטראַליע? — האָבן מיר געפרעגט דעם דזשענטלמען. ער האָט געטראָגן ברילן אין שוואַרצע ראַמלעך, האָט אַרויסגעלאָזן לאַנגזאַם און וואָגיק יעדעס וואָרט, און האָט געהאַט בכלל דעם אויסזען פון אַ גוט אויסגעפּרעסטן ענגלישן שייגעץ. ער האָט פרייַנדלעך מיט אַ פּוילישן יידיש, דורכגעוואָרפן מיט האַרטער עברי, דערציילט אונדז: פון פּוילן ווי אַ קינד נאָך האָט מען אים געבראַכט קיין ניו־זעלאַנד צו קרובים... „אַ פרשה חומש האָב איך שוין דעמאָלט געקאָנט לערנען". ער האָט געאַרבעט ביי רויכוואַרג און האָט זיך אַרויסגעאַרבעט גוט. ער פּירט געשעפטן מיט דער גאַנצער וועלט. געווען אָקערשט אויף דער לייפּציקער מעסע, פאָרט איצט קיין שיקאַגאָ, פון דאָרטן כאַפּט ער זיך אַריבער קיין סאַן־פראַנציסקאָ, און פון דאָרטן ווידער אַהיים, איבער אַלע ימים קיין ניו־זעלאַנד. אַ חדשים צוויי וועט ער אַזוי אַרומשווימען. כּסתמא לוינט זיך דאָס געשעפט? — „יאָ, איך ליג אָפּ אַ ביסל פונטן"... דאָרטן האָט ער אַ מוטער, און האָט אַראָפּגעבראַכט אַ פּאָר שוועסטער. אָבער עס איז זיי אומעטיק דאָרטן צו לעבן, ווייניק יידן. ער איז דאָ ניט לאַנג געפאָרן קיין פּוילן זוכן אַ חתן פאַר דער שוועסטער. זי וועט פאָרן מסתמא צוריק. ער אַליין איז נאָך אַ בחור...

— ווי איז טאַקע ביי אייך דאָס יידישע לעבן?

— אַ גאַנצן טאָג אַרבעט מען אין די ביזנעס. דערנאָך פאָרט מען אַרויס מיטן קאַר שפּאַצירן אָדער מען לערנט אַ פרשה חומש, אַ שטיקל תנ"ך... איך האָב אַלץ באַהאַלטן וואָס איך האָב אַמאָל געלערנט. איך בין אַ גוטער בעל־תפילה. דאַוון איך ביים עמוד. פון לאָנדאָן האָבן מיר די „צייט"... (דאָס האַרץ ביי אים דערוואַרעמט זיך אַלץ מער. די אויגן פון דעם סוחר קוקן אַזוי נאַאיוו). אָבער מיר וועלן ניט בלייבן דאָרט. איך קלייב זיך אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל...

און ער ווענדט זיך צו די פאַרטרעטער פון יענעם קאָנטינענט: קאָן מען אין תל־אביב קויפן ביליק אַ שטיקל ערד מיט אַ הויז? ס'ווילט זיך האָבן דאָרטן אַ נחלה. איך האָב אָבער געהערט אַז דאָרטן איז מען גאָר ניט פרום...

מיינע פּועלי־ציוניסטישע שכנים האָבן נישט קיין גרויסן אינטערעס צום אויסטראַליער. ער בייגט זיך איבער צו מיר און רעדט מיט פאַריבל: ווי פּאַסט זיך דאָס אַז ציוניסטן זאָלן עסן טריפה? עס שטייט דאָך אין פּסוק...

שפּעטער זאָגט מיר מערעמינסקי אַז זיי קענען אָט דעם טיפּ פאַר־

וואָגלטן ייד. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער אַנטוויקלונג־שטופּע ווי ס'זיינען געווען פּוילישע יידן מיט אַ 25 יאָר צוריק. זיי האָבן קיין פאָר־שטעלונג ניט פון דעם נאַציאָנאַל־וועלטלעכן יידנטום... געוויס איז עס אַזוי, אָבער ווי פיין איז דאָס אַז דער פּוילישער ייִנגל האָט מיטגענומען מיט זיך איבער אַלע ימים דעם ניגון און די האַרטע עברי פון שטעטל. צי וואָלט אים דאָרטן עפּעס פאַרטריבן דעם אומעט? איך האָב געזען די גאַנצע טעג ווי ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שיפדעק, אַליין און פאַרטראַכט. דער דאָזיקער גביר האָט געטראָגן אין זיך אַ גייסטיקע בענקשאַפט.

דערפאַר איז אָבער אַלץ מיטאַנאַנד געווען קלאָר דעם ברוקלינער דאָקטאָר. ער איז געווען אַ קאָמוניסטישער סימפּאַטיקער און האָט די וועלט באַטראַכט דורך די שפּאַקולן פון וויסנשאַפט. בשעת דער אויסטראַליער האָט מיט אַ וואַרעמער שטים דערציילט וועגן דער פרשה חומש, האָט דער דאָק־טאָר געלאַסן געשניטן דעם אָרענדזש און געשמייכלט אין זיך. ער האָט מיר שפּעטער דערקלערט: מען קען ניט אַנדערש באַהערשן רוסלאַנד ווי דורך צוואַנג. מענטשן זיינען באַשעפעניש אָן ווילנסקראַפט, אָן קלאָרקייט פון בליק. זיי וואָלטן קיין מאָל ניט געוווסט וווהין צו גיין. דאָס איז באַוויזן דורך נאַטור־וויסנשאַפט...

— אין דער נאַטור זיינען דאָך דאָ פאַרשיידענע ברואים, אויך חיות רעות... און אַז היות רעות ווערן די פירער, איז דאָס אויך נאַטור־וויסנ־שאַפט? פון וואַנען ווייסט איר אַז א י ר זייט עס דער פירער? בעלי־גאווהס וואָס איר זייט.

דער פאַניע דאָקטאָר האָט געלאָסן געשמייכלט און גערויכערט די פּיפקע. איך האָב שפּעטער אין ניו־יאָרק דערגאַנגען אַז ער דערלייגט ניט צופיל צום קאָמוניזם.

די פּועלי־ציוניסטן מיט וועלכע איך האָב זיך איצט געטראָפן אין ניו־יאָרק, זיינען געווען אין אַ גוטער שטימונג. מען האָט גענומען ריידן וועגן דער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ וועלכע זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אָקערשט, דעם 1־טן יאַנואַר. זי איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, לויט די פאָרשטעלונגען וואָס מען מאַכט זיך אין אַמעריקע פון אַ דערפאָלג. עס זיינען געווען אַ סך דעלעגאַטן פון יוניאָנס, פון אַרבעטער־רינג בראַנטשעס, פון ציוניסטישע גרופּן. — „צום ערשטן מאָל — האָט דערציילט מערעמינסקי — זיינען גע־קומען ריידן פון אונדזער טריבון פאַרטרעטער פון דיביידע גרעסטע יידי־שע יוניאָנס. זיגמאַן פון דער „אינטערנעשאָנאַל" און שלאָסבערג פון דער אַמאַלגאַמייטעד. עס האָט גערעדט דער פאָרזיצער פון דער פעדריישן אָף ליבאָר... יאָ, איך ווייס טאַקע ווער עס איז די „פעדריישאָן" אין אַמע־ריקע. אָבער עס איז וויכטיק אין פּרינציפּ, אַז זיי קומען אַלע צו אונדזער

קאָנפערענץ. און זיי זיינען דאָך היינט די פאַרטרעטער פון אמעריקאַנער אַרבעטער!"

איך האָב זיך דערמאָנט פּלוצים ווי איך האָב געהערט מיט אַ סך יאָרן צוריק — 1907 — אין שטוטגאַרט בעתן אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליסטישן קאָנגרעס, ענלעכע ווערטער פון אַן אַנדערן. ד"ר ברוק, דער באַקאַנטער וויטעבסקער ציוניסט, איז געווען אויף דער גאַלעריי פון די צו־שויער און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די דעבאַטן. ער איז דער־מאָלט געפאָרן אַהיים פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. ווייזנדיק אויפן אונטן האָב איך אים געפרעגט: צי איז ניט ריכטיקער צו פאַרלאָזן זיך אויף אַ ז ע ל כ ע עלעמענטן איידער אויף די רעגירונגען, ווי עס טוט דער ציוניזם. אויף דערויף האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ געענטפערט: — אוודאי, אָבער אַז יענע האָבן היינט די מאַכט.

ווי משונהדיק עס ענדערט זיך די וועלט. היינט צו טאָג קאָן זיך שוין דער ציוניזם שטיצן אויך אויף די עלעמענטן וואָס זיינען געווען דעמאָלט אין שטוטגאַרט. אָבער די דאָזיקע סאָציאַליסטן זיינען אַליין ענלעך געוואָרן צו יענע „רעגירונגען", און די נייע וועלט ליגט שוין ווידער ווו אין אַן אַנדער אָרט און ביי אַנדערע מענטשן.

ב. לאָקער האָט דערציילט מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג מענטשן און אָרגאַניזאַציעס האָבן געגעבן געלט פאַר דעם קאַמפּיין. מענטשן וואָס וואָלטן פריער געלאָפן פון אַזאַ זאַך. נישט נאָר מאַקס פיין, שיפּליאַקאָוו, אויך אַב. קאַהאַן איז געווען און האָט געגעבן זיינע 100 דאָלאַר...

דוב האָז, דער רויקער און קאָרעקטער, אַביסל ענגליזירטער יונגער מענטש, האָט מיט איינצלנע ווערטער, מיט אַ בייג פון דעם קאָפּ אויך צו־געגעבן דעם גרויסן דערפאָלג. אָבער ער קען שוין אַ ביסל אַמעריקע און ער איז מוסיף: איצט מוז מען זען ג ל יי ך אויסצונוצן דעם דערפאָלג. כּל־זמן די מענטשן זיינען נאָך דערוואַרעמט. אַז ניט וועט מען זיי שפּעטער ווידער ניט קריגן.

מיר זיצן איצט אין ניו־יאָרק ביי אַ גלעזל טיי. לעבן דעם אימפּול־סיוון מערעמינסקין און רויקן האָזן, זיצט דער וויציקער און קלאָר־קעפּיקער בערל לאָקער. ער איז דער שטענדיקער אַמבאַסאַדאָר פון דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט אין אייראָפּע, אין אינטערנאַציאָנאַל. אויב די ביידע דעלע־גאַטן פון ארץ־ישראל זיינען פּאַרטאָן אין אויסרעכענען און איינקאַסירן די דערפאָלגן פאַר דער דאָרטיקער אַרבעט, האָט לאָקער אַן אַנדער געביט. ער דאַרף באַטראַכטן די פּאַלעסטינישע אַרבעט אין היקף פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, ער דאַרף האָבן אין זינען אַ ל ע ריכטונגען וואָס קעמפן דאָ צווישן זיך. ער געהערט צו די לינקע אין צווייטן

אינטערנאַציאָנאַל און ער קען, פאַרבייגנדיק זיין בלאָנדע וואָנצע, דערציילן געגוג מעשיות וועגן די היינטיקע „סאָציאַליסטישע" שררות אין די רעגירונגען.

— איר האָט דאָ — זאָגט צו מיר לאָקער — גאָר אַ שיינעם דער־פאָלג. אַלע צייטונגען גיבן אייך אָפּ פּלאַץ. אפילו דער „פאָרווערטס" טוט עס. מיר האָבן דאָ ניט אַזאַ פּובליסיטי ווי איר...

— אפשר, אָבער דערפאַר האָט איר דאָ אַן אַפּאַראַט, פאַרבינדונגען אין גאַנצן לאַנד, און איך בין דאָ בפועל ממש אַליין...

— אָבער אַז איר וואָלט געוווּסט ווי מען פאַרשווייגט אונדז. אָט אין „פאָרווערטס" למשל. עס שטייט ניט אַז אַב. קאַהאַן האָט געגעבן אַ סומע פאַרן קאַמפּיין. מען האָט קוים אין אַ פּאָר טעג אַרום געפּועלט אַז ערגעצוו זאָל שטיין אַ באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ.

— מער ניט ווי ש. ראָזענפעלד האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ וואַרעמען אַרטיקל — זאָגט מערעמינסקי — אַזאַ וואַרעמקייט פון אַן עלטערן מענטשן האָבן מיר שוין לאַנג ניט געהערט.

געוויס זוכט מען זיי צו פאַרשווייגן. די לעזער פון פיינדלעכע בלע־טער וועלן ניט וויסן וואָס עס קומט פאָר דאָ דערביי, לעבן זיי. וועלן ניט וויסן אַז יוניאָנס, הונדערטער מענטשן, עכטע באַגייסטערונג קומט צום אויסדרוק אין אַ נייער באַוועגונג. די שטאָט איז אַזוי גרויס און מענטשן זיינען דאָ אַזוי פיל אַז מען קאָן האַלטן דעם „אייגענעם" לעזער אָפּגעשלאָסן פון אַ שטראָם וואָס פליסט דאָ לעבן אים. פון דעסטוועגן געלינגט עס נישט מער צו פאַרשווייגן די אַרבעטער־ציוניסטישע באַוועגונג דאָ אין לאַנד. זי איז דאָ.

דער ציוניזם האָט בכלל אַ גינסטיקן באָדן אין אַמעריקע, און דער סאָ־ציאַליסטישער ציוניזם באַזונדערס. פאַר יענע קרייזן פון יידישע פאָלקס־מענטשן וואָס קענען זיך ניט אַריינפּאַסן אין דער אַמעריקאַנער סביבה, אָדער וואָס קענען זיך אַריינפּאַסן נאָר מיט זייער עקאָנאָמישן קערפּער און נישט מיטן גייסט, — איז פּאַלעסטינע דער טרייסט. דאָ מוזן ניט ווערן ציוניסטן דווקא די וועמען עס פעלט אוים אויף חיונה; אַזעלכע זיינען מסתמא גאָר ניטאָ קיין סך. אָבער צום ציוניזם ווערן געטריבן אַ סך ביי וועמען עס פעלט אוים צו דער גייסטיקער חיונה. אַזאַ בענקשאַפט נאָך רוחניות קומט מסתמא אויף דעמאָלט ווען מען איז עקאָנאָמיש געזעטיקט אָדער באַוואָרנט. ווו זאָל מען זי באַפרידיקן? דאָ אויפן אָרט, אין אַמעריקע? ווו דער שטיין פון דעם אַרומיקן לעבן איז אַזוי האַרט און פאַרביסן? די גאַנצע אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע און קולטור־סביבה איז פיינטלעך צו אַזעלכע יידישע חלומות־גייסטיקייט. אָדער מען דאַרף זיך שטעלן אַנטקעגן אַלע אירע מאַטעריעלע צוזאָגן און ווילטאָגן. און ווער קען עס פועלן ביי זיך? ניין, דער באַוואָרג־

טער יידישער פֿאָלקסמענטשן נעמט אָן מיט הנאה דאָס אַמעריקאַנער „אַל־געמיינע" לעבן. דערפֿאַר אָבער טראָגט ער אַריבער זיינע חלומות אין אַן אַנדער אָרט, קיין ארץ־ישראל. דאָס איז זיין „סאָציאַלער מיטאָס", אין וועלכן ער לעבט זיך אויס גייסטיק. אַרבעטנדיק פֿאַר אים, פֿאַרשענערט ער שוין ממילא זיין היגן לעבן... ס'איז, אין אַ גרויסער מאָס, נישט אַנדערש ביי די יידישע קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער אין אַמעריקע. געוויס, זיינען אין ד ע ם לאַגער פֿאַראַן אַ סך עקאָנאָמיש־באַדערפֿטיקע. אָבער אויך אַ סך פֿון די קרייזן וואָס אַנטלויפֿן גייסטיק (נישט מאַטעריעל! זיי שטעקן גאָר טיף אין דער אַמעריקאַנער מאַטעריע) פֿון אַמעריקע. און זייער כּישוף־לאַנד, זייער סאָציאַלער מיטאָס — איז ראַטן־רוסלאַנד. זיי האָבן ניט גענוג כּוח אויף צו איבערצואַקערן דעם באָדן אויף וועלכן זיי שטייען דאָ. ציען זיי זיך צו דעם חלום וואָס איז פֿאַרווירקלעכט אין אַן אַנדערן ווייטן לאַנד. (אַמאָל פֿלעגט מען דעם „גאָלדענעם צייטאַלטער" פֿאַרלייגן אין די אַלטע פֿריערדיקע צייטן: היינט לייגט מען אים פֿאַר אין אַן אַנדער געאָגראַפֿישן שטח). דער כּוח וואָס שטראָמט אַרויס פֿון יענעם רוסישן לאַנד גיט זיי די קראַפֿט צו אַרבעטן פֿאַר אים דאָ און ממילא צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס היגע לעבן... די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וואָס מוזן באַאַרבעטן נאָר די היגע ערד, זיינען טאַקע דערפֿאַר גאָר אַנדערש.

איך בין געבליבן ביי די פֿריינד אַ קורצע צייט. צען אין אָוונט קער איך זיך אום צוריק, ווייל איך וויל היינטיקן אָוונט פֿאַרברענגען מיט מיינע באַלעבאַטים. מאָרגן פֿאָר איך דאָך אַריבער אין שטאָט. דער פֿאַרהאָרע־וועטער מ"ר ה. איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין אונדזער שמועס. איך דער־צייל אים וועגן מיינע באַגעגענישן מיט מענטשן, וועגן דעם פּלאַן פֿון מיין לעקציע וואָס איך דאַרף האַלטן דעם זונטיק. — ס'איז נאָך ווייניק אַז מען טוט טעגלעך די נייטיקע אַרבעט... עס מעג יעדן טאָג געטאָן ווערן אַפֿילו אַ מצוה־זאַך. זי מוז נאָך פֿאַרבונדן ווערן דורך אַן אינערלעכער קיִיט, דורך אַן אידעע — אַ ניט, איז דאָס ניט קיין עבֿודה, עס איז ניט מער ווי מלאָכה...

ער כאַפּט זיך אָן אָן די ווערטער מיט שטראַלנדיקע אויגן. פֿאַרהאַקנדיק זיך אין די רייד, אײַלט ער זיך צו דערמאָנען, אַז ניט אַנדערש האָט ער אויך שטענדיק געטראַכט. ער ברענגט מיר אַ פּסוק וואָס ער טייטשט אויס אין דעם זין. אוודאי מוז האָבן אונדזער לעבן אַ שכל. יעדער טראָגט די אחריות... אָבער וואָס וואָלט געזאָגט דערצו דער ברוקלינער דאָקטאָר פֿון שיף? מענטשן מוזן דאָך האָבן אַ בייטש איבער זיך.

פון בענסענוועדסט — קיין מאַנהעטן

5־טער יאַנואַר.

ענדלעך פאַר איך אריבער קיין ניו־יאָרק פון מיין בענסענהוירסטער ישוב. קיין דירה האָב איך ניט, אַפילו קיין פאַסיקן האָטעל. אָבער עס מוז דאָך איין מאָל געשען. מיסיס ה. איז אַ ביסל אומעטיק, זי פאַרשטייט אָבער אַז דאָס איז נויטווענדיק. ווי וועל איך קענען אָפּדאַנקען די פיינע מענטשן פאַר די ערשטע צען טעג אין אַמעריקע, אין וועלכע זיי האָבן מיר געשאָנ־קען פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר אַ זאַך וואָס איז זיי אייגנטלעך פרעמד? מיר זאָגן זיך צו צו טרעפן זיך וואָס עפטער אין שטאָט, און „אַז איר וועט וועלן זיך אָפּרוען, זאָלט איר שטענדיק קומען צו אונדז".

אַז מען איז היימלאָז אין ניו־יאָרק פאָרט מען אַריין מיט די זאַכן, פאַרשטייט זיך, אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָ'ש". בפרט נאָך, אַז זי קען מיר אונטערטראָגן אַזאַ מין מתנה ווי פיר בריוו פון בערלין. דאָס איז דאָך אַ גאַנצע וועלט, און עס שטראָמט פון איר ליכט און וואַרעמקייט. אַרום שטייען מענטשן און איך האָב צו זיי אַלעמען „געשעפטן", און קוים סטאַ־יעט עס צייט אויף צו עפענען די בריוו. מען כאַפּט אויף זיי אַ קוק, מען דערקענט די באַקאַנטע האַנטשריפטן, און מען טראָגט זיך ווידער אַריבער קיין „אייראָפּע". דאָרטן ווידער אַ וואַלד מיט מענטשן, און אָפּאַטאַשו וווּנ־דערט זיך נאָר מיט אַ שמייכל ווי קאָן מען דאָס האַלטן אין האַנט אַזעלכע בריוו און נאָר פאַמעלעך עפענען זיי. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַז מען איז פאַרטאָן אין זייטיקע זאַכן, אין דער אמתן שלינגען די אויגן מיט דורשט די בלעטלעך. וועגן וואָס טאַקע דערציילט זיך ניט אין די בלעטלעך! אַ מישמאַש פון נייעס אייגענע און פרעמדע, קהלשע און פּריוואַטע, יידישע און אַלגעמיינע... מיין קליינע מיטאַ שטייט צו און פרעגט נאָך אַנאַנד: ווי לאַנג וועל איך פאַרבלייבן „ביי אַמעריקע", דריי טעג אָדער צען?... דער ח' גורעוויטש פון דער פאַרטיי ס"ר איז געקומען אין בערלין אויף אַ צוזאַמענ־פאָר און האָט געזוכט מיך. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז ניט צושטאַנד גע־קומען מיין צוזאַמענקום מיט וויקטאָר טשערנאָוו. האָט איצט גורעוויטש געוואָלט זען זיך... עס האָט טעלעפאָנירט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא וועגן

באַזוכן דעם קראַנקן פּפעמפּפערט. פּראַנץ פּפעמפּפערט איז איינער פון די זעלטנסטע דייטשע רעוואָלוציאָנערע שריפטשטעלער, און פאַרן אוועקפאָרן האָב איך אים געפונען אין אַ געפערלעכן געזונט־צושטאַנד. אָבער עס גייט אים בעסער... עס איז איצט חנוכה און די קינדער פאַרברענגען אַ וואָך פון קאַרנאַוואַל־צייט. געסט קומען צו אונדז אויף לאַטקעס און די קינדער גייען צו געסט... אין „טריזוב", דעם אָרגאַן פון די פּעטליוראַווצעס, איז אָפּגעדרוקט אַ באַריכט וועגן אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע אוקראַינער אין פּאַריז, צוליב דעם שוואַרצבאָרד־פּראָצעס. זיי טענהן ווידער: ניט פּעטליורע ניט אוקראַינער בכלל זיינען שולדיק אין די פּאָגראָמען, שולדיק זיינען אַנדערע... אין דער קערענסקי־צייטונג „דני" פרייט זיך דער באַקאַנטער ס"ר סוכאָמלין אַז צוליב דעם פּעטליורע־שוואַרצבאָרד־ענין, איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צווישן די לינקע ס"ר און די אוקראַינישע ס"ר (וואָס איז דאָ די שמחה אַזוי גרויס?)... פון טעאַטער אין ברעמען איז אָנגעקומען אַ חשבון פאַר די פאָרשטעלונגען פון מיין דראַמע וואָס זיי האָבן אויפגעפירט... פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אונדזערע פאַרשיקטע חברים אין דער צפון־געגנט (אוסט־סיסאָלסק). דאָס בילד ליגט דאָ טאַקע אַריינגעלייגט אין בריוו... ס'איז אָנגעקומען פון פּאַלעסטינע אַ בריוו פון מענדל ראָזענבוים, ער קלייבט זיך אויך באַלד קיין אַמעריקע. ער שרייבט נאָך עפּעס: „איך האָב די לעצטע יאָרן ניט האַלט צו לייענען דייטש. איך האָב אָנגעהויבן אויסמיידן לייענען דייטש כדי ניט צו פאַרדאַרבן מיין יידישע שפּראַך, און איצטער קלינגט מיר טאַקע דייטש ווי אַ פאַלשער, געמאַכטער, געקינסטלטער יידיש". עס פאַלט אַרויס פון קאָנווערט אַ פאַרביקגעמאָלן בילד. דאָס איז פון מיין זיבן־יאָריקן זון געצייכנט: „אַם באַנהאָף", ווי איך פאָר אָפּ פון בערלין, מענטשן לויפן נאָך דעם צוג און ווינקן מיט די הענט... אין דער „פּראַוודאַ" איז אָפּגעדרוקט אַ גרויסער אַרטיקל פון דעם באַקאַנטן בלוטדורשטיקן טשעקיסט פּעטערס, אין וועלכן ער שרייבט דערינערונגען וועגן צען יאָר טשעקאַ. ס'איז איצט טאַקע אַ „יובילֵיי־צייט" און ער דערמאָנט דאָרטן צום גוטן סיי די לינקע ס"ר סיי מיך פּערזענלעך. „צום גוטן" — דאָס הייסט אַז ער קריטיקירט אויפן שאַרפסטן אופן אונדזער דעמאָלטיקע „שוואַכקייט" בנוגע טעראָר און טויטשטראָף. „ערשט אַז מען איז פּטור געוואָרן פון זיי, האָט זיך אָנגעהויבן די אמת־באָלשעוויסטישע אַרבעט אין דער טשעקאַ" — אומגעפער אַזוי שרייבט ער. (ס'איז זייער געלונגען וואָס ס'איז דערשינען גראָד איצט אַזאַ דאָקומענט. ער וועט מיר מסתמא קומען צונויץ אין אַמעריקע)... דער נומער 3 פון די „פרייע שריפטן" ווערט פונאַנדערגעשיקט צו די אַבאָנענטן, און דער רוסישער זשורנאַל אויך... צו די איטאַליענישע מאַקסימאַליסטן וואָס האַלטן איצט אָפּ זייער קאָנגרעס

אין מארסעל א באגריסונג־טעלעגראם אפגעשיקט... מיין עלטערע צען־יאָרי־קע אדא האָט געהאַט אין דער דייטשער שול אן אויסגאַבע צו שרייבן, ווי אַלע קינדער, אַן אַרבעט: „פאַר וואָס פריי איך זיך מיט ווייַנאַכטן?" איז זי אויפגעשטאַנען און דערקלערט אַז מיט ווייַנאַכטן פרייט זי זיך גאָר נישט, נאָר זי קאָן אָנשרייבן, פאַר וואָס זי פרייט זיך מיט חנוכה. „איך פריי זיך ניט דערפאַר וואָס מען גיט אונדז מתנות. אָבער אַז איך זעץ זיך אין אַ זעסל, פאַרזונקען אין געדאַנקען און עס גייען פאַרביי מיר די ליידן פון די „זעהנע פון איזראַעל פאַר פילע טויזענד יאהרע", פריי איך מיך אויף דעם וואונדער וואָס איז געשען חנוכה..." אַלע מיינע בריוו ווערן געלייענט פאַר די קינדער, און זיי נעמען אָנטייל אין אויסהערן די נייעס פון וועג. די סענטימענטאַלע אדא פונקט אַזוי ווי דער פאַרטראַכטער ליאָווא, פונקט אַזוי ווי די שאַרף־אויפמערקזאַמע פיריאַריקע מיטאַ...

אַריינגעשלונגען דעם גאַנצן באַרג נייעס, — און ווידער געלאָזן זיך אין וועג. איך מוז היינט באַזוכן שלאָסבערגן (דאָרטן וועט זיין אויך לאָרע) און איך האָב היינט אין אָוונט די ערשטע, די אַנטשיידנדיקע באַגעגעניש מיט די ניו־יאָרקער פ"רן. זי וועט זיך זיכער פאַרציען גאָר שפּעט. ווו וועל איך, אַ היימלאָזער, נעכטיקן? ס'פאַרשטייט זיך, דאָרטן גופא, ביי וועמען ניט איז פון די פ"רן, און מעג ער זיין אַפילו דער רעכטער שברעכטער.

ביי שלאָסבערגן איז אַ יידיש הויז אויסגעמישט מיט אַ ביסל דייטש. זיין טאָכטער אַ סטודענטקע, זיין פרוי ריידן דייטש. דאָס זיינען רעשטלעך פון די אידעישע פעדים וואָס האָבן אַמאָל פאַרבונדן דאָ די יידישע ראַדי־קאַלע אַרבעטער־טוער מיט דער אַמעריקאַנער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג. די דייטשע באַוועגונג איז דאָ אייגנטלעך געווען דער פּיאָנער פון קלאַסן־קעמפערישן סאָציאַליזם. קומענדיק פון דייטשלאַנד ווו עס האָט זי געיאָגט ביסמאַרק, האָט זי געשאַפן די יוניאָנס און די קולטור־געזעלשאַפטן פון וועלכע עס האָבן זיך געלערנט די יידישע אַרבעטער־חברות. דערפון שטאַמט מסתמא דאָס דייטשמעריש וואָס איז נאָך פאַרבליבן אויף דער יידישער אַר־בעטער־גאַס. „געוואָסע" — איז דאָס וויכטיקסטע וואָרט פון יענער זייט. היינט שטייט די יידישע באַוועגונג אויף אייגענע פיס, די דייטשן — אויף אַ זייט. ביי די שלאָסבערגס איז פאַרבליבן דער שפּור פון דער פאַרגאַנגענ־הייט. אָבער אויך פון דער צוקונפט. די טאָכטער זיינע ציט זיך שטאַרק צום יידישן. אין איר האָט דער פאָטער געפונען פאַרשטענדעניש פאַר זיינע פּאַלעסטינישע סימפּאַטיעס. אין אַ סך פאַמיליעס שטופּן היינט דווקא די קינדער זייערע עלטערן צו אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. „היינט זיינען שוין דאָ אַ סך אַזעלכע סימפּאַטיקער מיט פּאַלעסטינע — זאָגט שלאָסבערג ביים מיטאָג מיט אַ שמייכל — אָבער בעת מיר זיינען אַרויס די ערשטע, האָב

מען אונדז פאַרשריען". עס קומען דוד פינסקי און זיין פרוי, עס קומט בערל לאָקער, עס פאַלט אַריין מיט לעבנס־לוסטיקער מגושמדיקייט ליודוויג לאָרע.

אָט דער דיקער, פריילעכער, אָפענער מענטש איז מיט איניקע יאָר צוריק אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל, אַלס אַ בפירושער מענשעוויק. און דערביי האָט ער עס פריער געהאַט אַריבערגעפירט די גאַנצע דייטשע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אַמעריקע אין דעם שטראָם פון מאָסקווער קאָמוניזם. מיט דער דאָזיקער באַוועגונג און איר טעגלעכער באַדייטנדיקער ציַיטונג („ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג") האָט אָנגעפירט לאָרע. און ער ווידער האָט זיי אַרויסגעפירט פון אונטער דעם מאָסקווער איינפלוס אין מאָמענט ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם האַרטן אייזן פון דער דאָרטיקער דיקטאַטור. ער האָט זיך אָבער ניט אַריבערגעוואָרפן צוריק צו דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לאַגער, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך אַנדערע ביי וועלכע עס איז געווען אָדער באָדנלאָזע באַגייסטערונג פאַרן באָלשעוויזם אָדער נאָר באָדנלאָזע אַנטוישונג אין אים. אַ פעסטע טראַדיציע פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם האָט אים געהאַלטן אויף יענעם, דריטן וועג וואָס איז אייגנטלעך דער ערשטער און דער ריכטיקער. פון ד ע ר ריכטונג און צוגלייך פון דער אַמאָליקער בכבודיקער דייטשער באַוועגונג איז דאָ איצט געשטאַנען ווי אַ איינציקער דעמב אָט דער לאָרע. איך האָב מיט אים שוין פון בערלין געהאַט אַ פאַרבינדונג, געשריבן אַ פּאָר מאָל אין זיין ציַיטונג. אָבער דאָ האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל דעם לעבעדיקן ברייטהאַרציקן מענטש. מיט שוואַרצע געשאָרענע האָר, מיט ווייך־גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן, מיט אַ ווייכער „געמיטלעכער" שטים. (צי איז ער אַ רומעניער, אַן איטאַליענער, צי גאָר אַ ייד?). ער גיט זיך אַ וואָרף צו מיר ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, קוועטשט די הענט, בייזערט זיך פאַר וואָס איך האָב אים ביז איצט נאָך ניט באַזוכט. ער פירט מיך אַוועק אין אַ ווינקל און נעמט פאַרזאָרגט דערציילן וועגן זייערע פּלענער. „איר זייט געקומען — זאָגט ער — אין אַ מאָמענט וואָס איז זייער וויכטיק פאַר אונז. מיר ווילן איצט אויסברייטערן אונדזער אַרבעט, אָפּטיילן זיך פון די קאָמוניסטן אין גאַנצן, גרייטן זיך צו דער גרינדונג פון אַן אמתער פּאַרטיי מיט אַלע נאַציאָנען." (ביז איצט איז די דייטשע באַוועגונג אָרגאַניזירט אין אַ „פאַרבאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער"). ער רעכנט אַז מיין קומען קאָן זיי אַ העלף טאָן. איך דאַרף דעם זונטיק שוין האַלטן ביי זיי אַ פּאָרטראַג... ד ע ם זונטיק איז שוין אָבער אוממעגלעך, און איך זאָג צו אויף שפּעטער. פאַר אונדזער „דריטער" ריכטונג אין אייראָפּע איז די אַמעריקאַנישע פּאַרטיי גאָר אַ גרויסער געווינס. די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ פון פּאַריז האָט מיר געגעבן אַ מאַנדאַט אויף צוציִען זיי צו אונדז.

באַגעגעניש מיט ניו־יאָרקער עסערן

מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צוזאַמען מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט
פונאַנדערוויקלען אַ שמועס, ווי ס׳איז געקומען נאָך מיר ה. סלוצקי ער
וועט מיך אָוועקפירן צו דער זיצונג פון דער ס״רישער גרופּע אין זיין ווױ־
נונג. עס איז שוין שפּעט, און דער עולם דאָרטן וועט זיין פאַרזאַמלט. מע־
מוז זיך לאָזן ווידער אין דער פינצטערער נאַכט (שפּעטער האָט מיר לאַקער
דערציילט ווי נשתומם לאָרע איז געווען, הערנדיק אַז איך בין גאָר קיין
מאַרקסיסט ניט. נאָך מער איז ער נשתומם געווען פון די סאָציאַליסטישע
פּלענער אין פּאַלעסטינע). סלוצקי, אַ שטילער, אַ שוויַיגנדיקער, האָט אי־
געציילטע ווערטער געפירט מיט מיר אַ שמועס אין וועג. איך האָב שוין
געוווּסט אַז ער געהערט דאָ צו די „רעכטע״ ס״ר, און מיר האָבן זיך ביידע
געטאַפּט מיט די בליקן... אַז איך בין אַרויף אויבן צו די סלוצקיס. האָב
איך געפונען די קליינע דירה געפּאַקט מיט מענטשן (עפּעס ווי אַן אינטעלי־
גענטישע פאַרזאַמלונג פון אַמאָל אין די צאַרישע צייטן). צווישן דעם עולם
אין קאָרידאָר האָבן זיך אַרויסגעשטעקט די קעפּלעך פון צוויי צען־יאָריקע
מיידעלעך. „זיי האָבן ניט געוואָלט בשום אופן גיין שלאָפן ביז זיי וועלן
ניט זען דעם גאַסט״, דערקלערט מיר זייער מוטער, פרוי סלוצקי, אַ יונגע
הויכע פרוי מיט אַ פּענסנע אויף די אויגן. איך באַקען זיך מיט די צוויי
געקרייזלטע קעפּלעך, מיט די פּאָר שטראַלנדיקע אייגעלעך, און דריי זיך
אום צו דעם הויפּטצימער.

ס׳איז אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג. אַ קאַלטע העפלעכקייט פון האַל־
בע אומפריינד, באַגעגנט דעם גאַסט. צווישן די געזיכטער דערקען איך די
ביידע אָבערוטשעוום. איך גיב זיי דעם נומער „זנאַמיא באָרבי״, וווּ עס
זיינען אָפּגעדרוקט די בילדער פון איזמאַאילאָוויטש און ספּירידאָנאָוואַ. דאָס
דאַרף דאָך ווייכער מאַכן די הערצער. דער פאָרזיצער וועט טאַקע זיין אָבע־
רוטשעוו מיט דער הדרת פּנימדיקער באָרד. איך מעג אָנהייבן מיין פאָר־
טראַג. וועגן וואָס? מען דאַרף נעמען די טעמע אין וועלכער מיר זאָלן
נאָך אַ מאָל דערקענען אונדזער קרובהשאַפט און צעשפּאָלטנקייט אין גייסט.
די געשיכטע פון דער פּאַרטיי ס״ר פאַר די לעצטע צען יאָר — דאָס איז

דאָך אַ געשיכטע פון די קדושין און גטין פון דעם רוסישן נאַראָדניטשעסט־וואָ. אין דעם פּאָרטראַג וואָס דויערט אַנדערטהאַלבן שעה, באַמי איך זיך צו דערציילן אָביעקטיוו, ניט געבנדיק קיין אָפּשאַצונג אויף גוט אָדער שלעכט, וועגן אַלע געשעענישן וואָס האָבן צעטרייסלט, געהויבן אין די העכסטע הייכן און אַראָפּגעשליידערט אין די טיפענישן אונדזער געמיינ־זאַמע מוטער־פּאַרטיי. קערענסקי און „באַבושקאַ", טשערנאָוו און גאָטץ, ספּירידאָנאָוואַ און קאַמקאָוו — אַלע די נעמען וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו איין פאַרצווייגטער און נשמה־רייכער משפּחה, שווימען אַרויף. עס ווערט דאָ דערציילט — און טאַקע צום ערשטן מאָל — וויפל יסורים יעדער צד האָט איבערגעטראָגן בעת מען האָט זיך געדאַרפט פונאַנדערשיידן און ווערן אומפּריינד. אָבער די היסטאָרישע געשעענישן זיינען יעדעס מאָל שאַרף געשטאַנען צווישן די צדדים פון איין משפּחה און האָבן געמאָנט תיכּפדיקע ענטפערן. מלחמה, קאָאַליציע מיט דעם בירגערטום, גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, סאָציאַליזאַציע פון ערד, בריסקער שלום, וועלט־רעוואָלוציע, — יעדעס מאָל ביי אָט די גרויסע פראַגן האָט מען געמוזט אַנטשיידן זיך, איבערנעמען די אחריות, האַנדלען. און די טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס יע־דער צד אין דער פּאַרטיי ס"ר האָט זיך סומך געווען דווקא אויף די זעל־ביקע טעאָרעטישע לערעס, אויף די זעלביקע פּאָטערס און אַפּאָסטאָלן. און מיר אויך, די ליגקע ס"ר, האַלטן אַז מיר האָבן געהאַנדלט אין גייסט פון אונדזער לערע, וואָס מיר האָבן איינגעזויגן פון יוגנט אויף. און די טראַ־געדיע איז באַשטאַנען ווידער אין דעם וואָס די רוסישע רעוואָלוציע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון אַ פרעמדער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע, בעת זי האָט זיך היסטאָריש געצויגן נישט אַנדערש ווי נ אָ ר צו דער פּאַרטיי ס"ר. די רעוואָלוציע און די פּאַרטיי, וואָס זיינען געווען באַשערטע איינע פאַר דער אַנדערער, האָבן זיך ניט געפונען באַצייטנס. די וועלט־אַנטוויקלונג וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערע ווען זיי וואָלטן זיך גע־פונען באַצייטנס...

מיר ווערן אַלע אַרומגענומען פון דעם טראַגישן געפיל פון דעם עבר וועלכן מען קאָן שוין מער ניט צוריקקערן. אַז איך שליס אָפּ דעם פּאָר־טראַג, הערשט אַ קורצע ווײַלע אַ שטילקייט. די אייזיקע אַטמאָספער איז געשפּאָלטן. מען געפינט ניט גלייך די ווערטער אויף צו פּאָלעמיזירן. אפשר קומט די שטילקייט דערפון וואָס די ניו־יאָרקער עסערן האָבן זיך ניט גערעכנט צו אַזאַ מין פּאָרטראַג פון אַ ליגקן עסער. זיי האָבן זיך אויסגע־מאָלט אין זייער פאַנטאַזיע אַ באָלשעוויסטישן בריון וואָס רעדט מיט עסערישע פראַזן. און זיי האָבן דערהערט אַן אייגנעם מענטשן וואָס רעדט אין זייער אייגענער שפּראַך, מער ניט די זעלביקע עסערישע שפּראַך טראָגט

אין זיך דעם „באָלשעוויסטישן” אינהאַלט. עס ווערט אַרום אַ ביסל וואַ־רעמער. איינער רעדט אַרויס מיט אַן אומזיכערן קול: ס׳איז שוין געוואָרן שפּעט. לאָמיר אַריבערטראָגן די דעבאַטן אויף אַן אַנדער מאָל! דער פאָר־זיצער שטיצט אים אונטער. אָבער פרוי סלוצקי רופט אויס מיט אויפרע־גונג: „מיר קלייבן זיך צוזאַמען אַזוי זעלטן — ס׳איז געקומען צו אונדז אַ חבר פון אייראָפּע. מיר האָבן דאָ אויסגעהערט וויכטיקע זאַכן, זאָל מען זיך פונאַנדערגיין?. ניין, מיר זאָלן זיצן אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך...

מען שטימט מיט איר איין. און עס טרעט ווידער איין די שטילקייט פון פאַרלעגנהייט.

אָבערוטשעוו רייסט איבער דער ערשטער דאָס שווייגן. מיט איראָניע פרעגט ער די ערשטע קלאָץ־קשיה: „אויב איר האַלט זיך אַזוי פעסט אָן אונדזער אידעאָלאָגיע, פאַר וואָס האָט איר פונאַנדערגעטריבן די גרינדונגס פאַרזאַמלונג?” — אָבערוטשעוו שטעלט די פראַגע און קוקט מיט נצחון אויף די אַרומיקע. ער ווייס אַז דאָס מאַגישע וואָרט „אוטשרעדיטעלנאָיע” קען דאָ אין ניו־יאָרק אויפטרייסלען די געמיטער. לעבן אים זיצט טאָקע אויך אַ חבר טאָלמאַטשאָוו, אַ געוועזענער דעפּוטאַט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון וואָלאָגדאַ צי אַרכאַנגעלסק. (אַז איך בין אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער מיר דערקלערט אַז ער קען זיך מיט מיר פון דעמאָלט. איך האָב אים ניט געקענט)... אויב פונאַנדערגעטריבן, זיינען מיר דאָך באָלשעוויקעס, ניט עסערן!

— און פאַרוואָס האָט זיך די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געלאָזן צע־טרייבן? — פרעג איך באַשיידן.

— ווייל איר האָט דעמאָלט געהאַט די קראַפט...

— און פאַר וואָס האָבן מיר, ד״ה די סאָוועטן, דעמאָלט געהאַט די קראַפט?

מיר זיינען שוין אין ברען פון דער דיסקוסיע. איך לאָז זיך ניט אָפּ־שטופּן צו אַ דעפענסיוו־פּאָזיציע, איך גיי אַליין אַריבער צום אָנגריף אויף זייער „דעמאָקראַטיע”. איך זע פאַר זיך די מענטשן פון יענעם שטורעמ־דיקן יאָר, וואָס האָבן מיט אייגענע הענט באַראַבעוועט די רעוואָלוציע. איר רעדט אין נאָמען פון די מאַסן, און פאַר וואָס האָט איר זיך ניט צוגעהערט צו די מאַסן בעת זיי האָבן זיך געעקלט פון דער מלחמה? איר ווייסט אַז די גוואַלטיקסטע מערהייט פון פאָלק האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה די מלחמה. פון דעסטוועגן האָט איר אים געצוווּנגען דערצו. איר זייט נישט קיין דעמאָקראַטן באמת...

איבערן צימער ליגט אַ טיפע געשפּאַנטקייט. ביי דער טיר שטייען צו־זאַמענגעקוועטשט חברים מיט דעם טיפסטן ערנסט אין פּנים. איינער פון

זיי, א יידישער בחור ווי מיר שיינט, בעט א וואָרט. א ביסל אומבאַהאָלפֿן דערקלערט ער אַז עס איז אים שווער צו ריידן רוסיש, ווײַל ער ריידן יידיש. ער ווײַל מיר שטעלן א פראַגע וואָס מאַטערט א סך פון זיי: „צי איז אמת אַז די לינקע עסערן האָבן אַרעסטירט א סך רעכטע עסערן און האָבן זיי שפּעטער געלאָזט דערשיסן אין דער טשעקאַ? ווי איז דאָס מעגלעך אַז מען זאָל דערשיסן אייגענע ברידער?״ איך קוק אויף דעם בחור און איך הער אין אים די שטים פון דער שנאה און דער רכילות-טרייבעריי קעגן אונדז מצד די רעכטע. ער טראָגט איבער די אויגן ברילן מיט שוואַרצע רעמלעך. דער טיפּישער צופֿרידענער אַמעריקאַנער, מסתמא...

און איך ענטפֿער אים מיט אויפֿרעגונג, האַלטנדיק זיך אין די הענט. איך פֿאַרבלייב דאָ אין אַמעריקע זיכער א חדשים דריי־פיר. פֿאַר דער צייט האָט איר די מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען פֿון אייראָפּע (פֿון פּאַריז צי פֿון פּראָג) אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן. איך דערקלער דאָ פֿאַר אייך אַלע־מען מיט דער פֿולער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אַז עס איז נישטאָ קיין איין וואָרט אמת אין אַזעלכע באַשולדיקונגען. קיין איין לינקער ס״ר האָט ניט געלאָזט קיין מאָל דערשיסן א רעכטן ס״ר. אַנשטאָט צו שטעלן מיר אַזעל־כע אַבסטראַקטע פֿראַגן, בעט איך אייך ח. זלאַטין, אַז איר זאָלט מיר זאָגן גענוי: ווו, אין וועלכער שטאָט, אין וועלכער צייט, קעגן וועלכן רעכטן ס״ר האָבן מיר אָנגעווענדעט אָדער דערלאָזן דערשיסן? איר האָט גענוג צייט אין די נאָענטסטע 4-3 חדשים. און איך וועל דעמאָלט ענטפֿערן...

מען איז אויפֿגערעגט אין צימער ביז גאָר. זלאַטין שטייט עפּעס ווי א געשטראָפֿטער און קוקט פֿאַרלעגן. ער רוקט זיך אָפּ אויף צוריק. „ניין איך באַהויפּט דאָס גאָרניט. איך האָב מער נישט געוואָלט וויסן צי ס׳איז אמת וואָס מען זאָגט.. (ליבער חבר זלאַטין! צי האָב איך דעמאָלט, אין דער פֿאַרביסענער לופֿט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, געקאָנט וויסן אַז איר זייט גאָר א נאָענטער פֿריינד מײַנער? אַז איר האָט געשטעלט די „פּראָוואָקאַטאָרישע״ פֿראַגע מיט דעם ווילן אויפֿצוקלערן די פֿאַרלוימדונג? און צי האָב איך דע־מאָלט געקאָנט פֿאָרשטעלן זיך אַז איר, וואָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט די גרעס־טע אויפֿרעגונג, וועט גאָר ווערן דער סעקרעטאַר פֿון די ניו־יאָרקער לינקע עסערן?)

— און פֿאַר וואָס רעדט איר נאָר פֿון די אַרעסטן אין יענער צייט? — בין איך ווידער אַריבער צום אָנגריף — צי ווייסט איר ניט, אַז פֿאַר די צען יאָר האָט מען שוין אין די טויזנטער אַרעסטירט און געמאַטערט און געהרגעט לינקע ס״רן? צי ווייסט איר ניט, אַז מיר האָבן זיך ניט געריסן צו מאַכט, אַז בעת מיר האָבן דערקענט די פּלענער פֿון באָלשעוויזם — האָבן מיר אײַ־בערגעריסן מיט זיי אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן? אַז מיר האָבן נישט פֿאַרקויפֿט

אונדזערע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען? אַז מיר זיינען ווידער אַוועק אויפֿן וועג פֿון יסורים?...

איך האָב אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש דעם נומער „זנאַמיאַ באָרבי" מיט די פּאָרטרעטן. „אָט אַזוי האָבן אויסגעזען ספּירידאָנאָוואַ, קאַכאָווסקאַיאַ, איזמאַאילאָוויטש אין יאָר 1917, און אָט אַזוי אין יאָר 1927. זיי טראָגן די ליידן נישט ווייניקער ווי אַנדערע. ווי קאָן מען זיי היינט דערמאָנען די מעשים פֿון פֿאַר צען יאָרן?

אַ יונגע, קליין־געוואַקסיקע פֿרוי מיט אַ יידישן געזיכט פֿרעגט מיך אין אַ קלאָרער רוסישער שפּראַך. „ווי דערקלערט איר אַז מען מעג אָפּנעמען פּאָליטישע רעכט ביי דער בורזשואַזיע?". איך דערהער אין דער פֿראַגע אַ אידעיִשע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונדזער דעמאָלטדיקן וועג. די ערשטע שטים פֿון פֿאַרשטענדעניש היינט. בין איך גרייט צו ענטפֿערן וואָס ברייטער אויף דער פֿראַגע. „פֿאַר וואָס וווּנדערט איר זיך אויף די דראַזיקע באַגרעניצונגען פֿון פּאָליטישע רעכט? איר שווערט דאָך אַלע צו דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. און האָט זי געטאָן עפּעס אַנדערש? האָט מען געלאָזן וויילן אין דעם קאָנווענט פֿון 1792 אַריסטאָקראַטן, ראָיאַליסטן, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן? רוכט זיך אַז זיי זיינען געווען גאָר פֿאַרטריבן פֿון לאַנד, זיי האָבן זיך ניט געטרויט צו וויילן, זיי האָבן ריזיקירט מיט מער ווי מיט דער שטים אַליין. ווייל מען איז געשטאַנען אין בירגער־קריג מיט זיי... אָבער די רוסישע רעוואָלוציע האָט דאָך עפּעס איבערגענומען אויף זיך גרעסערע אויפֿגאַבן ווי די פֿראַנצויזישע. איז ווי איז דאָס מעגלעך צו זיצן אין פּאַרלאַמענט מיט די וועלכע מען „באַרויבט" און פֿאַרטרייבט? אָדער דאָס איז אַ מיאוסע פֿאַלשקייט אָדער מען וויל גאָרניט די סאָציאַלע רעוואָלוציע...

פֿרוי מוראַווטשיק האָט די גאַנצע צייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב געענדיקט, האָט זי דערקלערט: „איך בין באַפֿרידיקט", קוקנדיק מיט אַ שמייכל אויף אַנדערע.

אָבערוטשעוו איז געזעסן ווי אויף קוילן. דער פֿרידלעכער טאָן אין וועלכן מען האָט דאָ גענומען ריידן וועגן דיקטאַטור, איז געווען אַ סכנה. האָט ער ענערגיש געטרייסלט מיטן קאָפּ. „ניין, דאָס איז ניט דער וועג... אַי, די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע?... האָט זי טאַקע אויך ניט געדאַרפֿט אַזוי טאָן!" מען האָט זיך אין צימער גענומען איבערקוקן מיט פֿאַרוווּנדערונג.

— אָבער איר האָט דאָך קיין זאַך ניט אויסגעפֿירט — האָט עמ׳ מיט כעס אויסגערופֿן — די באָלשעוויקעס האָבן אייך באַזיגט. האָט איר איצט קיין חרטה ניט?

— מיר האָבן קיין חרטה ניט. ס׳איז נאָך דאָ אַ צוקונפֿט...

אָבערוטשעוו האָט גאָר פֿאַרגעסן זיינע פּאַרזיצער־פֿליכטן. ער האָט

זיך מיט אימפּעט אויפגעהויבן פון אָרט און אַ זאָג געגעבן: „וואָס נוגע די צוקונפט, וועט עס שוין מער אַזוי ניט זיין! מיר וועלן ניט צולאָזן דערצו"...

די פאַרזאַמלונג איז געווען פּאַקטיש געענדיקט. מען איז געשטאַנען אויף די פיס. איך האָב געקענט איצטער אַ לאַך טאָן צו אים: „זעט איר, איר זייט גאָר ניט אַזאַ דעמאָקראַט! אַז איר וועט איצט קענען, וועט איר אויך שאַפן אַ דיקטאַטור... קעגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין ערשטע און לעצטע באַגעגעניש מיט די רעכטע סר"ן, מיט די „זובּרעס", ד"ה די עקשנים צווישן זיי. מיר האָבן זיך גוט דערקאָנט מיט איין מאָל.

דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין. ס'איז געווען געוואַלטיק שפּעט. איך האָב אָבער געקענט בלייבן נעכטיקן דאָ אין הויז ביי איינעם פון די חברים. האָבן מיר זיך ניט געאיילט. דער ח' טאָלמאַטשאָוו האָט זיך צוגעזעצט און גענומען אויפריידן זיך מיט מיר וועגן אָרגאַניזירן אין רוסישן קלוב מיינעם אַ פאָרטראַג, אָדער אַן עפנטלעכע דעבאַטע מיט אַ געמעסיקטן רוסישן סאָציאַליסט. גוט! מיט גרויס הנאה! ס'האָט זיך בכלל געשאַפן דאָ אַ פריינדשאַפטלעכע אַטמאָספער. איך האָב דערבליקט אין דעם היינטיקן עולם די פאַרשיידענע טיפּן פון עסערן. ס'וועלן אַלזאָ זיין אויך לינקע ס"רן. מען האָט מיר פון אַלע זייטן גענומען דערקלערן אַז אָבערו־משעוו איז זיי פרעמד און חברט זיך גאָר ניט מיט זיי. — „היינט ווי איז ער געווען אייער פאָרזיצער?" — אַ קשיה אויף ניו־יאָרק!

אַז איך האָב מיט ח' וואַימאַן גענומען גיין צו אים אין דירה, האָט מיך אין קליינעם פאָרצימער אָפּגעשטעלט ח' סלוצקאַיאַ מיט אַ פאַרלעגענער מינע. „איך וואָלט וועלן וויסן — האָט זי שטיל געפרעגט — וואָס איז אייער ציל איבערהויפּט? איר ווילט טאַקע שפּאַלטן אונדזער ס"רישע גרופּע? ביז איצטער איז זי געווען איי ניק אין פּראַקטישע פראַגן". איך האָב מער ניט געקאָנט ווי אַ שמייכל טאָן. — „שפּאַלטן? איך האָב דאָ אַן אַנדער אויפגאַבע — צו דערקלערן אונדזער פּאָזיציע. וואָס ווייטער וועט זיין, ווייס איך ניט". — מיר גייען צו וואַימאַנען. דערצו מוזן מיר אויפהייבן זיך אויף עטלעכע גאָרנס, דורכגיין לאַנגע קאָרידאָרן, אַריבערגיין פיין אויסגע־לייגטע הויפן. שלאַנקע מויערן הייבן זיך פון אַלע זייטן פון הויף וואָס דרעמלט אין נאַכט־שטילקייט. דאָס איז דאָס קאָאָפּעראַטיווע הויז פון דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, אויפן נאָמען פון שלום־עליכם. די הויז־קאָאָפּעראַציע איז די נייעסטע דערגרייכונג פון די ראַדי־קאַלע קרייזן אין ניו־יאָרק. אַזעלכע גרויסע, אויב ניט גרעסערע, הייזער האָבן אויסגעבויט אויך די קאָמוניסטן, די אַמאַלגאַמייטעד־אַרבעטער, דער נאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד. אַ נייע אַרט פון מענטש־געמיינשאַפט זאָל

געשאפן ווערן דורך די דאָזיקע הײזער. א געמײנשאפט פאר די דערוואַקסענע, א דערציִונג־געמײנשאפט פאר די קינדער. איך וויל זיך שפּעטער באַקענען מיט די דאָזיקע הײזער.

איצט אָבער פאַלן מיר אַרײַן האַלב־טויטע פון פארמאַטערטקײט אין וואַימאַנס דירהלע. זי איז אײנע פון די הונדערטער אַזעלכע מיניאַטור, ציכטיק, ווײַס אויסגעקאַלכט. בפירוש צוגעפּאַסט צו אַ אידילישן נעסט־לעבן. איך זע די באַקוועמלעכקײטן פון אַזעלכע דירות: אַלץ איז גלײַך אומעטום, סטאַנדאַרטיזירט, לויט אַ באַשטימטן מוסטער פון אַ פאַבריק. די דירות ווערן ניט באַנאַל נאָר דעמאָלט ווען יעדע משפּחה טראָגט אַרײַן איר לעבנס־גײַסט אין דער גלײַך־געבויטער דירה. אָט אין דער דירה פון די סלוצקים אָטעמט אַ ווינט פון דער עסערישער פּאַרטײ: ס׳איז אַ ווינט אין וועלכן ס׳טראָגן זיך בלעטלעך פון אַלע מעגלעכע זײַטן, אָבער עס איז פאַראַן דאָ אַ טראַדיציע פון אַ העלדישן עבר, אָט אין דער דירה פון וואַימאַנען — איז דער ריח פון אַ יידישער אינטעליגענטישער שטוב. אַ וואַנט איז פאַרשטעלט מיט גרויסע פּאָליצעס מיט ביכער. וואַימאַן איז אַ געשעפט־פירער אין אַ ניו־יאָרקער יידישן בוך־געשעפט, און ער האָט קענטיק צו ביכער די באַציִונג פון אַ קרוב. ער איז קלײן אין וווּקס, מיט באַברילטע אויגן אין וועלכע ס׳באַהאַלט זיך לצנות, מיט קנײטשן אויפן פּנים, יונגט־לעך־לעבעדיק. ער דערמאָנט ניט מיט אַ האָר דעם אַמעריקאַנער שניט. אויף די גאַסן פון ווילנע וואָלט ער נישט דערקאָנט געוואָרן ווי אַ פרעמדער. מיר זעצן זיך צום טיש, ער און זײַן שטילע פרוי זײַנען גרײט ווידער אָנהײבן טרינקען טײ. ער איז פול מיט דערינערונגען פון דער ס״רישער פּאַרטײ אין ניו־יאָרק. ער קאָן ניט לײַדן די רעכטע, דערצײלט מיט פאַרדרוס וועגן דער „באַבושקאַ״, וועגן קערענסקין וואָס האָבן באַזוכט אין זײער צײַט אַמעריקע. ער פילט זיך פאַר אַ לינקן סאָציאַליסט, און ווײַזט אויס אַז מײַן הײַנטיקער פאָרטראַג האָט אים געגעבן אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס. ער דערמאָנט באַלד זשיטלאָווסקין, מיט וועלכן ער איז פאַרבונדן פון כּמה יאָרן. ער גײט באַלד אַריבער אויף „דאָס נײַע לעבן״. עס דוכט מיר אַז וואַימאַן איז אינערלעך מער פאַרקניפּט מיט ראַדיקאַלער „יידישקײט״ ווי מיט דער פּאַרטײ ס״ר. ער מוז זײַן פון יענע יידישע ס״רן, וואָס שירמאַן האָט זײ געוואָלט פאַרזאַמלען באַזונדער פון דער אַלגעמײנער גרופּע. אויך ער זאָגט אַז עס איז שווער אויפצומונטערן די אַלטיווע אַרבעט אין ניו־יאָרק. אָבער ס׳איז נישט אוממעגלעך...

פעסימיזם אין ניו־יאָרק

6־טער יאַנואַר.

איך שטיי אויף אין דער פרי, בעת די ווינטערדיקע זון שיינט מעבּ־טאָק אַריין אינעם פענסטער. ס'איז ווידער געוואָרן שפּעט, און איך מוז דאָך היינט קריגן אַן אייגענע דירה. וואָרימאַן איז שוין לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט. זיין פרוי (אַמאָל געוועזן אַ ס"ראָווקע) דערציילט מיר ווי עס האָט זיי אַנטוישט קערענסקי און סלאָנים, וועלכע זיינען דאָ ניט לאַנג געוועזן ווי די פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי. קערענסקי האָט בכלל ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אָפּצוהאַלטן אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. סלאָנים האָט יאָ געהאַלטן פאַר־טראַגן, אָבער מען האָט ניט געקאָנט קלאָר ווערן וועגן זיין האַלטונג צו די וויכטיקע פראַגן: צי איז ער פאַרן באָלשעוויזם צי איז ער קעגן?

— איינער אונדזער אַ פריינד דאָ, פּאָליאַק, איז אַ פריינד פון די „פרייע שריפטן". ער וויל זיך טרעפן מיט אייך, אָבער ער האָט מורא אייך צו שטערן...

— אוודאי וויל איך זיך מיט אים טרעפן — האָב איך געענטפערט. און אַז מיר זיינען שוין ביידע געגאַנגען פון הויז צום באַן, איז פון איינער אַ טיר אַרויס שטילערהייט אַ יונגער מענטש. — דאָס איז טאַקע פּאָליאַק! — האָט זי פאָרגעשטעלט. אַ קליינוווקסיקער, דינינקער יונגערמאַן, מיט אַן ערנסטן, צו ערנסטן געזיכט. ער איז אַן אַרבעטער, אָבער אַזוי זעט אויס אויך אַ ייידענער בחור פון אַ שאַרפּזיניקער ישיבה. קוים וואָס ער הייבט אויף די אויגן און רעדט שטיל. זיין שטים פאַרהאַקט זיך אַלע ווייליע. „ד"ר שטיינבערג, איך בין אַ לייענער פון די „שריפטן"... מען קאָן זאָגן איך בין אַ חסיד פון דעם זשורנאַל. אָט אַזאַ זשורנאַל דאַרפן מיר טאַקע האָבן... איר וועט האָבן אַ סך אָנהענגער..." מיר פאָרן אַ שטיק צייט צוזאַמען אין צוג, און ער דערציילט צו ביסלעך וועגן דעם אַרבעטער־לעבן דאָ. ס'איז ניט גוט, זייער ניט גוט!... פּאָליאַק אַליין איז ניט קיין רעכטער, האָט שאַרפע צערייסן מיט דער „רעכטער קליקע" אין די יוניאָנס... פון דעם גערשוני־בּרענטש (דאָס איז אַ בּרענטש פון יידישע ס"ר) האָט מען אויסגעשלאָסן חברים, אים אַליין אויך. איך קוק פון אַ זייט אויף פּאָליאַקן. אָט דער שטיל ליידנדיקער שעמעוודיקער יונגערמאַן האָט דאָס אַזוי געשטורעמט ביי

זיך? מען קאָן אָבער גלייבן אין דעם ווען מען הערט די פעסטע איבערצייגט־קייט פון זיין שטים. אָבער ער איז גאָר ניט קיין קאָמוניסט — דערציילט ער ווייטער — ער קאָן נישט ליידן די דעמאַגאָגיע פון די לינקע, באַזונ־דערס אָבער די עם־הארצות וואָס הערשט היינט ביי די ארבעטער אין אַלע לאַגערן. מען וויל גאָר נישט לייענען, גאָר נישט הערן...

— צי זיינען שוין דאָ גענוג ארבעטער וואָס שטייען מיט אייך אויף איין וועג?

— ס'זיינען דאָ — ענטפערט ער ערנסט און פּאַרזיכטיק, פּונקט אַזוי ווי אַ פּאָר טעג צוריק לוי פרידמאַן — אָבער מען דאַרף נאָך אַ סך ארבעט־צווישן די היגע ארבעטער. די „פרייע שריפטן" קענען דאָ העלפן.

פּאָליאַק שטייט אויף אַרויסצוגיין פון וואַגאָן. מיר ריידן אָפּ צו טרעפן זיך. אָט דאָס זיינען עס די איינזאַמע שטאָלצע יידישע אַרבעטער פון אַמע־ריקע, וואָס מוזן אַליין דורכקעמפן זיך צו אַן אייגענער פּאָזיציע. די מאַסע פאַרשטייט זיי ניט,די פירער לאַכן אָפּ מסתמא פון זיי. (צי דערווייטערן זיי זיך נישט אָבער — דורך זייער איינזאַמען וועג — פון דער מאַסע? צי רייסן זיי זיך ניט אָפּ פון זיי?).

...אין דעם קליינעם צימערל פון ד"ר פראַנק האָב איך געפונען אַ שריפטשטעלערישע לאַבאָראַטאָריע אין גאַנצן ברען. אַרומגעלייגט מיט ביי־כער, צייטונגען, טאַבעלן האָט פראַנק געשריבן אַן אַרטיקל. מיר זיינען אַרויס אויפן גאַס (אין דער געגנט פון 107־ער גאַס וועסט) זוכן אַ צימער. אין דעם נומער „טיימס" האָט פראַנק שוין אָנגעמערקט די פּאַסנדיקע אַדרעסן. מיר זיינען אָבער, ראשית כל, אַוועק צו פישל שנייערסאָנען, אויך אַ ניט־לאַנגיקער אורח פון בערלין. אפשר וועט זיך געפינען אין זיין פּאַנסיאָן אַ צימער?... מיט שנייערסאָנען בין איך אַ גוטער פריינד שוין פון לאַנג. איך וויל טאַקע זען ווי זעט ער אויס אין אַמעריקע. היינט נאָך האָט מיר פּרוי וואַימאַן דערציילט, אַז ער האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיינע לעקציעס וועגן טיפן־פּסיכאָלאָגיע, וועגן די סודות פון דער נשמה. ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון די יידישע אינטעליגענטן אין ניו־יאָרק קען מען דאָס פאַרשטיין. מען האָט זיך ווייטאָקדיק אָנגעשטויסן אָן די האַרטע ווענט פון דער אָביעקטיוועיר ווירקלעכקייט, זוכט מען זיך צו ראַטעווען אין די קע־מערלעך פון דער נשמה. „דער וועג צום מענטש" — הייסן זיינע אַרבעטן, און דאָס זיינען טייערע ווערטער פאַר פאַרלאָרענע מענטשן. איך האָב גע־הערט אַז שנייערסאָן האָט אַ גוטן דערפאָלג אין אַ ל ע שיכטן פון יידישן עולם: אין „טאָג" פּונקט אַזוי ווי אין דער „פרייהייט", ביי די פרומע פּונקט אַזוי ווי ביי די ראַדיקאַלע. ווי געפעלט אָבער א י ם דאָס אַמעריקע?

איך האָב אים געפונען אויסערלעך פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען

אין בערלין. גלאט ראזירט, מיט באקענבארדן פריש און רירעוודיק. ער האט זיך באמת דערפרייט: א קליינקייט א שכן פון שטעטל איז געקומען. — מיר דארפן טאקע ווינען צוזאמען — האט ער גענומען ריידן בחפזון — אי, ווייסט איר, טאקע דא אין ניו־יארק דארפן מיר זיין נעענטער צוזאמען...

— זייט איר ווייניק צופרידן מיט אייער זיין דא?

— ניין — האט ער זיך אפגערופן און א קנאק געגעבן מיטן צונג — פארקערט, דווקא צופרידן. אבער ס'איז עפעס ניט דאס. ווייסט איר, דער אלטער רבי פלעגט דערציילן א מעשה...

— ווי קומט איר דא אויס מיט דער ענגלישער שפראך?

— צו וואס ענגליש? — האט ער קוועטש געטאן מיט דער פלייצע — דא קען מען אפלעבן א לעבן מיט מאמע־לשון. נו, מען דארף דאך עפעס ריידן וועגן א צימער מיט דער באלעבאסטע...

ווי אין א גוטן יידישן גאסט־הויז איז די באלעבאסטע טאקע ניט געווען צו געפינען. און דא האט זיך שנייערסאן דערמאנט אז ס'איז גאר ניטא קיין פרייע צימערן. אין א פאר טעג ארום וועט מען אים געבן אן אנדער חדר. וואלט איר קענען פארנעמען דעמאלט מיין חדר...

דאס זיינען אלץ געווען סברות, און איך מוז היינט האבן א דאך איבערן קאפ. האבן מיר זיך גענומען רירן אין וועג. — זיצט א ווייל, איך בעט אייך — האט ווייטער גערעדט אײלנדיק שנייערסאן. אין אויף זיין געזיכט האט זיך באוויזן ווי א קינדערשע פארלעגנהייט — מיר מוזן דא אפט צונויפקומען, נישט אזוי ווי אין בערלין. מען איז דא אמאל עלנט ווי א שטיין... און בכלל פיל איך זיך עפעס פאראנטווארטלעך פאר אייך. עפעס, ווייסט איר, ווי אייער פאמיליע וואלט מיר געהייסן אויפפאסן אויף אייך. זעצט זיך, דערציילט עפעס פון דארטן...

און מיר האבן מיט פראנקן גענומען גיין, הייבן זיך אויף ליפטן, שטייגן איבער טרעפ, באקענען זיך מיט די באלעבאסטעס — אומעטום איז גוט און אומעטום איז ניט גוט. באזונדערס איז ניט גוט וואס מען רעדט אין די הייזער נאר ענגליש. מיר זיינען שוין פארמאטערט, מיר זעצן זיך צו אויף בענקלעך פון די ווינטערדיקע סקווערן. מיר כאפן זיך אריין אין רעסטאראנען וווּ מען קאן על רגל אחת מקיים זיין די מצוות פון עסן און טרינקען. איר זעצט זיך ארויף אויף א הויכן שטול, ווי די בוכהאלטערס פון אלטן שניט, פאר א לאנגן מארמאר־טיש. פון הינטער דעם טיש דערלאנגען אייך אנגעשטעלטע פארשיידענע געריכטן צום עסן. בעת א גאנצע ריי פון מענטשן זעצן זיך אזוי אויס אויף די הויכע שטולן, קען מען מיינען אז דאס איז אן אסיפה פון ריכטער. ס'איז בכלל א מאדנע אנשטאלט: האלב אפטייק, האלב א רעסטאראן. ווי קומט אהער די אפטייק? פראנק דערקלערט:

אין דער מלחמה־צייט, בעת ניו־יאָרק איז געווען פאַרגאָסן מיט שטראָמען פון סאָלדאַטן פון פּראָווינץ, האָבן אויסגעפעלט פאַר זיי רעסטאָראַנען. האָט מען אַריינגעבויט עסנוואַרג־קראָמען אין די אַפּטייקן: ביידע זיינען דאָך אַנשטאַלטן וואָס טויגן צו אַ מלחמה...

פראַנק דערציילט עס מיט אַן אומעטיקער מינע. ער איז בכלל זייער אומעטיק. איך דערלויב מיר צו פרעגן: פון וואַנען קומט עס? — ער איז גרייט צו ענטפערן: מען האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט מענטשלעכע רשעות און קליינלעכקייט, אַז ס'איז שווער צו גלויבן אין בעסערס.

— איר זייט דאָך יונג. ווו האָט איר געהאַט צייט איינצוזאַפּן אין זיך אַזאַ לעבנס־געפיל?

— אין דער דייטשער אָקופּאַציע, אין ביאַליסטאָק, אין פּוילן. די יידישע באַפעלקערונג האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אונטערטעניקייט, שפלות...

— הייסט עס, אייער אַנטוישונג באַציט זיך ניט נאָר אויף די אַמעריקאַנער אַליין?

— געוויס ניט. די מענטשן זיינען אומעטום די זעלביקע. צי דאָס איז אונטער דער אָקופּאַציע, צי אין אַ „פרייען לאַנד", צי דאָס איז אַ געלערנטער־און פילאָזאָף וואָס רעדט נאָר וועגן גאָט און טוט שדים וויסן וואָס... איך קען אַ יונגן מענטשן וואָס האָט אָנגעשריבן ביי זיך אין שטעטל אַ באַגייסטערטן בוך וועגן אַזאַ פילאָזאָף. האָט ער געוואָלט ניט מער ווי זיך באַקענען מיט אים פּערזענלעך, כדי צו דערגאַנצן זיין באַגייסטערונג דורך דעם אָנבליק פון זיין לעבן. האָט ער נאָר אַ פּאָר טעג געלעבט מיט אים, און האָט אַריינגעוואָרפן זיין בוך אין פייער.

— עס האָט אַלזאָ געלעבט אַ פאַלשער פילאָזאָף? אָבער גלייכצייטיק האָט דאָך געלעבט אייער יונגערמאַן וואָס האָט אַ דאַנק זיין ריינער נשמה דורכגעבליקט די פאַלשקייט! פאַר וואָס באַהעפט זיך אייער אויג מיטן פילאָזאָף און ניט מיט דעם יונגן? אפשר האָט איר אַ ביסל צו ווייניק מיטלייד אויף מענטשן?

— איר רעדט אַזוי ווייל איר זייט יונג...

— ניין, איר וועט זיין יונג, ווען איר וועט זיך אַנדערש באַציען צו מענטשן...

— איך וויל אייך ניט שווער מאַכן דאָס האַרץ... איר וועט זיך שוין צוקוקן צו די מענטשן דאָ...

ענדלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ צימער. די באַלעבאָסטע האָט גערעדט אויף פראַנצויזיש. ס'איז אַלץ גוט און שיין. נאָר איין חסרון: ס'איז ניטאָ קיין מאָל די באַלעבאָסטע אין הויז. זי אַרבעט אַ גאַנצן טאָג

ערגעץ ווו דרויסן. און אלע באדרערס זיינען ניטא א גאנצן טאג איז די דירה שטענדיק א פוסטע, און ס'איז ניטא ביי וועמען א גלאז הייסע וואסער צו בעטן... זאל דאס זיין א דערוויילינקע דירה. איך וועל שפעטער אריבערגיין אין דעם יידישן טייל שטאט. פראנק צייכנט מיר אן אויפן פאפיר א גענויעם פלאן פון די סאבווייס וואס פירן פון דאנעט אהין. דער ווייס־צייניקער נעגער אין ליפט נעמט ריידן מיט אונדז אלע לשונות: ניט נאר דייטש, נאר אפילו סלאווישע שפראכן. פון וואנעט? ער איז געווען א קעלנער אויף שיפן.

צום ערשטן מאל זינט צען טעג בין איך אין גאנצן אליין מיט זיך, אין אן „אייגענעם ווינקל”. דערפיל איך באלד מיינע אייגענע שמערצן. זיי פארבאהאלטן זיך אין טומל פון ארבעט, אבער זיי מעלדן זיך אין א רויקער שעה. ווער קען אויף זיך געבן אכטונג?... ס'ווערט אוונט און איך פאר צו ד"ר עלסבערגן. ער איז איצט עפעס ווי א שכן צו מיר. ער האט גערופן צו זיך א פאר פריינד. ס'איז געווען מינדלין מיט זיין פרוי. א קליינער, פעסט־געבויטער, מיט שארפע אויגן, איז מינדלין איינער פון די אלטע ראדיקאלן פון יידישן ניו־יארק. ער איז רייך געווארן אין לויף פון די יארן, אבער ער האט זיך ניט אפגעזאגט פון די אלטע ראדיקאלע סימפאטיעס. די ראדיקאלישקייט איז -- אונטער דעם איינפלוס פון זשיטלאווסקין — שוין לאנג אריבערגעטראגן אויף דעם יידישן נאציאנאלן געביט אבער ס'ציען זיך נאך סימפאטיעס צו רוסלאנד און צו רוסישע סאציאליסטן. די געסט הערן זיך צו צו מיינע דערציילונגען וועגן די היינטיקע העלדן פון רוסישן קאמף. און נאר צום סוף פרעגט מינדלין באשיידן: צי איז טאקע מעגלעך א סאציאליזם אין רוסלאנד? צי איז די סאציאלע רעוואלוציע מעגלעך דורכצופירן אזוי ווי מען האט עס געטאן אין רוסלאנד?

די ווערטער „סאציאלע רעוואלוציע” קלינגען ווי היימיש און מגיל פון אט די ראדיקאלן. קענטיק אז אין די פריערדיקע יארן איז דאס ביי זיי געווען א טעגלעכער געריכט. ס'איז געווען א פארשטעלונג וואס האט באשיינט דאס ארומיקע וואכעדיקע לעבן. איצט דערמאנען זיי דעם דאזיקן באגריף הויפטזעכלעך כדי אפצוזאגן זיך פון אים. דער באלשעוויזם האט א גרויסן פארדינסט אין דעם.

די מינדלינס פירן מיך אפ אהיים. אין א פאר וואכן ארום וועלן זיי ביי זיך צונויפרופן מענטשן אויף אויסצוהערן מיין באריכט וועגן די געפאנגענע.

באַריטש — אַ לעבעדיקער עדות פון דער רעוואָלוציע

ד־טער יאַנואַר.

היינט מאַך איך שוין שבת פאַר זיך. דאָס הייסט איך בין אַליין, און ס'איז ניטאָ קיין גלאָז וואַרעמע וואַסער. אָבער די מנוחה אַליין איז וואָס ווערט. דורכן טעלעפאָן צונויפגערעדט זיך טרעפן זיך היינט מיט באַריטשן. ווי וואַרעם עס האָט אָפּגעקלונגען זיין שטים אין דעם טרייבל. באַריטש איז דער יונגערמאַן שנייערסאָן מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין פּעטראָגראַד מיט אַ צען יאָר צוריק. אַז איך בין דעמלאָט געווען יוסטיץ־קאָמיסאַר, האָבן מיר זיך געגייטיקט ווי אין לעבן אין נייע פרישע, באַגייסטערטע העלפער. די רעוואָלוציאָנערע אַנשטאַלטן זיינען געוואַקסן ווי אויף הייוון. און קיין איבעריקע מענטשן מיט קענטעניש זיינען ניט געווען לעבן אונדז. ס'זיינען געווען ערלעכע, נאַאיוו־אויפגערודערטע מאַסן, און ס'זיינען פאַרבליבן רעשטלעך פון כיטרע, צוויי־פּנימדיקע אַלטע באַאַמטע. אין יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך די תפיסות, דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, די פאָלקס־געריכטן, האָבן באַזונדערס אויסגעפעלט מענטשן. און דאָ קומט אַריין צו מיר אין אַ פרימאָרגן אַ יונגער, שטראַלנדיקער בחור, אין אַ קאָקעטיש־אויסגעפוצטן מאַרינע־מונדיר. די ברוסט איז אָפן פון אונטער דער בלוזע, פון דעם שניי־ווייסן היטעלע הענגט אַראָפּ דאָס שוואַרצע מאַטראָסן־בענדל, און די אויגן זיינען פול מיט פרייד און מיט העזה. ווער זייט איר? — ער קלאַפּט צו מיליטעריש מיט די פיס און דערקלערט: שנייערסאָן הייס איך... איך בין אַ מיטשמאַן פון דער פלאָטע...1) איך וואָלט געוואָלט זיין נוצלעך דעם יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט...

אוודאי האָב איך אים אַריינגענומען אין אונדזער דינסט. און ער האָט מיט דער טיפסטער איבערגעגעבנקייט אָפּגעהיט די לינק ס"רישע פרינציפּן, געשטאַנען אויף דער וואַך פון רעוואָלוציאָנערן יושר. ער האָט געהאָלפן אויפדעקן די מעשים תעתועים אין דער „אונטערזוכונגס־קאָמיסיע" פון די צוויי באָלשעוויקעם קאָזלאָווסקי און קראַסיקאָוו. ער האָט וואַקסן־

1) אין דער קערענסקי־צייט זיינען אַ סך יידישע סטודענטן אַריין אין דער פלאָטע׳

לאנג געאַרבעט אין די טורמע־קאַמיסיעס, וואָס מיר האָבן געשאַפן כדי שנע־לער אַרויסצולזן פון דאָרטן אומשולדיקע מענטשן. האָט ער טאַקע באַלד פאַרדינט די שנאה פון די טשעקאַ־מענטשן. ווייל ער איז געווען ניט נאָר ליסטיק און פלינק, נאָר אויך אומביגעוודיק און שטרענג אין זיין אַרבעט. אַז איך בין שפּעטער אַוועק פון דער רעגירונג, איז ער פאַרבליבן אין פּעטראָ־גראַד און האָט געהאַט אַ גאָר געפערלעכן צוזאַמענשטויס מיט זינאָוויעוון, פאַר מיר איז אָבער אויף שטענדיק פאַרבליבן דאָס בילד פון דעם לעבנס־לוסטיקן בחור מיטן מיידלשן געזיכט וואָס האָט זיך געריסן צו זיין נוצ־לעך דער רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט אַזאַ איבערצייגטקייט צוגעשלאָגן מי־ליטעריש די פיס און געזאָגט יעדעס מאָל: טאָוואַרישטש קאָמיסאַר!

ער איז שפּעטער אַריינגעפאַלן אין אויסלאַנד, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּלימעניצע פון ה. זשיטלאָווסקין און האָט זיך געלאָזט קיין אַמעריקע. ער האָט געהאַט אַ גייסטיקע שטרעבונג: שאַפן אַ קינסטלערישן קינדער־טעאַטער. איך האָב אָבער געוווסט, אַז ס'גייט אים ניט גוט.

ווי וועל איך אָבער געפינען אים אין שטאָט? צוזאַמען מיט לוי פריד־מאַנען. ער האָט מיך באַזוכט דער ערשטער אין דער דירה און האָט מיר גע־בראַכט אַפילו אַ מתנה: אַ טערמאָס. פאַר וואָס עפּעס? מיין טערמאָס האָט זיך צעבראָכן אויפן שיף, און איך האָב אים איין מאָל געפרעגט ווו מען קען עס פאַרריכטן. האָט ער דעמאָלט געענטפערט: ס'וועט זיין אַלרייט...

ער איז דאָס מאָל געווען עפּעס מונטערער, און ווייל איך בין געלעגן, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר ווי דער געזונטער. ער האָט דערמאָנט וועגן זיין צווייטן בוך וואָס ער האַלט אין פאַרענדיקן. ער האָט אויף זונטיק אָוונט אַ בילעט פאַר דער מעטראָפּאָליטן־אָפּערא, אָבער ער וועט עס אַוועקגעבן אַן אַנדערן, ווייל ער וויל זיין אויף מיין ערשטער לעקציע... אין זיינע אויגן האָבן דאָס מאָל געוויזן זיך אויך פונקן פון חוזק.

באַריטש, וועלכן איך האָב געטראָפן אויפן באַן כמעט נישט פאַרענ־דערט, מער ניט איבערגעטאָן אין אַמעריקאַנער בגדים, האָט מיך געבראַכט אין זיין וווינונג. ער מיט זיין יונגער פרוי האָבן געלעבט אין אַ מיניאַטור־דירה, אין אַ הויז באַזעצט מיט זיכער טאַלענטירטע, אָבער אָרעמע קינסט־לער. די וווינונג האָט פאַרמאָגט אין זיך אַלץ וואָס עס האָט אַ דורכשניט־לעכע ניו־יאָרקער דירה, נאָר אין מיניאַטור, כמעט אין פּופּן־אַרטיקע פאָר־מען. דאָס גאַנצע האָט אויסגעזען ווי אַ שפּילצייג, און אויף די טישן, אויף די ווענט זיינען געהאַנגען לוסטיק־באַפאַרבענע ליאַלקעס. זיי ביידע האָבן זיך באַוועגט אין דער פאַרבנרייכער ענגשאַפט ווי מענטשעלעך פון אַ קינדער־מעשהלע.

ס'לעבט זיך זיי טאַקע ניט גוט! האָב איך זיך געקענט אָנשטויסן.

אָבער די לוסטיקייט פון אמאָל האָט זיך דאָ ניט אויסגעלאָזן. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער סאָפע און פאַרוואָרפן איינעם דעם אַנדערן מיט פראַגן. גערעדט האָט מען רוסיש. — ראשית, וואָס הערט זיך מיט אייער קינדער־טעאַטער?

ער האָט געגעבן הפקרדיק א מאַך מיט דער האַנט.

— עס הערט זיך שוין לאַנג גאָר נישט, באַטיושקאַ. עס איז ניט מעגלעך אין אַמעריקע אויפצובויען אַזאַ זאַך..

אויף א ווײלע — א שווייגן פון צער. און שוין באַלד שפּרודלט ער ווייטער.

— און מיינט איר אוודאי אַז איך האָב ניט געהאַט קיין דערפאָלג? האָט איר אַ טעות, ליבינקער. איך האָב געהאַט גאָר אַ גוואַלטיקן דערפאָלג. איך וועל אייך באַווייזן...

ער האָט געבראַכט אַ גרויסן באַנד מיט צייטונגס־קריטיקן און אַנאָנסן. זיי זיינען געווען אָנגעפּילט מיט די העכסטע לויבגעזאַנגען צו די ערשטע פאָרשטעלונגען פון זיין טעאַטער. די גאַנצע ניו־יאָרקער פּרעסע האָט זיך פאַרכליאַבעט פון התפעלות. מען האָט דעם פּיאָנער אָנגעווינטשעוועט א פולן קאָפּ.

— זעט איר? — האָט באַריטש מיט אַ לוסטיקער ביטערקייט ווייטער דערציילט — מיט אַזאַ מין סענסאַציע האָט מען מיך אויפגענומען. ס'האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט צו אונטערשטיצן די זאַך. אָט זעט איר דאָ די נעמען פון די בעסטע קריטיקער, קינסטלער, אפילו דעם באַנקיר אָטאָ קאהן... מען האָט געשריבן אַז אַזאַ טעאַטער איז מסוגל אָוועקצוגן די קינדער פון דער בירגערלעכער אַטמאָספערע אין וועלכער זיי לעבן אַלע. מען האָט געלויבט מיינע טאַלענטן אין הימל אַריין...

...און פון דעסטוועגן — האָט ער דעם אַלבום מיט די קריטיקן אָפּגערוקט אָן א זייט — איז דערפון גאָר נישט געוואָרן. פאַר וואָס? ווייל... ס'איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר מיין טעאַטער...

— וואָס הייסט ס'איז ניט געווען? עס פעלט אויס טעכנישע מיטלען אין ניו־יאָרק?

— אָט דאָס איז טאַקע, טייערער מיינער. די טעכניק, די פאָדערונגען פון טעכניק הרגענען אַוועק אין ניו־יאָרק ניט איין גוטע זאַך. א קינדער־טעאַטער קען דאָ פונקציאָנירן נאָר שבת נאָך מיטאָג און זונטיק, בעת די קינדער זיינען פריי. אָט פאַר די ביידע טעג קען מען נישט קריגן קיין איין פּאַסיקן טעאַטער, אָדער מען מוז דינגען און צאָלן פאַר דער גאַנצער וואָך. דאָס קענען ניט אויסהאַלטן 3-2 פאָרשטעלונגען. איך האָב שוין געפּרוווט שפּילן אין אַן אַנדער אָרט, אָבער ס'איז ניט געגאַנגען. ס'איז שווער צו

זיין אַליין דער פאַרפאַסער פון די פּיעסן, דער רעזשיסאָר, דער דעקאָראַטאָר און נאָך דערצו דער סוחר, דער פאַרמיטלער, דער פינאַנסיסט. איז דערפון געוואָרן אַ תל.

— און דער קאָמיטעט?

— דאָ אין אַמעריקע, כאַפּט מען זיך אָן נאָר אין דער ערשטער מי־נוט, בעת אַ סענסאַציע. גאָר באַלד ווערט מען אָפּגעקילט. אָבער — האָט באַריטש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — לאָמיר אָוועקוואַרפן מיינע גע־שעפטן. לאָמיר ריידן וועגן אונדזער אַמאָל.

און דאָ האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ לעבעדיקער שטראָם מיט זכרונות. ס'איז ווידער אויפגעשטאַנען דער שטראַלנדיקער מיטשמאַן, ס'האָט ווידער ווי אַ פּאַך געטאָן דאָס שוואַרצע בענדל איבער דעם שניי־ווייסן העמדל. „צי געדענקט איר ווי איך האָב זיך איין מאָל אָנגעגעבן אין דעמיסיע? איך בין דאָך געווען אַ מיטגליד פון דער טורמע־קאָמיסיע אין „קרעסטי"־געפענגע־ניש. מיר האָבן זאַלבעדריט דורכגעקוקט די פּאַפּירן פון די געפאַנגענע. און דאָ האָב איך געמערקט ווי איינער פון אונדז, דער ניימאַן, קלייבט זיך אָפּ דווקא די „דיעלעס" פון די רייכע געפאַנגענע. עפּעס ער רופט זיי אָפּט אַרויס צו זיך און שמועסט מיט זיי געהיימניספול. מיר איז דאָס געוואָרן פאַרדעכ־טיק. האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ קריגעריי. בין איך געקומען צו אייך און דערקלערט: טאָוואַרישטש קאָמיסאַר, אָדער ער אָדער איך! און איר האָט מיר דערלויבט צו נעמען זיך פאַר אים. און מיר האָבן אַנטדעקט: ער נעמט דאָך כאַבאַר!

...און די מעשה מיט אַפטערן געדענקט איר? אָך, איר זייט דאָך דעמאָלט שוין געווען אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. איר געדענקט: דער ראַיאָנער סאָ־וועט פון פּעטראָגראַד האָט פון זיך אַליין אין מיטן דערינען דערשאָסן דעם יידישן סוחר אַפטער „פאַר ספּעקולאַציע". איר געדענקט אונדזער אַלע־מענס אויפרעגונג. האָט איר געהייסן מאַכן די שטרענגסטע אונטערזוכונג וועגן דעם. מיר האָבן געוווּסט אַז ס'וועט זיין שווער, ווייל דער ראַיאָנער סאָוועט האָט געהאַט אַ שטיצע אין זינאָוויעוון, דעם פאַרזיצער פון פּעטראָ־גראַדער סאָוועט. אָבער מיר האָבן זיך גענומען פאַר די ראַיאָניקעס. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז ביי זיי גופא איז געווען ניט ריין מכוח ספּעקולאַציע און אַז דערפאַר האָבן זיי זיך אַזוי צוגעאײַלט צו דערשיסן אַפטערן. האָבן מיר אַרעסטירט דעם פּרעזידיום פון סאָוועט... אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען געקומען מיר אָנזאָגן, איך זאָל זיך באַהאַלטן ווייל זינאָוויעוו האָט געהייסן אַרעסטירן מיך און די גאַנצע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פאַר אַזאַ חוצפּה. באַזונדערס אויף מיר זיינען זיי געווען מלא חימה. איך האָב דער־מאָלט געשפּילט מיטן קאָפּ. ביז די זאַך האָט זיך אויפגעקלערט. — באַ־

ריטשעם אויגן האָבן געגלאַנצט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן ווידער אין יענער צייט, אַוועק פון דעם אַמעריקאַנער לעבן ווו ער איז פאַראורטיילט אויף פּאַסיוויטעט. אַז איך האָב אים געגומען דערציילן וועגן מיינע פּלענער אין אַמעריקע, האָט ער ווידער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גענומען לאַכן. „וועלכע ראַדיקאַלן זיינען פאַראַן אין אַמעריקע? נישטאָ קיין אמתע ראַדיקאַלן, באַטיושקאַ, דאָ איז נאָר דער דאָלאַר און די יאָגע־ניש נאָך כבוד. און ער האָט גענומען דערמאָנען נעמען און ער האָט זיי געדרייט אין דער האַנט און באַמאָלט מיט פאַרבן ווי די ליאַלקעס וואָס זיינען געשטאַנען אַרום. ס'איז געווען אַ ביסל טרויעריק צו זען דאָס יונגע מיידלשע געזיכט פאַרשאָטנט מיט יאוש.

ער האָט נישט געוואָלט ריידן וועגן זיך. זיי האָבן געמוזט מאַכן אַ לעבן פון קליין־קינסטלערישע אַרבעטן: פון מאַכן שפּילצייג, פון אויס־מאָלן קעסטלעך, פון צייכענען אויף פיגורן און שטאָפן. די זאַכן אַרום אונדז אויסגעאַרבעט אין רוסישן סטיל, זיינען געווען שיין. אָבער דאָס אָפּזעצן זיי אין די קראָמען איז געווען שווער, דעם גרעסטן טייל פון דעם פּרייז האָבן צוגענומען די פאַרמיטלער. באַריטש האָט אָפטמאָלס געזען אין די שויפענצטער זיינע אייגענע זאַכן מיט אַ פּרייז צוויי מאָל גרעסער ווי דער וואָס ער האָט באַקומען.

— אָבער עס לוינט זיך ניט ריידן וועגן דעם, טייערינקער — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — לאָמיר איצט גיין עסן אין אונדזער רעסטאָראַן.

דאָרטן, אין דעם ביליקן וועגעטאַרישן רעסטאָראַן זיינען ווידער פאַר־יאָגט די וואָלקנס. מען רעדט און מען ווערטלט זיך מיט די צוויי רוסן וואָס האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש. איינער אַן עכט רוסישער עמיגראַנט וואָס האָט זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט ווידער צום זיין אַדוואָקאַט־באַרוף. דער אַנ־דערער, אַ יידיש־רוסישער סאָוועט־באַאַמטער וואָס אַרבעט אין „אַמטאָרג". אַמטאָרג — איז דער עקאָנאָמישער קאַנאַל דורך וועלכן דער באָלשעוויזם פירט געשעפטן מיט דער אַמעריקאַנער האַנדלס־וועלט. ווייזט אויס, אין דער ניו־יאָרקער דאָלאַר־סביבה ווערן די באָלשעוויסטישע באַאַמטע גוט קאַליע. יעדנפאַלס זיינען זיי פרייער אין דער אָפּשאַצונג פון דער מאָסקווער פּאָלי־טיק. די קלעפּ וואָס שיטן זיך די טעג אויף טראָצקין מאַכן זיי נאָך פרייער־דער באַאַמטער גייט מיט מיר איבער דער קאָכעדיקער גאַס. ווו אונדזערע שטימען ווערן אַלע ווייניגער פאַרהילכט פון דעם עלעווייטאָר־ליאַרעם, און רעדט אָפן. „לאַנג קאָן זיך דאָס ניט ציען אַזוי ווי איצט, — אָדער מען מוז שטעלן זיך אויף דער פּאָזיציע פון טראָצקין אָדער מען וועט עפענען די טירן פאַר אַ ברייטן קאַפּיטאַליסטישן מסחר... סטאַלין הענגט אין דער

לופט". ס׳איז טאקע טשעקאווע פונאנדערצורײדן זיך מיט דעם מיושבדיקן סאָוועט־סוחר, דעם געוועזענעם בונדיסט, וואָס שפּירט היינט די באַציונג פון אמעריקאנער קאַפּיטאַליסטן. ער אַליין האַלט, פאַרשטייט זיך, גאָר ניט פאַר טראַצקוין. אָבער אַט לויפט אונדז אַנטקעגן ד"ר פראַנק, וואָס וועט מיך פירן ווייטער. מיר געזעגענען זיך אָפּ ביים הויז פון באַריטשן, ער טרייסלט יונגטלעך די האַנט.

ליבער חבר באַריטש! וואָס פאַר אַן אומעטיקע באַגעגעניש דאָס איז געוועזן היינט. פאַר וואָס טראָגסטו ניט דיין מאַטראָסן־היטל מיט דיין שוואַרצן זיידענעם בענדל אין ווינט דורך דעם גאַנצן לעבן אַזוי שטאָלץ ווי דעמאָלט?

ד"ר א. מעריסאָן און א. ליעסין

מיר פאָרן איצט אַלזאָ צו ד"ר מעריסאָן. דוכט זיך אַז איך קען אים שוין פון לאַנג. ער האָט דאָך איבערזעצט אַ מטמון מיט וויכטיקע ביכער אין יידיש: מאַרקס און דאַרווין און ספּענסער. ער שטייט פון כמה יאָרן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. מוז ער זיכער זיין אַ גרייז־גרויער מענטש, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט דעם ליבלעך־שמייכלענדיקן בליק פון אַן עליזע רעקליו, פון אַ קראָפּאָטקין... מיר גייען צו זיין ד"ר־אָפיס, אין דער סאַמע מיט פון איסט־בראָדוויי, וווּ אַ הויז קריכט אויף אַ הויז, וווּ אַ דירה שווימט אויף אַ דירה, וווּ עס ווימלט פון יידן ווי מוראַשקעס. מיר גייען אַריין אין אַ מויער וואָס איז באַפּעלקערט מיט מענטשן אַקוראַט ווי אין ווילנע אויף דער דייטשישער גאַס, וואָס איז פאַרקלעפּט מיט מודעות, מיט שילדן, מיט קאַרטן, וואָס שמעקט מיט אַלע ריחות פון אַ כשרער יידישער קיך. איך פאַרשטיי: אָט טאַקע דאָ מוז אַן אַנאַרכיסטישער דאָקטאָר האָבן זיין אָפיס. מער ניט די אָפּגעלאָזנקייט, די חושכדיקייט, די ביטערע אָרעמ־קייט פון דעם אָרום איז מיר אַ ביסל קשה. צי מוז עס זיין אַזוי אומעטום?

אַז מיר גייען אַריין אין קאַבינעט פון מעריסאָנען, שטייט אויף פריינד־לעך אַנטקעגן אַן עלטערער מענטש, אָבער נישט גרוי־אַלט, מיט אַ געגאָלטן געזיכט, מיט אַ ביסל טרוקענעם אויסדרוק פון דער פיגור, מיט אַ פעסטן טריט. איבער זיין טיש הענגט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון מיכאַילאָווסקין (אָט טאַקע מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד), און אונטער דעם פּאָרטרעט — אַ בילד פון אַ רבנישן פּנים פון זיין, מעריסאָנס, פאָטער. דורך מיכאַילאָווסקין ווערן מיר תיכף צווייפאַכע קרובים.

מעריסאָן איז קענטיק צופרידן וואָס די ביידע פּאָרטרעטן וואַרפן זיך אונדז אין די אויגן. ער בעט זיצן און הייבט אָן מיושבדיק־פריינדלעך אויס־צופרעגן וועגן מיינע פּלענער. זיינע אויגן קוקן זיך אויפמערקזאַם צו — „איך ווייס נישט צי איר וועט געפינען דאָ אַ סך אָנהענגער פון אייערע אידעען" — זאָגט ער געלאַסן. איך ווייס אַז ער איז אַ קעגנער פון דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע. דאָ נישט לאַנג האָט ער אָפּגעדרוקט אין די „פרייע שריפטן" אַן אַרטיקל וווּ ער האָט פאַרהערלעכט די קערענסקי־צייט ווי אַ

קעגנזאץ פון אקטאבער. איך זאג אים, אז דאס האט מיר שטארק געוואונדערט צו הערן פון אים, דעם אנארכיסט. ער ענטפערט אפ אין זיין רויקן מתנג־דישן אופן. „מיר האבן געמוזט איבערקוקן א סך פון אונדזערע אנשויונגען, ווייל די דערפארונג האט אונדז דאס באוויזן. מיר האבן זיך אמאל געגארט אין א סך פראגן. זיך ערלעך גענארט... אבער דאס לעבן האט דאס באוויזן. אט זעט איר די הייזער דא ארום אויף דער גאס? איך געדענק אז אמאל אין די יונגע יארן, בעת איך פלעג גיין איבער דער גאס און זען ווי מען בויט א ניי גרויס הויז, פלעג איך זיך קלערן: שוטים וואס איר זייט! באלד וועט קומען די סאציאלע רעוואלוציע, און זיי, די בורזשויעס, בויען זיך הייזער!. היינט זאגט מען דאס ניט מער"...

ד"ר מעריסאן שמייכלט. די אמונה פון יענע יונגע יארן איז פאר־שוואונדן. ער חידושט זיך וואס אזא אמונה איז דא ביי אונדז. וואס פאר א שווערער בארג פון אנטוישונגען האט זיך געמוזט לייגן — במשך פון די יארן — אויף די פלייצעס פון אזעלכע מענטשן ווי מעריסאן. אז די אפיקור־סים, די כופרים בעיקר, די קעגנער פון שטאט און קאפיטאל, די וואס האבן דערצויגן א דור צו בונטארישקייט — האבן געקאנט שלום מאכן מיט א קערענסקי־רעגירונג! צי וועלן מיר, יינגערע, אויך אמאל בייגן די פלייצעס אונטער דער לאסט פון מפלות וואס וועלן קומען? אז מעריסאן הערט אז איך האב נאך ניט זיין בוך „טעאריע און פראקטיק פון אנארכיזם", זאגט ער מיר צו צוצושיקן דעם בוך. וואס העלפט מיר א בוך, אז דער אמאליקער טעמפעראמענט האט זיך געקאנט אויסוועבן אין זיינע טרעגער. כך הוא דרכו של אנארכיזם: אדער זיי זען דעם קץ גאר באלד פאר די אויגן (און וואונדערן זיך אויף די וואס בויען נאך הייזער) אדער זיי זען אים גאר ניט; און אז ס'איז ניטא באלד דער קץ, „מוז" מען דאך לעבן אין דער איצטי־קער וועלט ווי זי שטייט און גייט און „בעסערט זיך" צו ביסלעך. נישט ביי אלע אנארכיסטן, אבער אין אנארכיזם ליגט צום טייל דאס ווארפן זיך פון איין עקסטרעם אין דעם אנדערן. עס פעלט דער חוש פאר דער איבערגאנגס־צייט אין דער רעוואלוציע.

איך קוק אויף דער ענגקייט ארום, אויף די פארשטויבנקייט פון די זאכן. מעריסאן דערציילט אונדז געלאסן: ווייסט איר, וויפל יאר איך ארבעט שוין דא, אט אין דער געגנט? דאס איז שוין א יאר 30 אויב נישט מער. אזוי האב איך יארן לאנג געארבעט אויך אין דער „פרייער ארבעטער שטי־מע". איך האב זיך אזוי צונויפגעוואלגן מיט דער יידישער באפעלקערונג אז איך גיי כמעט ניט ארויס פון דער יידישער געגנט. מיר דוכט אפט אפילו, אז איך פארלער די ענגלישע שפראך. איך האב גאר קיין מגע ומשא ניט מיט עכטע אמעריקאנער...

מיר האלטן שוין ביים אוועקגיין. מעריסאָן זאָגט מיר מיט גרויס פריינדשאַפט, און די רויקע ווערטער זיינען באַדייטנדיק: „אָבער איך וועל טאָן פאַר אייער מיסיע דאָ אַלין וואָס איך וועל קענען... מיר איז אָנגענעם צו זען אַ מענטש מיט אמונה, מיט גלויבן".

און אַט טראָגן מיר זיך אַריבער אין אַן אַנדער עק שטאָט. אין קאָאָ־פּעראַטיוון הויז פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד הייבן מיר זיך צו דער דירה פון ליעסינען. ער עפנט אַליין, אין דעם קליינעם טונקעלן פּאָרצימער הער איך אַ כמעט זינגענדיקע שטים פון אַן אַלטן: אַ, ד"ר שטיינ־בערג? קומט אַריין, ד"ר שטיינבערג!...

ער נעמט מיך אויף ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און פירט אונדז אַריין אין זיין קאַבינעט, פאַרשטעלט מיט ביכער־שאַפעס, באַהאָנגען מיט בילדער. ער זעצט זיך אַריין אין אַ שטול און קוקט אויף אונדז בנעימותדיק־שטיל. מען שווייגט אַ ווײַלע, מען זוכט די ערשטע ווערטער. ליעסין האָט אַ רונדן גע־זיכט, וואָס באַהאַלט הינטער זיין ראָזעווער פאַרב אַ גאָר יונגע ליידנשאַפט־לעכקייט. די דאָזיקע איידל־איינגעהאַלטענע ליידנשאַפטלעכקייט שפּירט זיך אין דעם גאַנצן וועזן פון ליעסינען. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו דעם וועזן פון דעם אַנאַרכיסט וואָס מיר האָבן אָקערשט געזען. ביי ליעסינען — אַ לעבנס־כּוונטערקייט פון אַ חסיד, ביי מעריסאָנען — די ראַציאָנאַלע שטייפ־קייט פון אַ מתנגד. ביי ליעסינען — די שמחת החיים, בעת דאָרטן אייגנט־לעך מער די חכמת החיים. און אַז די דאָזיקע חכמה האָט זיך ניט געלאָזן פאַרווירקלעכן איז — אומעט, עצבות, צוריקגעצויגנקייט. ליעסין ווייס אויך פון טרויער, אָבער די דיכטערישע נשמה קאָן זיך איבערטראָגן אויף אַנדע־רע געביטן. אַ ניצוץ פון פרייליכקייט האָט אַרויסגעשיינט פון אים. איך האָב פון אַ סך געהערט, אַז ער ענטפערט כמעט קיינעם ניט אויף בריוו, און אַז מען קאָן אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן. איצט זע איך טאַקע אַז מען קאָן קיין פאַראיבל ניט האָבן.

ער הייבט אָן מיט „געשעפטלעכע" ענינים. „איר מוזט מיך אַנטשול־דיקן וואָס איך האָב ניט געדרוקט אייערע זיכרונות... זיי זיינען שוין אויס־געזעצט פון לאַנג אָן... איך האָב ניט ליב צו זאָגן קאָמפּלימענטן, אָבער זיי געפעלן מיר".

...„אַז איר וואָלט געוווּסט ווי שווער עס איז, אויסצוקומען מיט די שרייבער... וואָס זאָל איך טאָן (ער לאַכט צופרידן), אַז פון דער גאַנצער וועלט שיקט מען מיר אַרטיקלען פאַר דער „צוקונפט". ס'איז מיר אָפט זייער שווער צונויפשטעלן אַ נומער, אַז מען זאָל קיינעם נישט פוגע זיין בכבוד. באַזונדערס וועגן רוסלאַנד פאַרוואַרפט מען אונדז מיט אַרטיקלען...

...אמת (דאָ לאַכט ער צו זיך, עפּעס ווי זעענדיק פאַר די אויגן אומ־

פריינד) ס'זיינען דאָ ביי אונדז מענטשן וואָס האָבן טענות, אַז די „צוקונפט" גיט זיך גאָר אָפּ מיט ציוניזם און מיט פּאַלעסטינע. אַט אַזוי דאַרף מען עס יוצא זיין פאַר אַלעמען...

איך האָב צו ליעסינען ענינים פון פאַרשײדענע פריינד אין אייראָפּע. פאַר וואָס האָט ער ניט געענטפערט נ. ווענן זיין פּאַלעסטינע־אַרטיקל? „ווייל איך קאָן באמת ניט געוווינען זיך צו זיין שפּראַך. דאָס איז אַ יידיש אַזוי אויסגעמישט מיט העברעיש און דייטש, איז איך קאָן פּשוט ניט". „טאָ שרייבט עס אים אָן, מאַכט אים אָנווייזן ווי צו שרייבן, ער וועט זיך צוהערן"... „יאָ, איך זאָג צו, איך וועל אים אָנשרייבן".

— פאַר וואָס האָט איר ניט געענטפערט צו נג, ווענן זיין משה העס־אַרטיקל?

— יאָ, איך וואָלט אים טאַקע געדאַרפט ענטפערן... איך שעץ אים זייער. איך אַרבעט שטענדיק איבער זיינע אַרטיקלען ווייל זיי זיינען האַרט ווי ציגל. אָבער זיי זיינען ווערט. זאָל ער ווידער שיקן אַן אַרטיקל. אויב איך ענטפער נישט, איז עס דערפאַר ווייל עס קומט מיר אָן שווער צו שרייבן. איך בין אַן אָבלאָמאָוו. אפילו מיין לייט־אַרטיקל אין יעדן נומער שרייב איך אין דעם סאַמע לעצטן טאָג. יאָ, יאָ, איך וועל אים טאַקע אָנשרייבן...

פאַר די ווערק פון בעל־מחשבותן האָב איך אַן אויפטראָג צו זאַמלען אין אַמעריקע זיינע בריוו. — אַ, — דערפרייט זיך ליעסין — איך האָב טאַקע אַ גאַנצן פּעקל בריוו פון בעל־מחשבותן. — אָבער ווי געפינט מען זיי? איך וועל פרעגן ביי קרעפּליאַקן, דעם סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט". אַז איר וועט קומען אַהער אַן אַנדער מאָל, וועל איך אויסזוכן די בריוו. זיי זיינען זייער אינטערעסאַנט...

מען רופט אונדז אין עסצימער, און אַלע הייבן זיך אויף. דערווייל טאַפּט מען די ווענט. עס הענגט אַ וואונדערבאַרער פּאָרטרעט פון ליעסינען געמאָלן פון מאַניעוויטשן. צווישן די ביכער — גאָר אַ גרויסע צאָל וואָס זיינען נוגע צו יידישער געשיכטע, צו דער תורה. אַ סך העברעישע ביכער, נישט רעליקוויעס, נאָר פון מאָדערנע העברעישע שרייבער, אַ סך ביכער פון דער רוסישער געשיכטע... די דיקבייכיקע „התקופות" שטייען ברידערלעך מיט דער „געשיכטע פון אַרבעטער־רינג", און דער אַרבעטער־רינג קייטלט זיך מיט דער רוסישער געשיכטע פון מיליוקאָוון. כתלי בית המדרש יוכיחו: די ביכער אויף די ווענט זאָגן עדות אויף דעם באַוווינער פון הויז. דאָ לעבט אַ מענטש וואָס טראָגט אין זיך דאָס ראַדיקאַלע נאַראָדנישע רוסלאַנד פונקט אַזוי טיף ווי דעם מאָדערנעם יידישיזם, פונקט אַזוי ווי די העברעישע קולטור. דאָס גאַנצע נעקראַסאָווישע רוסנטום מיט דעם גאַנצן היימישן יידנטום: אַ צווייפאַכער מקור פון גלויבן.

אין עסצימער טרעפן מיר ליעסינס טאָכטער, א יונגע קרענקלעכע מיידל. זי זעצט זיך צו און נעמט אָנטייל אין געשפּרעך. ליעסין קוקט אויף איר מיט ליבשאַפט און הערט זיך צו מיט איינגעהאַלטענעם אומרו צו אירע קורץ־אָפּגעהאַקטע רייד. די באַלעבאָסטע — ליעסינס שוועגערין — זאָרגט וועגן אָנבייסן. מיר געפינען זיך אייגנטלעך שוין לאַנג צווישן אייגענע מענטשן. „האָט איר זיך שוין באַקאַנט מיט אונדזערע מענטשן אין ניו־יאָרק?" פרעגט ער און אַ ליצנות־שמייכל פינקלט אין זיינע אויגן. דאָס וואָרט „אַלראַיטניקעס" שווימט אַרויף. ליעסין האָט זיך אָפּגעזונדערט פון די אָפּי־ציעלע קרייזן פון די ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער זשאַלעוועט ניט אַפילו קיין „דיכטערישע" ווערטער וועגן זיי. זיין היינטיקער לעבעדיקער אינטערעס ליגט מער ביי די חלוצים אין ארץ־ישראל. דער אַלטער בונדיסט איז שטאַרק אינפאָרמירט וועגן דער קאָנפערענץ פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע, וואָס איז דאָ געווען די טעג. „אַז איך האָב מיט יאָרן צו־ריק אָנגעשריבן מיין אַרטיקל „ציוניזם און סאָציאַליזם", האָט מען עס דאָ אויפגעהויבן אַ געוואַלט!" דערציילט ער מיט פריילעכן חוזק.

נישט נאָר פון גייסטיקע אַלראַיטניקעס, אויך פון די „לינקע" קריגט ליעסין שטויסן. זיין געוועזענער חבר אַליין האָט זיך אַן אייגענעם „האַמער" אין וועלכן ער דערמאָנט פון צייט צו צייט ליעסינען צום גוטן. „ער זוכט מיך צו פאַרמסרן פאַר מיינע אייגענע חברים. ער דערמאָנט זיי שטענדיק וואָס פאַר אַ העברעיסט און ציוניסט איך בין — אָבער דאָס העלפט אַליינען ניט — די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישן קלייבט מיך דערוויילל אַלץ אויס פאַר אַ רעדאַקטאָר".

ליעסין רעדט וועגן זיינע קעגנער מיט אַ רויקן געמיט. אפשר איז איז זיין שמייכלען פאַראַן אַ טראָפּן פאַראַכטונג, אָבער זי איז געמילדערט דורך זיין רו. ער דערציילט וועגן מענטשן און גלעט בעת מעשה צערטלעך זיין טאָכטער. אין דעם פאַרבייזטן ניו־יאָרק איז די דאָזיקע ווייכקייט אַ הערלע־כער וואונדער. איך האָב שוין לאַנג ניט איבערגעלעבט אַזעלכע שעהן, אָנגע־פילט מיט חסד צו דער וועלט.

מיר האָבן נאָך אַ הונדערט טעמעס צו באַרירן, אָבער ס'איז געוואָרן שפּעט, און מאָרגן מוז איך דריי מאָל עפנטלעך אויפטרעטן. ליעסין באַגלייט אונדז אַרויס און זאָגט אַז ער איז גרייט צוקומען צו מיר אין שטאָט ווען איך וויל. ניין, איך וועל בעסער קומען צו אייך...

„זשאַמעלע" — דאָס פֿאָלקסליד

8־טער יאַנואַר.

עלף אַזייגער אין דער פֿרי בין איך צוגעפֿאָרן צום אָפֿן פֿאָרום, ווו וולאַדעק, אין אַמאַלגאַמיטעד טעמפּל, האַלט אַלע זונטיק אַ פּאָליטישע לעקציע. איך האָב אים געטראָפֿן ביים איינגאַנג צום זאַל. אַז מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף דער הילצערנער טעאַטראַלישער בינע, האָב איך דערזען אַ פֿיר־פֿינף הונדערט מענטשן אויסגעזעצט אויף שטולן. דער גרעסטער טייל איז געווען פֿון דערוואַקסענע, עלטערע מענטשן. אַ פּאַסיווע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסן איבער זיי. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אין אַמעריקע אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג, מייסטנס פֿון שניידער. אַלע מיינע פֿריערדיקע פֿאָרשטעלונגען האָבן געמוזט אָפּטרעטן אויף אַ זייט לגבי דעם לעבעדיקן אָנבליק. וולאַדעק איז געווען דער פֿירער. מיט זיין הויכער שמאָלער פֿיגור, אָנגעטאָן אין שוואַרץ, און די מיושבדיקע באַוועגונגען האָט ער אויסגעזען ווי אַן ענגלישער גלח. ער האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט, אַן איבערזיכט פֿון די פּאָליטישע פּאַסירונגען פֿון דער וואָך. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַזונדערס אויף דער פּראָגראַם וואָס דער ניו־יאָרקער גאָווערנאָר סמיט, דער קאַטוילישער דעמאָקראַט, האָט געהאַט אָקערשט פֿאַרעפֿנטלעכט. אין דער פּראָגראַם זיינען געווען אַ פּאָר מענטשלעכע פֿאָרשלאָגן בנוגע קרימינאַל־פֿאַרברעכער. וולאַדעק האָט דערקלערט אַז פֿאַר אַזעלכע פֿאָדערונגען וואָלטן סאָציאַליסטן אויך געקענט אָפּגעבן זייער שטים. היינטיקס מאָל האָט ער פֿאַרקירצט זיין רעדע, ווייל ער וויל — האָט ער געזאָגט — פֿאָרשטעלן פֿאַרן פֿאָרום אַ גאַסט וואָס איז צו זיי געקומען.

ער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט. איך האָב עס געווידמעט אונדזערע פּאָליטישע געפֿאַנגענע. „וואָלט איך געקאָנט, וואָלט איך געהאַט אַ פֿרייען אַדרעס צו די געפֿאַנגענע אין רוסלאַנד, וואָלט איך זיי באַשריבן מיינע איינדרוקן פֿון דעם היינטיקן מיטינג. מיר האָבן עס שוין לאַנג ניט ביי זיך, באַלד צען יאָר ניט..." און איך האָב גענומען דערציילן וועגן איינצלנע העלדן פֿון די געפֿאַנגענע, באַזונדערס פֿון די וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידן. „איר קענט אַלע דעם נאָמען פֿון מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ, אָבער עס זיי־

נען ניט באַקאַנט דאָ די נעמען פון אַנדערע. אַט זיצט באַלד אַכט יאָר אַלעק־סאַנדראַ איזמאַאילאָוויטש, די בעסטע פרײנדין פון ספּירידאָנאָוואַ. זי איז געװען די טאָכטער פון אַ גענעראַל אין מינסק. אָבער אין יאָר 1905, נאָכן יידישן פּאָגראָם אין מינסק, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צום לעבן פון גובערנאַטאָר קורלאָוו. זי האָט אין אים געװאָרפן אַ באָמבע... איז גע־װען פאַרמשפּט צום טויט. אָפּגעזעסן עלף יאָר אין דער קאַטאָרגע... אין דער רעװאָלוציע־צייט האָט זי מיט באַגייסטערונג געאַרבעט אין פּויערטום, און היינט איז זי פון די באָלשעוויקעס װידער פאַראורטיילט צו אַ לעבן פון ליידן און איזאָלאַציע..."

איך האָב דערפילט אַז אין זאַל איז דאָ אַ באַװעגונג פון סימפּאַטיע. האָב איך דערמאָנט װעגן אַן אַנדער חבר, װעגן זשוקאָװן. „ער איז צוזאַ־מען מיט אירינאַ קאַכאָװסקאַיאַ געפאָרן אין יאָר 1920 צו מאַכן אַן אַטענ־טאַט אויפן גענעראַל דעניקין. אין קיעװ האָבן זיי אים געקאָנט טאָקע טרעפן. אָבער בעת זיי האָבן אין דער טעראָריסטישער גרופּע געהאַלטן אין דער צוגרייטונג־אַרבעט, האָבן די קריסטלעכע חברים פון דער גרופּע, און זשוקאָװ צװישן זיי, אויפגעהויבן די פראַגע װעגן דער גרויסער געפאַר װאָס קען אַרויסקומען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין קיעװ ביי אַזאַ זאַך. און זיי האָבן באַשלאָסן דאָס ניט צו טאָן אין קיעװ. און דער איידעלער זשוקאָװ איז היינט אויך שוין דאָס זיבעטע יאָר אין פאַרשיקונג. אין די אַלע מענטשן פאַרבינדט זיך טריישאַפט צו רעװאָלוציע מיט גרויסע מענטש־לעכקייט. יעדער פון זיי, סיי אַרבעטער סיי פּויער סיי אינטעליגענט, װאָלט געקאָנט היינט פאַרנעמען אין דער סאָװעטישער מלוכה די בעסטע פּאָסטנס. זיי זיינען דאָך די אמתע מחותנים פון דער שמחה, און פון דעסטװעגן לאָזן זיי זיך ניט אונטערקויפן... זייערע פאַמיליעס זיינען שוין לאַנג רוינירט, און זייער לעבן גייט אויס אין חושך. אַזעלכע אַרבעטער און פּויערים זיי־נען אַ גרעסערער באַװייז פון דעם העלדישן גייסט פון אַרבעטער־קלאַס איידער יענע װאָס שטייען אין שפּיץ פון אַ רעגירונג. אַלע סאָציאַליסטן װאָס זיצן אין טורמעס זיינען מאַרטירער, אָבער אַ סך טראַגישער איז דאָס מזל פון יענע לינקע סאָציאַליסטן װאָס האָבן אַליין מיט זייערע הענט געהאָלפן אויסבויען די סאָװעטישע רעפּובליק. און היינט זיינען זיי איינגעשפּאַרט אין אירע אייגענע מױערן".

אַז איך האָב נאָך 20 מינוט געענדיקט ריידן, האָבן די צוהערער אַק־טיװ, אויפגעטרייסלט געפּאַטשט בראַװאָ. אין די ערשטע רייען האָב איך געזען װאַרעם ליכטנדיקע אויגן. אויפגערעגט פון דער ערשטער באַגעגע־ניש מיטן ניו־יאָרקער עולם האָב איך זיך געזעצט אין דער טיפעניש פון דער סצענע. װאָלדעק האָט װידער גענומען דאָס װאָרט צו ריידן װעגן

תכלית. „אז איר וואלט געהאט דעם אדרעס, ה' שטיינבערג, און איר וואלט געשריבן צו אייערע פריינד דארטן, וואלט איך בעטן צו דערמאנען אז די היינטיקע פארזאמלונג דא איז די 164־טע. וואך אין וואך, יעדן זונטיק פרי דורך אסיען און ווינטער, קלייבן מיר זיך צונויף דא שוין א כך יארן... אקערשט האט מען דא דערמאנט די נעמען פון ספירידאנאווא, איזמאאילאוויטש און אנדערע. אז איך האב דערהערט די נעמען, בין איך געווארן אויפגעשטורעמט, ווייל עס האבן זיך ביי מיר אויפגעוועקט די זכרונות פון מיין יוגנט. אין יאר 1905 בין איך געזעסן אין טורמע. און מיר אלע, צו וועלכער פארטיי מיר זאלן ניט געהערן, האבן זיך דעמאלט מיט דער גרעסטער באגייסטערונג באצויגן צו ספירידאנאוואן... און איצט זיצט זי ווידער פארשפארט. ס'איז שווער זיך פארצושטעלן אזא זאך". און וולאדעק האט פארגעשלאגן דעם עולם מען זאל דא איצט אויפקלייבן פאר די געפאנגענע אין רוסלאנד א „פאר דאלאר".

צוערשט האט זיך איינגעשטעלט א טיפע שטילקייט. קיינער האט מסתמא ניט געוואלט זיין דער ערשטער צום אויפרוף. אבער וולאדעק קען זיין אודיטאריע, האט ער גענומען אויפמונטערן דעם עולם, מאכן אים לייכטער דעם פינאנציעלן פראצעס, אפעלירן צו זיינע טיפערע געפילן. — „מיר דארפן היינט אנקלייבן דא א הונדערט דאלאר... איך וויים גאנץ גוט אז דער גרעסטער טייל פון אייך איז ארבעטסלאז... ס'איז ניט לייכט ארויסצונעמען פון פאקעט דעם דאלאר. — און מיר האבן טאקע אפגערעדט ניט צו זאמלען דא אין דעם אפן פארום. אבער היינט איז אן אויסנאם־פאל!..." דער שווייגנדיקער זאל האט זיך נאך ניט גערירט.

— לאמיר צוערשט ארויסרופן יענע וועלכע קענען געבן מער... ווער וויל געבן א צען דאלאר?

מען שווייגט.

— איך גיב 10 דאלאר — דערקלערט וולאדעק.

— ווער גיט נאך?

א שטים רופט זיך אפ פון דער טיפעניש פון זאל. נאך און נאך א שטים. אביסל ענלעך צו דעם ווי מען פארקויפט אן עליה אין שול. וולאדעק רופט אוים ווידער: און איצט זאלן זיך מעלדן די וואס קענען געבן פינף דאלאר, אדער דריי, אדער איינעם... יעדער דאלאר איז וויכטיק...

א ווײלע איז דער עולם פארשטומט. ווי די ארבעטער וואלטן שטומערהייט געמאכט ביי זיך א שנעלן חשבון פון זייער קאסע: וויפיל קענען זיי אפשפארן און אפגעבן. און אט הייבט זיך אויף פון דער באנק אן עלטערע פרוי אין שווארצן, דערנענטערט זיך פאמעלעך צו דער בינע, גיט איבער דעם צו איר אריבערגעבויגענעם וולאדעק א גרינעם פאפירל. — אט האבן

מיר פינף דאָלאַר! — הייבט אויף אין דער הויך וואָלאָדעק דאָס פּאַפּירל.
— פון אַן אַנדער עק זאַל, פון אַ דריטן הייבן זיך אויף באַשיידן, אַזוי ווי שעמעוודיק, מענטשן און טראָגן איינגעקוועטשט אין האַנט גרינע פּאַפּירלעך. אָט גייט שוין אַ שטילע באַוועגונג אין גאַנצן זאַל. ווי עס וואָלטן זיך אויפגעלייזט געבונדענע נשמות, ווי עס וואָלטן זיך אָפּגעעפנט פאַרבונדענע טייסטערס. שנירעלעך פון מענטשן ציען זיך צו דער בינע און צוריק. פון איין ריי בענק צו די אַנדערע רופן זיך מענטשן צו, גיבן אויפטראָגן, באַרגן אויס איינער ביים אַנדערן. צקנייטשטע ווי די פּנימער דאָלאַר־בילס ווערן איבער די קעפּ אַריבערגעגעבן אַהין, הויך צו דער טריבונע. און וואָלאָדעק האָט שוין באַהעלפער: אונטן ביי דער בינע האָבן זיך געשטעלט אַ פּאָר וועלכע גיבן אַריבער די מתּנות. ער רופט אויס יעדן מאָל וויפיל ער האָט שוין: 54 דאָלאַר, 55, 57, 60 דאָלאַר. ס׳איז היימלעכער אין זאַל, און ס׳איז דאָך אַ געדריקטע שטימונג... דער שטראָם נעמט זיך אָפּשטעלן, די פּויזעס צווישן די אויסרופן פון וואָלאָדעקן ווערן אַלץ לענגער. — שטעלט זיך ניט אָפּ, גענאָסן! מיר מוזן אָנקלייבן לכל הפּחות אַ 75 דאָלאַר... עס פּאַסט אונדז ניט פאַר גענאָסע שטיינבערג, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין שלעכטע מיינונג וועגן אונדז... לכל הפּחות 75 דאָלאַר... אויב די גענאָסן קענען ניט געבן קיין דאָלאַר, מעגט איר געבן אויך ווייניקער. יעדער סענט איז וויכטיק...

אַ שטילשווייגן. מען באַהאַלט די אויגן פון אַרום. אפשר מאַכט מען ווידער אין קאָפּ שנעלע חשבונות אום אָפּצושפּאָרן עפּעס אַ פּאָר סענט? כּדי מען זאָל זיך ניט שעמען צו געבן ווייניק, שיקט וואָלאָדעק אַרויס איבער די רייען זאַמלער, זיי גייען צו צו יעדן איינעם. אין זאַל איז אַ שטילער גערודער אַזוי ווי האַרבסט־בלעטער וואָלטן זיך געטראָגן אין ווינט. און אָט טראָגן שוין די זאַמלער פולע טעלער באַזילבערט מיט סענטן. דער אַרבעטער־גראָשן האָט זיך ניט אויסגעשעפּט. — ס׳וועט זיין אַ סך מער ווי 75 דאָלאַר. — פרייען זיך די זאַמלער.

איצט הייבט זיך אויף וואָלאָדעק און האַלט אין זיין האַנט אַ רויט ביכעלע. ער גיט מיר אויך איינס. דאָס זיינען „אויסדערוויילטע אַרבעטער־און פאָלקס־לידער" אין יידיש. „מיר וועלן באַלד זינגען אַ פּאָר לידער. מיר טוען עס דאָ אין יעדער פאַרזאַמלונג". איינער האָט זיך צוגעזעצט צום פּיאַנאָ, איינער האָט גענומען דיריזשירן. די לאַנגע בענק האָבן זיך אויסגערייטלט מיט די געזאַנג־ביכעלעך. און מיט אַ מאָל האָבן זיך גענומען טראָגן די אומעטיק־איראָנישע טענער פון דעם פאָלקסליד „זשאַמעלע".

„דו וועסט זיין אַ גביר, מיין זשאַמעלע —
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויגעלע

אַלע נאַכט אַמאָל די מאַמעלע,
איך געדענק נאָך היינט איר ניגעלע".

עס האָבו זיצנדיק געזונגען כמעט אַלע אַרום. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך געזען ווי ס'האָבן געזונגען ניט נאָר יונגע פרויען, מענער, מיידלעך; עס האָבן מיט כוונה געזונגען עלטערע יידן מיט בערד, מיט טיפע קנייטשן אויף די שטערנס, מיט אויסגעהאָרעוועטע הענט. טשעקאַווע, אַז זינגענדיקע טענער האָבן זיך געטראָגן פון מענטשן וואָס זיצן כמעט אומבאַוועגלעך. די קלאַנגען זיינען ווי געוואַקסן פון הינטער זיי אַלעמען. און ווי אַ נייע כוואַליע האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן דער צווייטער ביטער־איראָנישער פערז פון דעם ליד.

„און מקוים איז געוואָרן מיר
די הבטחה פון מיין מאַמעלע:
שוועך צו קריגן אַזאַ גביר
אַזאַ עושר, ווי איר זשאַמעלע.

שלאָפן שלאָף איך אויף אַ קערבעלע
מאַך „המוציא" אויף אַ סקאָרינקע
און „לחיים" אויף אַ שערבעלע
פול מיט ברונעם־וואַסער קלאָרינקע..."

די שטימען האָבן זיך געצויגן אין די געצערטלטע ווערטער. און די יידן מיט די בערד האָבן מיט כוונה אויסגערופן זייער פיין: מאַך „המוציא" אויף אַ סקאָרינקע. די קינדערישע ווערטער האָבן אַזוי טרויעריק אַרויסגעקלונגען פון די באַיאָרנטע מענטשן... וולאַדעק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער סצענע, און איצט אין זיינע שוואַרצע קליידער, אין די רעמלעך פון די ברילן, מיט דעם ביכל אין האַנט האָט ער טאַקע אויסגעזען ווי אַן ענגלישער גלח. און דער גאַנצער עולם האָט אויסגעזען ווי ביי אַ גאָטעסדינסט.

— און איצט — איז ער צוגעקומען צו מיר — וועלן מיר זינגען „און דו אַקערסט און דו זייסט"... לכבוד אייך. דאָס איז דאָך איבערזעצט פון זשיטלאָווסקין. ער האָט זיך געווענדעט צום זאַל, דערקלערט: „און דו אַקערסט" אויף דעם זייטל 50...

דער עולם האָט גענומען מישן אין די סידורים, און אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער שוין געזונגען די שווערמוטיקע האַלב־קאָמפּעלישע ווערטער.

י. נ. שטיינבערג

„גלין־גלאָן־גלאָן, גלין־גלאָן־גלאָן,
קלאַפּט דער האַמער זיין געזאַנג...

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל
שטייען אַלע רעדער שטיל!..."

ס'איז געווען גוט. אויף די געזיכטער האָט זיך געוויזן אַ זעלישע פרישקייט. עפּעס ווי אין אַ יום־טובדיקן טאָג נאָכן דאַווענען, בעת מען האַלט שוין ביים פאַרלאָזן די שול... די פּראָגראַם איז נאָך ניט געווען אויסגע־שעפּט. אַן אַרטיסטין האָט גענומען פאָרלעזן אַ דיאַלאָג פון שלום־עליכם. אַן אלמנה קומט אויפן בית־עולם קלאָגן זיך פאַר איר מאַן אויף איר פינצ־טערן מזל. זי שילט אים מיט די ביטערסטע קללות און האָט פאַר אים די טיפסטע פאַרערונג. — די אַרטיסטין האָט געשפּילט מיט איר קול און מיט אירע אַלע אברים. דער עולם האָט משונהדיק־פריילעך געלאַכט, זיך פאַר־גאַנגען פון לאַכן. ווי ווייניק דאַרפן די דאָזיקע פאַרמאַטערטע מענטשן, כדי צו דערקוויקן זייער נשמה. די היינטיקע פּראָגראַם איז אין תוך ניט גע־ווען רעוואָלוציאָנער. עס האָט פאַרמאָגט אין זיך די טעמעס פון דער ערש־טער, נאַאיווער תקופה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די שטורעמס פון דער היינטיקער עפּאָכע האָבן דאָ ניט אַרויסגעקלונגען. אָבער די אַרבעטער האָבן זיך דאָ היינט אָפּגערוט פון דער טעגלעכער פּיין און יאָגעניש נאָך אַרבעט.

מיר זיינען שוין געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג פון דער בינע. וואָלאַדעק האָט מיט אַן איינגעהאַלטענער פרייד דערציילט: ווייסט איר, וויפיל מיר האָבן אָנגעקליבן געלט? אַ סך מער ווי 75 דאָלאַר... הונדערט און איין דאָ־לאַר!... און איר דאַרפט וויסן אַז דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע ליידן היינט פון אַרבעטסלאָזיקייט. עס איז אַ גרויסער קריזיס ביי די שניידער.

מיר האָבן זיך, ווי אָפּגערעדט, צעטיילט דאָס געלט. 55 דאָלאַר האָט מיר איבערגעגעבן וואָלאַדעק פאַר די לינקע ס"ר, דאָס איבעריקע וועט גיין — פאַר די אַנדערע געפאַנגענע סאָציאַליסטן. אַרום זיינען געשטאַנען מענטשן, און מען איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג... און דאָ האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט איינער מיט שוואַרצע וואָנצעס און האָט גענומען אַריינריידן אין מיר: „מיינט ניט אַז ס'איז אין אַלע דיסטריקטן פון שטאָט אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. דאָ איז צונויפגעקומען אַלץ וואָס ס'איז דאָ אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. גאַנץ ניו־יאָרק. איך בין אַליין פון „פאַרבאַנד" און איך ווייס..."

מיט איין פוס אין אַמעריקע

צו וואָס האָט ער עס מיר געזאָגט? פאַר וואָס וויל דער מענטש צע־שטערן די שטימונג ביי מיר, ביי אַלעמען?...

פאָליטיק און מאָראַל

איך האָב געמוזט אַריינזעצן זיך אין אַן אויטאָ און פליען צו דער זי־צונג פון אַרבעטער־רינג. היינט איז פאַרזאַמלט דער „באָרד אָף דירעקטאָרס": דער פירנדיקער אָרגאַן צווישן די צוזאַמענפאָרן. דאָס זעלביקע צימער אין וועלכן איך בין געווען מיט אַ וואָך צוריק. אַרום דעם קיילעכדיקן טיש ברייטלעך־שטייפע פיגורן פון די פירער פון די פּראָווינץ־שטעט. אויפמערקזאַם־דרואיקע געזיכטער, שוואַרצע רעמלעך פוןברילן, מיושבדיקע רייד. אַן אַטמאָספער פון רו און זיכערקייט הערשט ביי דער זיצונג. איינער פאַרענדיקט די רייד וועגן סאַנאַטאָריום. דער פּאָרזיצער יוסף וויינבערג רייסט איבער דעם סדר־היום, גיט מיר דאָס וואָרט. דאָס מאָל רייד איך הויפּטזעכלעך וועגן דעם צוועק פון מיין קומען: הילף פאַר אונדזערע געפאַנגענע. איך דערמאָן זיי נעמען פון אונדזערע פריינד, וואָס דאַרפן זיין זיי באַקאַנט, איך דערציי̇ל וועגן דער וואַרעמקייט היינט ביי דעם פאָרום, איך לייג אַרויף אויפן טיש פאָטאָגראַפיעס פון די רעוואָלוציאָנערן. איך בעט זיי אַסיגנירן אַ חשובע סומע, טאַקע באַלד, בעת איך בין נאָך אין אַמעריקע. „פאַר דער צייט וועלן מיר אַוועקשיקן אַהין דאָס געלט און באַקומען אויך די באַשטעטיקונגען פון די טורמעס". בשעת איך רייד, פליט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ: „פאַר וואָס קוקט זיך קיינער ניט צו צו די פאָטאָגראַפיעס אויפן טיש? אפשר ווייל זיי איז דער ענין באַקאַנט שוין פון פריער?". זיי הערן זיך אַזוי אויפמערקזאַם צו". וויינבערג הייבט זיך אויף פון אָרט, דאַנקט פאַר דער רעדע און פאַר דעם צוטרוי צום אַרבעטער־רינג, דערקלערט אַז „מיר וועלן שטעלן אונדזער גאַנצן אַפּאַראַט צום דינסט פון אייער מיסיע". ער גייט אָבער פאָרביי דער געלט־פראַגע. דאָ זיינען דאָ שוועריקייטן. דער „באָרד אָף דירעקטאָרס" האָט נישט דאָס רעכט צו אַסיגנירן פון זיך אַליין קיין געלט. געלט־באַשטימונגען פאַר אַזעלכע צוועקן ווערן געמאַכט נאָר פון אַ קאָנווענשאָן. אָבער, ווי געזאָגט, דער אַרבעטער־רינג איז גרייט מיטצוהעלפן מיט וואָס ער קען...

דוכט זיך, פאַרענדיקט. איך קען זיין צופרידן. אָבער דאָ הייבט זיך אויף פון איין זייט דער ח' דייווידאָוו. ער בעט דעם פּאָרזיצער אַריינצו־

טראָגן אין פּראָטאָקאָל די דערקלערונג וואָס ער האָט אָקערשט אָפּגעגעבן מכוח אונטערשטיצונג. אייגנטלעך איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. ניין, מסתּמא ניט! וויינבערג דערלאַנגט פּלוצים אַ קלאַפּ מיטן פּאָרזיצער־האַמער איבערן טיש, רייסט איבער דיווידאָווס רייד. — צו וואָס פּראָטאָקאָל? ס'איז דאָך גענוג אַז דער טשערמאַן גיט אַ דערקלערונג פאַר אַלעמען און פאַר ח' שטיינבערג... וויינבערג רעדט מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרדרוס.

אַ שטילער געמורמל צווישן די דירעקטאָרס, די פיגורן קומען אין באַוועגונג. מען גיט שטיצע דעם טשערמאַן, דיווידאָוו זעצט זיך אַ ביסל פאַרווירט אויף זיין שטול. איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין צו וואָס איז דער טומל (ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען). די געשעפט־זיצונג גייט ווייטער. איך הער זיך צו אַ צייט צו די דעבאַטן וועגן סאַנאַטאָריע, און גיי אַרויס. צוויי פון די אָנטיילנעמער גייען אַרויס אין קאָרידאָר, זייער שטייפקייט איז פאַרשוונדן. איינער דערמאָנט זיך מיט אַ וואַרעמען פּנים, אַז ער איז אַמאָל אין אַ רוסישער טורמע געזעסן צוזאַמען מיט דער איזמאַאילאָוויטשן. דער אַנדערער — סאָלאָוויאָוו — לייגט מיר פאַר צו האַלטן אַ לעקציע ביי זיי אין פינסקער ברענטש. איך מוז זיך איילן אַהיים גרייטן זיך צום אָוונט. ס'איז דאָך אַ פּרעמיערן־אָוונט.

אַ זייגער ניין האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט ד"ר עלסבערגן, און מיר זיינען אָפּגעפאָרן צום מאַסן־מיטינג. מיר דוכט זיך אַז דער גוטער דאָקטאָר איז אַביסל אומרויק. מיר זיינען צוגעפאָרן צו דער רענד־סקול. „זעט איר — ווייזט ער מיר אויף אַ ריי אויטאָס וואָס שטייען אויסגעצויגן ביים טראָטואַר — דאָס זיינען אַלץ באַזוכער פון דער פאַרזאַמלונג". ער האָט זיך באַרויקט, ס'וועלן זיין מענטשן. ווי נאָר מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ פוס אין דעם מיט מענטשן־הודזשענדיקן פאָדער־צימער, האָבן מיך מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער פרייד אָפּגעשלעפּט אָן אַ זייט מינץ. ס'איז גוט, שוין פאַרקויפט 580 בילעטן... איך בין די גאַנצע צייט געזעסן אין קאַסע, ניט אָפּגעטראָטן אַ שריט, געציילט יעדן בילעט... אַז איך האָב דערזען ווי מען פאַרקויפט דעם פינף־הונדערטן בילעט, בין איך אַרויס... ס'איז שוין אַלרייט, ס'זיינען דאָ אַ 700 מענטשן... איר האָט הצלחה!

איך ווער פאַרכאַפּט פון דעם זיסן אומרו־געפיל, וואָס קומט ביי יעדער גרויסער פאַרזאַמלונג, איידער זי עפנט זיך. פון מינצן רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט איין מענטש, אַ צווייטער. אַ קליינע, קורץ־געשווירענע פרוי, מיט אַ פּנים פון אַ פּעטערבורגער קורסיסטקע, רעדט צו מיר האַסטיק און שטיל: מיר מוזן זיך טרעפן אין אַ באַזונדער אָרט, איר קענט ניט די מענטשן אַרום אייך, מיר זיינען אַ גרופּע ס"ר וואָס שטייט נאָענט צו אייך. (דאָס

איז געווען דאָרט ק. פון יענער גרופּע ס"ר, וואָס איך זוך טאַקע!) איך קוועטש איר דאַנקבאַר די האַנט. אַ הויכע געשטאַלט פון אַ פרוי, באַשיינט מיט טיף־שוואַרצע אויגן, בייגט זיך אַריבער צו מיר און פליסטערט אַריין; אַזוי אַז דער אַרומיקער עולם זאָל ניט הערן: באַרגי לאָזט אייך גריסן... איר קענט דאָך אַרמאַנדאָ באַרגי? איטאַליענישער סינדיקאַליסט. ער וואָלט וועלן זיך טרעפן מיט אייך...

— ווי קומט איר צו באַרגי? — קוק איך דערשטוינט אויף דער האַלב־איטאַליענישער, האַלב־יידישער פרוי.

זי לייגט אַרויף דעם פינגער אויפן מויל. „מען דאַרף דאָ ניט ריידן. מען זוכט אים! — אַ צערטלעכקייט פון אַ מוטער, אַן איינגעהאַלטענע ליידנשאַפט פון אַ חבר בליקן אַרויס פון די אויגן. מיר ריידן אָפּ זיך צו טרעפן.

אָבער ד"ר עלסבערג האָט מיך אַרויסגעזוכט, מען מוז גיין אין זאַל מיר הייבן זיך אויף די הילצערנע ברעטלעך פון אַ זייט. ווי דעם רעש פון אַ ווייטן ים־ברעג דערהער איך הענט־פּאַטשערייען. אַרויף אויף דער פּלאַט־פּאָרמע — דער רעש פון פּאַטשערייען ווערט נאָך הילכיקער. דאָס גיט מיר צו מוט און באַגייסטערונג. נישט מוט אויף צו באַהערשן אין זיך די אימת הצבור. אָבער אונדזער איינער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געהאַט די גע־לעגנהייט אַרויסצוטרעטן פאַר אַ גרעסערן עולם. אויסער דעם טרעט איך היינט אַרויס כמעט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פאַר אַ יידישן מאַסן־עולם. צי געפינט מען תיכף דאָס לשון וואָס פאַרבינדט מיך מיט די צוהער־רער? צי געפינט מען אין זיי אַ פאַרשטענדעניש צו אונדזערע „נישט־רעכטע נישט־לינקע" חלומות? איז דער זאַל מיט די מענטשן פריינדלעך געשטימט, דעמאָלט האָט מען ממילא דעם אַקטיוון פאַרביטערטן מוט צו ריידן קעגן זיי. ווי איז אָבער אַז זיי זיינען נישט פיינדלעך און נישט פריינדלעך?

די פּאַטשעריי האָט טאַקע דערפאַר אויפגעבראַוזט אין האַרצן אַ מוט און אַ באַגייסטערונג. אונדזערע ווערטער, די ווערטער פון פאַרטריבענע און פאַרשטומטע, וועלן דאָ אַלזאָ געפינען היינט אַ געהער! זאָל זיין דער־וויל נאָר אַ געהער.

אויף דער פּלאַטפאָרם טרעף איך אַ ריי באַקאַנטע מענטשן. ניגער, קאַהאַן, מעריסאָן, ראָזענפעלד, עפּעס ווי אַ משפחה. און עפּעס אַ באַשיידע־נע פיגור פון אַן אומעטיקן זשורנאַליסט זיצט מיט אַ פעדער. אַ פאַרטרעטער פון דער דייטשער „ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג". בעת מיר ריידן זיך פונאַנ־דער, הייבט זיך אָן דער צערעמאָניאַל פון אַזעלכע קבלת־פּנים־אָוונטן אין אַמעריקע. מען ווערט באַלד „פאָרשטעלן" דעם „חשובן גאַסט". איך האָב זיך

שוין אַ סך אָנגעהערט וועגן אַזעלכע האָניק־זיסע הספדים מיט וועלכע מען באַערט דאָ די אָראָפּגעקומענע געסט. וואָס וועט דאָ זיין? ס'איז אַרויס זייער גוט, ראשית כל, קורץ.

יוסף קאַהאַן איז געווען פאָרזיצער, און האָט פאָרגעשטעלט דעם ד"ר יוד נון שטיינבערג. ער זאָגט אין זיין באַגריסונג: וואָס אונדז האָט באַזונדערס צוגעצויגן אין ד"ר שטיינבערגס אַרטיקלען און איצט, אַז מיר קענען אים, דאָס איז — דער פעסטער גלויבן, דער גלויבן אין סאָציאַליזם, וואָס דאָס איז פאַרלוירן געגאַנגען ביי אונדז, אין אַמעריקע... ער וויל ריידן וועגן די שווערע סאָציאַלע פראַגן. לאָמיר הערן אַן אויפריכטיק און ביז אַ געוויסן גראַד ניי וואָרט". צביון האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ ווענדונג צום עולם: „האָט נישט מורא, איך וועל נישט טאָן ווי יענע רעדנער ביי אונדז וואָס פאַרנעמען די צייט און לאָזן נישט קומען דעם גאַסט צום וואָרט. (אַ גוטמוטיק־איראָנישער שמייכל האָט זיך געשלענגלט אונטער זיינע וואָנצעס). איך האָב געלייענט די אַרטיקלען פון ח' שטיינבערג. ער שטרעבט צו דערווייזן, אַז ס'איז מעגלעך אַזאַ זאַך, ווי אַ האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון מאָראַל און פּאָליטיק. מיר ווינטשן אים דערפאָלג אין זיין שווערער אַרבעט, הגם מיר צווייפלען, צי ס'איז מעגלעך אַזאַ זאַך". ש. ניגער האָט באַגריסט אין נאָמען פון פּרץ־שרייבער־פאַריין. „ד"ר שטיינבערג איז איינער פון די וויניקע סאָציאַליסטישע טוער וואָס שעצן אין דעם מענטשן דאָס מענטשלעכע. אַפילו אין דעם פּאַרטיי־מענטש שטעלט ער דעם טראָפּ אויפן „מענטש", ניט אויף דער „פּאַרטיי". ניגער אונטערשטרייכט אַז איך בין נישט לאַנג אַריינגעטראָטן אין דער יידישער פּובליציסטיק, דערמאָנט אַז דורך איר קען מען אַרבעטן פאַר דער מענטשהייט. „לאָמיר האָפן — פאַרענדיקט ער — אַז דאָס וואָרט פון חבר שטיינבערג וועט אַריינטראָגן אַ דערפרישונג אין דעם היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן".

אַ סוף צו די הספדים, דער „מת" אַליין קען אָנהייבן ריידן. איך בין קורצזיכטיק, זע איך נישט די איינצלנע געזיכטער פון עולם. אָבער אַז איך שטעל זיך איצט אויף פאַר זיי, פיל איך זיך נאָענט און היימיש. איך דאַרף, ראשית כל, דאַנקען מיינע שבחים־זאָגער. דאָס איז שטענדיק ניט לייכט. זאָג איך זיי: „דערלויבט מיר ניט צו ענטפערן מיט קאָמפּלימענטן אויף קאָמפּלימענטן. לאָמיר דאָס איבערלאָזן אויף שפּעטער ווען מיר וועלן זיך נעענטער באַקענען. בעסער ווען איך וועל האַלטן ביים אָפּפאָרן". און איצט צו דער טעמע פון אָוונט: פּאָליטיק און מאָראַל.

...וואָס קאָן זיין איינגנטלעך ווילד־פרעמדער ווי צונויפפּאָרן אַזעלכע ווייטע באַגריפן ווי פּאָליטיק און מאָראַל? מאָראַל איז אַ

הימלדיקער, הייליקער ענין, פאליטיק — איז א שמוציקער געשעפט פון דער זינדיקער ערד... ווי קען יענער הימל האבן א השפעה אויף דער ערד? האט מען טאקע אפגערעדט צווישן זיך, אז וואס צו גאט איז צו גאט און וואס צו מענטשן — איז צו מענטשן. מען האט זיך איינגעטיילט די לעבן־ספערן און בארויקט... דער אידעאליזם פון א קאנט איז דא געווען פונקט אזוי שולדיק ווי דער פאזיטיוויזם פון א קאנט. דער היינטיקער געפערלעכסטער פארטרעטער פון אזא פאזיטיוויזם איז דער מארקסיזם. ער האט ארייגעטראגן די טאפעלע בוכהאלטעריע (פון מאראל און פאליטיק) אין דער גרעסטער מאראלישער באוועגונג פון אונדזער צייט: אין דער סאציאליסטישער. די רעפארמיסטן, די רויקע און מיושבדיקע סאציאל־דעמאקראטן, האבן אפגעשטויסן דעם ברויזנדיקן מאראלישן ווילן פון איינצל־מענטש און פראלעטאריער. זיי האבן ארייגעפאסט דעם פראלעטארישן קאמף אין דער עקאנאמישער נויטווענדיקייט, אין דער מעכאניק פון קאפיטאליזם. איז טאקע סאציאליזם באלד געווארן פריער א „שותף". שפעטער א משרת פון קאפיטאליזם. ס'איז פארבליבן נאר „פאליטיק". מען ציטערט פאר דער „איינענער" נאציאנאלער פאלקסווירטשאפט, ממילא אויך פאר דעם אייגענעם פאטערלאנד. מען האט זיך געשניטן די העלדזער פיר יאר לאנג אין א מלחמה...

און אט זיינען געקומען באלשעוויקעס, ביי וועלכע ס'איז ניט געווען מער קיין קרעמערישע און ציטערדיקע פאליטיק. זיי זיינען, דוכט זיך, געגאנגען מיט דעם מאראלישן שטורעם קעגן דער וועלט. ווייל די אקטאבער־רעוואלוציע האט אנטהאלטן אין זיך דעם טיפסטן עטישן אינהאלט. דער רוסישער פויער האט געדורשט ניט נאר נאך ערד; ער האט דורך דער באפרייטער ערד זיך געצויגן צו דער באפרייונג פון ארבעט און לעבן בכלל. דער רוסישער ארבעטער, נאך נישט פארדארבן פון דער מאדערנער קולטור, האט אויך „נאיוו" און ערלעך פארלאנגט די פולע סאציאלע גערעכטיקייט... אבער דער מאראלישער אינהאלט פון אקטאבער איז פארשקלאפט געווארן צו א פארטיי, א מלוכה־פארטיי. זי האט איר אייגענע מאראל. די דאזיקע מאראל איז קאלט ווי אייז און שארף ווי אייזן. זי האלט זיך פאר דער איינציקער פארקערפערין פון דעם געשיכטלעכן שכל. זי אליין קען פירן צו דער גאולה. און וועט דאס פאלק ניט גיין מיט די וועגן וואס זי ווייזט אן, וועט עס האבן צו זינגען און צו זאגן. די דאזיקע כוהנים טראגן די לוחות הויך איבערן קאפ פון דעם

פאָלק. שטעלט עס זיך אנטקעגן, דרייען זיי זיך אום צו אים מיטן פנים און שלאָגן אים מיט די לוחות. פון קידוש־השם ווערט חילול־השם.

די „מאָראַל" וואַקסט אויך פון דעם בלינדן גלויבן אין היס־טאָרישן כוח, פון מאַרקסיזם. ס'איז פאַר זיי פאַראַן עפּעס אַ השגחה פּרטית פון דער געשיכטע; זיי צווינגען אַרויף אויף מענטשן וואָס די געשיכטע צווינגט אַרויף אויף זיי. דערפאַר זיינען זיי נישט אַזוי פּסיכאָלאָגישע ווי לאָגישע אכזרים. דערפון נעמט זיך דער טעראָר. האָבן זיי, באָלשעוויקעס, פּונקט אַזוי ווי רעפאָרמיסטן, צוגענומען ביים מענטש־אַרבעטער ז יי ן מאָראַלישן ווילן. האָבן זיי אים אויך אַראָפּגעוואָרפן אין תהום פון טעגלעכער ביטערער „פּאָליטיק"... ס'איז אָבער מעגלעך אין סאָציאַליזם אַ פאַרבינדונג פון מאָראַל און פּאָליטיק. אָט — זיינען ביישפּילן פון די לינקע ס"ר אין דער רע־וואָלוציע. אין צייטן פון סקאָראָפּאַדסקים ממשלה האָבן זיי באַ־שלאָסן אַראָפּראַמען פון וועג דעם העטמאַן — עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע פאַרבערייטונגען. מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם אַטענטאַט איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע און סקאָראָפּאַדסקי איז אַראָפּ פון דער מאַכט. די לינקע ס"ר האָבן אים תיכף געלאָזן צורו... מיר קענען אַן אַנדער פאַל: אויך אין קיעוו. די לינקע ס"ר האָבן דורכגעפירט דעם אַטענטאַט קעגן דייטשן גענעראַל אייכהאָרן. די דייטשן האָבן געכאַפּט און אויפגעהאַנגען דעם טעראָריסט באָרים דאָנסקאָי. שפּעטער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל, די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט. צופעליק האָט מען אַרעסטירט אַ דייטשן סאָלדאַט וואָס איז געוועזן דער הענקער פון דאָנסקאָי. די באָלשעוויקעס האָבן אים געשטעלט צום טריבונאַל און צו טויט־שטראָף. האָבן די לינקע ס"ר אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע פאָדערנ־דיק נישט אָפּצונעמען דאָס לעבן ביים פאַרבלענדעטן סאָלדאַט. דאָ שטייען זיך אַנטקעגן די ביידע פּרינציפּן: מלוכה־חשבון פון פּאָלי־טיק און מענטשן־אידעע פון מאָראַל...

מער ווי אַ שעה האָט זיך געצויגן דער רעפעראַט. אין דעם געדיכטן פולן זאַל ווו הונדערטער מענטשן האָבן געמוזט שטיין אויף די פיס, איז געווען מערקווירדיק שטיל. האָב איך אַ בליק געטאָן אויף דער פּלאַטפאָרם, האָט זיך געוואָרפן אין אויג די אין שפּאַנונג אויסגעצויגענע פיגור פון מינצן. איך האָב געפילט אַז מען הערט זיך באמת צו צו די ווערטער. אַ זעלישער בונד האָט אַרומגענומען דעם רעדנער מיטן עולם. דאָס האָט צו־

געגעבן די לעצטע זיכערקייט צו די רייד. און שוין ווי צווישן אייגענע האָב איך געקענט אַריבערגיין לסוף צו דער יידישער טעמע.

...גראָד דאָס יידישע פאָלק ווייסט דעם סוד פון פאַרבינדן אייביקייטס־אידעען מיט רעאַלן טעגלעכן לעבן. נישט אומזיסט האָט דאָס פאָלק געשאַפן די לעגענדע מיטן ווילנער גאון... דער גאון איז געווען אַ צדיק, אַ יושב אוהל, דער גרעסטער בעל מידות. איין מאָל ערב יום־כיפור האָט ער גערופן צו זיך דעם דובנער מגיד און געבעטן אים, ער זאָל אים זאָגן מוסר. דער דובנער האָט שוין געקענט זאָגן מוסר, קיין איין מענטש האָט ניט געקענט ביישטיין זיינע שטראָפרייד. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך דערשראָקן: ווי קען ער, אַ פשוטער בשר־ודם, זאָגן מוסר דעם ווילנער גאון, דעם צדיק! אָבער דער גאון איז באַשטאַנען אויף זיין פאַרלאַנג, און דער דובנער האָט געמוזט נאָכגעבן.

— נו — האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכץ — איר האָט עס אַליין געוואָלט, רבי, טאָ הערט מיך שוין אויס...

און דער דובנער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט זיין באַקאַנטן ניגון:

— איר מיינט דאָך, רבי, אַז איר זייט באמת דער ריכטיקער צדיק? ווייל איר זיצט אין די אמות של תורה און איר מישט זיך ניט אין די הויות העולם און איר טוט נישט קיין רעה קיין יידן און קיין מענטשן? האָט איר אַ טעות, רבי... איר מעגט זיין פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים און זייט גאָר נישט קיין צדיק. ס'איז קיין קונץ נישט צו זיין ערלעך און פרום, בעת מען איז אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, פון דעם לעבן. אייך איז ניט אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך מיט נויט און דחקות. איר האָט ניט געהאַנדלט אויפן ווילנער מאַרק, ניט געריסן זיך, ניט געקריגט זיך מיט די קרעמער, מיט די הענדלער, כדי צו פאַרדינען עטלעכע גראָשן פאַר ווייב און קינדער... אָט אַז איר וואָלט געשטאַנען טאָג איין טאָג אויס אין דעם שווערן לעבן, צווישן מענטשן, אין דעם מאַרקשמויץ, און וואָלט ניט באַשמוצט ניט זיך און ניט אַנדערע — אָט דעמאָלט וואָלט איר געווען אַ צדיק, רבי...

און די לעגענדע דערציילט אַז דער גאון האָט געגעבן גערעכט דעם דובנער, און ער האָט געוויינט.

אַ פאָלק וואָס טראָגט אין זיין זכרון אַזאַ מין לעגענדע איז מסוגל צו פאַרשטיין די פּראָבלעם פון אייביקייט און טאָג, פון מאָ־

ראל און פאליטיק. דער יידישער סאציאליזם באזונדערס מוז ארייננזאפן אין זיך די פאדערונג פון אזא מאראלישער פאליטיק. די יידישע מאסן זיינען היינט צעשפרייט אויף אלע קאנטינענטן. אבער קיין איין קאנטינענט איז ניט וויכטיקער פאר דעם אנדערן. פאר דער רוימישער קירך זיינען שמענדיק געווען „געליבטע טעכטער", די אדער יענע מדינה. פאר דעם יידישן סאציאליזם איז דא אן איינהייטלעך יידיש ארבעטס־פאלק. פארבונדן וועט ער ווערן ווידער אמאל דורך דער פארבינדונג פון פאליטיק און מאראל.

„פאליטיק", צעשטויבט אין איינצלנע טעג, איז ווי פערל אן א שנור. מאראלישע אידעען, נישט ארייגעפלאכטן אין טעגלעכן קאמף, זיינען ווי א שנור אן פערל. מיר שטרעבן אין סאציאליזם צו דער איין און איינציקער פערלשנור.

דער עולם האט נאכגעפאלגט די טעמע, ער האט עס געלאזט הערן. אבער אויך איך בין געווען דאנקבאר ביז גאר דעם היינט־אוונטיקן עולם. אונדזער איינער איז אויסגעהונגערט צום ריידן. מיר זיינען דערווייל פארשטויסענע, נדחים פון ביידע זייטן, פון די צוויי סאציאליסטישע קירכן. פארשטויסן אייגנטלעך פון דריי זייטן: אויך פון דעם בירגערטום. בלייבט נאר איין שמאלער צוגאנג צו דער פערטער זייט: צום געמישטן, צום „פשוטן", צום אומארגאניזירטן עולם. היינט האב איך געקראגן דא אט ד ע ם צוגאנג צו די יידישע פאלקסמענטשן, און איך בין געווען גליקלעך. איך האב זיך געזעצט לעבן דעם דייטשן זשורנאליסט און דערזען ווי ער שרייבט צו זיינע לעצטע שורות. — פון וואנען פארשטייט ער די יידישע שפראך? — האב איך געמוזט פרעגן דעם טיפישן דייטש מיט תמעוואטע אויגן און א נאיוו בערדל. — אין ניו־יארק מוז מען קענען, — האט געענטפערט באשיידן דער דייטש שאקען (איז ער טאקע געווען א בפירושער ייד פון דייטשלאנד. ער האט מיר שפעטער, אין בערלין, דערציילט אז „די ילטערן צוליב" האט ער אום ראש־השנה געדאוונט ביים עמוד).

— צי וויל מען שטעלן פראגן? — האט זיך געווענדעט צום זאל ער פארזיצער.

צו וואס שטעלן פראגן? — האב איך זיך געחידושט. דאך זיינען ארויס מענטשן פון זאל און האבן געפרעגט. — צי בין איך אין גאנצן מבטל קאנטן אדער ניט? — „פאר וואס איז דער טעראר פון די לינקע ס"ר מאראליש בארעכטיקט און דער טעראר פון די באלשעוויקעס ניט?" — היינט, וואס זאל איצט טאקע טאן דאס יידישע פאלק? — ווי באציט איר זיך צו פאלעסטינע? אויף די אלע פראגן האט מען געקאנט ענטפערן נאר

עפּעס אין קורצן. „צו ברייט טאָר איך נישט אַריינגיין אין די אַלע טעמעס, ווייל דעמאָלט וועט איר דאָך ניט קומען־אויף מיינע צוקונפטיקע רעפּעראַטן".

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער אָוונט. און בעת יוסף קאַהאַן האָט נאָך פון פּאָרזיץ־טישל דערקלערט אַז ס'וועט באַלד אַראַנזשירט ווערן אַ סעריע פון דריי מיינע לעקציעס וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, בעת איך האָב נאָך געזוכט אָטעם נאָך דער זודיקער אַטמאָספער פון אויפרעגונג, — האָט זיך די פּלאַטפאָרם גענומען פאַרפלייצן מיט מענטשן. צענדליקער מענטשן, דערוואַרעמטע און לייכטנדיקע, שטעקן מיר צו פון אַלע זייטן הענט, דאַנקווערטער, יישר־כוחס. אָט שטיי איך שוין אין אַן ענגן קנויל פון פריינד. אָט טרייסלט די האַנט אַ הויכוואוקסיקער שוואַרצער ייד מיט לאַנגע פּאות וואָס שטאַרצן אַרויס פון אונטער זיין שוואַרצן הויט. „איך בין אַ רב פון גאַליציע" — דערקלערט ער מיט אַ סאַמעטענעם קול. אָט לאָזט ניט אַרויס מיין האַנט אַ יונגערמאַן מיט גלאַנצנדיקע אויגן: „אַ דאַנק וואָס איר האָט אַריינגעפירט אַזוי פיל העברעישע ווערטער אין אַזאַ לעקציע... ווילנער גאון, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן". אָט רעדט מען צו מיר אין רוסישער שפּראַך. צווישן די רוסישע מענטשן רענקע — דער ליטווינער — וואָס זאָגט אַז נאָך פון מאַריאַמפּאָל האָט ער זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין יידיש. מיט רענקען, באַשיידן אָן אַ זייט, דער דייטשער פריינד פון בערלין קנאָף. שיינענדיק פון שטאָלץ שטייען אָן אַ זייט די פאַמיליע האָראָוויץ. עס ציט מיך צו אויף זיין שטול מינץ. „ח' שטיינבערג... איך בין באַצויבערט... וואָס פאַר אַ פיינע שטים איר האָט... איר זייט דאָך אַ ברונעט, און די שטים אייערע איז ווייס, מיט אַ רויטן ניואַנס". און פּלוצים שטופּט זיך דורך צווישן אַלעמען אַן אַלטער, ברייטער און הויכער ייד מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און זאָגט גוטמוטיק: „מיך וועט איר שוין דורכלאָזן!". ער שטעקט מיר צו אַ קליינעם פאָטאָגראַפישן בילדל און פרעגט: „דערקענט איר, ווער דאָס איז?" „אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך: דאָס איז אַ בילד פון מיין פאָטער, פון אַ דרייסיק יאָר צוריק! ווי קומט עס צו אייך?". — אָט דאָס הייסט טאַקע היימישקייט אין ניו־יאָרק? — „איצט וועט איר שוין מיט מיר ריידן" — לאַכט צופרידענערהייט דער קרוב — איך האָב אַמאָל מיט אַ יאָר 50 צוריק געדינט אין ווילנע ביי אייער באָבען. סאָלאָווייטשיק איז מיין נאָמען געווען. דאָ הייס איך סאָלאָוו. איר וועט מוזן קומען צו מיר..."

מען מוז שוין אָפּריייניקן די פּלאַטפאָרם, מען לעשט די לאָמפּן. מיר וועלן גיין — די אָרגאַניזירער פון אָוונט — אין אַ קאַפע. מיסטער סאָלאָוו און זיין פרוי לאָזן ניט אָפּ. נאָך איינע אַן עלטערע דאַמע פרעגט זיך נאָך אויפן געזונט פון מיין מוטער: זיי זענען געווען אַמאָל אין קאָוונע פריינ־

דינען. אויך די דאמע לאזט ניט אפ. מען גייט אויפן גאס ווי ארומגענומען. איך גיב ארויס אלע נייטיקע צוזאגן — און ווער באפרייט.

אין קאפע איז א ים מיט מענטשן, אלץ יידישע שריפטשטעלער. מיר זעצן זיך צונויף מיט י. קאהאנען, צביונען, ניגערן. א שטיל, קליין ווייס מענטשל מיט בליצנדיקע אויגן זיצט מיט אונדז. דאס איז יונה ראזענפעלד. א נעץ געגעבן דעם פארטריקנטן צונג, דערהערט די ערשטע ווערטער פון צביונען: צי איז מיר באקאנט אז ער האט שוין מיט עטלעכע יאר צוריק אויפגעווארפן דעם ענין פון מאראל און סאציאליזם? בעת ער איז אוועק פון די קאמוניסטן?... און שוין גייט צו מיושבדיקרשטיל ד"ר עלסבערג און פירט מיך אפ אן א זייט. „איך וויל אייך פארשטעלן ציוויע לעווינא. זי איז געווען אמאל פון אייערע". ציוויע לעווינא איז געזעסן אין יאר 1905 צוזאמען מיט אונדזער אלעקסאנדרא איזמאאילאוויטש אין מינסקער טורמע, צוליב אנטייל נעמען אין טעראריסטישן קאמף. זי איז דעמאלט אנטלאפן פון טורמע. מיר זעצן זיך צו צו א טישל. אין דער דאזיקער באיארנטער, אומעטיקער פרוי איז שווער ארויסצוזען די געוועזענע יונגע טעראריסטקע וואס האט צוגעגרייט באמבעס קעגן א גובערנאטאר. אבער זי רעדט מיט א שטיל איבערגעגעבענעם קול וועגן יענער צייט, מיט א צערטלעכקייט פון דער ערשטער ליבע וועגן סאניען און מארוסיען. איך בעט זי נעמען אויף זיך די מאטעריעלע זארג וועגן די ביידע פרויען. ס'איז איצט שווער אין אמעריקע — זאגט זי פארטראכט. — צום געמיטלעכן זיצןביים גלעזל קומט שוין ניט מער. עס וועבט זיך שוין דאס געוועב פון מיין מארגנדיקער ארבעט. מיר ריידן זיך דא אויף צונויפרופן א זיצונג פון לינקע ס"רן. דאס איז א גרויסע איבערראשונג און א שמחה פאר מיר. איך האב זיך קוים געריכט אויף דעם. יוסף קאהאן ארבעט דא אויס די קעפלעך און די שלאגווערטער פאר די דריי לעקציעס פון מיין סעריע. ס'ווערט זייער שפעט און איך פאר אוועק אהיים. מיט א ציטעריק געפיל פון גליק שלאפט מען איין.

ס'איז קלאר: אז אונדזער ארבעט דא איז נייטיק, זי איז א מאראלישע טרייסט און דערשטארקונג פאר א סך מענטשן. דאס געפיל פון דער אייגענער נייטיקייט באהערשט דאס געמיט. ווי קומט מען אבער צו אויף לאנג צו די יידישע הארעפאשניקעס? עס מעג זיין ווי ערלעך דאס ווארט און דער גלויבן וואס מיר טראגן אין זיך, ווי זאל אבער דאס ווארט צוקומען צו די מאסן, אויפטרייסלען זיי? היינט, דורך א שפעלטל פון א סענסאציאנעלן קבלת־פנים, דערזעט מען די מאסן. ווי לאנג וועט עס אנהאלטן דא, אין דער שטאט, ווו בבל מישט זיך אוים מיט ירושלים? איז דאך ניו־יארק ווי אמאל נינוה „העיר הגדולה אשר יש בה הרבה... אדם אשר לא ידע בין־ימינו לשמאלו ובהמה רבה".

אַראָלף יאָפּעס זעלבסטמאָרד

ווענן מיין רעפּעראַט איז ניט געווען קיין באַריכט אין דער יידישער פּרעסע. (אַ באַריכט איז דערשינען אין דער דייטשער אַרבעטער „פאָלקס־ציימונג" אונטערן געלונגענעם קעפּל: „מאָראַל — די עסענץ פון פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק"). אַזאַ מינהג איז ניטאָ אין ניו־יאָרק פאַר געוויינלעכע רעפּעראַטן. ווי קען אַלזאָ דער עולם וויסן צי עס לוינט אים קומען נאָך אַ מאָל הערן דעם בעל־דרשן? פון אַ באַריכט ווו ער זאָל קענען לכל הפּחות אָנטאַפּן, אָפּשאַצן די געהאַלטענע רעדע, קען ער טאַקע ניט. איז ער אָנגעוויזן אויף די דערציילונגען פון די צופעליקע צוהערער פון אַ רעפּעראַט. דאָס איז די אינפאָרמאַציע פון אַ קליין שטעטל וועגן אַ מגיד, אינפאָרמאַציע שבעל פּה. אָדער ער איז אָנגעוויזן אויף דער אויגן־רייסנדיקער סענסאַציע פון דער פּרעסע. זי וועט שוין מיט טראַסקענדיקע אותיות און ווערטער דאַרפן צוציען דעם עולם צו אַ צווייטן רעפּעראַט. דאָס איז אַוודאי נישט די אינפאָרמאַציע שבכתב.

דערפאַר אָבער איז געווען אַ באַריכט אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט". דוד מאַניעוויטש האָט אַריינגעשטעלט מיין אָוונט אין זיין אָפּטיילונג „געהערט און געזען". דעם באַריכט האָט ער געגעבן, פאַרשטייט זיך, לויט דער „סאָציאַלער באַשטעלונג" פון זיין רעדאַקציע. אָבער ער האָט ריכטיק געשילדערט דעם גאַנג פון דעם פאָרטראַג. אַז ער האָט געזען אין אים ווידערשפּרוכן, איז ער ניט שולדיק. דער היינטיקער קאָמוניסט פאַרשטייט ניט אַז אַזעלכע „ווידערשפּרוכן" שטאַרצן אַרויס נאָר אין זיין פּרימיטיווער אידעאָלאָגיע, ניט אין דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

מאַניעוויטש האָט געשריבן: „אַ מין געדיכטער נעפּל פון ווידערשפּרוכן פון „יאָ" און „ניין", פון ליכט און שאָטן, פון הויכע פילאָזאָפישע באַגריפן און קינדישער נאַיוויטעט. און דער נעפּל ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און דו פאַרלירסט שוין דעם גרונט־געדאַנק פון זיין „נייעם וואָרט", וואָס איז אַזוי אַלט, אַזוי אַלט...

אָט זעסטו פאַר זיך אַ טרוימער וואָס שוועבט אין די הויכע הייכן און קוקט פון דאָרטן מיט צער אויף די ערדישע מעשים... און באַלד שטייט

שוין פאר דיר א פשוטער, גוט באקאנטער טיפ פון א סאציאליסט־רעוואלו־ציאנער, וואס פרײדיקט קאמף אויף לעבן און טויט — מיט באמבעס, מיט פייערדיקע קוילן, דורך רעוואלוציע. די אקטאבער־רעוואלוציע איז ביי אים פול מיט הויכער מאראל, מיט מענטשלעכער גערעכטיקייט.

איז דאך גוט. און פלוצים, טוט זיך ביי אים אלץ א דריי אוים מיט דער פוטער אראפ און עס באקומט זיך: אט דער מאראלישער אינהאלט פון דער רעוואלוציע איז פארשקלאפט געווארן צו א פארטיי. די באלשעוויסטישע פארטיי האט געמאכט פון דעם רוסישן ארבעטער אן אינסטרומענט פאר איר פארטיי־פאליטיק... דער רעדנער פילט ניט, ווי ער פאלט אלץ נידעריקער און כאפט זיך ענדלעך ארויף אויפן פערד פון אויסגעדראשענע קאנטער־רעוואלוציאנערע אינסינואציעס".

דערדאזיקער באריכט איז געווען פאר מיר וויכטיק פון צוויי זייטן. ראשית, האט ער דעם לינקן ארבעטער־עולם געגעבן כאטש א פארשטערטע פארשטעלונג וועגן אונדזער גערדאנקען־וועלט. און צווייטנס: האט ער באוויזן אז דערוויל קלייבן זיך די קאמוניסטן ניט אראפצורייסן מיינע ארויסטרע־טונגען. פאר וואס? ווייל זיי ווילן בעסער איגנארירן אונדזער ריכטונג? אדער ווייל זיי זיינען איצט — אין דער מהומה מיט טראצקין — מיט זיך אליין גיט זיכער?

אזוי צי אזוי, זיי פירן זיך אויף לייטיש לגבי מיר. א דאנק וואס זיי פארזעען מיך.

9־טער יאנואר.

קוים אויפגעכאפט זיך פון דעם שלאף נאך דעם ערשטן גרויסן טאג, עס הייבט זיך שוין אן צו רודערן דער נייער טאג. דער באזוך פון ח׳ שער־מאן איז מיר באזונדערס אנגענעם. ער איז דא איינער פון די היגע דריי יידי־שע רעכטע ס"ר, און ער דערקלערט מיר איצט אז ער איז גרייט צו העלפן מיר דא אין דער ארבעט. דאס איז א גרויסער מאראלישער דערפאלג. שער־מאן איז געווען אמאל אין סיביר פארשיקט מיט מיין ליבן חבר טרוטאווסקי, און טראגט נאך אפילו דא אויף זיך דעם שטעמפל פון א רוסישן רעוואלו־ציאנער. שלאנק, הויך, מיט אן אפענעם געזיכט, מיט יונגע אויגן. עס פעלן אים נאר די ווייכע לאקן פון א טרוימער. בעת מיר פארן היינט צוזאמען אין דעם סאבוויי, דערקלערט ער מיר עפעס וואס איז מערקווירדיק ריכטיק. „אמת, מיר זיינען דא רעכטע ס"ר אבער אפגעטראטן פון דער פארטיי־פראג־ראם זיינען מ י ר. די לינקע ס"ר פירן דורך ערלעך די פראגראם". אזעל־כע אפנהארציקע אמתן הערט מען גאר זעלטן. אפשר האט עס שערמאן דער־

פילט ווייל ער איז איינגעטלעך בכלל אפגעגאנגען פון דער רוסישער פארטיי ס"ר. ער האט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער יידישער קולטור־ארבעט. ער איז א טוער אין די ניו־יארקער שלום־עליכם־שולן.

נאך מיין נעכטיקן רעפעראט האבן, ווייזט אויס, די יידישע רעכטע ס"ר דערשפירט אין זיך א ביסל סימפאטיע צו מיין זאך. ניט ווייל זי איז לינק עסעריש, נאר ווייל זי איז יידיש־עסעריש. און דאס איז ניט נאר ביי שערמאנען, וואס איז קאלט צו דעם פארטיי־ענין. אזוי אויך ביים צווייטן יידישן ס"ר מונוויס. מונוויס, דער קליינטשינקער, דארער, פארביסענער יונגערמאן, איז דורך און דורך אנגעזאפט מיט דער אלטער פארטיי־טראדיציע. די פאן מעג אויבן, אין דער לופטן, דרייען זיך ווי זי וויל. ער שטייט אונטן שטאל און אייזן ביי דער פאן. ער קאן נישט פארגעסן אז מען האט געשפאלטן די פארטיי, אז מען האט מפקיר געווען די „אלטע" פון דער באַוועגונג. אבער אויך ער האט געהאט — ביי די שפאלטונגען — זיין קוק אויף די זאכן: ער איז געווען און פארבליבן אן „אבאראָניעץ", א פאטערלאנד־באשיצער, א רוסלאנד־פאטריאט. ווי אן ערלעכער מענטשן האט ער זיך — בעת דעם רוסישן בירגערקריג — געקליבן פארן אהין אויפן קאמף־פלאץ. ער האט זיך געלערנט די חכמה פון שיסן, האט געטראגן אזא מין מלחמה־מונדיר. די ערלעכקייט איז נאך איצט געלעגן אויף זיין געזיכט — און אט אויך מונוויס האט איצט גענומען עפעס העלפן מיר. זיין שארפסטן קעגנער אין אלץ...

און העלפן מוז מען. ווייל נאך דעם מאלצייט זיינען מיר געקומען צום חשבון. אין אמעריקע מוז מען האבן א מענעדזשער כדי צו פירן א קאמפיין. היות ווי קיין פאליטישע אדער געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע וועט ניט זיין אזא מענעדזשער, מוז מען אויסגעפינען א פריוואט־מענטש אדער גרופּע. זאל מען אים צאלן א 50 דאלאר א וואך. אבער ווו נעמט מען אים — אין דעם פארטייאיש און קליינליש צעשטיקלטן ניו־יארק? מיר זיצן אין דער רעדאקציע פון דער „פרייער ארבעטער שטימע". י. קאהאן, ווי דער ישיבה־בחור ביים איינזאמען שטענדער, זיצט ביי זיין טישל, שווייגנדיק־פאראינטערעסירט. מיט יונגער התפעלות דערציילט זיינע איינדרוקן פון נעכטן מינג. מיט פארקאשערטע הענט און „פארשווארצטע" פנימער — די קאנטאר־מיטגלידער. מונוויס, שערמאן און אנדערע טראכטן אין דער הויך מכח א מענעדזשער. עס פליען דורך אין דער לופט נעמען, מען דערמאנט זיי, מען ווארפט זיי אפ. מען פרוווט ארויסגראבלען אלע וואס זיינען עפעס אזוי ווי לינקע ביי די ס"רן. ראזא באראן — רופט איינער ארויס א נאמען.
— זי איז אבער שוין לאנג ביי די קאמוניסטן! — לאכט דער אנדערער.

— פאַר וואָס זאָלן מיר ניט אָנפרעגן ביי איר? מאַך איך אַ פאָרשלאָג. מען „רופט זי אַפּ" דאָ אויפן שטעל. און זי ענטפערט אָפּ פון דער וויטנס מיט בעס: „מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן וויל זי נישט האָבן קיין מגע ומשא". (ליבע ראָזאַ באַראָן! איך קען זי נישט אָבער ווער ווייסט צי איז זי אַליין דערוויל נישט געוואָרן אַזוי פאַרשאָלטן ווי איך!). מען געפינט נישט דער־וויל קיין מענעדזשער. „אָבער איך וועל ריידן וועגן דערויף מיט ח' וואָ־דעק" — דערקלערט מינץ.

דערוויל גייט מען אין אַ נאָענטן רעסטאָראַן. „ב. צ. גאָלדבערג פון „טאָג" — האָט זיך געוואָלט זען מיט אייך" — פרייט זיך מינץ. איך שטוים זיך אָן וועגן וואָס. ביים טיש געפין איך נישט נאָר גאָלדבערגן; אויך מאַר־גאָשעס. רעדאַקטאָר פון „טאָג", איז דערביי. ביי גאָלדבערגן זיינען שוואַרצע ברילן פון אַמעריקע, און די געקרייזלטע האָר — פון מזרח־אייראָפּע. מאַר־גאָשעס, שטייף און אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, איז מער ענלעך צו דעם אַמע־ריקאַנער טיפּ אינטעליגענטן. אָבער זיי ביידע ריידן פּאַמעלעך, מיושבדיק. זיי פרעגן וועגן מיינע איינדרוקן, און גייען אַריבער צו דעם פאָרשלאָג: איך זאָל אָנהייבן שרייבן אין „טאָג". איך מוז זיך אַ ביסל פאַרטראַכטן. איך בין ביי מיין קאַמפּיין אין אַמעריקע געבונדן. בכלל געדערט וואָלט איך גערן געשריבן אין „טאָג". ס'איז אוודאי נישט די צייטונג צו וועלכער עס ציט אונדזער איינעם, אָבער אין „טאָג" האָט מען די זיכערקייט אַז אונדזער אַן אַרטיקל וועט נישט ווערן איבערגעאַנדערשט, פאַרקריפּלט.

איך דערקלער מיינע טיש־גענאָסן אַז אין פּרינציפּ בין איך גרייט צו שרייבן אין „טאָג", אין דער געזעלשאַפט פון זשיטלאָווסקי און ניגער. אָבער איצט — בעת מיין קאַמפּיין — קען איך עס ניט טאָן. איך וועל אָפּשטויסן דערמיט די אַנדערע בלעטער. עס וועט שאַדן דער זאַך פון די געפאַנגענע. — זיי פאַרשטייען עס, פרעגן מיך פאַרזיכטיק: צי וואָלט איך ניט געקאָנט דער־וויל שרייבן זאָל זיין אין אַ פאָרעם פון אינטערוויוס. — דהיינו וועגן וואָס? — אָט איז איצט אַן אויפרעגונג בנוגע דעם בריוו פון באָלשעוויק יאָפען. קענט איר געבן אַן אינטערוויו? — זייער גערן — ענטפער איך.

זיי זיינען צופרידן, און איך קען זיין נאָר צופרידן וואָס עס גיט זיך מיר אַ געלעגנהייט צו באַרירן די רוסישע ענינים אין דער פרעסע. דער קאָ־מוניסט יאָפע, דער ערשטער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, האָט זיך גענומען דאָס לעבן, האָט אָנגעשריבן דעמאָלט אַ בריוו צו טראָצקין. איצט איז דער בריוו פאַרעפנטלעכט. דעם גענויעם טעקסט, אין פראַנצויזיש, האָט מען מיר אַהער צוגעשיקט... שוין דעם זעלביקן אָוונט זיצט ביי מיר דער ח' עפּשטיין פון „טאָג", און מיר שמועסן וועגן יאָפען, וועגן באָלשעוויזם, וועגן

בכלל. עפשטיין האָט אַ גוטמוטיקן געזיכט מיט מילדע אויגן, זיין גאַנצע פיגור איז עפּעס ווי היימיש — אָפּגעלאָזן. ער זיצט דאָ ביי מיר און רעדט מיט אַ ווייכער שטים. ער איז צופרידן — זאָגט ער — וואָס מען קען זיך דורכריידן וועגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן. דאָ, אין לאַנד, ווערט מען פאַרזונ־קען אין דער טעגלעכער צייטונגס־אַרבעט. איך גיב אָפּ באַריכטן פון די אַלע פּראָצעסן דאָ. „פאַרן ריכטער־שטול" הייסן די באַריכטן אין „טאָג". דער עולם זאָגט, אַז זיי זיינען אינטערעסאַנט. איך באַמי זיך צו באַווייזן די נשמה פון די פאַרברעכער, פון די עדות... אָבער ס'איז אַ שווערע אַרבעט. ווילט זיך טאַקע אַמאָל דערמאָנען אָן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. איך בין אַמאָל געווען דאָרטן אַ טעטיקער בונדיסט. אַזעלכע אַרטיקלען מיינע שרייב איך אונטער „אַלטער בונדיסט"...

מיר קומען אַרויף אויפן פּאַטאַלן בריוו פון אַדאָלף יאַפּע. דער בריוו האָט באמת דערשיטערט אַלעמען אין ניו־יאָרק. נישט דער פּאָליטישער אינ־האַלט פון בריוו האָט אַזוי אַלעמען פאַרכאַפּט. די יידישע זשורנאַליסטן און לייענער האָבן דערפילט דערביי אַ יידישן רחמנות. דאָס גאַנצע בילד פון אַ שווער קראַנקן מענטשן וואָס מען זאָגט אָפּ אין דאָקטוירים און רפואות, איז אומפאַרשטענדלעך פאַר יידן. אָפּזאָגן אַ רפואה איז די גרעסטע אכזריות. און יאַפּע האָט זיך נאָך גענומען דאָס לעבן. און יאַפּע איז געווען אַ יידישער דיפּלאָמאַט, און צום ווייניקסטן פאַרשמירט מיטן בלוט פון טשעקאַ. מען איז געווען דערשיטערט. צי איז אָבער דער דאָזיקער בריוו זיינער עכט, נישט פאַבריצירט?

איך האָב געקענט נאָר באַשטעטיקן די עכטקייט פון בריוו. אַזעלכע ווערטער ווי דאָרטן קען מען נישט אויסטראַכטן. אָבער מען דאַרף אין דעם דאָ־זיקן דאָקומענט זען עפּעס מער ווי נאָר אכזריות. „אַזעלכע אַכזריותן האָבן מיר איבערגעלעבט אין באָלשעוויזם נישט איין מאָל. עס איז נישט אַנדערש געווען מיט איינינקע יאָרן צוריק מיט מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ. מען האָט איר פאַראורטיילט און כלומרשט געשיקט אין אַ סאַנאַטאָריע וווּ זי זאָל זיך קע־נען אָפּרוען גייסטיק און פיזיש. אין דער אמתן האָט מען זי געהאַלטן אין אַ צימערל אין קרעמל, וואָס איז קוים געווען אָפּגעשיידט פון אַן אַנדער צי־מער וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן סאָלדאַטן. אין משך פון דריי וואָכן האָט זי זיך נישט געקענט אויסטאָן ווייל שטענדיק איז זי געווען אונטער די בליקן פון די שומרים. זי איז געוואָרן געפערלעך קראַנק, האָט אָנגעהויבן ווידער שפּייען מיט בלוט. דעמאָלט האָט מען זי אַריבערגעפירט אין דעם קרעמלער שפּיטאָל, אין דעם זעלביקן וווּ עס איז געלעגן יאַפּע. און ווען זי האָט זיך דערפילט עטוואָס בעסער, האָט מען זי צוריק געבראַכט אין דעם ענגן קע־

מערל, און זי איז ווידער געווען טאָג און נאַכט אונטער די אויגן פון די סאָלדאַטן..."

יאַפעס צוואה־בריוו איז אַלזאָ וואָגיק נישט דורך דער אכזריות וואָס ער דעקט אויף. ער דעקט אויף דעם אינערלעכן, מאָראַליש־צעפוילטן צו־שטאַנד פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. „ס'איז געווען אַ צייט ווען די גאַנצע מלוכה־מאַשין איז געווען אָנגעווענדעט צו פאַרפאָלגן פרעמדע קעג־נער: מענשעוויקעס, אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. איצט איז די הערשנדיקע פאַרטיי געקומען צו דער לאַגע, ווען מען הייבט אָן צו פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן, שווין ביי זיך גופא. דאָס איז דער לאָגישער גאַנג פון די פאַסירונגען. יאַפע דריקט אויס אין זיין בריוו דעם געדאַנק, אַז זיין טויט זאָל זיין אַ פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען מצד די איצטיקע פירער. אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ געזעץ פון נאַטור: ווען אַ הייפל מענטשן פאַרכאַפּן די מאַכט און זוכן אַרויפצוצווינגען איר ווילן אויף די גרויסע פאָלקס־מאַסן, מוז עס קומען דערצו אַז מען זאָל אַלעמען און אַלץ פאַרפאָלגן. מוז עס קומען צו דער טראַגעדיע וואָס ער אַליין, יאַפע, האָט אי־בערגעלעבט. דאָס וועט זיין אַזוי כל־זמן אַן איינצלנע פאַרטיי וועט שטיין ביים רודער פון דער רעגירונג". דער דאָזיקער אינטערוויו איז געווען אויף מאָרגן געדרוקט אין „טאָג", צוזאַמען מיט יאַפעס בריוו.

אַ באָלשעוויק מיט דער האַמלעט־נאַטור

אין מיין זכרון זיינען פאַרבליבן איינציקע דערינערונגען וועגן אַדאָלף יאָפע. איך וויל זיי פאַרצייכענען דאָ. ער איז געווען אין דער ערשטער סאָוועטישער צייט דער פאָרזיצער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעלעגאַציע אין בריסק דליטע. איך האָב דעמאָלט ניט פאַרפאָלגט באַזונדערס זיין פערזענלעכע ראָלע ביי די אונטערהאַנדלונגען. אָבער איך האָב אים אָפט געזען שפּעטער, ביים אָפּשלוס פון די אונטערהאַנדלונגען אין פּעטראָגראַד. אויסערלעך איז ער — דער מיושבדיק־געזעצטער, געלאַסענער און קאָרפּולענטער מענטש מיטן ציגאַר אין מויל — געווען ענלעך צו דעם געוויינלעכן טיפּ דיפּלאָמאַטן. פונדעסטוועגן האָט ער געטראָגן אין זיך אַ פעסטן רעוואָלוציאָנערן אַנטשלוס: ער האָט נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך דעם דייטשן מיליטאַריזם אין בריסק. דער דאָזיקער אַנטשלוס איז ביי אים נישט געווען פאַרבונדן מיט אַ פעסטן כאַראַקטער; ער איז געשטאַנען אונטערן דרוק פון לענינס פערזענלעכקייט. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס זיינען אַנגעגאַנגען די לעצטע אָפּשטימונגען וועגן דער קאַפּיטולאַציע. האָט יאָפע געשטימט פ אַ ר קאַפּיטולאַציע, ווייל... „מען קאָן נישט גיין קעגן לענינען". אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער סאָוועטישער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען די דייטשע באַדינגונגען און לענין האָט צונויפגעשטעלט אַ דעלעגאַציע קיין בריסק, האָט יאָפע זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אַהין. (לענינען צוליב איז ער מיטגעפאָרן מער ניט ווי אַ זאַכפאַרשטענדיקער). אַז — נאָכן אָפּשלום פון „שלום" — האָט מען געדאַרפט שיקן קיין בערלין אַ באָטשאַפטער, דעם ערשטן סאָוועטישן באָטשאַפטער, האָט לענין אויסגעקליבן יאָפען, און ער איז געפאָרן פירן אין בערלין אַ קאַפּיטולאַציע־פּאָליטיק, כאָטש זי איז אים געווען על אפו ועל חמתו.

דאָ האָט זיך ביי אים, און אפשר ביי די באָלשעוויקעס בכלל, אַרויסגעשטעלט דער פאַרבאָרגענער יראת־הכבוד פאַרן מלכות. יאָפע האָט געוואָלט קומען אין קייסערלעכן בערלין מיט דער פּראַכט און הערלעכקייט פון „אמתע" דיפּלאָמאַטן. מען האָט דעמאָלט, אין דעם עקספּראָפּריאירטן מאָסקווע, ווי מיט ליכט געזוכט און ענדלעך אויסגעפונען די נייטיקע בגדים פאַר

די הערן און פאר דעם דאמען־פערסאנאל. מען האט צוגעגרייט כמעט דעם גאנצן צערעמאניאל פאר דער באטשאפט, כדי נישט צו פארשעמען זיי פאר דער וועלט. אין יענער רעוואלוציאנערער צייט האט עס געמוזט ארויסרופן ביי אלעמען, באזונדערס ביי די קעגנער פון שלום, א פארדרוס און א חוזק־געפיל. דער סאציאל־דעמאקראט מארטאוו האט דעמאלט איראניש דערמאנט די מעשה מיט די קיידאנער יידן. די יידן האבן אראנזשירט פאר נאפאלעאנען, בעת ער האט זיך אפגעשטעלט אין זייער שטעטל, א פורים־שפיל. די שויי־שפילער זיינען געווען באוואפנט מיט פאפירענע שווערדן און גאלדענע מונ־דירן. אז דער קייסער מיט זיין סוויטע האט זיך געזעצט צו דער פארשטע־לונג, איז ארויסגעטראטן דער הויפט־שפילער און דערקלערט: „אדוני המלך, שרעקט זיך ניט! דאס זיינען אלץ אונדזערע היגע יידעלעך! מארטאוו האט געגעבן צו פארשטיין אז דער גאנצער צערעמאניאל פון דער סאוועטישער באטשאפט וועט נישט דערשרעקן דעם דייטשן מיליטאריזם.

יאפע האט געפירט זיין שטאט אין בערלין מיט א ברייטער האנט, ווי א גראנד־סעניאר. אין יוני 1918 בין איך געווען אין בערלין, און האב דע־מאלט אפט באזוכט דאס הויז פון דער סאוועטישער באטשאפט. אין איינעם אן אוונט איז דארטן פארגעקומען א פארזאמלונג פון די לינקע דייטשע סאציאל־דעמאקראטישע פירער. ס'האט געדארפט זיין א שמועס צווישן זיי און אונדז, א ריי פון רוסלאנד געקומענע טוער (צווישן זיי בוכארין, לארין, סאקאלניקאוו). דא האבן מיר דערזען דעם אלטן עדוארד בערנשטיין [1], דעם קוועקזילבערדיקן לעדעבור, דעם רויק־באלעבאטישן האאזע. מען איז געזעסן אין קרייזלעך, דער שמועס האט זיך נישט געבונדן. מען האט אלץ געוואַרט אויפן באלעבאס פון דער הויז: אויף יאפען. ווו איז ער געווען? — אין טעאטער! אין א פראכטפולן אויטא אין באגלייטונג פון זיין סעקרע־טארין איז ער געפארן דעם אוונט אין שטאטס־טעאטער, כאטש ביי אים אין דער היים זיינען געזעסן וויכטיקע חברים. ער האט עס זיכער געטאן צוליב די „מלוכהשע אינטערעסן" און דעם פרעסטיזש פון זיין לאנד. זיכער זיי־נען אין טעאטער געווען אויך אנדערע הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן. ערשט אז ער איז אריינגעקומען מיט זיין הדרת־פנימדיקער באָרד און רויקן אריסטאקראטישן גאנג, האט מען אונדז געעפנט די פארפוצטע אפארטא־מענטן און אויסגעזעצט ביים טיש מיט די „קייסערלעכע" כלים.

יאפען איז דעם ערשטן פון אלע סאוועטישע באטשאפטערס אויסגע־

---

1) וואס האט מיר דערביי דערציילט אז בעת אקסעלראד איז מיט א סך יארן צוריק געקומען אומלעגאל קיין דייטשלאנד, האט ער געהאט א פאס אויפן נאמען שטיינבערג.

קומען צו פאראייניקן אין זיך מלוכה־אינטערעסן און רעוואלוציע־פליכטן. דייטשלאנד האט דעמאלט געברענט אין א צוויייענדיקן פיבער. דאס קייסער־טום האט געפירט אויפן שלאכטפעלד די לעצטע פארצווייפלטע קאמפן; דער ארבעטער־קלאס האט סטיכיש, אבער פארצווייפלט געזאמלט זיינע קאמף־כוחות. און כאטש דעם ארבעטער האט געהערט דער מארגן, איז ער נאך היינט געווען שוואך. און כאטש דאס קייסערטום איז שוין געלאפן אנטקעגן זיין מפלה, איז עס היינט געווען מאכטיק און שטאלץ. אט אין דעם צוויי־פנימדיקן בערלין האט יאפע געארבעט. מיט דער רעגירונג האט ער אונ־טערגעשריבן פאר דער רעוואלוציע אומווירדיקע אפמאכן, מיט די הויך־פי־נאנסיסטן געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן האנדל, צו די אומאפהענגיקע סאציאליסטן בסוד געגעבן געלט אויף געווער. — אין איינציקע חדשים ארום האב איך אים געטראפן אין צוג וואס האט געפירט אונדז, ארויסגעשיקטע פון דער שווייץ, און אים, ארויסגעשיקט פון בערלין. ער איז געווען פאר־טראכט, מיושבדיק, הדרת־פנימדיק ווי שטענדיק.

שפעטער האט ער פארנומען פארשיידענע פאסטנס אין דער באלשע־וויסטישער מלוכה־באלעבאטישקייט. ביז ער איז אריין אין דער אפאזיציע פון טראצקין. איך האב אבער קיין מאל נישט געהערט ער זאל זיך ארויס־זאגן קעגן דעם בלוטיקן טערער וואס האט פארפלייצט די רעוואלוציע. פונ־דעסטוועגן ווילט זיך ניט טראכטן וועגן דעם. איבער זיין גאנצן לעבן ליגט ווי א שאטן זיין יסורימדיקער בריוו. האט ער דאך געשריבן אין דעם בריוו אזעלכע ווערטער: דאס מענטשלעכע לעבן האט נאר אויף אזוי פיל א זין, אויף וויפיל דער מענטש קאן דינען דער מענטשהייט. איך האב געארבעט און געקעמפט פאר דעם גליק פון דער מענטשהייט".

דער זעלבסטמארד פון יאפען האט אין א געוויסן מאס אנגעצייכנט דעם וועג ווי עס קען גיין דער פראצעס פון פונאנדערפאלן פון די באלשע־וויקעס. דער פראצעס פון פונאנדערפאל ביי אזא שטיינערן־מאנאליטישער פארטיי איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער פראצעס פון איר שאפונג און שטארקונג. אזוי לאנג ווי דער בירגערקריג האט אנגעהאלטן, איז כמעט ניט געווען קיין אפפאל פון דער פארטיי. מען איז געווען צונויפגעשמידט מיט פייערדיקע רינגען פון קאמף־אימפעט, פון העלדישקייט און אויך פון געמיינזאם באגאנגענע אכזריותן. דערנאך האבן זיך אנגעהויבן די גייסטיקע ספקות און וואקלונגען. דער באלשעוויק איז אבער געווען געפענטעט דורך דער פארטיי־דיסציפלין און פארטייאישן משפחה־געפיל. ער האט זיך ניט גע־קענט בכלל פארשטעלן אז די רעוואלוציע קאן אנגיין אן ז יי ן פארטיי. וואס האט ער איצט געקענט טאן מיט זיין צעטרייסלטער נשמה?

זעלבסטמאָרד איז געווען איין „אויסוועג”. שוין אין יאָר 1925 האָט אזוי ליקווידירט זיינע אינערלעכע ספקות דער מיטגליד פון צ"ק לוטאָווינאָוו. א סך קלענערע מענטשן האָט מען נישט באמערקט. איצט האָט אויסגעשאָסן אין זיך יאפע. מיר ווייסן שוין אז ער האָט אמאָל געזאָגט: „מען קען נישט גיין קעגן לענינען”. מיט יאָרן שפּעטער, אז ער איז געווען באָטשאפטער אין ווין, האָט אים געפרעגט אנזשעליקא באלאבאנאָווא: פאר וואָס טרעט ער ניט ארויס פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי, אויב ער איז אזוי אומצופרידן. האָט ער געענטפערט, אז ער פילט זיך צו שוואַך אזוי צו האנדלען... די דאָזיקע פּאָליטיש־מאָראלישע שוואכקייט האָט אים געגעבן כוח צו מאכן א סוף צו זיין לעבן.

דער אנדערער „אויסוועג” באשטייט אין דעם, אז דער באָלשעוויק מאכט א סוף צו זיין פּאָליטיש־באוואוסטזיניקן לעבן. ער לאָזט זיך אראָפּ אין דעם זומפּ פון סאָוועטישן שטייגער־לעבן. ער ווארפט ארויף די אחריות אויף די „פירער”. ער באגנוגנט זיך מיט ערלעכן דערפילן פון באאמטן־ און פּארטיי־פליכטן. און דעמאָלט בילדעט ער יענע שווייגנדיקע מאסע פון צעשראָקענע פּארטיי־מיטגלידער, איבער וועלכע עס קיניגט סטאלין. אָדער ער זוכט הנאה צו האָבן פון זיין פּארטיי־פּאָזיציע, הנאה צו האָבן פּערזענלעך, אומערלעך, אומברחמנותדיק. אזא מין מאָראלישער זעלבסטמאָרד האָט היינט פארכאפּט די באָלשעוויקעס אין די צענטויזנטער.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן שוין אן עכטער פּאָליטישער קאמף אין דער פּארטיי. די פארשיידענע קרייזן פון אָפּאָזיציע טרייסלען טיף פונאנדער דעם געביי. אָבער זיי אַלע קעמפן נאָר כדי ארייננצוכאפּן זיך אויף די מאכט־פּאָזיציעס פון דעמזעלביקן געביי. זיי אַלע זיינען עד־היום מיט הענט און פיס געבונדן מיט דער פּארטיי גופא. אזוי לאנג ווי זיי שטייען אונטער איר כישוף, קענען זיי קיין זאך נישט אויספירן. — די ראדיקאַלע היסטאָרישע אויפלייזונג פון דער פּארטיי וועט זיך אָנהייבן ערשט דעמאָלט ווען וויכטיקע טיילן פון איר וועלן זיך שטעלן איר אַנטקעגן: וועלן אַנטקעגנשטעלן די סאָציאלע רעוואָלוציע און די באָלשעוויקעס. אזא דערקענטעניש וועט קומען צו די פּארטיי־מענטשן אויב נישט פון אינעווייניק, איז פון דרויסן, דורך דרויסנדיקע קלעפּ. — דורך אַזעלכע פיר וועגן גייט אומאויפהערלעך דער פאטאלער פּראָצעס פון באָלשעוויסטישן פונאנדערפאַל.

ענגלישע דעלעגאַציע אין מאָסקווע — 1929

ס׳־טער יאַנואַר.

היינט בין איך געווען ביי לאַרען, אין דער רעדאַקציע פון דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג". די רעדאַקציע אַליין, דאָס קעמערל פון רעדאַקטאָר, איז אַ הייל פאַרוואָרפן מיט צייטונגען, ביכער, מאַנוסקריפטן. אין דעם הייל ביי אַ טישל זיצט די שווערפעליקע שוואַרצע פיגור פון לאַרען, מיט אַ בלייך־פאַרמאַטערטן פנים, אין אַ לעבנס־לוסטיקער שטימונג. די „פאָלקס־צייטונג" וועט באַלד פייערן איר 50־יאָריקן יובל. זי האָט אויפגעטאָן אַ ים פאַר דער סאָציאַליסטישער דערוועקונג פון אַמעריקע. באַזונדערס פיל האָט זי באַטייט פאַר דער יידישער אַרבעטער־גאַס. די דייטשמערישע ווערטער און אויסדרוקן וואָס שווימען אַרום אין דער שפּראַך פון יידישן אַרבעטער, דער דייטשמערישער סטיל פון דעם „פאָרווערטס" — דאָס זיינען אַלץ ירושה־טיילן פון יענער צייט: „גענאָסע", וואָס ווערט באַנוצט עד־היום פון דער געמעיסיקט־סאָציאַליסטישער און יוניאָניסטישער באַוועגונג, איז אַ זכר פון דעם דייטשן איינפלוס. אָבער עס האָט זיך אַ סך איבערגעדרייט זינט יענער צייט. די אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט פון די יידישע אַרבעטער האָט אַריבערגעשפּאַנט די פריערדיקע מדריכים. די דייטשע באַוועגונג מיט לאַרען פירט היינט אַ שווערן קאַמף פאַר איר קיום. נייע דייטשע אַרבעטער קומען דורך דער אימיגראַציע וויניק צו. דער מגושמדיקער רעפאָרמיזם און דער מאַרקשרייעריישער קאָמוניזם פון אַמעריקע רייסן שטיקער פון דער באַוועגונג. דאָ, אין דעם הויז פון דער „פאָלקס־צייטונג", זעט מען עס בולט. ס׳איז דאָ אַ גרויסער אָפיס, אַ גרויסע דרוקעריי מיט הויכע באַלן דרוק־פּאַפּיר, אין די צימערן זיצן ביי דער אַרבעט נישט וויניק טיפּיש־דייטשע געזיכטער. אָבער אַז איר הייבט זיך אויף אויפן צווייטן שטאָק און גייט דורך דעם הודזשענדיקן ליאַרעם פון די מאַשינעס, פאַלט איר אַריין אין דעם קליינינקן חדר מיוחד פון לאַרען. און דאָ דערגייט איר פון אים ווי שווער עס איז איצט אין אַמעריקע אויפצוהאַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע ריכטונג. דאָ מוז מען האָבן אַן אַפּאַראַט. דער אַפּאַראַט איז טאַקע דאָ אין דעם הויז נאָך בירושה פון פריער, אָבער ס׳איז שווער אים צו האַלטן מאַטעריעל. לאַרע דערציילט עס פאַרזאָרגט און גלייכ־

צייטיק מונטער. ער איז אזוי פארוואָרפן מיט ארבעט אז ער האָט נישט קיין צייט אָפּצוגעבן זיך צו דער זאָרג. ער אַליין שאַפט טאָג אין טאָג די צייטונג, מיט אירע 16-12 זייטן. מיט איר אַמעריקאַנער גרייס. פאַרברענגט ער נאַכט אין נאַכט ביז אַ זייגער פיר אין רעדאַקציע, און אויף מאָרגן זיצט ער ווי־דער פריש אין דער ענגשאַפט און באַלעבאַטעוועט. לייענט כתב ידן, פאַרריכט זיי, זוכט געלט, גרייט צו פאַרזאַמלונגען, נעמט אויף מענטשן, טרומייטערט אין טעלעפאָן.

איך רייד מיט אים וועגן מיינע ענינים, ער זאָגט צו צו טאָן פאַר אונדזערע געפאַנגענע. דערווייל וויל ער מיך באַקענען מיט זיינע חברים. דעם פרייטיק זאָל איך האַלטן אין אַ געשלאָסענער זיצונג ביי זיי אַ באַריכט וועגן אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ אין פּאַריז. דער „פאַרבאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער" (אַזוי הייסט די באַוועגונג פון די דייטשע ארבעטער) פילט זיך אידעאָלאָגיש נאָענט צו דעם פּאַריזער ביוראָ און ער וועט אפשר אַריינטרעטן אין איר. בכלל וויל איצט לאָרע אויפהייבן זייער אייגענע באַוועגונג און אַריבערשפּרייזן איבער די דייטשע רעמלעך. איטאַ־ליענישע, פינישע און אַנדערע קאָמוניסטישע גרופּן ווילן זיך אָנשליסן צו די דייטשן. „איר זייט געקומען אין אַ ריכטיקער צייט" — זאָגט לאָרע מיט זיין איילנדיקן לעבנסלוסטיקן טאָן.

אין „ארבעטער־רינג" בין איך היינט געקומען כדי פעסטצושטעלן וואָס וועט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע טאָן פאַר אונדז. איך באַקום ניט קיין קלאָרע תשובה. וויינבערג און באַסקין ריידן מיט מיר פריינדלעך אָבער אויסווייכנ־דיק. איך פרעג: וואָס פאַר אַ סומע קענען מיר קריגן פון זיי פאַר אונדזערע געפאַנגענע. זאָגן זיי: זיי טאָרן נישט אָן דער דערלויבעניש פון קאָנווענשאָן. „ניט איר טאָקע ניט אויס קיין איין דאָלאַר אָן דערלויבעניש? — זיי קווענק־לען זיך, שמייכלען אונטער. זיי דערמאָנען ווי דרך־אַגב די סומע פון 100-200 דאָלאַר. מיר איז דאָס ווייניק. — גוט, זיי וועלן באַראַטן זיך אין זייערע איסנטאַנצן. דערווייל ווילן זיי מיר העלפן מיט זייער אַפּאַראַט. זיי זיינען גרייט פונאַנדערצושיקן איבער אַלע ברענטשעס אין לאַנד אַ בריוו און „אינ־דאָרסירן" מיין קאַמפּיין פאַר געפאַנגענע. מיר דוכט זיך בעת־מעשה אַז דאָס איז אַ וויכטיקער שריט. (שפּעטער קלערן מיך אויף פריינד אַז דאָס הייסט באַגראָבן די זאַך: די ברענטשעס רופן זיך איצט כמעט ניט אָפּ; דער צענ־טער מוז געבן). דערנאָך פרעגן זיי מיך: ווער וועט זיין דער מענעדזשער פון מיין ארבעט? אָן דערויף גייט עס דאָ ניט... זיי, פון זייער זייט, קענען נישט אָרגאַניזירן מיינע רעפעראַטן אין לאַנד. מוז מען געפינען אַ מענעדזשער. — זיי קוקן זיך איבער אַ ביסל פאַרוואונדערט: ווו נעמט מען פאַר מיר אַזאַ מענטשן?

מיר גייען זיך פריינדלעך פונאנדער. אמת, קיין געלט האָבן זיי מיר נאָך ניט געגעבן. אָבער באַסקין, דער קאַסירער, שטעלט זיך אַוועק צופרי־דענערהייט לעבן אייזערנעם געלט־שראַנק און באַווייזט מיר אַ קליין שליסע־לע. „זעט איר, אָט וועגן דעם קליינעם שליסעלע צו דער קאַסע פון אַרבע־טער־רינג, גייט אָן דער קאַמף פון די לינקע".

...היינט האָב איך אין ידישן רעסטאָראַן דערזען אַ קורצע סצענע וואָס האָט ווי מיט אַ בליץ באַלויכטן די באַציונגען דאָ אין דער אינטעלי־גענטן־וועלט. שטייענדיק ביי אַ טישל פון איניקע באַקאַנטע מענטשן, האָב איך פּלוצים באַמערקט ביי זיי אַ מאָדנע רירעוודיקייט, אַ ווייזעניש מיט אויגן און הענט. וואָס איז? „אייב קאַהאַן בעט אייך צו זיך". אַ יונגערמאַן האָט מיך צוגעפירט צו אַ טיש אין דער טיף פון צימער ווו אַ. קאַהאַן איז געזעסן מיט מענטשן. ער האָט מיך געבעטן באַזוכן אים און זיי פרוי אין דער היים. — גוט. — אַז איך האָב זיך אומגעקערט באַלד צו זיך, האָבן אויגן מיט גרויסער נייגעריקייט און אַכטונג אַריינגעזאַפּט זיך אין מיר. אַ שמועס מיט אַ. קאַהאַנען — איז שוין עפּעס!

קענן אָווענט בלאָנדזשע איך אַריין אין אַ קליינעם ענגלישן ראַדיקאַל־קינסטלערישן טעאַטער, ווו איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַלסבערגן. אַלסבערג איז מיר באַקאַנט נאָך פון רוסלאַנד ווי אַ באַגאַבטער אַמעריקאַנער זשורנאַ־ליסט. אין די ביטערע יאָרן פון 1920 איז אין מאָסקווע אָנגעקומען אַ דעלע־גאַציע פון ענגלענדער — אַרבעטער, זשורנאַליסטן און געלערנטע. די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אַלע אירע ריכטונגען און פּאַרטייען איז דעמאָלט געווען אונטערדריקט. נאָר איניקע טוער פון דער באַוועגונג האָבן מיט נסים געפירט אַ לעגאַלן לעבן. צוויש זיי בין איך געווען אויך. די אויס־לענדער מכל־המינים זיינען געווען געסט, און גוט „אָפּגעהיטע" געסט פון דער רעגירונג. די טוער פון דער אָפּאָזיציע האָבן מיט גרויסע מאַטערנישן געזוכט צו טרעפן זיך מיט די געסט, כדי זיי אונטער פיר אויגן אַביסל צו דערציילן וועגן לעבן פון לאַנד. ס'איז אָבער ניט גליך איין אָפּאָזיציע צו דער אַנדערער. די רעכטע סאָציאַליסטן (מענשעוויקעס און רעכטע ס"ר) האָבן זיך באַמיט — אויפן יסוד פון די אוממענטשלעכע לידן פון לאַנד — צו באַווייזן, אַז די סאָוועט־רעוואָלוציע איז בכלל אַן אומזין. מיר, די לינקע אָפּאָזיציע, האָבן נישט געוואָלט — אויפן יסוד פון די לידן פון לאַנד — פאַרשוועכן דעם כבוד און די צוקונפט פון דער רעוואָלוציע. מיר האָבן אויפן שאַרפסטן אופן קריטיקירט דעם באַרבאַרישן רעזשים פון דער באָל־שעוויסטישער מלוכה און מיר האָבן בשעת־מעשה ליידנשאַפטלעך פאַרטיי־דיקט די סאָוועט־רעפּובליק ווי אַזעלכע. ווילהעלם טעל — דער לעגענדאַרער

העלד — האָט אַמאָל געזאָלט אָראַפּשיסן דעם עפּל פון זיין קינדס קאָפּ און ניט באַשעדיקן דערביי דעם קאָפּ גופא. אַזאַ מין שווערע אויפגאַבע איז גע־שטאַנען פאַר אונדז. האָבן עס די ענגלישע געסט געקאָנט תופס זיין? אוודאי נישט. זיי האָבן געקאָנט מיטפילן מיט די לײַדן פון פאָלק, געקאָנט צוזאָגן אַרבעטן קעגן דער אינטערווענץ פון ענגלאַנד. אָבער זיי זיינען געשטאַנען קאַלט לגבי דער גאַנצער רעוואָלוציע אין אַלע אירע ריכטונגען. די באָלשע־וויקעס האָבן ביי די ענגלענדער געזוכט און כמעט געפונען וויל־וואָלענדע שטאַטסמענער. מיר האָבן צווישן זיי געזוכט נאָענט־שטייענדיקע סאָציאַליסטן און קיינעם נישט געפונען.

אין יענע טעג האָט אַלעקסאַנדער בערקמאַן (ער און עמאַ גאָלדמאַן זיינען דעמאָלט געווען שטאַרק אָנגעלייגטע געסט ביי דער רעגירונג) אַראַנ־זשירט, אַז אייניקע ענגלישע געסט זאָלן באַזוכן מיך, אין מיין דירה. צווישן זיי איז געווען אַלסבערג און בערטראַן ראַסל. בערקמאַן איז געווען דער איבערזעצער. מיר זיינען געזעסן אין קליינעם צימער, מיושבדיק גערעדט, געפרעגט, געענטפערט. און איך האָב זיך ניט געקענט צוגעוווינען צו דעם רויקן געמיט אין וועלכן עס איז געפלאָסן דער שמועס, בעת אין הארצן האָט געשטורעמט דער כעס מיט דעם צער. ס'איז געווען קלאָר: די פריינדלעכע געסט פאַרשטייען אונדז ניט. בערטראַן ראַסל, דער מאַטעמאַטיקער און פי־לאָזאָף, האָט געקוקט מיט קלוגע סקעפּטישע אויגן. זיין קליינע פיגור איז געווען אָנגעזאַפּט מיט לעבנסלוסט. ער האָט געשטעלט פראַגן: ווי וואָלט א י ר געפירט די ווירטשאַפט און די רעוואָלוציע? איך האָב אים מיטגע־געבן אין האָטעל אייניקע דאָקומענטן (אין ענגליש) וועגן אונדזער באַווע־גונג און אידעאָלאָגיע, אָבער אויף זיין געזיכט האָב איך געלייענט צווייפל און פאַרדאַכט. „אַנדערש ווי עס טוען די באָלשעוויקעס קען מען מסתמא נישט פירן... אַלזאָ קען מען מיט אַ רעוואָלוציע גאָר נישט דערגרייכן". אין אַזאַ גייסט האָט ראַסל שפּעטער אָנגעשריבן זיין בוך וועגן רוסלאַנד: טיפער מיט געפיל צו די מענטשן און נישט ווייניקער סקעפּסיס צו זייער עליה (אפשר זיינען דערפאַר זיינע קאָנסטרוקטיווע סאָציאַלע געדאַנקען אַזוי נישט פרוכט־באַר?). מיר האָבן זיך געזעגנט און ער האָט דערציילט אַז איצט פאָרט ער ווייטער, קיין כינע.

...נו יאָ, רוסלאַנד, כינע — דאָס זיינען אינטערעסאַנטע עקספּערי־מענטירטע פעלקער פאַרן אייראָפּעער. אַזוי איז עס פאַרבליבן ביז איצט.

דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט אַלסבערגן וואָס איז באַשיידן געזעסן אָן אַ זייט, אויף אַ בעט. אַ הויכער יונגערמאַן, מיט געקרייזלטע וואָנ־

צעם,מיט קינדערשע אויגן. א פריינדלעכע סקעפּטישקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויך אויף זיין געזיכט, אָבער ער איז געווען האַרציקער. שפּעטער, אין אַמעריקע, האָט ער געטאָן אַ סך פאַר אונדזערע פּאָליטישע געפאַנגענע.

איצט איז ער געווען אַ טוער אין ראַדיקאַלן טעאַטער. איך האָב פון אים דערוואַרט הילף פאַר מיין קאַמפּיין צווישן די ראַדיקאַלן. ס'פאַרשטייט זיך אַז ער איז ניט געווען צו דער אָפּגערעדטער שעה. אין דעם, אין דער אומפּינקטלעכקייט, דריקט זיך אויס אפשר אין אַמעריקע די פרייהייט פון גייסט. דאָרטן ווו אַלץ איז איינגעשנורעוועט אין אַ מאַשינעלן זייגער־ריטעם, מוז דער קינסטלער, דער פריגייסט מבטל זיין דעם זייגער: „פּינקטלעכקייט איז די איידלקייט פון קעניגע"; אומפּינקטלעכקייט איז די פרייהייט ביים ביזנעסמאַן. די ביורא פון טעאַטערל איז געלעגן אין אַ ברייטן רוים, אויף דער סאַמע הייך פון געביי, אויפן בוידעם. דער טעאַטער האָט געהאַט אין גאַנצן 99 פּלעצער, ווייל שוין מיט 100 וואָלט ער געדאַרפט צאָלן שווערע שטייערן. מיט אַלסבערגן האָבן דאָ געאַרבעט נאָך אייניקע קונסט־ליבהאָבער. ס'איז געווען דאָ אויך אַן אַטמאָספער פון איבערגעבנקייט, פריינדשאַפט, כמעט אידיליע. מען האָט מיך געבעטן זיצן, עפּעס ווי אַן אייגענעם (זיי האָבן געלייענט אין דייטשע בלעטער וועגן דער אויפפירונג פון מיין דראַמע). און דאָ האָב איך באַמערקט פּלוצים, ביים מילדן שיין פון די לאָמפּן, ווי עפּעס גראַציעזעס באַוועגט זיך אויפן דיל. נאָך אַ רגע: אַ קליין מייזל איז זיך זעלן־רויק אַרויסגעקומען פון אַ לעכל און האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט אויפן בריק. דאָס האָט טאַקע געפּעלט צו דער אידיליע... איך בין ניט קיין פריינד פון ד י באַשעפעניש. אין מאָסקווער טורמע, ביי די באָלשעוויקעס, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך אויך געהאַט אַזאַ מין באַגעגעניש. אין די לעכער פון די ווענט פלעגט מען באַהאַלטן די צעטעלעך וואָס מיר פלעגן שיקן צו די פריינד אין דער פרייהייט. מען פלעגט זיי באַהאַלטן דורך דער נאַכט, כדי אויף מאָרגן איבערצוגעבן צו די אונדזערע טרייע שומרים. און אַז איך בין אַמאָל געלעגן מיט אַ בוך אויף מיין געלעגער, איז אין מיטן העלן טאָג מיט דער גרעסטער רויקייט אַרויסגעקומען אַ מייזל מיט אַ לאַנגן עק. מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך עס פאַרטריבן. אָבער איצט, צווישן טעאַטערמענטשן, וואָס קען מען טאָן? איך האָב גענומען בלומרשט לאַכן צו זיי, און זיי האָבן מיך באַרויקט, אַז דאָ, אויפן בוידעם, זיינען דאָ נאָך אַ סך מייז...

אַלסבערג איז באַלד געקומען צו לויפן. די זעלבע פיגור, מער נישט אַ ביסל פאַרזאָרגטער. ער האָט מיר תיכף פונאַנדערגעוויקלט אַ לאַנגן צעטל פון מענטשן און אינסטיטוציעס, ביי וועלכע איך דאַרף אויפטרעטן. ער איז גרייט צו זיין דער איבערזעצער פון דייטש אין ענגליש. איך לייג אָפּ מיין

קאַמפּיין צווישן אַמעריקאַנער אויף שפּעטער. דערווייל שלאָגט מיר עלסבערג פאָר צו זען היינט ביי זיי די נייע פאָרשטעלונג. וואָס ווערט געגעבן? „דאָס רייסנדיקע לאַם" פון ד"ר עמיל קאָן, פון בערלין. ד"ר קאָן איז מיין פריינד פון אַ סך יאָרן, און דווקא דאָ געפין איך פון אים אַ גרוס.

אין אַ קליין־פּיצינקן רוים פון דעם טעאַטער זיינען מיר — אַ קליינע צאָל מענטשן — געזעסן אונטן. אויף אַ שמאָלער, מיניאַטור־בינע האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמע וועגן אַ רוסישן טאָלסטאָיאַנער וואָס איז געפּייניקט געוואָרן אין געפענגעניש. דער אינהאַלט פון דער דראַמע איז געווען אַן אויס־טערלישער, פאַר רוסלאַנד אַ ווילד־פרעמדער. אָבער ד"ר קאָן האָט אַריינגע־לייגט אין איר די אידעע וועגן דעם מאָראַלישן כוח פון אַ געמאַטערטן אידע־אַליסט קעגן אכזריות. און די דראַמע האָט געהאַט אין ניו־יאָרק אַ גינסטיקע פּרעסע פאַר זיך. (אַ גינסטיקע הייסט ניט אַז זי האָט געהאַט הצלחה. הצלחה ליגט דאָ אויף אַנדערע פלאַכן). איך האָב קוים פאַרשטאַנען דעם ענגלישן לשון פון די שוישפּילער. מיר האָט זיך געדוכט אַז זיי שפּילן מיט אַ גרויסן ערנסט. אָבער גאָר משונהדיק האָט זיך דאָ — אויפן ענגלישן הינטערגרונט — ארויסגעוויזן די פיגור פון אַ יידן אין טלית און תפילין וואָס האָט גע־זאָלט זיין סימבאָליש... איך בין אוועק קאַלט פון טעאַטער.

איך זוך אַ מענעדזשער

ו׳־טער יאַנואַר.

הײַנט איז אַ רויקער טאָג, אויב נישט רעכענען די אומצייליקע קלינגע־נישן אין טעלעפאָן. מיט די ס״ר האַלט איך זיך אָן עצה וועגן אַ מענעדזשער. ס׳איז שווער אַרויסצוגעפינען דעם טייערן מענטשן צווישן דעם מיליאָניקן מענטשן־ים אין ניו־יאָרק. מיר האָט פאַרבעטן צוויי יונגעלייט (איינער איז דער שרייבער תלוש) וואָס דאַרפן „באַאַרבעטן" די פּרעסע. וואָס הייסט דאָס? זיי דאַרפן אין די יידישע צייטונגען אַריינברענגען נאָטיצן וועגן מיינע רע־פּערטאַן. אין די נאָטיצן מוז מען — לויטן אַמעריקאַנישן שניט — שמירן מיין פּנים מיט גלאַנציקע פאַרבן. מען דאַרף אָנרייַדן אַ וועלט וועגן דעם „באַרימטן", „וואונדערבאַרן", „מערקווירדיקן" רעדנער און טוער, כדי צוצו־ציען די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער. אָבער די צוויי יונגעלייט זיינען נאָך נישט דער בלויער פויגל, דער מענעדזשער. מען מוז אים זוכן צווישן די ס״ר אָבער זיי זיינען אַלע רעכטע, און זיי קענען זיך נישט אַנטשליסן צו העלפן מיר. זייערע ספקות זיינען ערלעך. מונוויים און שערמאַן זאָגן זיך אָפּ אָפּ. אפשר קען מען אָבער בעטן דעם ה׳ סלוצקי? ד״ר עלסבערג נעמט זיך דורכ־ריידן מיט אים... סוף טאָג בלייב איך אַליין מיט זיך. איך קען עפּעס אַ לייען טאָן, אַ שרייב טאָן בריוו אַהיים. דער פלעגמאַטישער איינהאַנטיקער נעגער הייבט מיך אויף אויפן פאַרשטול צו מיין דירה. די באַלעבאָסטע וואָס פאַר־דינגט צימערן איז אַ גאַנצן טאָג נישטאָ אין דער היים. איך קען זיך מיט איר שלעכט צונויפריידן, כאָטש זי קען אויך אַ ביסל פראַנצויזיש. פון די ביידע שפּראַכן ווערט נישט איין לשון, אַפילו קיין גלאָז טיי ווערט נישט דער־פון. אַז מיך האָבן מיט אַמאָל דאָ באַפאַלן די נירן־שמערצן, האָב איך נישט געקאָנט קריגן קיין פלאַש וואַרעמע וואַסער. אַזוי אַוועק אַ פּאָר טעג ביז איך האָב זיך געכאַפּט אַז וואַרעמע וואַסער איז דאָ אין דעם וואַש־צימער. שפּע־טער דערגאַנגען אַז מען קען באַשטעלן אויף יעדן טאָג מילך. אין דער איינ־זאַמער דירה קלינגען אָפּ מער נישט ווי די טעלעפאָן־רופן. אַז איך הער אין טרייבל אַ קול פון אַמעריקאַניש, ענטפער איך אָפּ קורץ: „דו יו ספּיק דזשער־מען, ראַשען, יידיש?". אויב מען רעדט פון דאָרטן ווידער, קען איך נישט פירן

דעם שמועס. איך פּעקל זיך אַריבער קיין אייראָפּע. צייטונגען און בריוו פון דאָרטן טראָגן אַריבער די אויפמערקזאַמקייט אַהין. (איך מערק ווי די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט ווערט דאָ בכלל עפּעס שוואַכער. מען קען אָנהייבן פאַרשטיין די קאַלטקייט פון אַמעריקאַנער בנוגע אונדזערע „יוראָפּ"־געשעפטן). די דייטשע צייטונגען וויקלען פונאַנדער דעם קאָמפּליצירטן בילד פון פּאָליטיק אין דער „אַלטער וועלט"... די רוסישע ס"ר פאַלן אָן אויף טשערנאָוון הלמאי ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מלוכהשער באַפרייונג פון די נאַציעס, פון אוקראַינער, ראשית כל... אַ פאָטאָגראַפישע קאַרטע פון פאַרשיקטע חברים אין צפון־רוסלאַנד... ווי גייט עס אין געזונט דעם ח' פּעמפּערט אין בערלין?... צי איז שוין אַרוים פון דרוק מיין דייטשע בראָשור: „צען יאָר אָקטאָבער־רוסלאַנד"? איך מוז זי האָבן דאָ אין אַמעריקע פאַר די דייטשן... מען דאַרף צושיקן אַהער נאָך 50 שטיק פון אונדזער רוסישן זשורנאַל... אַ פּאָר צייכענונגען פון מיין זון, פאַרחלומטע ווערטער פון מיין טאָכטער — אַריינגעלייגט אין בריוו. נישטאָ מער אַמעריקע...

12־טער יאַנואַר.

היינט האָב איך באַזוכט דעם אָפיס פון די פּועלי־ציוניסטן. דאָ איז אויך אַ באַטריב, הינטער וועלכן עס פילט זיך אַ טיכטיקע האַנט, העמלין, דוב האָז, ב. לאָקער זיינען פאַרנומען אויפן עכט ניו־יאָרקישן שטייגער. צי האָבן זיי שוין דערהאַלטן פון בערלין די רשימה פון די 700 פאַרפאָלגטע אין רוסלאַנד ציוניסטן־סאָציאַליסטן? ניין, נישט דערהאַלטן, און איך דאַרף עס האָבן. מיר שיקן צוזאַמען אַ טעלעגראַם אַהין. האָז דערמאָנט וואָס פאַר אַן ערנסטע שטימונג עס האָט זונטיק געהערשט אויף מיין לעקציע. אָבער אַזאַ זאַך ווידערהאָלט זיך נישט. ווער ווייס וואָס עס וועט זיין ביי די שפּעטערדיקע אָונטן?... די פריינד וווּנדערן זיך אויף דער פּובליסיטי וואָס איך האָב באַקומען אין דער יידישער פּרעסע, באַזונדערס אין דעם „פאָרווערטס". „שוין לאַנג נישט געווען אַזוי". איך וווּנדער זיך אויך און רעכן אַז דאָס רעקלאַמע־וואַסער וועט זיך באַלד אָפּשווינקען אויף צוריק. זיי דערציילן וועגן דעם געווערקשאַפט־קאַמפּיין. איך פרעג זיי וואָס קען מען טאָן פאַר די פאַרפאָלגטע צ"ס אין רוסלאַנד. די פראַגע בלייבט אייגנטלעך הענגען אין דער לופטן.

מיט אַן אמתן געַנוס בין איך געפאָרן היינט, צוזאַמען מיט עלסבערגן, אין דעם יידישן קינסטלערישן טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ. איך האָב בכלל אַזוי זעלטן געזען יידיש טעאַטער. מען האָט פאָרגעשטעלט „טביה דער מילכיקער", און שוואַרץ איז דער טביה. ביי דער קאַסע איז געזעסן די פרוי שוואַרץ, און דורך דעם ענגן קאַסע־פענצטערל האָט זי צו מיר אַרויסגע־

שטעקט אַ האַנט. תיכף פֿון פֿירהויז טרעט מען אַריין אין זאַל וווּ מען שפּילט. עס כאַפּט אַרום אַ הו־האַ פֿון פֿאַרשטיקטע קולות. ס'איז אַ „בענעפֿיט"־פֿאָרשטעלונג, דאָס הייסט אַז אַ וועלכע ניט איז אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַר זיך אויסגעקויפֿט די פֿאָרשטעלונג. איז ממילא אַ גרויסער טייל עולם באַקאַנט צווישן זיך. זייער ממילא אַלע רייען רירעווודיק, צאַפּלדיק. מען וואַרפֿט זיך אַריבער מיט ווערטער, מיט גרוסן, מיט וויצן. האַלאָ, דזשעק! האַלאָ מיסטער ראָבינזאָן! האַלאָ, מיס דזשעני! (עפּעס ענלעך צו שלום־עליכמס באַשרייבונג פֿון טעאַטער!). פֿעסט־געבויטע יונגעלייט, פֿעטע מאַטראָנעס, שמאָלע, ווי אויסגעדאַרטע, מיידלעך פֿאַרפֿולן די רייען. דאָס אַלץ פֿאַרשווינדט באַלד, עס צייט צו באמת די בינע (להבדיל פֿון דער נעכטיקער ענגלישער בינע), מאָריס שוואַרץ פֿאַרכאַפּט אונדז מיט זיין שפּיל. עס איז עכט אַלץ וואָס דאָ קומט פֿאָר. עס איז דאָס אינטימע און אייגענע. ער רירט אונדז באַזונדער בעת ער מאַכט הבדלה. אין זיין האַרצן איז אַ שטורעם, זיינע הענט ציטערן, אָבער זיין פּנים איז באַלויכטן מיט חסד, מיט ליבע צום קינד, מיט תמימותדיקער פֿרומקייט. פּאַמעלעך טונקט ער די זשיפּענדיקע ליכט אין די טראָפּנס פֿון הבדלה־כוס... און דאָ הער איך לעבן אונדז אַן אומרו־באַוועגונג, אַ שעפּטשען פֿון אַ מיידל צום בחור. „וואָס טוט ער דאָרטן?" — פֿרעגט זי מיט נייגיר, מיט פֿאַרשטיקטן לאַכן. אָט דאָס איז פֿאַר מיר אַ נייעס, אַ קולטור־בילד שוין פֿון אַמעריקע. די צוואַנציקיאָריקע מיידל ווייס נישט מער וואָס עס איז הבדלה. זי האָט עס ביי זיך אין דער היים שוין מער נישט געזען. מיט אירע שוואַרץ געקרייזלטע האָר, מיט אירע אויגן איז זי כמעט דאָס זעלביקע מיידל פֿון פּוילישן שטעטל, און דאָך איז זי שוין אַן אַנדערע, פֿון אַנדערן דור... אַלזאָ: צוויי קולטור־דורות לעבן אויף דער ניו־יאָרקער גאַס. שוואַרצס מאָדערנער טעאַטער באַווייזט זיי, דער יונגוואַרג, עפּעס אַזוינס ווי דעם פֿאַרזונקענעם יידישן פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער? (פּונקט אַזוי ווי מיר קוקן אין מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער אויף די צייטן פֿון די פּריצים, ביי טורגעניעוון און טשעכאָווון?) צוויי יידישע וועלטן זענען שוין דאָ קריסטאַליזירט אין שוואַרצס הויז: אויף דער בינע און אין דעם זאַל?

נאָך דער פֿאָרשטעלונג גייען מיר דורך טומל און טרעפּ און געהיימנישפֿולע גענג צו שוואַרצן. אין זיין ענגן צימערל, פֿאַרשטעלט מיט די תכסיסי־טעאַטער, זיצט ער, און דער שווייס טריפֿט אים נאָך אַראָפּ. ער קוועטשט די האַנט, ער פֿרעגט אויס מיט לעבעדיקייט וועגן אונדזערע איינדרוקן. ער האָט שוין געלייענט מיין דראַמע, ער וועט זען וואָס מען קען טאָן. אָבער ער באַקלאָגט זיך ביטער אויפֿן עולם. „צי פֿאַרשטייט דער עולם אונדזער אַרבעט, אונדזער שפּיל?" איך דערמאָן אים וועגן דעם שטילן הו־האַ וואָס באַהערשט דעם זאַל אַזוי אָפֿט. ער כאַפּט זיך אויף מיט אַ ברען. קענטיק מען האָט

באַרירט זיין שמערצלעכן פּונקט. אַי, איז דאָס אַן עולם! און ער פאַרשיט מיט מעשיות וואָס מען מוז לאַכן. „ביז איך האָב זיי אויסגעלערנט אָפּצוזיצן ביזן סוף פון אַ פאָרשטעלונג. וויפיל געזונט האָט דאָס געקאָסט. ס'איז געווען ביי זיי אַ מינהג: ווי נאָר מען זעט אַז די פּיעסע דערנענטערט זיך צום סוף, פלעגט מען זיך אַ ריס טאָן פון די ערטער, אַלע מיט אַ מאָל. וואָס איז? מען לויפט וואָס גיכער אַרויסצונעמען די מאַנטלען. איר פאַרשטייט: דאָ אויף דער בינע גייט נאָך די שפּיל, און זיי לויפן זיך פונאַנדער... האָב איך זיך ניט געשעמט און בין אין אַ פאָרשטעלונג — פון דער בינע גופא — אַרויס צו זיי מיט אַ רעדע: אַז עס איז ניט שיין, ניט קינסטלעריש צו לויפן, אַז מען דאַרף אָפּוואַרטן ביז די שפּיל פאַרענדיקט זיך. וואָס מיינט איר איז געווען?... זיינען זיי טאַקע אַן אַנדער מאָל געזעסן אָן אַ סוף, נישט אויפגעהויבן זיך. איר פאַרשטייט: אין דער פּיעסע ווערט איינער געהרגעט און ער ליגט אַ טויטער אויפן דיל. דערמיט פאַרענדיקט זיך די שפּיל. איז דאָך גוט? אָבער דער עולם בלייבט זיצן. וואָס זאָל מען טאָן? זאָל דער טויטער אויפשטיין און בעטן דעם עולם אוועקגיין?... שוואַרץ זיפצט אָפּ. „מיר מוזן ניט נאָר שפּילן, מיר מוזן דערציען דעם עולם צו קונסט. זיי זיינען ווי קינדער".

פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַט היינט אַ טייערן אָוונט. שוואַרץ וויל אַז מיר זאָלן קומען זונטיק נאָך אַ מאָל. וועלן מיר זען עפּעס שענערעס: „די גאָלדגרעבער".

טעכניק און קולטור

13־טער יאַנואַר.

ה. פראַנק האָט געזאָגט: ווען וועט איר אָנהייבן באַקוקן די שטאָט? זיינען מיר היינט אַוועק אין דער גרויסער ביבליאָטעק, די פּאַבליק לייברע־רי. זי איז באַרימט אין דער וועלט, זי איז, אַזוי צו זאָגן, שוין באַקאַנט אונדזער איינעם. זי מאַכט אָבער אַ גרויסאַרטיקן איינדרוק, אַט טאַקע אַ גרויס־אַרטיקן. ס'איז אַ מאַסשטאַב, אַ רחבות, אַ ווייס־בלענדנדיקע פאַרב פון די מויערן, קאָלאָנען, פענצטער. מ'קען זיך פאַרשטעלן וויפיל ביכער זי פאַרמאָגט אין זיך. אַ גאַנצער אויסזען אָטעמט מיט שלום, מיט פרידלעכ־קייט. אויף די ברייטע טרעפּ צום אַריינגאַנג זיצן צענדליקער מענטשן, מיסטנס יונגוואַרג סטודענטן, ווי די פייגלען אויף די דעכער. אינעוויייניק, צווישן די הויך־אַרויפשטייגנדיקע פּאָליצעס, אַ סאַמעטענע שטילקייט. די שטילקייט, פאַרפלאָכטן מיט קילקייט, שיידט זיך אָפּ אַזוי שאַרף פון דער גאַס וואָס ליאַרעמט און רעשט דאָ גלייך, הינטער די טירן...

פראַנק איז דאָ ווי אַן אייגענער מענטש. ער פריעט זיך מיט דער עשירות פון ביבליאָטעק ווי אַ באַלעבאָס. אַט פירט ער אין דער אָפּטיי־לונג פאַר די בלינדע. איך האָב שוין געהערט אַז מען שאַפט פאַר זיי ליטע־ראַטור, אָבער אַזאַ רייכטום אין שריפטן פאַר זיי איז אַ וווּנדער! נישט נאָר ביכער, זשורנאַלן, אויך נאָטן און בילדער ליגן דאָ אויסגעלייגט אין די הונדערטער. שרייבמאַשינען פאַר בלינדע. אין דערויף ליגט אפשר ניט אַזוי פיל וווּנדער פון טעכניק, ווי איידעלע מענטשלעכקייט. ווייל אַ שרייב־מאַשין פאַרן בלינדן באַטייט דאָך: אַקטיוון אָנטייל נעמען אין אַ קאָלעק־טיוו לעבן. דער דאָזיקער אַפּאַראַט פון פאַרצענפאַכונג פון כתב־ידן פאַר־צענפאַכט דאָך דעם בלינדנס אויסגעלאָשענעם לעבן! דאָ, אין דעם צימער, זעט ער בידים. (דערמיט איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ יידישער ווערטל)... אַט זיינען מיר אין דעם גרויסן לייענזאַל. אַ באַקאַנט בילד פון אייראָפּעישע ביבליאָטעקן. אָבער מיר האָבן געלייענט אַמאָל מכוח דער וווּנדערבאַר־שנעלער צושטעלונג פון ביכער דאָ. לאָמיר דאָס אויספּרוּוון. מיר באַשטעלן צוויי ביכער, איינס דאָס נאָר וואָס דערשינענע בוך פון קערענסקין וועגן רוס־

לאַנד. קוים איבערגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער, פראַנק טייטלט מיר שוין מיטן פינגער אויף דער וואַנט. פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט ביים קעניג בלשאַצר האָבן אויסגעלויכטן די פאַטאַלע אותיות, לייכטן דאָ אויף קלאָרע תשובות אויף אונדזער באַשטעלונג. איין בוך איז אַנטליען, דאָס אַנדערע קענט איר ש ו י ן האָבן.... מיר נעמען אַרוים קערענסקיס בוך, בלעטערן אין אים. אַלץ באַקאַנטע פּאַרשוינען: גענעראַל קאָרנילאָוו, גענעראַל אַלעקסיעעוו, באָטשאַפּטער, ביוקענען, דעמאָקראַטיע, פאַרשווערער, פּאַררעטער פון רוסלאַנד... עס לוינט ניט פאַרנעמען זיך דאָ דערמיט. פראַנק פירט מיך אַריין אין קאַבינעט פון יידישע צייטונגען. גייט צו צו אַ קעסטעלע און שטעקט מיר צו צופרידן אַ קאַרטל: „פרייע שריפטן". „זעט איר, די פרייע שריפטן זיינען שוין אויך דאָ אַריינגעטראָגן".

איך בין ניט איבערצייגט אַז די גוואַלטיקע ביבליאָטעקן אַליין זיינען אַ זיכערער סימן פון קולטור. דער אַמעריקאַנער פּרינציפּ פון הב־הב, פון אַ סך, קען אָנזאַמלען פּיראַמידן פון ביכער, הויך ביז צום הימל. אָבער פּיראַמידן קענען אַמאָל שטיין מיטן שפּיץ אויף אונטן, מיט דער ברייטקייט אויף אויבן. פּיראַמידן נישט פּאַרוואַרצלטע, וואָס שאָקלען זיך פון ווינטן. ס'איז אפשר וויכטיק נישט די ביבליאָטעק פאַר זיך, ווי דאָס אָרט וואָס זי פאַרנעמט צווישן אַנדערע קולטור־ אָדער לעבנס־געביידעס. מיר זיינען אַרוים פון דער שטילקייט פון ביבליאָטעק אין גאַס, און עס האָט דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ דער יריד. נישט נאָר דאָס. לעבן דעם הערלעכן פּאַלאַץ פון דעם ביכער־אוצר האָבן זיך נישט ווייניקער שטאָלץ געצויגן אין דער ברייט און אין דער הייך אַנדערע בנינים. דער פּענסילווועניע־וואָקזאַל איז אַ וווּנדערלעכער בנין. מען מוז נאָר באַדענקען וויפיל טויזנטער צוגן מאַרשירן אַריין טאָג אין טאָג אין דעם דאָזיקן אייזערנעם געפלעכט, אין אָט דער צענטראַלער אַרטעריע פון גאַנץ אַמעריקע. און אָט הייבט זיך מיט אַ שטאָלצער שלאַנקייט דער פּערציק־עטאַזשיקער בנין פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. ער פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, שטייענדיק אַנטקעגן דער לייברערי. אַן אַנדער סטיל ביי אים, אָבער אַ כוח פון פינאַנצן און ענערגיע שטאַרצט אַרויס פון אים. דער קאָנצענטרירטער פינאַנץ־אינסטיטוט קוקט אַראָפּ אויף די רוישיקע גאַסן מיט די מוראַשקעלעך־מענטשן נישט ווייניקער גדלותדיק ווי די לייברערי. און אָט קענט איר שוין באַלד נישט אונטערשיידן: וואָסער געביי פאַרנעמט דעם צענטראַלן אָרט אין דער גוואַלטיקער פּאַנאָראַם. צי דער וואָקזאַל, צי די אינשורנס־קאָמפּאַניע, צי די וויסנשאַפט? אין אַ היידעלבערג, אפילו אין אַ בערלין, אין פּאַריז איז די וויסנשאַפט, די ביבליאָטעק אַזוי ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מאַכט, זי ליגט אַרויף איר אייגענעם שטעמפּל אויפן אַרום. אין ניו־יאָרק, אויף דעם קרייצפּונקט פון די

געשעפטלעך־ברוטאַלע גאַסן, הייזער, מענטשן, שטייט די לייבערערי ווי א קעגנזאַץ צו דעם ארומיקן לעבן.

און אפשר שטייט טאַקע די ביבליאָטעק ניט אין קעגנזאַץ צו די הערשנ־דיקע כוחות פון לאַנד? זי מעג זיין אָנגעשטאָפּט מיט די טיפסטע און שענס־טע ווערק פון דענקער און טרוימער. אָבער איר לעבנס־פונקציע, איר רעאַלע וויסנשאַפט דינט אפשר דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר ארום. די אמעריקאַנער וויסנשאַפט איז גרויס אויפן געביט פון טעכניק, פון עקאָנאָמיע, פון פּסי־כאָלאָגיע. אָבער איר סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע האָט, אָפּענע צי פאַר־שטעקטע, פּראַקטישע כוונות, און דאָס הייסט: קאַפּיטאַליסטישע כוונות. אויב דאָ אַנטוויקלט זיך די וויסנשאַפט פון „פּסיכאָטעכניק", איז עס טאַקע ווי א סימבאָל פון היגע זכבענישן. מען זוכט „וויסנשאַפטלעך" אזא פאַר־פיינערטע טעכניק וואָס זאָל לייכטער פאַרשקלאַפן די פּסיכיק, דעם מענטשן. אָט איז סטאַטיסטיק, א וויסנשאַפט אין אמעריקע, באַליבט כמעט ווי א ספּאָרט. יעטוועדער דאָ, — די מלוכה, די וויסנשאַפטלער, דער מענטש פון דער גאַס — האַלטן אין איין ציילן, חשבונען, אויפזאַמלען גרויסע צאָלן. מען ווייס סטאַטיסטיש־גענוי וויפיל אויטאָס עס ווערן פאַבריצירט, וויפיל מינוט עס דויערט צו מאַכן א ראָד, וויפיל רעדער עס פאַרמאָגן אַלע אויטאָס צוזאַמען, וויפיל קילאָמעטער זיי מאַכן אין א יאָר, אין א וואָך, אין טאָג. מען ווייס גענוי וויפיל ווייץ עס וואַקסט אויף די רחבות פון קאַנאַדע, פון אַרגענטינע, פון דער גאַרער וועלט. מען ווייסט און מען באַרימט זיך מיט דער צאָל עטאַזשן אין די געביידעס, מיט דער צאָל טרעפּ אין דעם וואָלקן־קראַצער, מיט יעדער גרויסער צאָל.

און בעת מעשה הייבט מען נישט אָן צו וויסן גענוי וויפיל פאַרמאָגט אמעריקע אַרבעטסלאָזע מענטשן. און בעת עס ברעכט אויס א קריזיס אין לאַנד, ווי היי־יאָר, טאַפּן ארום די וויסנשאַפט־מענטשן, די ווירטשאַפט־ און די מלוכה־פירער ארום ווי אין א פינצטערניש. ס'איז רעכט אַז מען האָט צוויי מיליאָן אָדער דריי מיליאָן אָדער פינף מיליאָן אַרבעטסלאָזע. דאָ — וו דער קאַפּיטאַליזם דאַרף עס ניט — ווערט פּלוצים פאַרשטומט די סטאַ־טיסטיק. אָדער אין לאַנד הערשט זינט יאָרן א צביעותדיקער פּראָהיבישן־געז־עץ (פאַרבאָט פון אַלקאָהאָל־געטראַנקען). דער אָפּיציעלער פּנים פון דער מלוכה איז ניכטער, דערפאַר אָבער שאָקלט זיך דער בירגער אויף די שיכורע פיס. וו י פ י ל מיליאָנען ליטער אַלקאָהאָל ווערט אריינגע־שמוגלט פון דרויסן און פּראָדוצירט אינעווייניק? וו י פ י ל מיליאָנען דאָלאַרן גייט דורך דורך דער דאָזיקער „פאַרבאָטענער" אינדוסטריע? וו י פ י ל טויזנטער מענטשן ווערן געהרגעט און געשלאָגן ביי דעם דאָ־זיקן געשעפט? — וועגן דעם שווייגט די וויסנשאַפטלעכע סטאַטיסטיק.

...אַז איך האָב זיך אין אָוונט געאײַלט צו דעם „מיטינג" ביי לאָרען, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט אויפזוכן דאָס הויז פון זיין „פאָלקס־ציַיטונג". צווישן די לאַנגווײַליקע און טרוקענע מויערן ביי דער וואָקער־סטריט, איז געווען שטיל און ליידיק פון מענטשן. אַפילו קיין אויטאָ נישט, אַפילו קיין פּאָליציאַנט נישט. דער דאָזיקער האַנדלס־קוואַרטאַל האָט מיך דערמאָנט די מאָסקווער וואַרוואַרקע און איליאינקע ביי נאַכט, בעת די סקלאַדן זיינען פאַרמאַכט און אַ ריח פון הערינג און לעדער טראָגט זיך אַרום. אויפן ווינקל פון אַ גאַס איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן לאָרע. דער עולם איז שוין לאַנג דאָ. אין דעם ענגן אָפיס־צימער פון דער ציַיטונג האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר צענדליק טוער פון דער באַוועגונג, הויפּטזאַכלעך דייטשן. מיין אויפגאַבע איז געווען צו באַריכטן זיי וועגן דעם שטאַנד פון אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס שטייט דרויסן פון די ביידע אינטערנאַציאָנאַלן, די „פּאַריזער ביוראָ". גלייכציַיטיק האָב איך דערציילט וועגן אונדזער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער עולם איז באַשטאַנען פון מענטשן וואָס זיינען נאָך כמעט נעכטן געווען קאָמוניסטן, מיט גרויס מי האָבן זיי זיך פּאַמעלעך אָפּגעריסן פון דעם מאָסקווער מוטער־לייב. מיין באַריכט האָט זיי אָבער געגעבן אַ פאָרשטעלונג וועגן פּאַרטייען וואָס האָבן זיך שוין באַפרייט פון יענעם צויבער, זיינען געשטאַנען אויף אייגענע פיס. ס'איז קיין בייז נישט וואָס אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ פון פּאַריז" זיצן פּאַרטייען מיט פאַרשיידענע וועלט־אָנשויאונגען: מאַרקסיסטישע און פּרייהייטלעך־סאָציאַליסטישע. זיי זיינען אַלע פאַרבונדן דורך די מוסר־השכּלם פון די לעצטע 15 יאָר. זיי ווילן נישט האָבן קיין צוזאַמענאַרבעט מיט דעם בירגערטום, קיינע רעגירונג־קאָאַליציעס, (דאָ האָט די פאַרזאַמלונג תיכף איינגעשטימט). אָבער זיי ווילן אויך נישט קיין פּאַרטיי־דיקטאַטור אין דער רעוואָלוציע. עכטער סאָציאַליזם בויט זיך אויף אויף דער פרייהייט פון די מאַסן; פּאַרטיי־סאָציאַליזם זאָרגט נאָר וועגן דערהאַלטונג פון זיין אייגענער מאַכט. דערפאַר רודפט דער באָלשעוויזם אַזוי גרויזאַם די סאָציאַליסטן אין די טורמעס. דערפאַר פאַרבינדט ער זיך אין אויסלאַנד מיט די שוואַרצע כּוחות פון דער רעאַקציע.

איך האָב פאַרענדיקט נאָך צוויי שעה ריידן דערמיט אַז דער „פאַראיין פון די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער" איז — לויט אַלע סימפּטאָמען — נאָענט צו אונדז. ער מוז זיך אַנטשיידן: אַריינצוטרעטן אין פּאַריזער ביוראָ.

— ס'איז אַריינגעטראָטן אַ שווייגן אין צימער. די שאַרפע אָפּגרענעצונג לגבי דעם באָלשעוויזם איז דאָ נאָך נישט דורכגעדרונגען. אַ טייל פון אונדזערע אַרגומענטן איז נאָך געווען פרעמד. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן, איינגעלעך פראַגן. איך האָב גענומען פונאַנדערשיידן איינצלנע

חברים. דאָ זיינען געווען אַ סך ריכטונגען, פאַרשיידענע אַרטן מענטשן. אייניקע האָבן געוואָלט אָפּשטויסן אונדזער הויפּט־פּרינציפּ קעגן פּאַרטיי־דיקטאַטור. אַנדערע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּראַקטישע אויספירן פאַר אַמעריקע. עס האָט זיך אָפּגעטיילט פון טיש אויף וועלכן ער איז געזעסן, אַ הויכוווקסיקער יונגער אַמעריקאַנער. מיט אַ רויקער, אַ ביסל זעלבסטצופרידענער שטים, אָן וועלכן ניט איז זשעסט מיט דער האַנט, האָט מאַקס איסטמאַן גערעדט וועגן דעם, אַז אַ דיקטאַטור קען ניט זיין אַן אַבסטראַקטע קלאַסן־דיקטאַטור, אַז זי מוז ווערן, ווי ביי די באָלשעוויקעס, אַ פּאַרטייהערשאַפט. „אויב אַזוי, קען מען נישט פירן קיין דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן באָלשעוויזם!” — האָב איך געמוזט ענטפערן. איסטמאַן איז געקומען פון דער ליטעראַטור צום קאָמוניזם. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער ראַדיקאַלער צייטשריפט „מאַסעס”. מסתמא האָט די רוסישע רעוואָלוציע פאַרכאַפּט אים פון דער קינסטלערישער זייט.

דאָס איז דער געפערלעכסטער טויער דורך וועלכן מענטשן טרעטן אַריין אין דער מיסטעריע פון אַ רעוואָלוציע. איר מאַיעסטעטישע גרייסקייט און עסטעטישער רויש באַצויבערט, נעמט אַריין אין די הענט אַ סך נאַטורן וואָס זיינען פריער געשטאַנען דרויסן פון דער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע. אָבער די קינסטלערישע הייך פון דער סטיכיע האַלט לעבן זיך אַזעלכע מענטשן נישט לאַנג, נישט דויערנדיק. דער ערשטער שווערער „געשמאַקלאָזער” נסיון טרייבט זיי אָפּ, מאַכט גלייכגילטיק. אמת, ביי דעם גרויסן ענגלענדער דזשאָן רעסקין איז דער טרייבמאָטיוו צו זיין סאָציאַליזם געווען לכתחילה דער קינסטלערישער פּראָטעסט. אָבער רעסקין איז געווען דער גאָר גרויסער קינסטלער, און ביי אַזעלכע שעפערישע גייסטער מישן זיך האַרמאָניש צונויף שיינקייט מיט גוטסקייט, קונסט מיט עטיק. פאַנטאַזיע מיט האַרץ. פון אַזאַ געמיינזאַמען קוואַל שטראָמט אויך זייער קונסט. אָבער דער דורכשניטלעכער קונסטמענטש לאָזט זיך פירן צו אָפּט פון דער שיינקייט אויפן חשבון פון גוטסקייט. און בעת ער רייסט זיך צו צו אַ רעוואָלוציע, פאַרשטעלן פאַר אים אירע מאָסשטאַבן דעם תוך. דערזעט ער אַ היות אין טויט, כוח אין ברוטאַליטעט, שיינקייט אין גרויזאַמקייט אָט „ווי אין דער נאַטור”.

מאַקס איסטמאַן איז געוואָרן אַ קרבן פון זיין איבערגעגעבנקייט צו מאָסקווע. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון טראָצקין; האָט מען אים פון דאָרטן אַרויסגעשטויסן, אָנגעטאָן אויפן ברוסט דעם ברעט מיט דעם שאַנדוואָרט „פאַררעטער”. פונדעסטוועגן איז ער דאָ איצט, אין דעם אָפּיס פון

קעגנער, ארויסגעטראָטן פאַרן באָלשעוויסטישן טיפּ הערשאַפט. אפשר דער־פאַר ווייל ד ע ר טיפּ האָט אים בשעתו פאַרכאַפּט קינסטלעריש? אחוץ אים איז נאָר פוסטקייט, און קיין אייגענער וועג צו די מאַסן איז ניט געווען.

איך האָב דערמאָנט די חברים, אַז דער שאַרפער אונטערשייד צווישן קלאַסן־ און פאַרטיי־דיקטאַטור איז טאַקע אַ שווערע פּראָבלעם. ווי איז גאָר מעגלעך בכלל די דיקטאַטור פון אַ מיליאָניקן קלאַס צי וועט זי נישט ווערן בטל אין די מאַסן פון די אומבאַוווסטזיניקע, כאַראַקטערלאָזע מענטשן? וועט זי נישט מוזן אַריבערגיין אין אַ דיקטאַטור פון אַ באַוווסטזיניקער, כאַראַקטער־פעסטער פירונג, פון אַ פאַרטיי? נאָר צווישן אָט די ביידע פּאָ־ליוסן שלאָגט זיך אַרום דער באָלשעוויזירטער געדאַנק: אָדער צעקראָכנ־קייט פון מאַסן אָדער הערשאַפט איבער זיי. דער סאָציאַליזם מוז אָבער דערזען, באַקומען די וויזיע פון אַ דריטן בילד: פון פרייהייטלעכע מאַסן, פון קאָלעקטיוון האַרץ און שכל. אין אָט דער ריכטונג אַרבעטן היינט טע־אָרעטיש צענדליקער מענטשן. באַלאַבאַנאָווא, פּאָל לואי, ראָלאַנד־האָלסט, פּאַנעקאָק און גאָרטער, ‏לעצטנס דער פראַנצויזישער קאָמוניסט לאָריע. אָבער די פונאַנדערשיידונג פון קלאַסן־און פאַרטיי־דיקטאַטור באַרוט סוף כל סוף נישט אויף די טעאָרעטישע חקירות. זי מוז צוגעגרייט ווערן דורך דער פּראַקטישער סאָציאַליסטישער דערציונג: נישט צו קענען אַריבערשפּרייזן דער גרענעץ וואָס פירט צו אויסגעלאַסענער הערשאַפט.

דעם גרעסטן טייל חברים האָבן אָבער באַזאָרגט די פּראַקטישע פראַגן. לאָרע האָט גערעדט: „אויפטרעטן פאַר די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד? אוודאי דאַרף מען עס טאָן. אָבער איצט בעת אין אַמעריקע גייט אָן אַזאַ קאַמפּאַניע קעגן רוסלאַנד!... מיר קענען דאָך ניט שטיין אין איין פראָנט מיט דער „עס־פּי” (דאָס איז די רעכטע סאָציאַליסטישע פאַרטיי)”. שווייגנ־דיק האָט צוגעשאָקלט לאָרעס פרוי, אַ הויכע געשטאַלט מיט גוטמוטיקע אויגן. מיט אים האָט איינגעשטימט אַ קליינער, איינגעשרומפּטער מענטש מיט אַ פּאָר שאַרפע אייגעלעך, מיט אַ שפּיציק בערדל. ער האָט מיר פריינד־לעך געדריקט די האַנט. „מיר דאַנקען דעם ח׳ שטיינבערג פאַר זיין באַריכט, אַלץ ריכטיק וועגן באָלשעוויזם, אָבער מען מוז זיין פאָרזיכטיק דאָ אין אַמעריקע”. (דאָס איז געווען אַראָנסאָן, איינער פון די עלטסטע טוער אין אַמעריקאַנער יידיש־אַסימילירטן סאָציאַליזם, אַן איידעם פון עדוואַרד בערנ־שטיין). אָבער פון דער הייך, ווו ער איז געזעסן אויף אַ קאַסטן, האָט ענערגיש געבעטן דאָס וואָרט אולריך. אַ געוועזענער סאָציאַליסטישער דעפּו־טאַט פון דייטשן רייכסטאָג, איז ער אַנטלאָפן אַהער פון אַ פּראָצעס און געפירט אַ ברויזנדיקע קאַמפּאַניע קעגן מאָסקווע. — „איר האָט דערמאָנט, אַז מאָסקווע שטייט אין פאַרבינדונג מיט רעאַקציאָנערע כוחות אין אויס־

לאנד. צי האט איר געניויערע ידיעות וועגן דער צוזאמענארבעט פון מאסקווע מיט דער דייטשער ארמיי?". אולריך האט געפרעגט נאר כדי אליין ארויס־צובערענגען שארף אט דעם געדאנק, אז מאסקווע באדינט די אינטערעסן פון דייטשלאנד. „אזוי ווייט ווילן אפילו מיר נישט גיין" — האב איך אים געזאגט. — א יידישער יונגערמאן מיט נערוועזע באוועגונגען, מיט א פארווירטן געזיכט, האט אויף א צעטל אנגעשריבן די פראגן. ער האט גע־האט א סך צו פרעגן, ווייל אים מיט נאך איינקע טראצקיסטן האט מען דא נישט לאנג אויסגעשלאסן פון דער קאמוניסטישער פארטיי. איך האב פארשטאנען אלץ וואס ער האט גערעדט, כאטש עס איז געווען אין ענגליש. דאס האט מיך באזונדערס געפרייט. היינטיקן אוונט האב איך בכלל צום ערשטן מאל צוגעהערט זיך און געענטפערט אויף ענגלישע דרושים. שווער האב איך נאר פארשטאנען איסטמאנען. זיין ענגליש האט ניט געהאט דעם אמעריקאנישן הארטן שניט, איז געווען ווייך ווי איינגעוויקלט אין וואטע. אבער דערפאר האב איך גוט פארשטאנען ווי עס האבן געווארפן ווערטער ווי קלעצער דער טראצקיסט און נאך אנדערע. אז איך האב שפעטער גע־פרעגט ביי לארען די סיבה, האט ער געלאכט: נו יא, איר האט פארשטאנען די עמיגראנטן. זיי ריידן אייגנטלעך רוסיש צי יידיש אויף ענגליש...

ביז שפעט אין דער נאכט האט געדויערט די אסיפה. מען האט באַ־שלאסן צו מאכן אן המשך. ערשט צוויי אזייגער ביי נאכט בין איך געקו־מען אהיים.

מ״ר באַראָן דער מענטשן־פריינד און הערי וואַטאָן
דער איינזאַמער פילאָזאָף

14־טער יאַנואַר.

היינט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מענטשן וואָס איז עפּעס גאָר ניט ענלעך צו די היגע. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מיר מינץ מודיע געווען אַז דעם שבת האַלט איך אַ לעקטשור אין ראַקאָווי, אַ קליין שטעטל ביי ניו־יאָרק. ער האָט עס אָפּגעמאַכט מיט אַ געוויסן מיסטער באַראָן. איצט איז באַראָן אַריינגעלאָפן נאָך מיר אין דער רעדאַקציע פּא״ש און האָט מיך גענומען אונטער זיין רשות. אַ הויך־שלאַנקער פּאַרשוין, מיט ווייכע געזיכטס־שטריכן, מיט לוסטיק פינקלענדיקע אויגן, איז ער געווען סימפּאַטיש אויפן ערשטן בליק. אָנגעטאָן ווי אַ דזשענטלמען און אַן עכט ליטווישער דבור. זיין פריינדשאַפט צו מיר איז געווען אימפּולסיוו, שטורעמדיק, אַרומכאַפּנדיק. זאָל דאָס זיין די שטענדיקע אַמעריקאַנער התלהבות צו יעדן נייגעקומענעם מענטשן? איך בין געווען אינסטיקטיוו פאָרזיכטיק. מיסטער באַראָן האָט מיך געהאַלטן פעסט ביים אָרעם און האָט פאַמעלעך אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ. — „מיר האָבן נאָך צייט ביזן צוג. מיר וועלן דערווייל כאַפּן אַ טרונק”. אין רעסטאָראַן האָט ער מיך אַוועקגעזעצט און שנעל, פאַרזאָרגט געפרעגט: „וואָס טרינקט איר: מילך, קאַווע, טיי, אפשר אַ גלאָז קאַקאָ?”. נישט באַוויזן צו ענטפערן, ער איז שוין אַליין געגאַנגען צום בופעט. ס׳איז געווען אַ ביסל פיינלעך, אָבער באַראָן האָט פאַרגעסן מיינע רייד מיט אַ שטראָם פון חכמות און וויצן. „היינטיקן טאָג זייט איר אונדזער גאַסט”. אַז מיר זיינען געגאַנגען צום באַן און איך האָב דערמאָנט אַ יידישע צייטונג, האָט ער אין אַ רגע אַרומגעקוקט זיך אַרום און האָט געשאָפּן אַלע יידישע בלעטער. מיט פריילעכע אויגן האָט ער דערציילט אַז ער האָט ליב אַזעלכע יידן ווי איך, אַז ער קען ניט שטימען מיט די היגע טוער, אַז ער באַוויזט זיך זינט יאָרן נישט אין דעם יידישן קוואַרטאַל. מיר פאָרן קיין ראַקאָווי מיט איינציקע שעה פריער, ווייל די יידישע סאָסייטי פון דאָרטן מאַכט פאַר מיר אַ מיטאָג. ביי דעם מיטאָג וועל איך קענען מאַכן אַן אַפילו פאַר די פּאָליטישע געפאַנגענע. דערנאָך קומט מיין לעקטשור. און דערווייל

— ביז צום מיטאָג — וועלן מיר אַריינפאָרן צו מ"ר הערי וואַטאָן. „דאָס איז ביי אונדז אַן אומגעווייגלעכע פּערזאָן, אַ געלערנטער, אַ געוועזענער שניידער. איר וועט האָבן הנאה ביי זיי אין דער היים".

אין אַ קליינער ווילע, נישט ווייט פון ים, האָבן מיר געטראָפן זיי ביידן: מיסטער וואַטאָן און זיין פרוי. זעלטן טרעפט מען, אַז אַ פּאָרפאָלק זאָל זיין אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן. אויסערלעך צוויי מיטלמעסיקע פיגורן, אַביסל געדריקטע פּלייצעס, אָבער אינטעלעקטועלע פּנימער. וואָלט איך זיי געטראָפן אין רוסלאַנד, וואָלט איך זיי נישט געקענט אָפּשיידן פון דעם באַקאַנטן עקסטערן־טיפּ. די פיגורן זייערע שטאַמען פון דער שווערער פיזישער אַרבעט דאָ אַמאָל אין די שאַפּן, די געזיכטער — פון זייער איצטיקן גייסטיקן באַרוף. זיי זיינען ביידע „לאָיערס", אָבער פאַרנעמען זיך שוין מער נישט דערמיט. ביכער פאַרנעמען אַ סך אָרט אויף די ווענט, און מיסטער וואַטאָן זיצט צווישן זיי ווי אַן איינגענער. מיר הייבן אָן אַ שמועס, און באַראָן זיצט מיט לייכטנדיקן פּנים אָן אַ זייט: ער פאַרשאַפט מ י ר פאַרגעניגן...

וואַטאָן איז נאָך ניט לאַנג געווען אַ קאָמוניסט, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער טעאָרעטיקער פון קאָמוניזם אין אַמעריקע. היינט איז ער ווייט נישט נאָר פון די באָלשעוויקעס, נאָר פון מאַרקסיזם, פון דעם היימישן סאָציאַליזם בכלל. ער איז אַן אויסטערלישע פיגור אין דער דאָזיקער ראַדיקאַלער וועלט. צענדליקער יאָרן איז ער געשטאַנען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג; ער האָט אין ניו־יאָרק געגרינדעט אַ „מאַרקס־ענגעלס אינסטיטוט" כדי צו פאַרשאַפן די אַרבעטער טעאָרעטישע ידיעות אין מאַרקסיזם און אויך אין פילאָסאָפיע. אַ גאַנצע ריי פון זיינע תלמידים האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „די פילאָסאָפיע פון מאַרקס", אַ טעאָרעטישן זשורנאַל „טהי מאַרקסיסט" פון וועלכן עס זיינען דערשינען פיר ביכער. אין דער גאַנצער אַרבעט זיינער איז געלעגן אַ פאַנאַטישע עכט־יידישע אמונה אין דער לערע פון מאַרקסן. אין יאָר 1922 האָט ער געהאַט אין ניו־יאָרק אַ גרויסע עפנטלעכע דעבאַטע מיטן פּראָפעסאָר זעליגמאַן, דעם טעאָרעטיקער פון דער בירגערלעכער וויסנשאַפט אין אַמעריקע. די טעמע איז געווען: צי האָט די מפּלה פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד באַוויזן דעם באַנקראָט פון מאַרקסיזם? און דאָ האָט וואַטאָן פאַר אַ גוואַלטיקן עולם אַרויסגעבראַכט זיין עקשנותדיקן גלויבן אין דער לערע פון מאַרקס און לענין. „די רוסישע רעוואָלוציע איז מאַרקסיזם אין טאַט!... האָט זיך די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אָנגעהויבן, וועט זי זיך ניט אָפּשטעלן ביז זי וועט ניט באַדעקן די גאַנצע ערד, וועט ניט אַריינגעמען די גאַנצע מענטשהייט

און וועט ניט אויפשטעלן דעם צושטאַנד פון קאָמוניזם... די פיינט פון
דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען געווען רייך און מעכטיק, אָבער דער דער־
הויבענער אמת, דער געטלעכער שכל און די ווונדערבאַרע מאַכט פון מאַרק־
סיזם איז געווען אַזוי גרויס אַז דורך אים האָט די רעוואָלוציע געזיגט און
טריומפירט... איצט קענען מיר זאָגן צוזאַמען מיטן תהילים: „אבן מאסו
הבונים היתה לראש פינה". דער פאַראַכטעטער און אומגעבילדעטער פּראָ־
לעטאַריאַט פון רוסלאַנד איז געוואָרן דער גרונדשטיין פון איבערבוי
(מאַרקסיזם איז דאָס ליכט, די נשמה און די מאַכט פון דער פּראָלעטאַרי־
שער רעוואָלוציע)".

אַז איך האָב שפּעטער געלייענט די בראָשור וועגן דער דאָזיקער דע־
באַטע זעליגמאַן־וואַטאָן, האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ פּאָר
אויסדרוקן וואָס האָבן שלעכט געפּאַסט צו דעם מאַרקסיזם. האָט ער דאָך
גערעדט וועגן „געטלעכן שכל" פון מאַרקסיזם. ס'זיינען אַריבער אַ פּאָר
יאָר, און וואַטאָן האָט זיך אַנטוישט אין באָלשעוויזם, אין דעם גאַנג פון
דער רוסישער רעוואָלוציע. און ווייל ביי אים זיינען די אַלע דערשיינונגען
געווען לאָגיש צונויפגעהאַמערט מיטן מאַרקסיזם, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט
אויך פון ד ע ר לערע. ער איז געוואָרן אַ פאַנאַטישער באַקעמפער פון
איר פּונקט אַזוי ווי פריער אַ פייערדיקער אָנהענגער. מיר דוכט, אַז פאַר
זיין טעאָרעטישן ווען איז בכלל די תורה פון מאַרקסיזם געווען בילכער ווי
די לעבעדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. איצט האָט ער, ראשית כל, געזוכט
פאַר זיך אַ נייע, לאָגיש־געשלאָסענע תורה. און ער איז געקומען פון דער
„מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג" טאַקע צו דער ייִדישער תורה.
פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט איז ער איבערגעגאַנגען צו דער גאָט־
לעכער נויטווענדיקייט. דער „מוז" פון דער געשיכטע האָט זיך ביי אים
צוריק־טראַנספאָרמירט אין דער השגחה עליונה. ביי אַ ריי באַקאַנטע רו־
סישע מאַרקסיסטן (בערדיאַיעוו, סטרווע, בולגאַקאָוו) איז עס טאַקע גע־
שען, אַז פון מאַרקסיזם זיינען זיי אַריבער צו רעליגיעזער טעאָלאָגיע און
קירך. וואַטאָן האָט דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן גייסטיקן פּראָצעס אויף אַ
ייִדישן שטייגער. אין יאָר 1926 האָט ער אָנגעשריבן אַ „נייעם קאָמוניס־
טישן מאַניפעסט", אין וועלכן ער האָט אָנגעצייכנט אַ נייעם וועג פאַר דער
באַוועגונג, וואָס זאָל זיך דערהייבן איבער דער דערפאַרונג פון דער רוסי־
שער רעוואָלוציע. ער האָט זיך אָפּן דערקלערט פאַר רעליגיע. „רעליגיע קען
ניט ווערן אָפּגעשאַפט. רעליגיע איז די אינטואיטיווע אויפפאַסונג פון דער
איינהייט צווישן אונדז אַליין און דער גאַנצער וועלט (טאָטאַליטי אָף
עקסיסטענץ")". אַזאַ אויפפאַסונג וואַקסט און אַנטוויקלט זיך נאָר אין דעם
צושטאַנד פון קאָמוניזם. ערשט דעמאָלט וועט זיך די מענטשהייט פילן אין

צוזאמענהאנג מיטן קאסמאס ווי א באשטאנדטייל פון אים. פונקט אזוי ווי משה און יעזוס וואס האבן צעשטערט די רעליגיעס פון זייער צייט, זיינען נישט געווען קיין קעגנער פון רעליגיע בכלל, זיינען אויך די קאמוניסטן וואס צעשטערן היינטיקע רעליגיעס, נישט קעגנער פון רעליגיע. די קאמוניס־טישע באוועגונג מאכט נאר שווער איר אויפגאבע פירנדיק א קאמף קעגן רעליגיע".

וואטאן האט מיך פונאנדערגעפרעגט וועגן רוסלאנד, איז אבער באלד אריבער צו זיינע אייגענע מחשבות. ער האט גערעדט הארט, מיט א שניידנ־דיקער שטים, פינקטלעך איבערהזרנדיק זיינע פארמולעס. דערביי האט ער געקוקט מיט עקשנותדיקע אויגן עפעס אין דער ווייט. — ער גלייבט נישט אין מיינע האפנונגען וועגן דער דעגענעראציע פון רוסלאנד. וואס עס קומט דארטן פאר, איז א נויטווענדיקייט. ס'איז נויטווענדיק, אז מען האט אונדזער איינעם פארטריבן. ס'איז ריכטיק וואס מען פארטרייבט טראצ־קין. די אלטע פירער האבן אויסגעשפילט זייער צייט. דער דריטער אינ־טערנאציאנאל מוז אפטרעטן זיין ארט פאר א נייעם. עס מוז קומען גאר א נייער גייסט...

— אויב אלץ איז נויטווענדיק — האב איך געפרעגט וואטאנען — איז וואס קען שוין אויפטאן דער מענטש? וואס קען העלפן זיין נייער גייסט?

וואטאן האט זיך ליידנשאפטלעך געגעבן א הייב פון ארט. ער איז געקומען צו זיינע צענטראלע געדאנקען.

— אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז אלץ אפהענגיק פון דעסטיני...

— פון וואס?

— פון דעסטיני — האט ער אפגעענטפערט גלייביק־הארט — מזל... געשיכטע איז אן איינהייטלעכער, ראציאנאלער און פאראויסבאשטימטער פראצעס. געשיכטע איז די פארווירקלעכונג פון דעם פאראויסבאשטימטן מזל פון דער מענטשהייט. געשיכטע איז פאראויסבאשטימט נישט דורך דעם עבר און די היינטיקע עקסיסטענץ־באדינגונגען, נאר דורך איר צוקונפטיקן מזל...

— און ווי קענט איר דערקענען דעם ווילן פון דער דעסטיני?

— יעס, דער מזל איז דער פירנדיקער שטערן פון דער מענטשהייט. אבער פונקט ווי א שטערן, איז ער צו הויך און צו ווייט. מען דארף האבן א פירער צו דערקענען זיין ווילן... אזא פירער איז די שטים פון פאלק. די שטים פון פאלק איז באמת די שטים פון גאט, און מיר גיבן זיך אונטער דעם ווילן.

— אבער האט נישט דאס פאלק גערודפט די גרויסע מענטשן, למשל יעזוסן? האט דאס געקאנט זיין דער זין פון דעם היסטארישן מזל?

— אוודאי! יעזוס האט געמוזט שטארבן אויפן קרייץ, כדי די אויפ־גאבע פון דעם מזל זאל קענען ווערן פארווירקלעכט דורך אים. וואלט ער דען געווארן אן אינספיראציע פאר מיליאנען קריסטן, אויב ער וואלט נישט געווארן געקרייציקט?

— און די באלשעוויקעס ליגן אויך אין פלאן פון דער דעסטיני?

— שור... די באלשעוויקעס האבן געבראכט דעם פראלעטאריאט נישט פרייהייט, נאר אן אייזערנע דיקטאטור איבער דעם פראלעטאריאט. אין די צייטן פון אינקוויזיציע זיינען די קאטאליקן נישט געווען אזוי באהערשט ווי דער פראלעטאריאט איצט אין רוסלאנד. פרייהייט פון טראכטן, ריידן און האנדלען איז קיין מאל נישט געווען אזוי אוועקגענומען ביי דעם רוסישן פאלק פון די צארן, ווי עס איז אוועקגענומען איצט דורך זיינע הערשער. אבער דאס מוז אזוי זיין, כדי צו ברענגען שפעטער די מענטשהייט צום צושטאנד פון שכלדיקער פרייהייט און גליק.

— און ווי זאל זיין מיט יענע מענטשן, אט ווי איר, וואס באקעמפן דעם באלשעוויזם? האבן זיי דאס רעכט ארויסצוטרעטן קעגן דעם היסטארישן מוז פון דעם מזל?

— ווען די אפיציעלע מאכט דערלויבט נישט די חכמים, די מענטשן וואס זען ארויס די צוקונפט ארויסצוזאגן זייערע אידעען פארן פאלק, מוזן זיי זיך אונטערגעבן. די פירער און די הערשער זיינען אוועקגעשטעלט אויף זייער פאזיציע נישט דורך צופאל, נאר דורך דעם מזל. זיי זיינען די בעס־טע מענטשן פאר ד ע ר צייט. דאס איז אפשר נישט קלאר פאר אונדז, ווייל מיר האבן א זייער באגרענעצטן קוק אויף זאכן, אבער דעסטיני נעמט ארום אלע מענטשן אין אלע באדינגונגען... אויב די חכמים ווערן געשטערט פון די הערשער, זאלן זיי עס אננעמען ווי אן אורטייל פון דעם מזל. ווייזט אויס אז די צייט פאר זייערע אידעען איז נאך נישט געקומען. און זאלן זיך די חכמים באפרייען פון אילוזיעס און גדלות...

— אבער די גרויסע מענטשן גופא זיינען דאך ארויסגעבראכט דורך דעם מזל?!

— יעס... צו וואס האט זיי ארויסגעבראכט די דעסטיני? כדי דורך זיי אנצוווייזן דער מענטשהייט אויף דער צוקונפט. וועט זיי דאס פאלק פארשטיין, איז גוט. אויב נישט — זאלן זיי זיך טרייסטן דערמיט וואס מיט דער צייט וועט זיי דאס פאלק אפשאצן. פארן פראגרעס זיינען נייטיק מאר־טירער. יעס, איך זאג: וואס פאר א גרויסע פריווילעגיע דאס איז צו זיין א מארטירער. מיינט איר, אז עס איז ביי מיר א פאטאליזם? נא... דאס איז די העכסטע זעלבסט־באהויפטונג. מער נישט זי נעמט אין באטראכט

אזא פאַקטאָר אין אונדזער לעבן וואָס מען זעט נישט געוויינטלעך. און דאָס איז דעסטיני...

וואַטאַן האָט גערעדט ווי פאַר זיך אַליין. זיין בליק איז געווען געקערט אין זיך. ער האָט מיט אַ הויכער שטים אַרויסגעזאָגט זיינע פאָרמולעס. איך האָב געשוויגן.

— אין אונדזער גאַנצן לעבן איז דעסטיני אַ שווייגנדיקער פּאַרטנער, און ער האָט די לעצטע און אַנטשיידנדיקע שטים. אַז די מענטשהייט וועט אַמאָל צוקומען צו דעם קלאָרן שכל און וועט תופס זיין דעם מזל, וועט זי קענען לייזן אַלע פּראָבלעמען פון לעבן לויט איר מזל. אָבער ביז דעמאָלט איז די העכסטע חכמה פון לעבן — צו האָבן אַ פעסטן גלויבן אין דעסטיני...

אין זיינע רייד פאַלט ענדלעך אַריין דאָס וואָרט גאָט. „גאָט און מענטש וועלן אַמאָל ווערן איינס. דאָס איז די העכסטע אידעע פון דעסטיני פון דער מענטשהייט".

...איך קען איצט פאַרשטיין פאַר וואָס וואַטאַן איז איינזאַם אין ניו־יאָרק. ס'איז פאַרשטענדלעך אַז אַזעלכע געדאַנקען ווי ער האָט קען ער נישט אַרויסגעבן פון אַ מאַרקס־אינסטיטוט. זיין לעצטער זאַמלבוך, וואָס הייסט נאָך „דער מאַרקסיסט", איז שוין דערשינען אין נאָמען פון „אַרבע־טער דערציונג־אינסטיטוט", וואָס ער אַליין פירט און פינאַנסירט.

וואָס קען מען אַנטקעגנשטעלן אַזאַ מין אמונה? עס האָט געלעבט אַמאָל ביי יידן אַ נחום איש גם זו. היינט איז עס וואַטאַן איש גם זו (לטובה). אויב אַלץ איז גוטוועדיק און פאָרויסבאַשטימט — סיי אַ רע־וואָלוציע, סיי די הערשאַפט, סיי די מרידה קעגן די הערשער — ווערט דויק אויפן הארצן. וואַטאַנען גיט אַזאַ וועלט־אַנשויאונג זיכערקייט און אָפּטימיזם. מען דאַרף ניט צו טיף גריבלען זיך אין זיין אמונה. אַז ניט קען מען אַרויסגעפינען אַז אין אים לעבט נישט נאָר די באַשיידענע איבער־געבנקייט צו דער דעסטיני, נאָר אויך אַ שטיקל באַלעבאַטעווען איבער דעם דעסטיני. „די גרויסע אויפגאַבע פון דער געשיכטע איז די אוניווערסאַלע פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט" — אַזוי פאָרמולירט ער די אויפגאַבע פון דעם מזל. פון וואַנען ווייס עס האַררי וואַטאַן? ער ווייס עס, ווייל ער וויל עס. ער רוקט אונטער דער איבערמענטשלעכער דעסטיני זיינע מענטש־לעכע אידעאַלן. ער איז מקבל באהבה אַלע אירע גזירות, ווייל ער ווייס אַז אין לעצטן סוף זיינען דאָס גזירות טובות. איז טאַקע זיין גאָט עפּעס אַזוי ווי געמאַכט דורך מענטשן־האַנט.

אָבער איך האָב ניט פּאָלעמיזירט מיט וואַטאַנען. מיר איז ער געווען אינטערעסאַנט ווי אַזעלכער. אַזוי מאָדנע איז מיר געווען צו הערן פון זיין

יידישן מויל, פון זיין יידישער אמונה די ענגלישע ווערטער. גאָד, פילאָזאָ־פי, דעסטיני... ענגלישע לבושים פאַר איזראַעליטישע באַגריפן.

מען האָט אונדז גערופן צום טיש טרינקען טיי. וואַטאָן איז געווען זייער אויפגעלייגט און רירעוודיק. ער האָט גענומען דערציילן וועגן זיינע יידישע אינטערעסן. ס'איז ביי אים מער ווי יידישע „אינטערעסן": ווייל דער טרעגער פון דער דעסטיני איז טאַקע דאָס יידישע פאָלק. ס'איז אַ משיח־פאָלק... וואָס פאַר אַ באַטייט האָט לגבי דעם יידישיזם? מער ניט אַ שפּראַכ־פראַגע.

ער איז פלינק אַרויפגעלאָפן צו זיך אין דער הייך און האָט אַראָפּגע־בראַכט אַן איינגעבונדענע זאַמלונג פון כתב־ידן. דאָ איז געלעגן אויך אַ גרויסער בריוו פון וואַטאָנען צו ח. זשיטלאָווסקי. אין דעם בריוו (וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דעם זשורנאַל „נייע וועג") האָט וואַטאָן גע־פּרוווט אָפּוועגדן זשיטלאָווסקיס אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער שפּראַך צו די יידישע נביאישע וועלטפראַגן. אונדזערע וועגווייזער זיינען די נביאים... מיר דוכט זיך, אַז זשיטלאָווסקי האָט אים אויך ברייט געענטפערט. איצט האָט וואַטאָן געהאַלטן אין זיין אינסטיטוט לעקציעס וועגן שפּינאָזען. אָבער — האָט ער מוסיף געווען — זיי ווערן ווייניק באַזוכט. דער טעאָרעטישער אינטערעס איז היינט פאַרשוווּנדן געוואָרן צוזאַמען מיט דעם באַנקראָט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג...

וואַטאָן ווערט אַנטשוויגן פאַרטיפט אין געדאַנקען. און פּלוצים ווענדט ער זיך צו מיר מיט ענערגיע. „ווייסט איר, אייער קומען אַהער קען שפּילן אַ ראָלע. מיר דאַרפן האָבן נייע מענטשן אין אַמעריקע. די סאָציאַלע רע־וואָלוציע וועט אין דער צוקונפט קומען פון אַמעריקע. דווקא פון דאַנען. מען דאַרף אָבער שאַפן אַ נייע באַוועגונג. זי וועט קומען...

ווי איינזאַם האָט געדאַרפט זיין ד ע ר מענטש, אַז ער האָט גע־לייגט האָפענונגען אויף אַ ניי־געקומענעם גאַסט! איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער „פאַריזער ביוראָ", וועגן דער אסיפה ביי לאָרען. ער איז געבליבן קאַלט: ער גלייבט מער נישט אין די היינטיקע סאָציאַליסטן. אָבער מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם.

די וואַטאָנס זיינען געווען אַזוי פריינדלעך, אַז זיי האָבן מיך אָפּגע־פירט אין אַ באַזונדער צימער אויף אָפּצורוען זיך ביזן אָוונט. עס איז גע־ווען אַן אמתער חסד: ביי דעם שטילן גערויש פון דעם ים, האָט זיך דער קאָפּ געקענט אָפּרוען פון די שטענדיקע, נישט־אויפהערנדיקע שמועסן. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען מיר געגאַנגען אַלע צוזאַמען. אין אונדזער גע־זעלשאַפט איז געווען אַ נייער מענטש: אַ הויכע, באַיאָרנטע, פריילעכע פרוי. זי האָט גערעדט אין אַ ריינעם רוסיש און האָט מיט זיכערקייט גע־

ברויכט אויך אַן עכטן ליטווישן יידיש. אַז זי האָט הויך לאַכנדיק דער־ציילט גלייכווערטלעך מיט דעם אַריינפּאַר „ביי אונדז אין ווילנע", האָט זיך געפילט דער טעם פון ליטע. זי האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר נישט ווייני־קער ווי מיסטער באַראָן. דאָס איז טאַקע געווען פרוי באַראָן.

דער מיטאָג פון דער סאָסייטי איז געווען ווי אַ סך מאָלצייטן אין יידישן אַמעריקע. מען האָט זיך אויסגעזעצט ביי די „גוטע און געשמאַקפול־געדעקטע טישן". די דאַמען זיינען געווען עפּעס ווי יום־טובדיק אויסגע־פּוצט. דער גאַנצער עולם האָט געהאַט אַ רויקן, זיכערן אויסזען (איך בין שפּעטער דערגאַנגען אַז דאָ ווינען טאַקע מענטשן מיט אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס, מענטשן גוט־אָפּ, וואָס פירן נישט מער דעם שווערן חיונה־קאַמף). און מען האָט גענומען עסן. אַ פּאָר מענטשן, די פירנדיקע אינטע־לעגענטן פון דעם ישוב, האָבן פאַרפירט שמועסן מיט מיר. אָבער די שטי־מונג ביי דעם מיטאָג איז געווען אָנגעצויגענע. זיי האָבן געהאַט צו גרויס אַפּשיי, איך האָב נישט געוווּסט ווי צו דערנענטערן זיך צו זיי. ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָ ביי די טישן דאַרף מען איצט ניט מאַכן קיין אַפילו פאַר די געפאַנגענע. באַראָן האָט מסכים געווען אָפּצולייגן דאָס אויף שפּעטער. — וואָס מיך האָט אָבער פאַרוווּנדערט ביז גאָר, איז געווען די גוואַלטיקע אויפמערקזאַמקייט מיט וועלכער דער זעלביקער עולם האָט באַלד נאָך דעם אויסגעהערט מיין לעקציע. עס האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה, און די גאַנצע צייט האָט געהערשט אַזאַ געשפּאַנטע און מיטפילנדיקע אויפ־מערקזאַמקייט אַז עפּעס ווי חברישע פעדעם האָבן זיך געוועבט צווישן אונדז. איך האָב פון דער נאָענט געזען די מענטשן. מענער מיט גלאַט־ראַזירטע, פעסטע געזיכטער, פרויען ביי וועלכע די אויגן פאַרלירן זיך אין דער באַלעבאַטישער פעטקייט, יונגוואַרג אַרום די שטולן פון די טאַטע־מאַמעס. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן אין דער טעמע. און גערעדט האָב איך וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאַר די צען יאָר. צי האָט זיי די טעמע פאַרכאַפּט ווייל איך האָב שאַרף קריטיקירט באָלשעוויקעס? אָבער זיי האָבן אויפגענומען מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן און האָבן צוגעשאָקלט מיט סימ־פּאַטיע אויך בעת איך האָב דערציילט וועגן דער העלדישקייט און וועגן דער צוקונפט פון אָט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ס'קאָן זיין אַז די רוסישע באַוועגונג איז אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן פון די יידישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע אַז זי רייסט זיך דורך אַפילו דורך דעם אַלרייטנישן צוים פון גבירים. דאָ אין אַמעריקע וועלן זיי מיט כעס באַקעמפן רעוואָלוציאָנערע ווינטן, אָבער די רוסישע רעוואָלוציע איז זייער יוגנט־דערינערונג, זייער אייגענע יוגנט.

באַראָן האָט געשיינט ממש פאַר גליק. איצט איז געווען די שעת הכושר

צו זאמלען פאר די געפאנגענע. מען האט געמאכט דעם אפיל — און שוין אין א ווײַלע ארום האט בראון צוגעטראגן מיר הונדערט דאלאר. זיין פרייד האט פארטאפלט מיין באפרידיקונג. שווייגנדיק, מיט צונויפגעלייגטע הענט, איז דעם גאנצן אוונט געזעסן וואטאן. און איצט האט ער מיר מיט אזא לעבעדיקייט געטרייסלט די האנט. „וונדערבאר, וונדערבאר” — האט ער נאר געזאגט. זיין אורטייל איז מיר געווען באזונדערס וויכטיק. איך האב דאך דאס ערשטע מאל גערעדט אין ניו־יארק וועגן אונדזער אויפפאסונג פון דער רעוואלוציע. דאס איז ניט געווען קיין מארקסיסטישע אויפפאסונג פון די סאציאל־דעמאקראטן וואס זיינען מצדיק הדין אויף דער „אקטאבער־משוגעת”, האלטן אלע אירע צרות פאר „נויטווענדיק” און ריידן פרומעדהייט: מוטב היה שלא נברא... דאס איז אן אויפפאסונג וואס האלט די אקטאבער־געשעענישן פאר דער סאמע פשוטער זאך אין דער וועלט, וואס זעט די מענטשלעכע פעלערן און די פארברעכן אין דער רעוואלוציע, וואס וויל זיי אבער מיט מענטשלעכע הענט און נשמה אפמעקן, כדי ארויסצופירן זי אויף איר נאטירלעכן וועג. ארויסנעמען די גרויסע היסטארישע עפאפייע פון אירע איבערמענטשלעכע ראמען, פארמענטשלעכן זי, אראפלאזן זי צו אונדז אזוי אז יעדער זאל זיך פילן אינטים פאראנטווארטלעך פאר איר, באזונדערס פאר איר צוקונפט — אט דאס איז דער מיין פון אונדזער אויפפאסונג. — וואטאן איז געווען פאראינטערעסירט, אבער ער האט מוסיף געווען: אלץ וואס איז געשען אין רוסלאנד, האט געמוזט אזוי זיין...

מען האט אונדז פריינדלעך ארויסבאגלייט. אהיים קיין ניו־יארק זיינען מיר געפארן זאלבעדריט: מיט די ביידע בראנס. דא האב איך דערהערט אז פרוי בראון איז א געבוירענע פון ווילנע, אז זי האט געהערט אין די אמאליקע יארן צו די ערשטע סאציאליסטן פון ווילנע, אז זי איז אין פאריז אין יאר 1893 געווען נאענט צו די קרייזן פון לאווראוון און די נאראדאוואלצעס. האט עס געקענט געבן א בעסערע קרובהשאפט צווישן אונדז? און ווי מאדנע מענטשן טרעפן זיך צונויף דא, אין ניו־יארק!

מיסטער בראון האט געשמייכלט. „און ווייסט איר טאקע ווי מיר האבן זיך צונויפגעטראפן? איך האב געלייענט אין בלאט וועגן אייך. און דא אין ראקאוו האבן זיי געוואלט פארבעטן א לעקטשורער. עפעס אן אנדער פערזאן... האב איך זיי צוגערעדט: רופט דעם ד״ר שטיינבערג. האבן זיי עס געטאן. זעט, איר זאלט זיך ניט פארקילן”. מיסטער בראון האט זיך גענעבן א הייב פון ארט און איז נעלאפן צומאכן א טיר דורך וועלכע ס׳האט געבלאזן א ווינט.

די בראנס האבן מיך באגלייט אין שטאט ביז צו מיין טיר. פאר וואס עפעס? איך קען שוין דעם וועג. „ניין, איר האט ביי זיך געלט —

י. נ. שטיינבערג

האָט מיר שטילערהייט אריינגערוימט באַראָן — עס קאָן זיין אַ האָלד־אָפּ. ביי אונדז שטעלט מען אָפּ אויפן גאַס און מען נעמט צו. מען ברענגט אין די ביינער אויך נאָך". זיי האָבן מיך צוגעפירט, און גענומען ריידן — אויף ענגליש — מכוח אַן אַנדער דירה פאַר מיר. אין אמתע פריינדשאַפט צווישן אונדז איז געשלאָסן געוואָרן היינטיקע נאַכט. פון דעם ניו־יאָרקער יידישן ים האָט זיך דערהויבן אַ מענטשלעך־טריי געזיכט. איך האָב זיך דערפילט צום ערשטן מאָל היימישער.

אַ לעקציע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע

15־טער יאַנואַר.

היינט אָוונט לייען איך די ערשטע לעקציע פֿון מיין סעריע איבער דער רוסישער רעוואָלוציע. די רענד־סקול וווּ איך וועל אויפֿטרעטן ליגט נישט ווייט פֿון דער וווינונג פֿון באָריטשן. האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז איך וועל דאָרטן — אַ שעה פֿאַרן אָוונט — זיין צו גאַסט, און טאַקע צוגרייטן זיך צו דער לעקציע. צו באָריטשן בין איך געגאַנגען אַ ביסל צו פֿוס. ס'איז געווען זונטיק — און אויף די גאַסן גאָר שטיל, נשתומם צו ווערן. דער ליאַרעם וואָס איז פּלוצים פֿאַרשוווּנדן, האָט דערמאָנט ווי עפּעס אָן אַ מעכטיקן ריז וואָס האָט אויף אַ טאָג איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אָט וועט ער מאָרגן אַרויסשפּריצן מיט אַ נאָך שטאַרקערן ליאַרעם. איך בין אַרויף אויף דעם יוניאָן־סקווער. אויף דעם פּלאַץ קאָכט און זידט אין אַ וואָכן־טאָג ווי אין אַ גהינום. היינט איז געווען לײדיק ווי אויפֿן מאַרק־פּלאַץ שבת אין אַ קליין־שטעטל. איינצלנע פֿאַרפּוצטע מענטשן האָבן זיך באַוועגט פּראָווינציעל־שטיל, אָן אימפּעט. מיר דוכט זיך אַפֿילו: מיט פֿאַרלייגטע הענט האָבן מענטשן פֿאַרריסן די קעפּ, געלייענט די שילדן, געציילט די עטאַזשן. נאָך אַ ווײַלע, און אַ ציג וואָלט זיך באַוויזן היימיש אויפֿן פּלאַץ.

אָט איצט טאַקע, בעת די פֿילשטאָקיקע הייזער זיינען ניט פֿאַרשטעלט פֿון די מענטשן אין גאַס, קען מען זיך צוקוקן צו די אויסטערלישע געביידעס. איך האָב גאָר קיין געשמאַק נישט צו די דאָזיקע וואָלקנקראַצערס. זיי שטייען טאַקע אויסגעצויגן צום הימל, פֿאַרקערפּערן עפּעס אַ גרויסאַרטיקייט. פֿונדעסטוועגן איז עס אַ „געמאַכטע", אַ נישט־אָרגאַנישע גרויסאַרטיקייט. די עטאַזשן ליגן איינער אויפֿן אַנדערן ווי קעסטלעך פֿון שוועבעלעך ביי קינדערשע שפּילן. איין קעסטעלע איז גלייך ווי דאָס אַנדערע, איין עטאַזש — צו דעם אַנדערן. ס'איז אַ מעכאַנישער צונויפֿלייג פֿון שטיינער און ציגל. דער אויבן וואַקסט נישט און בליט נישט ווי אַ בלום וואָס ציט זיך צום הימל מיט אַלע פֿרישערע צווייגן. יעדער העכערער שטאָק איז פּונקט אַזוי שטייניק, האָט פּונקט אַזוי פֿיל פֿענצטער־אויגן וויפֿיל דער אונטערשטער שטאָק. ס'איז ניטאָ קיין שעפּערישע עליה אין דער דאָזיקער

בלומרשטער הויכקייט. אַט האָט מען אין די פריערדיקע צייטן געבויט, — אַ יאָרהונדערט לאַנג — קירכעס, טעמפּלען, ראַטהייזער, סינאַגאָגעס — און אין יעדן נייעם שטאָק, אין יעדן נייעם קנייטש, אין די טורעמס, די קאַרניזן, די סטאַטועס האָט געשפּילט מענטשלעכע פאַנטאַזיע, התלהבות, אמונה. האָט מען טאַקע די געביידעס אָנגערופן פאַרשטיינערטע מוזיק און אמונה. אין די מאַשינעל־אויפגעבויטע, גראַדליניק־קעסטלדיקע בנינים איז ניטאָ קיין וואַקסנדיקע קראַפט. דאָ ווערט גאָר נישט געבויט. די וואָלקנ־קראַצער זיינען לאַנג, אָבער נישט הויך.

דער אַמעריקאַנער האָט עס אפשר דערשפּירט. האָט ער גענומען צו־געבן חן, פאַרשיידנאַרטיקייט, שפּילעוודיקייט צו די מויערן. דוכט זיך, אויף דעם זעלביקן יוניאָן־סקווער פּליט אַרויף שלאַנק אין דער הויך אַ געביי מיט אַ מאָגערער טאַליע. ער פינקלט מיט טויזנטער פענצטער און שטייט ווי אויסגעדרייט מיט אַ האַלבן פּנים צו דעם פּלאַץ. דאָס איז שיין און באַ־צויבערנדיק, באַזונדערס אויף דעם דאָזיקן געשעפטפּלאַץ. מען בויט די וואָלקנקראַצערס אויך מיט אַנדערע קנייטשן. מען בויט אַזוי אַז אויף דער הייך פון אַ 15־20 עטאַזשן טרעט אָפּ פּלוצים דער בנין אויף צוריק. עס בילדעט זיך אַ טעראַסע, אַ פרייער פּלאַץ. און אַט אַזוי הייבט זיך דער מויער ווי אין אַ טרעפּנגאַנג אַלץ אַרויף, אַלע 5־10 עטאַזשן ווי אַ נייער טרעפּ. אין די גאָר רייכע גאַסן פאַרענדיקן זיך אָפטמאָלס אַזעלכע געביידעס מיט אַ גרויסאַרטיקן קופּאָל, מיט אַ שפּיציקן טורעם, ווי אויף קירכעס. אין אָוונט ווערן אַזעלכע הייזער פאַנטאַסטיש באַלויכטן. פאַרבאָרגענע עלעקטרי־שע לאָמפּן באַלייכטן מיט פאַרביקע טײַנער די אויבערשטע עטאַזשן, בעת די שווערפעליקע אונטערשטע שטעקן אין פינצטערניש. עפּעס ווי אַ געהיימ־ניספולער פּאַלאַץ פון קינדערשע מעשיות פינקלט דעמאָלט אַרויס דער וואָלקנקראַצער פון דער אַרומיקער נאַכטיקער סביבה.

און פונדעסטוועגן בלייבט דער דורכשניטלעכער וואָלקנקראַצער דאָס וואָס ער איז. אפילו ווען ער באַקרוינט זיך מיט דעם שטאָלצסטן טורעם, ווערט ער נישט קיין טעמפּל. מער נישט ער טוט אָן אויף זיך אַ טייערע היטל. ווען זיי נעמען אָן די געשטאַלט פון אַ קירך, הערן זיי אויף צו זיין אייגנאַרטיק, זיינען זיי גאָר נישט מחדש. גרעסערע און הערלעכערע האָט געזען די אַלטע אייראָפּע. די געביידעס פון אייראָפּע האָבן געטראָגן אין אייביקייט אין זיך, מען האָט זיי געבויט פאַר דער אייביקייט. אַ וואָלקנ־קראַצער איז אָבער אַ בנין וואָס קען ווערן אָפּגעקראַצט פון דער ערד פּונקט אַזוי שנעל ווי ער ווערט אויפגעבויט. די מאַשינעס וואָס ריכטן אים אויף אויפן מעכאַנישן אופן, שיטן אים פונאַנדער אויך אַזוי גוט און מעכאַניש.

(אין אמעריקע פאַרשווינדן הייזער דורך נאַכט פונקט אַזוי וווּנדערלעך ווי זיי ווערן געבוירן).

ווער מען זאָגן: די דאָזיקע לויטן־געבײַידעס האָבן אַ תכלית. דאָ קען מען באַזעצן מחנות מיט מענטשן, אין די בעסטע באַדינגונגען. דער גרויסער פּאַרנעם פאַרביליקט די אויסגאַבן. איז עס אין אַ געוויסן זין ריכטיק. און פונדעסטוועגן זעט מען דווקא דאָ די מערקווירדיקע דיאַלעקטיק פון דער ציוויליזאַציע. זי ברענגט אַרויס — דורך אַלץ שטייגנדיקע דערפאָלגן — עפּעס גוואַלטיקעס וואָס פאַרכאַפּט דעם מענטשלעכן אָטעם. און אין אַ צייט אַרום הייבט זיך שוין אָן די אַנטוישונג און די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט נאָך פּשטות. פון די וואָלקנקראַצער, פון די געמויערטע וווּנדער ציט זיך דער אַמעריקאַנער צו אַן איינפאַכער שטוב, צו אַ שטילן הייזל אָן אַ זייט, אין דער „קאַנטרי”. דאָרטן, אין דער פּרימיטיווער סביבה, האָפט ער ווידער ווי ניט איז צוריקצוקערן צו זיך, דערפרישן אין זיך דעם אַרויסגעשטויסענעם איך. אין די אומגעלומפּערט־הויכע געבײַידעס וויל ער פירן געשעפט. זיך אויסלעבן וויל ער אין הייזער וואָס נידעריקער.

נישט נאָר דאָ שטויסט זיך אָן די ציוויליזאַציע אָן איר גרענעץ: אויך ביי דעם גאַסן־פאַרקער איז אַזוי. אַמעריקע האָט די גרעסטע צאָל אויטאָס פון דער וועלט. די גאַסן זיינען ממש פאַרפלייצט מיט די אויטאָס. דוכט זיך, מענטשן דאַרפן טראָגן זיך אין דעם רוים ווי פייגל. און וואָס שטעלט זיך אַרויס? מענטשן באַוועגן זיך שווער אין זייערע אויטאָס. דווקא אין דער צייט ווען זיי האָבן עס איילִיק, פאַרלירן זיי איבעריקע צייט אויפן וועג. ווי אַזוי? ווייל די גאַסן קענען נישט אַריינגעמען אַזוי פיל באַוועגונג מיט אויטאָס. ווייל אַלע פאָר מינוטן שטעלט זיך אָפּ אויטאָמאַטיש אויף די עקן פון גאַס די אויטאָמאָביל־כוואַליע, כדי דורכצולאָזן די פוסגייער. אויב איר איילט זיך ווו ניט איז צו אַ באַשטימטער מינוט, ווערט איר אין די באַלעבטסטע גאַסן און שעהן פאַרזאַמען. וואָס טוט מען אַז דער שטאָלענער וואָגן רירט זיך ניט פון אָרט? אָדער מען מוז אַריינשפּרינגען אין דעם סאָבוויי וואָס שפּרייזט אונטער די גאַסן אָדער... מען מוז גיין צו פוס.

אַרויסשפּרינגען פון אויטאָ כדי צו דערגרייכן צו פוס — איז דאָס ניט אַ שפּרונג פון דער ציוויליזאַציע אויף צוריק, צום פּרימיטיוו, צום געמיטלעכן בעל־עגלה?

און נאָך אַ געביט, וווּ מען ציט זיך צו פּשטות: דרוקעריי. עס זיינען געווען אַמאָל יעראָגליפן, קליינע בילדלעך מיט וועלכע מענטשן האָבן זיך פאַרשטענדיקט בכתב. אויסדזערע אותיות, די אַבסטראַקטע באַצייכענונגען זיינען אויסגעוואַקסן פון די פּרימיטיווע בילדער־סימבאָלן. די אַנטוויקלונג פון קולטור האָט געבראַכט דאָס געדרוקטע בוך און די צייטונג. אין אותיות

האָט מען געקענט אויסדריקן ווערטער. פֿונדעסטוועגן ווערט אַמעריקע פֿאַר־פֿלייצט אַלץ מער מיט בילדעלעך, מיט פֿאָרטרעטעלעך, מיט קאַריקאַטורן אין די צייטונגען. נישטאָ קיין צייט צו לייענען, אַריינטראַכטן זיך. דאָס בילדל זאָל ווי אַ בליץ אַנטפּלעקן יעדן ענין, אַלע פּראָבלעמען. דער טעקסט טרעט אָפּ אַלץ מער אָן אַ זייט. די צייטונג זאָל — פּונקט ווי דער קינאָ — באַפֿרייען פֿון וואָרט. די סאַמע פֿאַרשפּרייטסטע ביליקע צייטונג אין ניו־יאָרק איז, דוכט זיך „עקספּרעס". זי אַרבעט הויפּטזעכלעך מיט בילדער. בכלל אַלע צייטונגען האָבן אַן אָפּטיילונג פֿון חכמות און „קאָמיקס" וווּ עס ווערן געמאָלן קאַריקאַטורישע מענטשעלעך און עס ווערן דערציילט וועגן זייער קינדערשע וויצן. איך האָב שטענדיק געזען ווי מענטשן אין די סאַבווייס כאַפּן זיך פֿאַר די בילדער, קוויקן זיך מיט די נאַרישע קאַריקאַטורן און זאַלץ און אָן פּעפּער. מען זאָגט אַז דער אַמעריקאַנער איז בטבע אַ קינד. אָט טאַקע אין דער יאָגעניש נאָך בילדלעכער פּשטות דריקט זיך אויך אויס זיין קינדישע נאַטור. די דאָזיקע אַנטוויקלונג אויף צוריק צום פּרימיטיוו איז אַ סימן פֿון דער היינטיקער ציוויליזאַציע. מען וויל אַנטלויפֿן פֿון איר צו דער איינפֿאַכקייט פֿון לעבן און פּילן. פֿון וואָלקנקראַצער, פֿון אויטאָ, פֿון געדרוקטן וואָרט צו איינפֿאַכקייט.

און צו דעם וווּנדער פֿון ציוויליזאַציע קומט מיט אַ מאָל צו אַ נייער וווּנדער. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וואָס בויט, לויט איר רייד, אַ פּרינציפּיעל־נייעם אַרט מענטשן־לעבן, כאַפּט זיך אָן מיט דעם גרעסטן אימפּעט דווקא אָן דער טעכנישער ציוויליזאַציע. די באָלשעוויקעס טראָגן אין זיך אָן עכטן יראת־הכבוד פֿאַר די אַמעריקאַנער. וואָלטן זיי זיך ניט געשעמט, וואָלטן זיי אַזוי פֿאָרמולירט דעם לאָמוניזם: לענין־אַמעריקאַניזם. דער אַמעריקאַניזם ציט זיי צו, ראשית כל, מיט די מאַכט־קוואַלן וואָס ליגן אין זיין טעכנישער גדולה. ניט די פּערספּעקטיוון פֿון גייסטיקער רייכקייט און מאַטעריעלער שיינקייט פֿון אַזאַ טעכנישער קולטור ציען זיי צו. וואָלטן זיי געהאַט אין זינען אָט די פּערספּעקטיוון, וואָלטן זיי דערזען די גרעס־נעצן פֿון אַזאַ ציוויליזאַציע, דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם אומעט, וואָס שטעקט אין איר. זיי אָבער, די רוסישע אַמעריקאַנער, חלומען וועגן אַ ניו־יאָרק וואָס וועט זיך צעלייגן איבער גאַנץ רוסלאַנד, וועגן וואָלקנקראַצערס און אויטאָס, וועגן מיליאַרדן געדרוקטע אַגיטאַציע־פּאַפּיר. דאָס איז אַ סאָציאַליזם, וואָס איז מקנא דעם קאַפּיטאַליזם, אָבער קען אים ניט איבערווינדן.

...צו מיין היינטיקן רעפֿעראַט איז געקומען אַ פֿיינע צאָל מענטשן. ס'איז געווען ווייניקער ווי צום „ברוך־הבא"־אָוונט, אָבער גענוג פֿאַר אַן אָוונט, וווּ עס האָט זיך געדאַרפֿט האַנדלען וועגן טעאָריע און געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. „430 מענטשן האָבן באַצאָלט פֿאַר טיקעטס.

פון זיי אַן ערך 100 האָבן גענומען טיקעטס פאַר דער גאַנצער סעריע לעק־טשורס" — אַזוי האָבן מיט הנאה מיטגעטיילט די פריינד. עס וועט מיר אַלזאָ געלינגען פונאַנדערוויקלען פאַרן ניו־יאָרקער עולם אונדזער אויפפאַ־סונג פון די רוסישע געשעענישן. וואָס קען מען זיך ווינטשן מער? די פאַר־זאַמלונג עפנט ד"ר עלסבערג און זאָגט דערביי עטלעכע ווערטער. „ס'איז וווּנדערבאַר אַז אַ מענטש וואָס האָט דאָ נישט קיין אָרגאַניזאַציע, איז גע־קומען צו פאָרן און האָט גלייך פאַראייניקט אַזוי פיל מענטשן, רופט צו־נויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. אפשר איז עס אַן אָנהייב פון אַ נייעם פעריאָד אין אונדזער צעשפּליטערטן לעבן דאָ". צו מיין רעפעראַט וועגן דער עפּאָכע פון קערענסקי האָט די אוידיטאָריע זיך צוגעהערט מיט טיפער אויפמערק־זאַמקייט. אַזאַ מין באַציונג גיט צו כוחות יעדן רעדנער; עס ווילט זיך דעמאָלט געבן וואָס מער מאַטעריאַל, אַרויסגעבן פון זיך אַלץ. איך האָב געזען ווי דער עולם האָט אַקטיוו מיטגעלעבט מיט דעם באַריכט. איין מאָ־מענט איז מיר געבליבן שטעקן אין זכרון. איך האָב דערמאָנט די דראַ־מאַטישע אסיפה פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד, אונטערן פאָרזיץ פון קערענסקי, אין גרויסן טעאַטער אין מאָסקווע, אין יוני 1917. אויבן אין דער טעאַטער־לאָזשע פון דער לינקער זייט איז גע־זעסן די פירערשאַפט פון די הויכע גענעראַלן און קאָזאַקן, צווישן זיי דער קאָזאַקן־גענעראַל קאַלעדין. קערענסקי, וואָס האָט שוין געהאַט ידיעות וועגן דער באַלדיקער מרידה פון די גענעראַלן, האָט זיך דעמאָלט אין זאַל גע־ווענדעט צו זיי. מיט אויפגעהויבענע אויגן און הענט האָט ער זיי באַ־שווירן, צוגערעדט... אינסטינקטיוו האָב איך איצט אין ניו־יאָרקער זאַל אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער הויכער גאַלעריע פון לינקס און עפּעס ווי איינגעטענהט מיט איר. האָט אויך דער גאַנצער עולם גענומען קוקן פאַרחדושט אַהין — און די יידן, וואָס זיינען געזעסן דאָרטן אויבן, האָבן זיך גענומען פילן אומהיימלעך. איך ווייס ניט גענוי ווער איז געווען דער עולם פון מיינע פאַרזאַמלונגען, אָבער איך נעם אָן אַז אַ גרויסער טייל עולם האָט געהאַט אַן אינערלעכן אינטערעס צו דער זאַך. די אָפיציעל אָרגאַניזירטע קאָמוניסטן האָבן זיכער אונדז אויסגעמיטן, אָבער אין ניו־יאָרק זיינען שוין געווען הונדערטער מענטשן, פּאַרזונקענע אין ספקות, ראַדיקאַל און פונדעסטוועגן אויס־קאָמוניסטיש. עס האָט געלוינט צו ריידן פאַר זיי.

צוגאַסט ביי דוד פּינסקי

16־טער יאַנואַר.

צו מיטאָג אין רעסטאָראַן האָט זיך צו מיר צוגעזעצט מיסטער ווערניק, דער גרייז־גרויער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־זשורנאַל". ער בעט איך זאָל קומען צו זיי אין „חברותא" דעם נאָענטסטן מיטוואָך. חברותא איז אַ געזעלשאַפט פון „אונדזערע יידן", ד"ה פון פרומע באַלעבאַטישע יידן פון יענער זייט ים, וואָס האַלטן זיך אָן דעם ביסל לומדות און השכלה וואָס מען האָט מיטגענומען מיט זיך. קלייבט מען זיך איין מאָל אַ חודש צו אַן אָוונט־ברויט, מען פאַרבעט אַ גאַסט פון די וואָס ווײַלן גראָד אין אַמעריקע. מען פאַרברענגט מיט אים גייסטיק. „אָט האָבן מיר געהאַט נישט לאַנג ד"ר ווייצמאַן, דעם מאָלער הערמאַן שטרוק, פּראָפעסאָר שנייערסאָן". ס'איז אָפּגעמאַכט אַז קיינע אַפּילם צו געלט מאַכט מען דאָ ניט (אַ ניט וועט מען נישט קומען). ס'איז אַזאַ גייסטיקע חברותא... — יאָ — ענטפער איך ווערניקן — אָבער וואָס פאַר אַ טעמע קען איך באַהאַנדלען פאַר אַזאַ עולם? ער ענטפערט: „איר אַליין זייט די טעמע. קיין אַפּילם מאַכט מען טאַקע דאָרטן נישט, אָבער דער אָדער יענער פון די געסט וועט אפשר וועלן אַ העלף טאָן אייערע פּראָיעקטן". האָב איך איינגעשטימט... צו ד"ר מערי־סאָן בין איך היינטיקס מאָל אַריין דורכצורייד־ן זיך וועגן דעם ניו־יאָרקער פּאָליטישן רויטן קרייץ. עד־היום קען איך נישט צוקומען צו אים. קענטיק, געוויסע קרייזן ווילן נישט צו לאָזן. צו ד ע ם דאַנערשטיק האָט די געזעלשאַפט ענדלעך מיך איינגעלאַדן. וואָס פאַר אַ טאַקטיק דאַרף איך אָננעמען בנוגע אים? מעריסאָן עצהט מיך אַז איך זאָל זיך צונויפריידן מיט דעם רויטן קרייץ, אַרבעטן מיט אים צוזאַמען. דאָס איז דער איינציקער קוואַל פון געלט־מיטלען פאַר די געפאַנגענע. איך ענטפער אים: ס'איז ניט דער איינציקער קוואַל... אויב דער רויטער קרייץ וועט די לינקע ס"ר ווידער באַהאַנדלען ווי אין די פריערדיקע יאָרן, קען ניט זיין קיין צונויפרייד...

אין אָוונט זיינען מיר מיט ה' פראַנק געפאָרן צו גאַסט צו דוד פּינסקי. מען ווערט גוט אויסגעמאַטערט פון דעם ניו־יאָרקער טאָג־לעבן. זיצט מען האַלב צעבראָכן אַפילו צו גאַסט. ס'איז נישט שיין, מוז מען זיך אָנטאָן אַ

כוח. דוד פינסקי איז אַזוי פריינדלעך. אין זיין דירה הערשט אַזאַ רו און אָרדנונג. קינסטלערישע בילדער אויף די ווענט, אַ סך ביכער אַרום. עפּעס זיינען מיר ניט געווינט צו אַזאַ מין סטאַביליזירטן סדר ביי אַ דיכטער. פאַר וואָס אייגנטלעך פאַרגינען מיר עס אים ניט? ווייל מיר האָבן זיך צו־רעכטגעמאַכט אַן אייגענע פאָרשטעלונג פון אַ „דיכטער", אַ „משורר בישראל", און מיר האָבן פּאַראיבל אויב דער לעבעדיקער שרייבער ווייכט אָפּ אויף אַ האָר? מוז יעדער אַמעריקאַנער שרייבער זיין ווי וואָלט וויטמען, ווי דזשעק לאָנדאָן? וויפיל באַגייסטערטע שריפטשטעלער האָבן אומעטום אין דער וועלט געשטעקט אין רויק־מסודרדיקע מענטשן... פינסקי איז יום־טובדיק אָנגעטאָן, ער גייט אַרום אויף די שפּיץ פינגער, ער האָט באמת הנאה פון די געסט, פון דעם אָוונט. איך בעט ביי אים זכרונות, בריוו פאַר די בעל־מחשבות־ווערק, און ער דערציילט מיר מיט אַ שמייכל זיין וויכ־טיקסטע דערינערונג. דאָס ערשטע וואָס בעל־מחשבות האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַלס אָנפאַנגער, האָט ער געשיקט אין אַ זשורנאַל פון דוד פינסקי. און פינסקי האָט עס געמוזט אָפּזאָגן, ס'איז געווען ניט גענוג רייף. — וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ זאַך? — ס'איז געווען עפּעס אַ סקיצע וועגן יידישן לעבן. — ווי אַלט זייט איר היינט? — וואונדער איך מיך — אויב איר זייט געשטאַנען ביי דער ליטעראַרישער וויגל פון בעל־מחשבותן!

פינסקי שאָקלט זיך מיט זיין עלעגאַנטער פיגור אויף די שפּיץ פיס און שווייגט שמייכלענדיק.

נאָכן אָוונט־עסן שפּילט זיין טאָכטער אויפן פּיאַנאָ. פינסקי באַקענט מיך מיטן אַמעריקאַנישן פאַרלעגער היבש, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ רייַ ראַדיקאַלע ווערק. דאָס איז אַ הויבוולקסיקער, בלאָנדער, פאַרטראַכטער אינ־טעליגענט מיט אַ דייטשן אויסזען. ער פאָרט אָפּטמאָלס קיין אייראָפּע, ער האָט סימפּאַטיעס מיט סאָוועט־רוסלאַנד. די דאָזיקע סימפּאַטיעס זיינען פאַרשוומען, בלינד, ווי ביי אַלע אייראָפּעישע אינטעליגענטן, וואָס זוכן אַן אָנשפּאַר ווו ניט איז. זיי קוויקן זיך מיט די ווייטע געשטאַלטן פון אַ לענין און טראָצקי. איך נעם דערציילן דעם עולם מיינע דעראינערונגען פון אָט די מענטשן. זיי זיינען קאָמפּליצירטער איידער זייערע ליטעראַרישע סילועטן. אַ זעלישע נאָענטקייט נעמט אונדז אַרום. די שטייפקייט פון אָוונט ווערט אַ ביסל פאַרשוווּנדן.

צוריק זיינען מיר געפאָרן מיט היבשן. ער און זיין פרוי זיינען אַ ביסל טרויעריק. זיי ציען זיך צו אייראָפּע. זיי ווילן ניט געבן זייערע קינדער אַן אַמעריקאַנישע דערציונג. מיר ריידן אָפּ צו טרעפן זיך. אפשר וועט ער קענען אַרויסגעבן מיינע דעראינערונגען.

ד׳־טער יאַנואַר.

הײַנט איז בײַ מיר אַ װיכטיקער טאָג. דער מעכאַניזם פֿון מײַן אַרבעט באַקומט אַ נײַע ריכטונג. ביז איצט איז אײגנטלעך ניט געװען קײן אָרגאַניזאַציע; ס׳איז געגאַנגען פֿון זיך אַלײן. הײַנט האָב איך זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ מענעדזשער. דער ה׳ סלוצקי פֿון די רעכטע סר״ן האָט טאַקע נישט אײַנגעשפּאַנט זיך אין מײַן זאַך. אָבער זײַן פֿרוי — עמילי סלוצקי — האָט עס איבערגענומען. זי איז אײגנטלעך אױך אַ ס״ר פֿון אַלטן שניט, אָבער מיט װאָס פֿאַר אַן ענערגיע זי נעמט זיך פֿאַר דער אַרבעט! זי זאָגט: זי װיל אַזױ אַרום געװוי באַקענען זיך מיט אונדזער באַװעגונג. על כּל פּנים װעט זי אָפּגעבן זיך ניט מיט דער באַװעגונג, נאָר מיט הילף פֿאַר געפֿאַנגענע. זי איז יונג, בײַנעװדיק, לעבנסדערפֿאַרן. שאָטנס פֿון פֿאַרבאָרגענעם אומרו פֿליען אָפֿט דורך איבער איר בלאַסן, שמאָלן געזיכט. זי קען זיך אױפֿמערקזאַם צוהערן צו אידען, און זי בלײַבט בעת מעשה אַ געשעפֿטמענטש. זי איז מער װי אַ מענעדזשער. זי האָט תּיכּף דערזען װי שלעכט עס איז מײַן דירה. זי נעמט זיך אונטער שאַפֿן פֿאַר מיר אַן אַנדער פּלאַץ, נעענטער צום ייִדישן ישוב, אַ צימער מיט אַ פֿולער באַדינונג. דאָרטן מוז מען שאַפֿן אױך אַ ביוראָ, כּדי צו פֿאַרבינדן זיך מיטן לאַנד. מען מוז קריגן באַשטעלונגען אױף מײַנע לעקציעס אין לאַנד, אין דער פּראָװינץ. מיר האָבן ־שױן פֿאַרזאַמט צײַט. ה׳ סלוצקי האָט אין די זאַכן דערפֿאַרונג. זי זאָגט: מען האָט בכלל אָנגעהױבן מײַן קאַמפּאַניע פֿאַלש. דער ברוך־הבאָאָװנט האָט ניט געטאָרט זײַן אין רענד־סקול. ס׳איז אַ צו קלײנער אָרט. עס האָט געדאַרפֿט זײַן אַ זאַל װעלכן מען קאָן „אָנפֿילן״ מיט אַ פּאָר טױזנט מענטשן. אין אַמעריקע איז דאָס װיכטיקער פֿון אַלץ. און מען האָט געדאַרפֿט תּיכּף פֿאַרשאַפֿן מיר אינטערװיוס מיט דער גרױסער ענגלישער פּרעסע. בעת דאָ איז געװען קערענסקי, האָט מען טאַקע אַזױ געאַרבעט. אמת, פֿאַר אים האָבן זיך געלײגט אין דער לענג און דער ברײט אַלע „אונדזערע״ ס״ר און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. א י ר זײַט דאָ אַלײן, פֿון אַלע זײַטן שטערט מען אײַך. איך װײס דאָס געװוי (דאָס האָט מיך אױך באַװוּיגן צו נעמען זיך פֿאַר דער אַרבעט) אָבער אױך איצט קען מען אַ סך אױפֿטאָן...

איך בין זײער צופֿרידן װאָס כמעט אַן אײגענער מענטש װעט שטײן בײַ דער זײַט. עס װערט אָבער קלאָר אַז פֿון אַמעריקע װעל איך שױן ניט אַװעקפֿאָרן אַזױ גיך װי געמײנט. פֿריִער פֿאַרן 15־טן פֿעברואַר קען מען גאָר נישט טראַכטן אַרױסצופֿאָרן פֿון ניו־יאָרק. און דאָ האָב איך בריװ פֿון מײַנע פֿרײַנד אין שיקאַגאָ. זײ רופֿן מיך אָפּשטעלן זיך בײַ זײ אַ צװײ־דרײַ־פֿיר װאָכן. זײ זײַנען דאָך אײגנטלעך מײַנע ערשטע פֿרײַנד אין אַמעריקע. װאָלט די שיף „מאַװריטאַניע״ געקענט אַרײַנפֿאָרן לכתּחילה אין „האַפֿן״

פון שיקאגא, וואלט איך געדארפט דארטן זיין פון אנהייב אן. און ווו זיינען די אנדערע שטעט? פילאדעלפיע, דעטראיט, וויניפעג? עפעס וויל מען דאך זען אין אמעריקע אויך.

היינט אין אוונט איז די ערשטע זיצונג מיט די הינע לינקע־געשטימטע ס״רן. איך ווארט מיט אומגעדולד אויף דער באגעגעניש. אפשר וועלן עס זיין נאענטע מענטשן? דערווייל איז היינט אפגעדרוקט אין „מארגן־זשורנאל" א משונהדיקע טעלעגראם פון ריגע: אין דער „פראוודא" זאל זיין אן ארטיקל אין וועלכן מען רופט לינקע ס״ר און בפירוש מיך קיין רוסלאנד. דאס איז א נארישע ידיעה, אבער ס׳איז א רעקלאמע פאר מיין ארבעט דא. סלוצקאיא ווייזט מיר אן אויף דעם. אן שטענדיקע פובליסיטי קען מען דא א שריט ניט מאכן. א סך מער הנאה און טאקע גוטע פובלי־סיטי האט מיר געבראכט א נומער פון דער „קאמסאמאל־פראוודא" וואס מען האט מיר צוגעשיקט פון בערלין. צום צעניאריקן „יום־טוב" פון דער גרינ־דונג פון דער טשעקא האט איינער פון אירע ערשטע מלאכי־חבלה — פעטערס — אפגעדרוקט אן ארטיקל. און דא פארצייכנט ער מיט כעס וויפיל שברי־לב די לינקע ס״ר — און באזונדערס איך — האבן זיי פאר־שאפט דעמאלט. מיר האבן נישט צוגעלאזן צו טויט־שטראפן. ערשט אז מיר זיינען אוועק פון דער רעגירונג, האט „דער עכטער באלשעוויזם גענו־מען דעם ריכטיקן שוואונג". פעטערס האט נישט געקענט צוטראגן קיין בע־סערע מתנה צו מיין רייזע.

...אז איך בין אין אוונט געקומען צופארן אין דער דירה פון ח׳ ווילנער, האב איך דארטן געפונען א גרופע ס״ר וואס שטייען אויפן לינקן פליגל. זיי זיינען געווען צווישן זיך פארבונדן פריינדשאפטלעך און אי־דעיש. מיט איניקע יארן צוריק האבן זיי זיך אפגעטרייסלט פון דער אפי־ציעלער ארגאניזאציע פון ס״ר אין אמעריקע. ס׳איז געווען אין דער צייט פון די אינטערווענצן אויף סאוועט־רוסלאנד. א טייל פון די ס״ר, פאטריא־טיש פארשיכורט, האט אונטערשטיצט די אינטערווענץ, און דאס האט זיי אוועקגעשטעלט אין איין פראנט מיט די רעאקציאנערע כוחות אין אמע־ריקע. דעמאלט האבן א גרופע ס״ר (כמעט אלע פון די וואס זיינען היינט געקומען צו דער זיצונג) פארעפנטלעכט אין דער רוסישער פרעסע א פראָ־טעסט־דערקלערונג און זיינען ארויס פון דער ארגאניזאציע. זיי זיינען אבער ניט אריבער צו די באלשעוויקעס. צו שטארק האט אין זיי געלעבט די טראדיציע פון דער ס״רישער אידעאלאגיע. און היות ווי קיין פארבינ־דונג מיט די לינקע ס״ר האבן זיי אויך ניט געהאט, — זיינען זיי ממילא געבליבן יחידים, א גרופע יחידים, מיט אומבאשטימטע פערספעקטיוון. דאס אמעריקאנער לעבן, די רייסענישן צווישן „רעכטע" און לינקע" ביי די

יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן נישט געקענט צווינגען זיי אָנצונעמען באַשטימטע פּאָזיציעס. ווער זיינען זיי היינט? נישט רעכטע, נישט באָלשעוויקעס, אָבער צי איז דאָס לינקע ס״ר?

אין דער היינטיקער פאַרפּלאָנטערטער אידעאָלאָגישער וועלט איז עס בכלל אַ גרויסע מעלה צו שטעלן זיך קעגן דער כוואַליע פון באַלעבאַטישן סאָציאַליזם: סיי עסערישן סיי סאָציאַל־דעמאָקראַטישן. דאָס איז אָבער נאָר איין עטאַפּ ביי דער אויסבילדונג פון אַ רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט. נאָך אַ גרעסערע מעלה איז דער צווייטער עטאַפּ: דער ווידערשטאַנד קעגן דער באָלשעוויסטישער כוואַליע. נישט „אַנטי־באָלשעוויזם״ ווי אַזעלכער איז די מעלה, ווייל דאָס איז היינט ביליק און באַפרייט פון יעדער אחריות. אָבער אַנטי־באָלשעוויזם אויפן יסוד פון אַנטי־רעפאָרמיזם, פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע איז אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסט. און פונדעסטוועגן איז נאָך דאָ דער דריטער, דער וויכטיקסטער עטאַפּ: די פּאָזיטיווע וועלט־אָנשויאונג פון קאַמף. ס׳איז וויכטיק נישט נאָר דער סור מרע, נאָר דער עשה טוב. אין דער פּאָזיטיווער וועלט־אָנשויאונג ליגט אַ סך מער איידער קאַמף קעגן די אַלטע וועלט; ס׳ליגט אין איר אויך אַ קלאָרע און דורכזיכטיקע פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישן בויען. דער לינקער ס״ר איז אַ סך מער איידער נישט־רעפאָרמיסט און נישט־באָלשעוויק. ער טראָגט אין זיך דעם פּאָזיטיוון דראַנג איבערצואַנדערשן שפּעריש די אַלטע וועלט, צו לייגן תיכף די יסודות פון אַ נייער מענטשן־וועלט. ס׳איז ביי אים אַ „וועלט־אָנשויאונג״; אָבער די טעאָרעטישע חכמה מוז אַריינדרינגען ביי אים אין זיין פּסיכאָלאָגישן גוף, ווערן ביי אים ווי אַ לעבנס־קאָנקרעטע וויזיע. דעמאָלט איז זיין נשמה דורכגעזאַפּט מיט גלויבן, מיט לעבנס־לוסטיקן אָפּטימיזם, מיט יוגנטלעכקייט. דעמאָלט ווערט זיין נשמה נישט פאַרביטערט אפילו דורך דער ביטערסטער קריטיק פון קאַפּיטאַליזם און זיינע ביידע שותפים: רעפאָרמיסטן און באָלשעוויקעס. ס׳איז טאַקע נישט קיין צופאַל וואָס אין רוסלאַנד האָט זיך שוין אויסגעבילדעט דער טיפּ פון אַ לינקן עסער. דערלאַנגט היינט אַ קוק אויף דעם געזיכט פון אַן אירינאַ קאַכאָווסקאַיאַ, און איר וועט דערקענען דעם טיפּ.

דאָס האָט ניט געקענט שאַפן זיך אין אַמעריקע פון זיך אַליין. אָבער דאָס קען אפשר געשאַפן ווערן ווען די צוויי ערשטע עטאַפּן זיינען שוין דורכגעמאַכט. צווישן די אָנטיילנעמער פון דער היינטיקער גרופּע איז געווען אינטערעסאַנט, ראשית כל, דער באַלעבאָס אַליין. פון דרויסן באַטראַכט, איז ער געווען דער דורכשניטלעכער יידישער פאַרמעגלעכער סוחר פון בראָדוויי. נישט מקפּיד אויפן חצוניות, מיט אַ נאַכלעסיקער פיגור, אַ פלינקער, אַן איראָנישער. הינטער זיך האָט ער געהאַט אַ שטורמישן עבר.

אין רוסלאַנד איז ער געווען אַ קעמפערישער ס״ר פון די יידישע שטעט. אַ מומחה אין טעכנישער צוגרייטונג פון רעוואָלוציע: פּעסער, דרוקערייען, באָמבעס, רעוואָלווערן. דורך זיינע שוויגער־עלטערן פלעגט ער גנבענען די־נאַמיט פאַר דער פּאַרטיי (דאָס אַלטיטשקע פּאָרפּאָלק איז איצט אויך געווען דאָ אין שטוב). נאָך דער מפּלה פון 1906 איז ער אוועק קיין אַמעריקע. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ סאָלידן באַגאַזש: אַ פאַרהאַרטעוועטע פריינד־שאַפט צום מאַרקסיזם אין אַלע זיינע אַרטן, און אַן אוצר פון רעוואָלוציאָ־נערער ליטעראַטור. נישט נאָר ליטעראַטור: ער האָט געפירט ביי זיך דאָ אַ גענויעם חשבון פון די רעוואָלוציאָנערן פון דער נייעסטער תקופה, ביז 1917. נישט אַזוי די געשעענישן, ווי די מענטשן האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ. אַריינגעטאָן אין די זכרונות, האָט ער זיך פּאַקטיש אָפּגעשיידט פון דעם נייעם דור וואָס האָט איצטער געקעמפט אין רוסלאַנד. זיין פרוי, די „קור־סיסטקע״, איז געווען אין רוסלאַנד אַ מאַקסימאַליסטקע. זי האָט שוין איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. נישט לאַנג איז ביי זיי געשטאָרבן דער איינציקער זון, און דאָס אומגליק האָט זי געדריקט צו דער ערד. מיין קומען — האָט זי גענזאָגט — דערוועקט אין איר די אַלטע טראַדיציעס, זי וועט זיך איצט אַריינטאָן אין דער אַרבעט.

צווישן די אַנדערע איז געווען סאַשאַ ט. און זיין פרוי. דער קליינ־וווקסיקער שוואַרצער סאַשאַ — אַ שאַרף געשניטענע פיגור, מיט דורכ־דרינגנדיקע אויגן, מיטן שאַרפן שכל פון ווילנע. ער איז אייגנטלעך געווען דער טרייבנדיקער כוח אין יענעם עפּנטלעכן אַרויסטריט פון די לינקע צווישן ס״ר. פון דער ווייטנס, איבערן ים, האָט ער דערקענט נישט נאָר די פאַלשע פּאָליטיק פון אַ קערענסקי, אויך פון אַ טשערנאָוון. דאָס דריטע פּאָרפּאָלק זיינען געווען עכט־רוסישע חברים קראַסנאָווס. ער: אַ געוועזע־נער אָפיצער פון דער צאַרישער אַרמיי, אין ווייטן וולאַדיוואָסטאָק. האָט אין 1906 אָנטייל גענומען אין מיליטערישן אויפשטאַנד, וואָס איז פאַר־בונדן מיטן נאָמען פון העלד פּיראָגאָוון. (דעם צוויי מאָל צוגעמשפּטן צום טויט אָפיצער האָט דורך יוריסטישע חריפות געראַטעוועט דעמאָלט גרוזענ־בערג). היינט איז ער אַ באַשיידענער אינזשענער אין ניו־יאָרק, וווהין ער איז דעמאָלט אַנטלאָפן. דער שמאָלער, שווייגנדיקער אינטעליגענט איז גע־ווען דער היפוך פון זיין פרוי: אַ פריילעכע, האַרציקע פּאָליאַטשקע מיט אַ קלוגן איראָנישן שמייכל.

איך בין געווען צום ערשטן מאָל צווישן נעענטערע מענטשן. און איך האָב געקענט מיט דער גרעסטער ברייטקייט דערציילן זיי די געשיכטע פון דער פּאַרטיי־אַנטוויקלונג פאַר די לאַנגע צען יאָר. דאָס מאָל האָבן אויף מיר נישט געקוקט האַלב־און גאַנץ־פיינדלעכע אויגן. ווי מיט אַ צייט צו־ריק ביי דער זיצונג מיט אַ ל ע ס״ר, אויך גאָר אַנדערע פראַגן האָבן

אינטערעסירט די צוהערער. דעמאָלט איז דער הויפּטפּונקט און דער שטעג־פּונקט געווען: פאַר וואָס האָט מען צעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? פאַר וואָס פאַרראַטן רוסלאַנד? דאָ היינט האָט מען אויסגעפרעגט: פאַר וואָס האָבן די לינקע ס"ר נישט אונטערגעשריבן דעם בריסקער שלום, ווי איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד אין יולי 1918, ווי איז געקומען צו דער פּאַרטיי־דיקטאַטור. איך האָב זיי געענטפערט — און זיי האָבן דערזען דאָס דראַמאַטישע לעבן פון די לינקע ס"ר, די שווערע אחריות וואָס האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זייערע פּלייצעס. זיי האָבן דערהערט וועגן דער טעאָ־רעטישער אַרבעט וואָס גייט אָן אין ד ע ר פּאַרטיי, וועגן אַ ריי נייע ביכער, וווּ די נאַראָדנישע וועלט־אַנשויאונג ווערט אויפסניי איבערגע־שמאָלצן אין ליכט פון די גרויסע געשעענישן. די ביכער ווערן דורכגע־טראַכט און געשריבן פון חברים אין געפענגענישן. זיי האָבן דערהערט וועגן אונדזערע אויסגאַבעס אין אויסלאַנד, וועגן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די אידעיש־נאָענטע אויסלענדישע פּאַרטייען.

מיר זיינען געזעסן שפּעט אין דער נאַכט. און מיר האָבן ניט אויס־געשעפּט אונדזער טעמע. ס'איז געווען קלאָר: זיי אַלע האָבן ניט געקענט מיט אַ מאָל אַריינגעמען אין זיך אונדזער פּראָגראַם, וואָס האָט פאַר זיי אויפגעבליצט מיט אידעען, מיט יסורים, מיטן גרויסן פאַרנעם. זיי האָבן דערווייל געשטעלט פראַגן. איין הויפּטפראַגע האָט געשטעלט ח' סאַשאַ: „ווי וועלן מיר קעמפן קעגן באָלשעוויזם: מיט וואָפן־געוואַלט צי אַנדערש?" אַ היפּוכדיקע פראַגע — קראַסנאָוו: פאַר וואָס זיינען מיר קעגנער פון טער־ראָר? ווי זאָל מען דען אַנדערש טאָן? — אָבער ח' ווילנער און זיין פרוי האָבן זיך געצויגן ווייניקער צו טעאָריע; זיי האָבן געשטופּט צו תכלית־אַר־בעט. באַקענען זיך מיט אונדזער ליטעראַטור, פאַרשפּרייטן זי, אָרגאַני־זירן הילף פאַר די געפאַנגענע — דאָס איז גלייך נייטיק.

איך בין געווען מרוצה. אַ וואַרעמער פאָדעם האָט אונדז פאַרבונדן. זיי האָבן באַשטעלט 25 קאָמפּלעקטן פון אונדזערע אויסגאַבעס. מען האָט באַשלאָסן צונויפרופן באַלד אַ נייע זיצונג מכוח אונדזערע געפאַנגענע. אין דעם אַלגעמיינעם רויטן־קרייז מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיי נישט קיין חשק צו גיין... אַז ח' ווילנער האָט מיך אין זיין אויטאָ געפירט אַהיים, האָט ער דערציילט אַז זיין פּעטער און צוויי ברידער זיצן אין רוס־לאַנד ווי ס"רן. נאָך אַ פּאָר ווערטער האָט זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעשטעלט, אַז ער הייסט גאָר ניט ווילנער, אַז זיין רוסישע פאַמיליע איז יערוכימאָ־וויטש, ער איז אַ לייבלעכער ברודער פון אונדזער חבר שלום. שלום יערו־כימאָוויטש איז נאָך אַ יונגער מאַן, איינער פון די ווייניקע יידן ביי די לינקע ס"ר, אַ העלדישער קעמפער, אַ ליידנשאַפטלעכער רעדנער. אַנטלאָפן בעת דער מלחמה פון געפאַנגענשאַפט, אַריינגעוואָרפן זיך אין רעוואָלוציע,

אַרויסגעטראָטן קעגן באָלשעוויקעס אין מינסק, אַריינגעזעצט געוואָרן, געשטאַנען פאַרן טריבונאַל. אַ דאַנק זיין רעדע אַרויסגעריסן פאַר זיך אַ באַפרייאונגס־אורטייל, געבויט געהיימע דרוקערייען, ווידער געזעסן, ווידער געלאָפן, ווידער געפאַנגען. אַ קינד איז געשטאָרבן ביי אים אין די ביטערע יאָרן, אליין היינט אין דעם קאַלטסטן און פינצטערסטן העק פון סיביר, פונדעסטוועגן פריילעך, זיכער, פול מיט אמונה און יידישן וויץ. גאָר נישט לאַנג האָב איך באַקומען פון אים אַ יידיש געשריבענעם בריוו. און ה' ווילנער איז זיין אייגענער ברודער? זיינען מיר דאָך איצט צוויי מאָל מחותנים? אַ גוטער טאָג היינט.

די גרויסע קאַסרילעווקע אין אַמעריקע

19־טער יאַנואַר.

אַריבערגעפּאָרן היינט אין אַ נייער דירה. מען האָט מיר באַשטעלט אַ נומער, פאַר 75 דאָלאַר אַ חודש, אין „ליבבי־האָטעל". דאָס איז אַ יידי־שער האָטעל אין סאַמע צענטער פון איסט־סייד. יאַטשקאָווסקי האָט מיר געהאָלפן אַריבערקלייבן זיך — און אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך געווען אויפן עלפטן עטאַזש, אין אַ קליין צימערל, מיט אַ הערלעכער אויס־זיכט אויף דער שטאָט. ס'איז דאָ געווען עפּעס צו וואַרעם, צו הייס; האָט מען מיר דערקלערט אַז „ליבבי־האָטעל" איז אויך אַ באַרימטע טערקישע באָד־שטוב. ס'איז דאָ געווען אַ ביסל צו ענג, אָבער — דערפאַר איז מען צווישן מענטשן. וואָס פאַר אַ שיינער אויסבליק עס עפנט זיך פון דעם פענצטער! באַזונדערס איז עס שיין אין אָוונט, בעת דער געפילדער פון שטאָט דערגייט אַרויף נאָר מיט געדעמפּטע שטימען און פון אומעטום שיי־נען הונדערטער פייערלעך. אַ מעכטיקע פּאַנאָראַמע פון צענדליק־שטאָקיקע הייזער, פון ברייטע דעכער, פון הענגענדיקע בריקן, צווישן וועלכע עס זיי־נען אַריינגעפלאָכטן ווי פינטלדיקע אויגן עלעקטרישע פייערן. „ליבבי־האָ־טעל", איז דוכט זיך, געווען אַ פּרווו אַריינצושטעלן אין דער עכט־יידישער געגנט אַ בנין — הויך, שטאָלץ, עלעגאַנט, רייך, לויט דעם שניט פון די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער האָטעלן.

דער בנין שטייט טאַקע אין מיטן פון די טראַדיציאָנעל־יידישע גאַסן: העסטער־סטריט, עסעקס־סטריט, דעלאַנסי־סטריט, אָרטשאַרד־סטריט, גרענד־סטריט. צו זיינע פיס ציען זיך פון אַרום יידישע קליינע שטעטלעך. אינע־ווייניק האָט דער האָטעל אַלע דרכים פון אַ הויכגעשטעלטן פּאַלאַץ. אַ גרויסאַרטיקער אויפגאַנג, ברייט פונאַנדערגעוואָרפענע טרעפּ, הויכע, לופ־טיקע האָלס. די פּאָדלאָגעס אויסגעלייגט מיט ווייכע טעפּיכער. יינגלעך־לאַקייען אין אויסגעפּוצטע מונדירן. מענטשן האַלטן אין איין קומען און גיין. אַ ריי פרייזלינס באַדינען די פאַרבינדונג פון די טעלעפאָנען אין אַלע חדרים. ביי דער קאַסע זע איך עפּעס אַ מאָדנע באַוועגונג. מענער, אַ סך מענער נעמען אַראָפּ פון זיך גאָלדוואַרג און געלט־ביײטלעך, גיבן עס אָפּ אונטער קוויטונגען. וואָס איז? דאָ איז דאָך אַ טערקישע באָד־שטוב. קומען

זיך מענטשן צונויף אויף צו באַדן זיך און אויסרוען שוין אַ גאַנצע נאַכט. די עשירות לאָזן זיי אונטן. ס'איז אַ באַד־שטוב מיט מוזיק, מיט געזאַנג. גאָר לויט די קלאַסישע מוסטערן פון די רוימישע פּאַטריציער, זיצן די געסט אַרומגעוויקלט אין ליילעכער און הערן זיך צו צו אַ קאָנצערט. מוזיקער און שוישפּילער פּילן אויס די פּראָגראַם וואָס בייט זיך רעגלמעסיק ווי אין אַ קונסט־הויז. אַלזאָ: אַ בית־מרחץ פאַרבונדן מיט אַ מוזיק־האַל. לײדער איז מיר ניט אויסגעקומען קיין איין מאָל צו זען דאָס בילד מיט די אויגן; עס פּלעגט זיך אָנהייבן צו שפּעט). פּעסטע ייִדישע יונגעלייט, מיט צופרידענע פּנימער, מיט שוואַרצע ראַנדן אויף די אויגן האָבן זיך דאָ באַוועגט מיט יענער רו וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַמעריקאַנער אַלרייטניק. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן שטיקלעך שמועסן, אויסרופן, געלעכטערלעך: „האַללאָ!... נעווער מיינד... איז דאָס אַלץ?... שלום־עליכם... גלעד טאָ סי יו... גוד באַי...

און פונדעסטוועגן איז דאָס געווען ניט אַמעריקע. אַזוי פיל „ייִדיש־קייט" האָט דאָ געשטעקט אין אַלץ און ביי אַלעמען. זייט איר אַריין אַהער, האָט מען אייך אַרומגעטאַפּט מיט די אויגן ווי אויף דער קרעמער־גאַס אין אַ שטעטל. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז דאָ ווייסט מען וועגן אַ ייִדן אַלץ. „קאַסרילעווקע איז אַ שטאָט וואָס גיט אַכטונג". ליבבי־האָטעל האָט זיך אייגנטלעך גאָר נישט אַזוי טיף אָפּגעשיידט פון דעם ייִדישן שטעטל וואָס איז געלעגן אים צו פיס. מער ניט דאָס איז געווען דער גביר פון דעם שטעטל... אַמעריקע און דאָס ייִדישע קליין־שטעטל איז אין ניו־יאָרק בכלל אַ שטענדיקע פאַרפאַלק. דער דאָזיקער יחוס פּלעגט אַ בליץ טאָן גאָר אומ־דערוואַרטעט. אָט שטייען ביי דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" אויטאָס. איך דינג איינעם, אַ ייִדישער שאָפער שפּרינגט אַרויף, און מיר פאָרן. עפּעס פאָרט ער אָן אַ טעם, די צייט ווערט מיר פאַרדרייט. איך ווענד זיך צו אים און בעט אונטעראייַלן זיך. מיט אַ מאָל ער דרייט זיך אום און ענטפערט מיר מיט אַ ביטול: „וואָס האָט איר עפּעס קיין צייט נישט?" — אהא, ליבער פריינד (טראַכט איך מיט געלעכטער) ביסט דאָך טאַקע דער בעל־עגלה פון יעהופּעץ!

אָט גייט איר דורך אַ גאַס, אַ געמויערטע און געפּלאַסטערטע לויט דעם אַמעריקאַנער שניט. ס'איז אָוונטצייט. פאַרפּוצטע באָיעס און מיידלעך גייען שפּאַצירן. ס'איז דער קוואַליפיצירטער הויך פון דער גרויס־שטאָט. און פּלוצים דערהערט איר ריטמישע שטימען, וואָס טראָגן זיך עפּעס ווי פון אונטער אייערע פיס. איר דערזעט אַ קעלער־עטאַזש מיט לענגערע טישן; אַרום די טישן ייִדן מיט שוואַרצע און גרויע בערד איבערגעבויגן איבער גמרות. מען וויגט זיך אין אַ ניגון, מען איז אַריינגעטאָן אין דער הלכה. אַ לומדיש שטעטל אין מיטן ניו־יאָרק.

און אז איר גייט אַראָפּ פון די ברייטע טרעפּ פון ליבבי־האָטעל, זייט איר מיט דעם צווייטן טראָט טאַקע אין קאַסרילעווקע גופא. אָט זייַנען זיי צווישן די הויכע אומגעלומפּערטע טענעמענט־הייזער, — פאַרהילכט פון דעם אייזערנעם ליאַרעם פון די באַנען — אונדזערע באַקאַנטע יידן, יידענעס, ווייבלעך, קינדער. פאַראומערטע שטייען זיי, זיצן זיי, גייען זיי אַרום. אויף קליינע וועגעלעך האַנדלען זיי מיט באָב, מיט אָראַנדזשען, מיט באַנאַנעס, מיט זיסע קאַרטאָפליעס ביי קליינע שטענדערס — מיט גאַלאַנטעריי, מיט צייטונגען. הינטער אַ קליינעם טישל אַריינגערוקט אין וואַנט, זיצט אַ יידענע מיט אַ ווינטערדיקער פאַטשיילע. זי וואָלט געקענט זיצן, פונקט אַזוי ווי אין ווילנע, אויף אַ טעפּעלע מיט הייסע קוילן. ביי אַ צווייטן טישל זיצט אַ יונג מיידל מיט טרויעריקע אויגן. מען קוקט זשעדנע, מיט אַ וואַרעמען אָטעם אויף דעם קליינגעלט וואָס איר גיט אויס. אַ ניקל איז אַ מטבע. אויבן, אין ליבבי־האָטעל, טראַכט מען וועגן אַ „פאָר דאָלער", אונטן דאָ — וועגן אַ פּאָר סענט, וועגן אַ ניקל. מען פירט מסחר מיט סאָדע־וואַסער, מיט קענדים, מיט קיי־גומי. אַ יונגער בחור, ביי וועמען איך קויף יידישע בלעטער, שטעקט מיר צו נאָך אַ בלאַט: „נעמט נאָך דעם „טאָגבלאַט" אָדער די „פרייהייט". טייערער בחור! איז עס דען פאַר דיר אַ געשעפט? גאַנצענע טעג אָפּצושטיין אויפן גאַס, קרעמערן מיט צוקערקעס, מיט צייטונגען?... איבער דער אויס־געמאַטערטער גאַס טראָגט זיך אַ ניגון. קופּקעלעך מענטשן שטעלן זיך אָפּ ביי אַ קראָם. דער גראַמאָפאָן שפּילט אויף פון דאָרטן אַן אומעטיקס צום כלה־באַזעצן. קינדער שפּילן אין פערדלעך, יאָגן זיך, רייסן זיך דאָ אויפן גאַס, אונטער די פיס... ביי אַלע שטענדערס איז דאָ פאַראַן נאָך אַ מסחר־אַרטיקל: ניסלעך. פאַר אַ ניקל שיט מען אייך אָן אַ פולע גלאָז, אַ האַלבע קעשענע. ווייזט אויס, מען ליבט דאָ ניסלעך. „ונסלח לכל עדת בני ישראל". אָט גייט טאַקע פאַמעלעך אַ הדרת־פּנים, אַ שיינער ייד מיט אַ געפּאַשעטער באָרד. דאָס מוז זיין אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן — ווער ניט איז פון די כלי־קודש. דער דאָזיקער באַרוף נעמט דאָ אַרום אַ סך טויזנטער מענטשן. און אָט אויסגעבויגן אין דרייען באַוועגן זיך אַלטע יידן מיט שווערע זעק אויף די פּלייצעס. וואָס ליגט אין די זעק? קאַרטאָפלעס, קוילן, קלעצער? די גרויע פאַטריאַרכאַלישע בערד גיבן צו אַן איידעלן אויסדרוק זייערע אויסגעהאָ־רעוועטע פּנימער. זיי פּאַסן נאָר צו אַן אָריענטאַלישער מדינה. דאָ באַ־וועגן זיי זיך פאַמעלעך, און די שטריק קענטיק שניידן זיי די פּלייצעס.

דער אייזערנער געפּילדער לאָזט ניט אָפּ אויף אַ רגע. עס טראָגט זיך דורך איבער די קעפּ אַן עלעוויטאָר, און עס ציטערט די ערד אונטער די פיס. מען גייט ווי איינגעוויקלט אין ליאַרעם. פון די קראָמען, פון די וועגעלעך רופט מען אייך קויפן. עס הענגען אַרום מאַנטלען, סוטס, הויזן־טרעגער. עס ווינקען צו אייך די אַנאָנסן: מאַנישעוויצעס מצה־מעל, עקס־

ריי (קעגן מאָגן!), אַ טעאַטער־אַנאָנס. עס קלאַפּט ערגעץ אַ האַמער. אַ זייגערמאַכער זיצט איבערגעבויגן איבער דער מלאָכה. אין מיטן העלן טאָג גרילצט אייך אין די אויערן מוזיק פון אַ שאָאו (קינאָ). פון טירן און פענצטער טראָגן זיך באַטעמטע יידישע ריחות. איר מעגט אַריינגיין, איר וועט דערקענען אונדזערע יידן. האַו דו יו דו?... וואָס הערט זיך עפּעס אין גאַס?... אַזוי רעדט מען אין ווילנע, אין קאָוונע, אין ניו־יאָרק, אומעטום. ביי דער קאַסע זיצט די באַלעבאָסטע, מיט די צעשויבערטע שוואַרצע האָר, מיט די קלוג־אויפמערקזאַמע אויגן. דער מאַן מיט די בחורים לויפן פאַרשמאַיעט אַרום, און אַ קינד ציט די מאַמע פאַרן קלייד. שויבן פון פענצטער ציטערן פון דרויסנדיקן רעש...

ס'איז ניט יענע קאַסרילעווקע פון אַמאָל. ס'איז אַ גרויסע קאַסרילעווקע, מיט אַ גוואַלטיקן פאַרנעם, מיטן אַמעריקאַנישן אייזערנעם ליאַרעם. ניו־יאָרק איז אַ גאַנצער קאָנטינענט פון קאַסרילעווקעס. דאָ זעט איר אַלע שטעט פון אַלע יידישע מדינות פון דער וועלט אויף אַמאָל. איישישאָק און קיידאַן, ליטע און וואָלין, גאַליציע און רומעניע — אַלע יידישע קיבוצים זיינען דאָ צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך. איר געדענקט ווי ביי שאַגאַלן קריכט אַ הויז אויף אַ הויז, ווי אַ גרינער ייד מיט אַ זאַק טראָגט זיך איבער די דעכער? אָט אַזוי קריכן דאָ אַרויף איינע אויף די אַנדערע שטעטלעך, יידן, קרעמער, משכילים, כלי־קודש, אַרבעטער, גלאַט־מענטשן. פון אַלע תפוצות־ישראל געפינט איר דאָ באַקאַנטע, פון אַלע ליטעראַרישע ווערק — די העלדן: די באָנטשע שוויגס, די מנחם־מענדלס, די קונעלעמעלס, די טביה מילכיקערס. דאָ, אין די גאַסן, איז דאָס שטעטל שטאַרקער ווי ניו־יאָרק.

היינט אין אָוונט קומט פאָר מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם ניו־יאָרקן רויטן־קרייז. דאָס וועט ניט זיין קיין פריינדלעכע באַגעגעניש, ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווילן דערקלערן מיר דאָ דעם קאַמף. זיי שאַרפן די ציין אויף מיך שוין אַ לענגערע צייט, זיי קענען ניט פאַרטראָגן וואָס איך האָב געפונען הילף ביי דער יידישער פרעסע, באַזונדערס ביים „פאָרווערטס”. מיינע פריינד דערציילן מיר שוין פון עטלעכע טעג ווי זיי פירן אָן שטילערהייט אַ קאַמפּאַניע קעגן מיך (דאָס זיינען הויפּטזעכלעך ס"ד פון דעם גאָר רעכטן נוסח, פון די פאָר וועלכע אַפילו דאַן און אַבראַמאָוויטש זיינען צו לינק.

זיי זיינען שוין געווען אין אַרבעטער־רינג און האָבן עפּעס אָנדערציילט וועגן מיר. זיי ווילן שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן מיר ווי וועגן אַ פאַלשן שליח, אַ „סאַמאָזוואַניעץ”. צו ד"ר עלסבערגן האָט טעלעפאָנירט אַ וויכטיקער טוער פון זיי, ראַוויטש, און האָט אים געמוסרט וואָס ער האָט פאַרבונדן זיין נאָמען מיט מיינעם, „וואָס איז נאָך ערגער ווי טראָצקיס”. עלסבערג האָט רויק געענטפערט: איך האָב אין דער זאַך מער צוטרויען צו

ד״ר זשיטלאָווסקי איידער צו אייך... איך האָב ספּעציעל געזען זיך מיט וולאַדעקן מכוח דער נייער טאַקטיק פון ארבעטער־רינג לגבי מיר: זיי ווילן נישט געבן קיין אדרעסן פאַר דער פּראָווינץ. וולאַדעק איז א מיטגליד פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, אָבער ער וויל זיין פריי פון זייער דיסציפּלין. דערציילט ער לאַכנדיק: מען האָט אים שוין אָנגעטעלעפאָנירט א פולן קאָפּ וועגן מיר, וועגן דער געפאַר פון דער אונטערשטיצונג וואָס דער „פאָרווערטס״ גיט מיר. ער וועט אָבער נישט פאָלגן. ער האַלט אז מען דאַרף העלפן אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע. זאָל מאָרגן נייטיקן זיך טראָצקי — אים אויך. ער וועט זיך דורכריידן מיטן ארבעטער־רינג, עס וועט זיך „אויספּרעסן״ ווי מען זאָגט אין אמעריקע... ביים אוועקגיין האָב איך געטראָפן ליעסינען מיט יונה ראָזענפעלדן, דערציילט זיי וועגן דער קאָנספּי־ראַטיווער קאַמפּאַניע. ליעסין האָט זיך קורץ אָפּגערופן: קוקט נישט אויף זיי...

היינט אָוונט האָט אַלזאָ אין רויטן־קרייץ געדאַרפט קומען צו אַן אָפּענעם אָנגריף אויף מיר. זיי האָבן באַשלאָסן נישט נאָר נישט געבן א חלק פון די זאַמלונגען פאַר די לינקע ס״ר, נאָר בכלל אַרונטעררייסן זיי און זייער פאַרשטייער ווי א פּאָליטישע גרופּירונג. עלסבערג און סלוצקאַיאַ זיי־נען געווען זייער אומרויק. איך האָב באַשלאָסן צו געבן גאָר א קלאָרע תשובה אויף אַזא אָנגריף. דאָס איז דער ערשטער קאַמף מיינער אין ניו־יאָרק; נישט מצד די קאָמוניסטן, נאָר פון ס״ד איז ער געקומען. דאָס איז אייגנטלעך בעסער. — אז איך בין געקומען אין אָוונט צופאָרן אין דער דירה פון פרוי נ., איז דער זיצונגס־צימער געווען פול מיט מענטשן. משמעות מען האָט זיך גערעכנט אויף א לעבעדיקער אסיפה. נישט געקומען איז אָבער ד״ר איינגערמאַן: עס וואָלט אים דאָ טאַקע געווען היינט פּיינלעך. אז איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש, האָט דער פאָרזיצער ראַוויטש (אָט טאַקע דער זעלביקער...) איבערגעריסן דעם סדר־היום מיט א געהויבענער דערקלערונג: „אהער איז געקומען דער בירגער שטיינבערג, כדי צו מאַכן אונדז א מיט־טיילונג״. מיר איז געוואָרן לעכערלעך דער ענין; איז דאָך טאַקע ליעסין געווען גערעכט!... האָב איך זיך צו זיי געווענדט מיט די ווערטער: „חברים, איך בין געקומען מאַכן אייך א מיטטיילונג״. האָט שוין קיינער פון זיי נישט דערמאָנט חוצפּהדיק דאָס וואָרט „בירגער״. מען האָט זיך נאָר גע־וואָרגן מיט מיין נאָמען, אז מען פלעגט אים מוזן דערמאָנען. איך האָב זיי רויק דערציילט די גאַנצע געשיכטע וועגן דער באַהאַנדלונג פון די לינקע ס״ר מצד דעם ניו־יאָרקער רויטן־קרייץ. איך האָב פאַרענדיקט מיט דער פראַגע: מען וואונדערט זיך ביי אונדז אויף וועלכן יסוד אייגנטלעך זאָגט אונדז אָפּ האַרטנעקיק דער „קאָמיטעט סטרונסקי״. דער עולם האָט זיך א שאָקל געטאָן; עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן: „וואָס עפּעס קאָמיטעט סטרונסקי? ס׳איז א געזעלשאַפטלעכער רויטער־קרייץ״... מיר זיינען אריין

אין דער דעבאַטע. דער סעקרעטאַר בראַאילאָווסקי, אַ שוואַרצוואָנציקער יונגערמאַן, הויך ווי אַ דעמב און פאַרביסן ווי אַ פאַנאַטיקער, האָט נישט געקענט אויפהאַלטן זיין אימפּעט. קענטיק אַז דער פּעסט־הויך וואָס דער „באָלשעוויק" שטיינבערג האָט דאָ פאַרשפּרייט, האָט אים געשטיקט. שוין דאָס רויקע חברן זיך און שמועסן מיט דעם באָלשעוויק האָט אים געביסן. אויסגעצויגן ווי אַ רעגיסטראַטור־באַאַמטער, האָט ער נערוועז געמישט די בלעטער פון זיין מאַפּע, אַ געשוואָלענע פון „דאָקומענטן" קעגן מיך. און אַט האָט ראַוויטש געעפנט דעם שליוז, און אַ מבול פון פראַגן האָט זיך אַ גאָס געטאָן. בראַאילאָווסקי האָט זיך צוגעריסן צו דער אַרבעט מיך צו דער מאַסקירן. ער האָט אויסגעמיטן קוקן מיר אין די אויגן.

— זאָגט מיר — האָט ער אָנגעהויבן — איז דאָס אמת, ווי מען האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט געגעבן די יידישע בלעטער אַן אינטערוויו, און איר האָט דערקלערט אַז איר וועט זאַמלען געלט פאַר אייערע געפאַנגענע?

— מען האָט עס אייך נאָר דערציילט? — האָב איך זיך אָפּגעוווּנדערט — איר האָט עס געקענט אַליין לייענען אין „פאָרווערטס".

— איך לייען נישט אין יידיש — האָט בראַאילאָווסקי אָפּגעשטופּט מיך מיט אַ פירשטלעכער נאָבּיליטעט.

איך האָב געקענט נאָר אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס. ווייל עם־הארצות געהערט היינט צו טאָג ניט מער צום גוטן טאָן אפילו ביי יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (איסקראָווצעס). שטעכיקע, פאַרביסענע אויגן האָבן באַגלייט דעם קאַמף־שמועס. פון די בענק פון די פּראָקוראָרן האָט זיך דער־הערט אַ נייע שטים. זי האָט געהערט אַן עלטערן מענטשן וואָס איז גראָד געזעסן אַנטקעגן מיר, וועמעס געזיכט איז מיר געווען זייער באַקאַנט.

— אָבער דורך אייער סעפּאַראַטער זאַמלונג ברענגט איר שאָדן דער אַרבעט פון ניו־יאָרקער קאָמיטעט...

איך האָב געמוזט שמייכלען. „אָבער אויף דעם סעפּאַראַטן וועג טרייבט איר דאָך אונדז אַליין. יאָרן לאַנג האָט איר נישט געענטפערט, וואָכן לאַנג האָט איר שוין מיך דאָ נישט אויפגענומען...

— אָבער אויב איר זאַמלט נאָר פאַר די לינקע ס"ר, ווי קענט איר פאַרלאַנגען פון אונדזער רויטן־קרייץ באַזונדערע הילף.

— אַוודאי קען איך פאַרלאַנגען. אַז אַבראַמאָוויטש איז דאָ געווען, האָט ער געזאַמלט ספּעציעל פאַר מענשעוויקעס. קערענסקי — פאַר זיינע פריינד. מיר טוען אויך אַזוי. אָבער אייער קאָמיטעט, וואָס זאַמלט פון אַלע קרייזן פאַר אַלע סאָציאַליסטן, טאָר אונדז נישט אָפּזאָגן...

מיין פּרעגער פון אַנטקעגן האָט געקוקט מיט בייזע, פרעמדע אויגן. ערשט שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט אַז דאָס איז ווילאַצער. אהאָ! דער מענשעוויק ווילאַצער האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געוווינט אין בער־

לין. היות ווי ער האָט געקענט די נאָרוועגישע שפּראַך, האָב איך זיך איין מאָל געווענדט צו אים: ער זאָל איבערזעצן אַן אַרטיקל פון אַ נאָרוועגישן לינקן קאָמוניסטישן זשורנאַל פאַר אונדזער לינקס־עסערישער צייטשריפט. מיר זיינען געזעסן צוזאַמען אייניקע שעה, און ער האָט מיר דעם אַרטיקל דיקטירט. איצט האָט ער זיך געמאַכט ניט קענענדיק מיך. ווייזט אויס, די ניו־יאָרקער סביבה האָט נישט געטויגט פאַר אַזעלכע קאָמפּראָמעטירנדיקע באַקאַנטשאַפטן. (וואָלט איך זיך דערמאָנט זיין נאָמען ביי דער אסיפה, וואָלט איך אים אָפּגעטאָן: איך וואָלט אים דערמאָנט זיין „מיטאַרבעט” אין „זנאַמיא באָרבי”!).

בראַאילאָווסקי האָט זיך איצט גענומען צו מיר. „זאָגט מיר — (אַלץ מיטן נוסח פון אַ געריכט־באַאַמטן) צי זייט איר נישט געווען פאַרבונדן מיט אַ הילפס־קאָמיטעט פון אַנאַרכיסטן?

— יאָ — ענטפער איך פריינדלעך — ביז צום יאָר 1925 האָבן מיר געהאַט פאַר אַמעריקע אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט מיט אַלעקסאַנדער בערקמאַן און אַנדערע. אָבער דער קאָמיטעט האָט זיך אויפגעלייזט, מיר האָבן דאָס מודיע געווען אין אונדזער פרעסע. דאָס ווייסט מען ביי אונדז אין בערלין. מיר האָבן דאַרטן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט פון אַלע ריכטונגען...

בראַאילאָווסקי: דאָס אינטערעסירט אונדז נישט...

איך: אָבער דאָס אינטערעסירט מיך... און די מיטגלידער פון קאָמיטעט זאָלן עס וויסן.

איך האָב דערציילט רויק, געלייענט אַ פּאָר דאָקומענטן. די רויקייט האָט געפּענטעוועט דעם עולם. זיי האָבן גענומען צוגעווייגען זיך צום צלם־קאָפּ „באָלשעוויק”. זיי האָבן אים איצט געזען מיט לייב און לעבן. די אונ־טערצינדער האָבן דאָס ניט געוואָלט. בראַאילאָווסקי האָט צוגעגרייט איצט דעם שווערסטן האַמער־קלאַפּ.

— זאָגט אונדז: — צי האָט נישט אייער פּאַרטיי געהאַט אַמאָל געלט אין אויסלאַנד, פון וועלכן זי האָט קיינעם נישט געגעבן?

— יאָ, דאָס איז געווען. אָבער דאָס געלט איז פּאַרטיי־געלט, און האָט נישט וואָס צו טאָן מיט הילף פאַר געפאַנגענע.

— ווער איז דער פאַרטרעטער פון אייער פּאַרטיי אין אויסלאַנד?

— מיר האָבן אַן אויסלאַנד־דעלעגאַציע...

— ווער גייט אַריין אין דער דעלעגאַציע?

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דעם חוצפּהדיקן בחור. „איך ווייס ניט צי האָט איר געאַרבעט אַמאָל אין אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אַ ניט וואָלט איר געוווסט אַז אַ ניט־לעגאַלע פּאַרטיי דערציילט נישט יעטוועדן וועגן איר באַשטאַנד”... מיינע שאַרפע ווערטער האָבן עפּעס ווי אויסגעניכטערט דעם עולם. אין געמורמל האָבן זיך דערהערט שטימען אַז בראַאילאָווסקיס פראַגן

געהערן ניט צו דער זאַך. ראַוויטש האָט זיך אומגעקערט צו מיר: איר מעגט פאַרשטייט זיך, נישט ענטפערן אויף די פראַגן... פון אַ סאָפע גאָר אונטן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַנדער פּראָקוראָר, קופער מיטן נאָמען. מיט אויפרעגונג האָט ער געפרעגט: „וואָס איז בכלל פאַר אַ פּאַרטיי לינקע ס״ר? ס׳זיינען דאָ גראָד פּשוט ס״רן". דער עולם האָט שוין גענומען שמייכלען. און איך האָב דעם נייעם שאלות ותשובותניק פריינדלעך געענטפערט: ווען ד ע ר פראַגע וועל איך אייך בעטן קומען צו מיר אויף מיינע רעפעראַטן. דאָ וואָלט איך וועלן וויסן: פאַר וואָס זאָגט אונדז אָפּ אייער קאָמיטעט...

עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן ערלעך וואָרט עפּעס אַ יונגער מענטש. „אין אונדזער קאָמיטעט זיינען פאַרטראַטן נאָר געוויסע פּאָליטישע גרופּן... ס״ד, ס״רן, זיי העלפן מיר". אָבער די קליגערע האָבן אַ מאַך גע־טאָן איבער אים מיט די הענט. ס׳איז דאָך עפּעס אַ קאָמיטעט פון אַלע געפאַנגענע! מען האָט זיך גענומען אַמפּערן צווישן זיך. איך האָב געקענט איצט רויק שווייגן.

דער פאָרזיצער האָט מיר לסוף דערקלערט: איצט, אַז זיי האָבן פון מיר אַלץ אויסגעהערט די אינפאָרמאַציע, וועלן זיי דאָס באַטראַכטן און מיר צושיקן זייער באַשלוס...

איך בין אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין. מיר האָט זיך געדוכט נאָך דער האַלבער שעה, אַז די געשפּאַנטקייט און די בייזקייט האָט נאָכגעגעבן. (נישט ביי די פירער, די האָבן געקאָכט פאַר כעס). די פרוי נ. האָט מיך אַרויסבאַ־גלייט גאָר פריינדלעך. — אָבער וואָס פאַר אַ שאַנד דאָס איז געווען, אַז זיי האָבן ניט געקענט תיכף, פאַר מיר אין די אויגן, אַרויסטראָגן אַ באַ־שלוס! דאָ זיינען דאָך געזעסן אַלע מענטשן וואָס האָבן אין מויל נאָר איין וואָרט: „דעמאָקראַטיע". זיי באַקעמפן אונדז דאָך דערפאַר וואָס מיר זאָגן ניט נאָך זייער פּסוק דעמאָקראַטיע. אָבער אין זייער פאַרביסענער שנאה צו רעוואָלוציאָנערן האָבן זיי געהאַט מוט אויסצושליסן לינקע ס״ר פון דער דעמאָקראַטיע פון די ליידנדיקע. דאָרטן, אין די רוסישע געפענגענישן שמייסט דער באָלשעוויסטישער בייטש אָן אונטערשייד אַלע פּלייצעס פון סאָציאַ־ליסטן. זיי דאָ, טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון פּולווער, פאַרטיילן די פּאַר־גראָשן נאָר פאַר די כשרע געפאַנגענע, וואָס זיינען כשר אין זייערע דעמאָ־קראַטישע אויגן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז קיין ניו־יאָרק אָבער געקומען מיליוקאָוו. האָבן זיך די זעלביקע טוער פון רויטן־קרייץ אויסגעצויגן פאַר אים. מיליו־קאָוו האָט געהאַלטן אַ פּאָליטישן דרוש לטובת דעם רויטן־קרייץ. מען האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל מצד די לינקע, האָבן די רויט־קרויצלער גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן אים. און טאַקע דער בראַאילאָווסקי מיט

נאָך מיטגלידער האָבן פון זיך געבילדעט אַ שוץ־גוואַרדיע... ס'איז נישט קיין צופאַל: זיי זיינען טאַקע מיט מיליאָנען אַ געמיינזאַמער לאַגער.

מונוויים — דער גאַר רעכטער ס"ר — האָט מיך באַגלייט אַהיים. ער איז געווען קענטיק באַליידיקט פון דעם היינטיקן אָוונט. אויפן גאַס האָבן זיך ווי אַ וויכער געטראָגן די אויטאָס. געווען שווער אריבערצוגיין אַ גאַס. „קומט — האָט געזאָגט מונוויים — לאָמיר זיך שטעלן דאָ. דאָ איז מען זיכער". אין די אַמעריקאַנער גאַסן, אין די ברענפּונקטן פון דער באַוועגונג, זיינען אָפּגעצייכנט אַזעלכע קליינע אינזלען. אַ קליינער רוים, אַ ברוקירטער דרייעק, ארומגעשטעלט מיט קורצע שטאַנגען. קיין אויטאָ וועט נישט אַרויפפאָרן אויף דעם רויקן אינזל. דאָ זייט איר געזיכערט פון דעם ארומיקן שטורעם. ליידער זיינען ניטאָ אַזעלכע אינזלען קעגן מענטשלעכע אָנגריפן...

ביז צוויי אין דער נאַכט האָבן זיי זיך דאָרטן אָן עצה געהאַלטן, און באַשלאָסן: „אָפּצולייגן דעם באַשלוס". איך פאַרשטיי זייער מיין: זיי ווילן מיר נישט געבן אַ חלק פון דער אונטערנעמונג וואָס גרייט זיך איצט צו פאָרן רוויטן־קרייז. אחר המעשה, בעת זיי וועלן ווידער אַ יאָר נישט האָבן קיין געלט, וועלן זיי נאָך אַ מאָל באַטראַכטן דעם ענין. די אונטערנעמונג איז — דריי מאָל פאַרשטעלונגען פון עמיל קאָנס רוסישער דראַמע אין אַ קליינעם טעאַטער. אַזאַ מין צופאַל! אַז ד"ר קאָן וואָלט געוווסט אַז גראָד זיין דראַמע איז אַ מיטל צו אַן אומגערעכטן צוועק, וואָלט ער געהאַט פאַרדרוס. איך האָב נישט קיין גרויס פאַרדרוס: אַזוי מוזן זיי זיך באַציען צו אונדז. אונדזער זאַך וועט עס אָבער ניט שטערן.

אַן אַסיפה וועגן די געפאַנגענע אין רוסלאַנד

20־טער יאַנואַר.

ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מיין צווייטע לעקציע פון דער סעריע איז נישט אַ שבת אָוונט, נאָר היינט. דאַרף מען זיך אָפּגעבן היינט מיט דער צוגרייטונג צו די מאַטעריאַלן. מען דאַרף אַרומנעמען די תקופה פון אָקטאָבער־אויפשטאַנד ביז צום קראָנשטאַטער מאַטראָסן־אויפשטאַנד פון מערץ 1921. צווישן די צוויי אויפשטאַנדן איז אַריינגעשלאָסן דאָס גליק און דאָס אומגליק פון סאָוועט־רוסלאַנד. אין אָקטאָבער באָלשעוויקעס — אויף די כוואַליעס פון פאָלק, אין מערץ — באָלשעוויקעס מיט האַרמאַטן קעגן דעם פאָלק. ווי זאָל מען איבערגעבן דעם עולם די איבערלעבענישן פון יענע פייערדיקע דריי אַ האַלב יאָר?.

וואַלדעק האָט מיר אין טעלעפאָן מודיע געווען אַז אין אַרבעטער־רינג וועט אַלצדינג שוין זיין אָלרייט. לאָמיר זען. — אין רעסטאָראַן־צימער פון ליבבי־האָטעל האָב איך זיך געטראָפן מיט הערן דאָן־לעווין. דעם דאָזיקן פעיקן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט קען איך פון בערלין. ער האָט איינער פון די ערשטע מיך באַזוכט און באַשריבן פאַר אַמעריקע סאָוועט־רוסלאַנד. זיינע אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַ רושם. אָבער ער האָט זיך שפּעטער קאָנצענטרירט אויף דער פּראָבלעם פון די געפאַנגענע סאָציאַליסטן. ער האָט — צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער בערקמאַן — אויפגעקליבן אַ גרויסע זאַמלונג פון בריוו פון די געפאַנגענע פון אַלע פּאַרטייען, און האָט געקראָגן ביי אַ ריי באַקאַנטע שריפטשטעלער זייערע הסכמה־אַרטיקלען צו דער אויסגאַבע פון די „בריוו".

אַזוי אַרום איז דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך אַן אייגנאַרטיק, גרויזאַם בוך, ווו אַלע דאָקומענטן זיינען געווען באַשטעטיקט פון נאָטאַר... אָבער דאָס בוך האָט נישט קיין דערפאָלג אין אַמעריקע. די „ראַדיקאַלן" האָבן פאַר אים מורא געהאַט, די געשעפטס־פּאָליטיקער האָבן אים ניט געדאַרפט. זיי נעמען זיך נישט אָן בכלל פאַר סאָציאַליסטן; חוץ לזה זיינען זיי איצט געשטאַנען אין האַנדל־שידוכים מיט רוסלאַנד. דאָן־לעווין האָט טאַקע דערפאַר (פאַר זיין איינשטעלונג צו רוסלאַנד) פאַרלוירן זיין באַטייט.

ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, אָן אַ צייטונג. אין מיר האָט ער איצט געפונען אַ שטיקל אָח לדעה.

...די לעקציע איז אַריבער בשלום. די 400 מענטשן האָבן געקוקט מיט שפּאַנונג אין די וואַסערן פון רוסישן רעוואָלוציאָנערן שטראָם. יענעם אָוונט האָבן זיי געהערט וועגן אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיט די באָלשע־וויקעס. הייניטיקס מאָל — וועגן אונדזער איבעררייס מיט זיי. דער מעכטיקער פאַרנעם פון די מאַסן... די סאָוועטן און די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג... דער אָנהייב פון טעראָר... ברעסט־ליטאָווסק... מיר גייען אַוועק פון דער רעגי־רונג... דער אַטענטאַט אויף מירבאַכן... דער בירגערקריג, קראַנשטאַט...

קיינער רייסט נישט איבער אין זאַל, כאָטש קאָמוניסטן זיינען דאָ. עס קומען די פראַגן, הויפּטזאַכלעך פון רעכטע סאָציאַליסטן. „פאַר וואָס האָט איר פאַרטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג?״ — „איר האָט דאָך שפּעטער געמוזט סיי ווי סיי אָפּטיילן זיך פון די קאָמוניסטן!״ — „ביי דער מערץ־רעוואָלוציע איז דאָך געווען דאָס גאַנצע פאָלק!״. אויף אַזעלכע שאלות מוז מען ענטפערן מיט דער גרעסטער קלאָרקייט. — מיר טוען נישט קיין תשובה פאַר אונדזער טאַקטיק אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. דאָס אַרבע־טער־פאָלק פאַרבינדט ניט זיין גורל מיט די אָדער יענע אינסטיטוציעס. פאָלק איז ניט קיין חסיד פון אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פון אַ סתם רעפּובליק. עס שפּירט אַרויס זיין סאָציאַלן מהות, זיין באַציונג צו זיינע בלוטיקע נויטן. פאָלק איז געווען פאַר סאָוועטן נישט דערפאַר ווייל זיי זיינען פּאַרלאַמענטאַ־ריש בעסער איידער פּאַרלאַמענטן, נאָר ווייל זיי זיינען געווען סאָציאַל־איבערצייגנדיק. אמת, אויף אונדזער וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער וואַנט פון באָלשעוויזם. האָבן מיר איבערגעריסן מיט אים. אָבער דער־פון איז נאָך נישט געדרונגען אַז קערענסקי און די געמעסיקטע טוער זיינען גערעכט. דער אויסוועג ליגט אויף אַ דריטער ליניע. ס'איז שווער אפשר צו פאַרשטיין, אָבער אַזוי איז די לאַגע...

אַז איך גיי אַרויס פון דעם זאַל, געפין איך אין אַ פאַרשטערטן געמיט מיין מענעדזשער סלוצקאיאַ. זי קען מיך ניט פאַרשטיין. „אַז איר האָט גערעדט יענעם מאָל, האָב איך פאַרשטאַנען. קערענסקי האָט טאַקע געמאַכט פעלערן. אָבער היינט האָט איר גערעדט ווי אַ באָלשעוויק. איך קען ניט איינשטימען מיטן פונאַנדערלאָזן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג״. איך פאַר־שטיי וואָס זי לעבט איבער. יאָרן לאַנג האָט מען זיי געשראָקן מיט אונדזע־רע שרעק־בילדער. די באָלשעוויקעס זיינען פאַרהאַסט. און דאָ העלפט זי מיר אין מיין אַרבעט. „האָט איר אַ טעות, ח' סלוצקאיאַ, איר האָט היינט געהערט נישט קיין באָלשעוויק, נאָר אַ לינקן ס״ר״. זי בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ.

21־טער יאַנואַר.

היינט האָב איך צום ערשטן מאָל באַקומען געלט פאַר די געפאַנגענע

פון פריוואט־מענטשן. איך האב זיך דערביי באקענט מיט א ריי נייע פער־זאנען וואס וועלן מיר זיכער פארבלייבן אין דאנקבארן זכרון. זיי געהערן מייסטנס צו דעם אלטן קרייז פון זשיטלאווסקיס פריינד, אבער זיי זיינען נישט געווארן אלט אין די נשמה־זאכן. בייטאג האט מיך פריינד מינדלין אוועקגעפירט צו קאפעליאוון. קאפעליאוו איז געווען קראנק, אבער איך האב אים געפונען זיצנדיק אין א לענשטול אין א לעבעדיקער שטימונג. דער אלטער מאן מיט די באזילבערטע האר און וואנצעס איז איינע פון די שענסטע פיגורן פון דעם הערהאישן ניו־יארק. אין אים און אזעלכע ווי ער האט דער אלטער קאבעדיקער איסט־סייד געקראגן די ריינסטע פארקערפערונג. ווען מען וועלן אמאל קינסטלעריש רעסטאווירן יענע צייט פון אמעריקע, ווען אין אירע גאסן, אין אירע האלס, אין אירע שטיבער לעבעדיק ארומוואנ־דערן די געשטאלט פון א קאפעליאוו. פון דעם מזרח־אייראפעישן למדן און אפיקורס, פון דעם עלנטן פעדלער וואס האט אריינגעזאפט אין זיך אלע צרות און פיין פון א „גרינעם", פון דעם גרונט־ערלעכן סאציאליסט און אנארכיסט, פון דעם אקטיוון מאדערנעם יידישיסט. קאפעליאוו האט אין אמעריקע דורכגעמאכט אלע שבעה מדורי גיהנום, כדי צו „מאכן א לעבן". ער האט געהאלפן בויען די אנארכיסטישע באוועגונג ער, האט אקטיוו מיט־געהאלפן די סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, ער איז דורך זשיטלאווסקין אריינגעטראטן אלס טוער אין דער יידישער קולטור־באוועגונג און האט גע־נומען שרייבן בענד פון זיינע זכרונות. ער האט מיט סימפאטיע נאכגע־פאלגט דער רוסישער אקטאבער־רעוואלוציע. איצט איז ער געזעסן פאר אונדז מיט יונגע אויגן און א הארציקן שמייכל, ווילנדיק וויסן וואס ברענגט אים דער „יונגער דור", פארקערפערט אין אונדזער באוועגונג. מיר האבן נישט פארפירט קיין ברייטע שמועסן וועגן וועלט־אנשויאונג און קאנטי־נענטן; מיר האבן זיך נאר ווארעם צוגעקוקט איינער צום אנדערן. דורך זיין „רבי" (זשיטלאווסקי) קען ער מיך שוין לאנג — האט ער געזאגט. ער איז נים אין אלץ מסכים מיט אונדז אבער ער פארשטייט אונדז. ער האלט אז אין רוסלאנד ווערט היינט געטאן א גרויסע ארבעט, אבער ער קען נישט מסכים זיין מיט די פארפאלגונגען פון סאציאליסטן. ער וויל זיי שיקן הילף דורך מיר...

א ביטערע לעבנס־דערפארונג האט זיך דא פארבונדן מיט א זעלישער פרישקייט און גלויבן אין מענטשן. אזוי האבן געמוזט אויסזען די אלטע העלדן פון די רוסישע נאראדאוואלצעס, צו וועלכע עס ציט זיך אונדזער פאנטאזיע. הינטער די פלייצעס פון קאפעליאוון האבן ארויסגעשיינט די פיגורן פון גערשוני און דער באבושקא. — מיר זיינען אראפ אונטן „כאפן א בים" אין דעם עסצימער. קאפעליאוו האט זיך פארמאטערט פון דעם זיצן, און האט זיך געמוזט לייגן אין בעט. אז איך האב זיך שפעטער אפ־

געזעגנט מיט אים, האָט ער מיר געגעבן אַ מתּנה זיין ערשטן באַנד דעראינע־רונגען און אַ טשעק פאַר די געפאַנגענע. זאָל דער היינטיקער וויזיט זיין אַ גוטער אויפגאַב פאַר גאַנץ אַמעריקע. פון אַזעלכע מענטשן, וואָס געבן אין אַזאַ שטימונג ווילט זיך טאַקע נעמען. מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אים און זיין פרוי ווי גאָר אַלטע פריינד.

און אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון פריינד אַראַנזשירט דורך ד"ר עלסבערגן, אין דער דירה פון מינדלינען. ס'זיינען געקומען נישט אַלע וועמען מען האָט פאַרבעטן. פאַר וואָס? ווייסט מען נישט. ווייזט אויס, דער עולם שטויסט זיך אָן אַז אַזעלכע שמועסן קענען אים קאָסטן טייער. מיר האָבן זיך געזעצט אַרום אַ ברייטן טיי־טיש. צווישן די פאַרזאַמלטע האָב איך געפונען ד"ר מעריסאָן, דעם ענערגישן סעלצער (וועגן וועלכן זשיטלאָווסקי האָט מיר דערציילט ווי וועגן אַן אַקטיוון טוער), דעם שלאַנקן אַלטן מאַן מיט אַ דרייקאַנטיקן באַזילבערטן געזיכט — גערשאָי. די אַלע געסט זיינען געקומען מיט זייערע דאַמען. איך האָב מיך דערפאַר קאָנ־צענטרירט אויף דער שילדערונג פון די פרויען־גורלות פון אונדזערע גע־פאַנגענע. ווען ד י גורלות קען מען דערציילן, פונקט אַזוי ווי אַמאָל פלעגט מען דערציילן וועגן יציאת־מצרים. די הייכן פון מסירת־נפש אויף וועלכע די ספירידאָנאָוואַס, די איזמאַאילאָוויטשעס, די קאַכאָווס־קאַיאַס קענען אַרויפשטייגן, די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און די צאַרטעסטע מענטשלעכקייט וואָס לעבן צוזאַמען אין זייער כאַראַקטער — דאָס אַלץ פאַרכאַפּט דעם געמיט פון יעטוועדן מענטשן. נישט נאָר מען ווערט פאַר־כאַפּט פון אַ געפיל פון מיטלייד און רחמנות, נאָר מען דערפילט זיך פּלוצים זעליש אָפּהענטיק לגבי אַזעלכע געשטאַלטן. זיי שטייען אויף אַזאַ אומדער־גרייכבארער מאָראַלישער הייך, אַז די צוהערער וואָגן ניט צוטרעטן צו זיי ווי גלייכע צו גלייכע... וואָלטן די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן טאַקע געווען אַזעלכע שוכני שחקים, הימלדיקע מענטשן, וואָלט עס געווען ניט צו זייער כבוד. אָבער באמת זיינען זיי נישט אַזוי. זייער כּוח באַשטייט אין דעם וואָס זיי שטייען אין דער מיט פון די „וואָכעדיקע" מענטשן און מישן זיך אוים מיט זיי. דערפאַר קען איזמאַאילאָוויטש אין דער גלות־טורמע זיין אַזאַ גוטע לערערקע צו קינדער; קאַכאָווסקאַיאַ קען זיין אַ ליבעפולע פאַר־וואַלטערין פון אַ יתומים־הויז.

איך האָב נאָך דערציילט וועגן דעם ברודער און שוועסטער גאַלאָווין. זיי זיינען פּלימעניקעס פון דעם באַקאַנטן ליבעראַלן פריץ גאַלאָווין. וואָס איז געווען דער פאָרזיצער פון דער צווייטער מלוכה־דומע. יונגערהייט זיי־נען זיי ביידע אַריינגעטראָטן דווקא אין דער סאַמע ראַדיקאַלער. לינקער ס"רישער פּאַרטיי. צו 19 יאָר איז לידאַ גאַלאָווינאַ, מיט אַ קינדיש־שמייכ־

לענדיקן געזיכט און דעם רויטן בענדל אין די האר, געשטאנען שוין פאר דעם באלשעוויסטישן טריבונאל. און זי האט מיט מוט פארטיידיקט איר פאן. דער פארזיצער, דער באלשעוויק סאלץ האט איר געשטאכן די אויגן מיט איר „יחוס״, און זי האט לייכט אפגעווארפן די פיילן.

— אייער פאטער איז געווען אן אדעליקער?

— יא, אבער פון 15 יאר אן האב איך שוין געלעבט פאר זיך אליין.

— צוויי אייערע ברידער זיינען אין דער ווייסער ארמיי, מיטן גענעראל דעניקין?

די פראגע האט איר, ווייזט אויס, באזונדערס געשמערצט. זי האט א ווייל געשוויגן, אבער ווידער געשטארקט זיך און געענטפערט: יא, דאס איז אמת. אבער דערפאר האט מיין אנדער ברודער און איך געראטעוועט דעם כבוד פון אונדזער פאמיליע: מיר זיינען ביידע לינקע ס״ר...

אז ס׳איז געקומען צו איר „לעצטן ווארט״ אין פראצעס, האט זי זיך ניט געשאנעוועט. די ריכטער אפילו האבן געבויט פאר איר בריקן אויף וועלכע זי זאל קענען צוריקטרעטן פון איר „עקשנות״. זי האט זיך ניט געלאזן: „זייט וועמען זייט איר געווארן אזוי איבערצייגט אין דער פראגראם פון די לינקע ס״ר? נאך גאר ניט לאנג האט איר געצווייפלט אין איר״.

— יא אבער אייער געפענגעניש האט מיך אין גאנצן איבערצייגט. איך בעט אייך איר זאלט מיך ניט באפרייען פון שטראף. איך טראג אויף זיך די פולע פאראנטווארטלעכקייט פאר דער פארטיי...

אין לעצטן ווארט האט זי גערעדט מיט א צאפלדיקער מיידלשער שטים וועגן דעם ווי נייטיק עס איז פרייהייט פאר דער סאציאלער רעוואלוציע. זי האט געבראכט פאר א ראיה די ווערטער פון ראזא לוקסעמבורג, און זי האט טריומפירנדיק פארענדיקט: ס׳איז פאר אונדז א טרייסט צו וויסן אז די גרויסע רעוואלוציאנערין ראזא לוקסעמבורג איז געשטאנען מיט אונדז, נישט מיט אייך...

לידא גאלאווינא געפינט זיך עד־היום אין פארשיקונג. זי איז גייסטיק א ליבלעכע שוועסטער פון ספירידאנאווא. — פון דעם זעלביקן האלץ איז געשניצט אויך איר ברודער — מישא. וועלכן זי האט דערמאנט אין טריבונאל. צוזאמען מיט קאכאווסקאיא איז ער געווען אין יענער קאמפס־גרופע וואס האט זיך געיאגט אין דער אוקראינע נאכן גענעראל דעניקין. זיי האבן געקענט קריגן אים אין קיעוו, אבער זיי — די קריסטן אין דער גרופע — האבן זיך דערפון אפגעזאגט: ווייל עס האט געקאנט פירן צו א ידישן פאגראם... אז קאכאווסקאיא איז געווארן אין וועג קראנק אויף טיפוס, האט דער מישא געבראכט זי, א ברענענדיקע פון היץ, קיין מאסקווע. אין דעם פארהארטעוועטן יונגן פנים, אין דער סאלדאטישער פיגור האט מען געקענט זען נאר דעם פארוואגלטן טעראריסט, דעם רעוואלו־

ציאָנערן נע־ונדניק. און אַז מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען אים אויך פאַר־יאָגט אין דער פאַרשיקונג, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו זיין אַנדער נשמה־טעמע... צו אַסטראָנאָמיע. ער איז צוגעלאָזן געוואָרן צו דער אָבסערוואַטאָ־ריע אין טאַשקענט, ער האָט אין שרייבן דאָס בוך וועגן „דער איינוויר־קונג פון שטערן אויף דער סאָציאַלער וועלט". דער מאָראַלישער אומרו פון אַ מישא גאָלאָווין האָט זיך געקענט פאַרבינדן מיט דער קאָנצענטרירטער רו פון אַסטראָנאָם.

די שילדערונג פון די אַלע לעבנס־געשיכטן האָט געמאַכט אַ רושם אויף די צוהערער. ד"ר עלסבערג האָט געמאַכט אַן אַפּיל וועגן מאַטעריע־לער הילף פאַר די געפאַנגענע. מען האָט געלאָזט גיין אַ בויגן פּאַפּיר איבער דעם טיש, אויף וועלכן יעדער האָט אָנגעשריבן זיין צושטייער. סוף אָוונט האָט עלסבערג מיטגעטיילט וואָס פאַר אַ סומע מען האָט דאָ געזאַמלט. ער איז געווען נישט צופרידן, ער האָט געוואַרט אויף אַ גרעסערע. אמת, ד"ר מעריסאָן איז צוגעגאַנגען און געזאָגט מיר: איר מוזט זיין צופרידן, ס'איז אַ דערפאָלג. אָבער ער האָט נישט געזען די גרייס פון דער נויט. איניקע געסט האָבן צוגעזאָגט צו אַראַנזשירן ביי זיך נאָך אַזעלכע טיי־אָוונטן.

אַז מיר זיינען שפּעט ביי נאַכט געפאָרן אַהיים, האָט דער זילבערנער גערשאָי מיט פון גוטסקיים שטראַלנדיקע אויגן דערמאָנט די צייט פון גער־שוני אין ניו־יאָרק. ווי לייכט האָט דעמאָלט דער ראַדיקאַלער עולם געגעבן אויף דער רעוואָלוציע! אָבער דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש ווי היינט: אַלע קרייזן אָן אויסנאַם האָבן מיטגעהאָלפן דער זאַך. אַרום גערשונין, למשל, האָבן זיך אַלע פאַרבונדן. ס'איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע מיינונג וואָס האָט מיטגעשלעפּט אַלעמען. היינט איז דער עולם אַזוי שאַרף צעשפּאָלטן. אַ סך געפינען דערין אַ תירוץ אויף צו שטיין ביי דער זייט. אַ סך שטיצן נאָר די קאָמוניסטן, ווייל זיי זיינען כלומרשט די יורשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און די וועלכע זיינען גרייט צו זיין ברייטער, מוזן זיך צע־וואַרפן אויף אַ סך זייטן. אָט זיינען היינט אָוונט געווען איניקע וואָס האָבן געגעבן הילף אויך קערענסקי'ן, זיין זשורנאַל „דני". זיי זיינען גרייט צו העלפן אויך לינקע ס"רן. אָבער דער אַמאָליקער איינהייטלעכער שטראָם האָט זיך צעברעקלט אויף אַ סך קליינע שטראָמעלעך... מיט וואָס פאַר אַ גרעסע־רער פרייד וואָלט איך אַרויסגעטראָטן צוליב די געפאַנגענע פאַר אַן איינ־פאַכן פאָלקס־עולם פון אַרבעטער, אויף אַ מאַסן־מיטינג! מיט וואָס פאַר אַ טיפערער באַפרידיקונג וואָלט איך געזאַמלט די קלענערע, די קלענסטע, די סענטן־מתנות!

דער ענין זאַמלען געלט אין אַמעריקע האָט זיך שוין לאַנג פאַרוואַנדלט אין אַן איינגאַרטיקער, קאָמפּליצירטער, טיף־פּסיכאָלאָגישער אינדוסטריע.

די גרויסע מאַסן־זאַמלונגען האָבן נאָך אין זיך דעם עלעמענט פון סטי־ בישקייט, פון עכטער באַגייסטערטער גרייטשאַפט. כאָטש אַפילו די זאַמ־ לונגען זיינען געדיכט אַרומגענומען מיטן נעפּל פון אָרגאַניזירטער דעמאַ־ גאָגיע. אָבער די זאַמלונגען אין קלענערע, געשלאָסענע אסיפות, אויף באַנ־ קעטן האָבן צו אָפט דעם כאַראַקטער פון אַ צוואַנג־און פּרעסטיזש־פראַגע. מען גיט ווייל מען מוז געבן, ווייל עס פּאַסט נישט אַנדערש, ווייל מען וויל נית פאַרטשעפּען דעם באַלעבאָס אָדער דעם אַפּיל־מאַכער. עס זיינען שוין דאָ „מענטשן־קענער" וואָס קענען אָפּשאַצן יעדנס צדקה־פעיקייט. פונקט אַזוי ווי מען שאַצט מענטשן אין אַמעריקע בכלל לויט זייער געלט („ער איז ווערט 100,000 דאָלאַר"), פּונקט אַזוי מעסטן די דאָזיקע מענטשן־קענער, די באַנקעט־אָנטיילנעמער לויט זייער גרייטשאַפט צו מסירת־כסף. ס'איז אָפּטמאָלס גוט פאַר דער אָדער יענער אויפגאַבע אַז מען קען צוליב איר מאָביליזירן און אָרגאַניזירן די מענטשלעכע פריגיביקייט. פונדעסטוועגן גייט אונטער אין אַזאַ מין אינדוסטריע דאָס פּערזענלעך־אינטימע, דאָס אייגן־שעפערישע. דער נעמער און דער געבער שטעלן זיך אַוועק אויף צוויי ברעגעס וואָס ליגן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. ס'איז אייגנטלעך דער אונטערשייד וואָס ליגט צווישן דעם „בעבור שנדר" אויף דער שבתדיקער בימה און דעם באַשיידן־האַרציקן מתן בסתר.

אייזיק דאָן לעווין און מאַקס איסטמען

23־טער יאַנואַר.

איך פֿיל אַז איך האָב דאָ שוין צופֿיל באַקאַנטע. די צונויפֿקומען און די שמועסן־רייבן אַוועק צו פֿיל צייט. אויסער דער יידישער סביבה האָב איך נאָך אָנצוהייבן די אַרבעט צווישן אַמעריקאַנער. ס'איז נישט פּשוט, ווייל איך באַהערש ניט די שפּראַך. דאָן־לעווין זאָגט מיר צו באַהילפֿיק צו זיין. ער שלאָגט פֿאָר איך זאָל האַלטן אַ פֿאָרטראַג אין „סיוויק־קלאָב", וווּ עס קומען זיך צונויף די ראַדיקאַלע אַמעריקאַנער. אחוץ דעם מוז איך באַלד אַרויסטרעטן פֿאַר די דייטשע אַרבעטער פֿון לאָרעס פֿאַרבאַנד. איך האָב אים פֿאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־מיטינג מיט דער טעמע: „וואָס איז געשען מיט טראָצקין?". אַרויסטרעטן זאָלן דריי: ער, מאַקס איסטמען און איך. ער רעכנט אָבער אַז די קאָמוניסטן וועלן אַזאַ מיטינג אַראָפּרייסן, באַזונדערס צוליב אים (זיי באַטראַכטן אים פֿאַר אַ פֿאַררעטער). מיר וועלן נאָך זען. דערווייל גרייטן זיך די דייטשן צום יובילײ פֿון זייער „ניו־יאָרקער פֿאָלקס־צייטונג": אַ 50־יאָריקער יובילײ. איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ באַגריסונגס־אַרטיקל צו דעם יובל־נומער.

כדי אָבער די יידישע אַרבעט זאָל גיין מיט אַ סיסטעם, מוזן מיר האָבן עפּעס אַ טעטיקן קאָמיטעט, וואָס זאָל צוהעלפֿן דעם מענעדזשער. אַזאַ קאָמיטעט איז פּראַקטיש פֿאַר מיר נישטאָ. אמת, נאָך איידער איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ מין Dr. Steinberg Reception Committee אין וועלכן עס זיינען אַריין אַ 25 ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע טוער. אָבער ערשט דאָ בין איך דערגאַנגען פֿון מיין פֿריינד מינץ ווי ער האָט עס צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָמיטעט. אייניקע האָבן גאָר וואָרעם איינגעוויליקט צו זיין מיטגלידער, אַנדערע האָבן געלאָזט אַריינשרייבן זייערע נעמען צוליב דעם טעם „פֿאַר וואָס נישט?" ממילא זיינען געווען אין דעם לאַנגן צעטל פֿון נעמען (וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פֿון יעדן בריוובויגן) אַזעלכע וואָס האָבן קיין שום אינטערעס נישט געהאַט צו מיין ענין. אַ טייל פֿון „מיינע" אויפֿנעמער האָבן זיך פֿאַר דער גאַנצער צייט אַפֿילו נישט באַקענט מיט מיר. ווייזט אויס, ס'איז אַן אַמעריקאַנער מנהג צו שאַפֿן קאָמיטעטן אין דער וועלט אַריין. די יידישע כלל־טוער זיי־

נען טאקע פארוואָרפן מיט פליכטן, יעטוועדער איז א קאָמיטעט־מענטש פון א צענדליק אָרגאַניזאַציעס. אָבער דעם אורח ווערט ניט ווארעמער פון אַזעלכע מכניסי־אורחים... זיינען זיך ביי ד״ר עלסבערג היינט אָוונט צו־נויפגעקומען די פּאָר פאראינטערעסירטע מענטשן: מינץ, סלוצקי. עלסבערג, דאָן־לעווין. מיר האָבן באַטראַכט אַ פּלאַן פאר מיינע ווייטערדיקע ארויס־טרעטונגען. ס׳איז ניט געווען אייגנטלעך קיין פּלאַן וואָס באַזירט זיך אויף אָרגאַניזירטע גרופּן. פאַרקערט: מען האָט גענדאַרפט דורך אַרויסטרעטונגען ערשט געווינען פאר זיך אַזעלכע גרופּן. ס׳איז געווען קלאָר: קיין אָרגאַני־זאַציע אין ניו־יאָרק האָט נישט געוואָלט שטיצן מיין אַרבעט. די אָרגאַני־זאַציעס זיינען גאָר געווען נשתומם וואָס איך באַגוגן זיך ניט מיט אַ בליץ־אַרטיקן דערשיינען און תיכּפדיקן פאַרשווינדן. קיינער האָט נישט געוואָלט אַז איך זאָל דאָ פאַרפירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט. און אַפילו אָט די פּאָר מענטשן היינט אין אָוונט, האָבן מיטגעהאָלפן ווי יחידים, ווי פּערזענלעכע פריינד.

איך האָב עס געזען און נישט געהאַט צו זיי קיין טענות. עלסבערג האָט אַרויסגערוקט אַ פּראָיעקט: צונויפרופן אַן עולם אין אַ גרויסן האָטעל צו אַ טיי ביי וועלכן איך זאָל דערציילן זכרונות פון דער רעוואָלוציע. דאָס זאָל זיין עפּעס צווישן אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג און אַ באַנקעט. מען וועט דאַרפן פונאַנדערשיקן אַ טויזנט איינלאַדונגען, שרייבן, טעלעפאָנירן. דאָס וועט שוין פרוי סלוצקי קענען. מיר האָבן באַשלאָסן צו אַראַנזשירן אין די בראָנקס און אין ברוקלין נאָך אַ פּאָר מאַסן־מיטינגען, און הויפּטזאַכ־לעך ווענדן זיך צו דער פּראָווינץ.

צום סוף אָוונט האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר וואַרעמע שעהן ביי דאָן־לעווינען. אַ קליינע משפּחה אין אַ געדריקטער דירה. אַ יונגע פרוי אין אַ ספּאָרטמעניש־אַמעריקאַנישן סטייל. אַ קליין יינגעלע שפּילט זיך אויפן טע־פּיך, באַטראַכטנדיק בילדער פון די אומגעלומפּערטע פּעק צייטונגען. עס ליגט אַ שאָטן פון דחקות אויף דער וווינונג פון זשורנאַליסט. די אשת חיל אַרבעט פלינק ביי דער קיך, גיט אונדז אַ וואַרעמס ביי דעם קיך־טיש. קענ־טיק זיי זיינען געוווינט צו בעסערע צייטן, און עס איז אַ שטאָלץ צו זען ווי ליכט זיי טראָגן די ביטערקייט. מיר ריידן וועגן דעם צי קען מען דאָ שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט פון „פריינד פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד״? אַ געזעלשאַפט וואָס זאָל שטיצן די רעוואָלוציע און די רוסישע מאַסן, אָפּ־וואַרפנדיק דעם רעזשים פון באָלשעוויקעס? אַן ענלעכע חברה „פריינד פון פרייען רוסלאַנד״ איז אין אַמעריקע אַמאָל געווען זייער טעטיק. אָבער דאָס איז געווען קעגן צאַריזם... דאָן־לעווין איז מסופק צי מען קען היינט שאַפן אַזאַ קאָמפּליצירטע זאַך ווי איך וויל. דער דורכשניטלעכער ראַדיקאַלער אַמעריקאַנער וועט עס ניט תופס זיין. האָט דאָך דאָן־לעווין פאַרלוירן זיין

פאַזיציע דאַ צוליב זיין קריטיק פון באָלשעוויקעס... לאָמיר עס אָפּלייגן. צוערשט מוז מען זיך באַקענען מיט די ראַדיקאַלן גופא.

24־טער יאַנואַר.

היינט האָב איך אַ גאַנצן טאָג געקענט אויפנעמען מענטשן „ביי זיך", ד"ה אין דעם רעסטאָראַן־רוים פון ליבבי־האָטעל. צו מיטאָג זיינען געקו־מען ביידע ווילנערס, ענערגישע, אויפגעלייגטע. קענטיק, מיין קומען האָט אריינגעבלאָזן צו זיי אַ פונק פון יענער אַלטער רעוואָלוציאָנערישקייט, וואָס האָט ווי אַ בענקשאַפט געלעבט אין זייער נשמה. זיי האָבן גאָר ניט לאַנג אריבערגעטראָגן אַ שווערן קלאַפּ אין דער פאַמיליע. און זי, די פרוי, האָט געוואָלט, דוכט זיך, אריבערטראָגן אירע געדאַנקען צו די וואָס לײדן אין רוסלאַנד. איך לייג אויף זיי גרויסע האָפענונגען. דער מיטאָג איז אריבער גאָר פריילעך. דער הויפּט־משגיח פון רעסטאָראַן, אַ דיק־בייכיקער, לעבנס־לוסטיקער אַמעריקאַניזירטער ייד, האָט אונדז פאַרשאַפן מיט רייד. זיין באַ־האַוונטקייט אין די טיפסטע דעטאַלן פון הלכות אכילה איז געווען צו באַ־וווּנדערן. דערמאָנענדיק כסדר אַלץ נייע און נייע פּאַטראָנעס, גאַרנירן, סאָאוסן, האָט דער דאָזיקער יידישער פּאָלסטאָף באַנוצט דווקא די ליבסטע און אויסגעקליגלסטע יידישע ווערטער. דער שבועות־פרעסער פון שלום־עליכמען איז געווען אַ נזיר לגבי אים. — אפשר ווילט איר אַ ביסעלע שאַר־פער? איז אָל־רייט... מירן צולייגן אַ קאָפּעטשקע זענעפט... און אַ קליין ברעקעלע ציבעלקעלע, אַ געבראָטן ציבעלקעלע... דאָס גיט צו אַ יידישן ריח (ער האָט צוגעקנאַקט מיט די פינגער, צוגעווונקען מיט אַן אויג, די שכינה האָט גערוט אויף אים) האָט איר טועם געווען אונדזער היינטיקן זופּ? וואָסער זופּ מיינט איר, דעם מילכיקן זופּ?... ניין, איך מיין דעם פליישיקן, מיט די דינינקעביינדעלעך, מיט די שטיקעלעך פעטס, ווי אייגעלעך... און אַ קאָמפּאָט האָב איך פאַר אייך. איר וועט ניט טרויען אייערע אויגן... ווי איך בין אַ ייד... אַזאַ עסטעטישע התלהבות ביי דעם עסן איז פאַר מיר גע־ווען אַ נייעס. און אפשר איז עס גאָר ניט געווען עסטעטיק, נאָר ביזנעס?

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט די ווילנערס וועגן אַ טיי־אָוונט ביי זיי אין הויז. יענעם שבת וועל איך פאַרברענגען ביי זיי אַ האַלבן טאָג. וועלן מיר זיך נעענטער באַקענען. אויב שאַפן אַ גרופּע פון אמתע פריינד, מוז מען זיך באַקענען מיט יעדן באַזונדער. ווייל דער אָטעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז צוגעקומען צו זיי פאַרנעפּלט פאַרוואַסערט. אין אַ שעה שפּעטער איז געקומען פרוי מוראַווטשיק. דאָס איז יענע יונגע פרוי וואָס האָט מיר ביי דער באַגעגעניש מיט די ס"ר געשטעלט אידעיש־פריינדלעכע פראַגן. זי וויל זיך איצט נעענטער באַקענען מיט אונדזער אידעאָלאָגיע. זי איז אַ מענטש מיט ענגלישער בילדונג, מיט אַ פעדער אין האַנט. איר עצה איז, אַז מיר זאָלן זיך וואָס גיכער פאַרבינדן מיט די אַמעריקאַניש־ראַדי־

קאָלע קרייזן. אָבער זי און אַנדערע פריינד זיינען נאָך ווייט פון אונדזערע אידעען. אָט הערט זי אונדזערע רייד וועגן פרייהייט, און זי וווּנדערט זיך: צי זיינען מיר ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטן? אָט הערט זי ביי אונדז וועגן רעוואָלוציע, און זי חידושט זיך ווידער: צי זיינען מיר ווי באָלשעוויקעס? קענטיק, איך וועל נאָך האָבן גענוג איינצוטענהן אפילו מיט פריינד.

מאַקס איסטמען, דער רעבעלירנדיקער קאָמוניסט, האָט מיך באַזוכט היינט. זיין פּאָליטישע לאַגע איז אַ פּאַרדרייטע. אין רוסלאַנד איז ער געווען זייער נאָענט מיט טראָצקין. ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַשרייבן טראָצקיס יוגנט, און האָט געקראָגן פון אים די מאַטעריאַלן. אַזאַ בוך אין ענגלישער שפּראַך האָט ער אַרויסגעלאָזן אין יאָר 1925. מען קען זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ חסידישער באַגייסטערונג עס איז געווען געשריבן. אָבער באַלד זיינען אונטערגעקומען די שאַרפע סכסוכים אין באָלשעוויסטישן חצר המלך. דעם העלד פון איסטמענס ראָמאַן האָט מען גענומען פון דאָרטן אַרויסשטופּן. האָט איסטמען ווי אַן איבערגעגעבענער פריינד פון טראָצקין — אונטערגעאיילט זיך אַרויסצוגעבן אַ ניי בוך: „זינט לענין איז געשטאָרבן". האָט ער פונאַנדערגעוויקלט די גאַנצע געשיכטע פון די רייסענישן צווישן סטאַלין, זינאָוויעוו, טראָצקי. דאָ האָט ער אָפּגעדרוקט די שוין באַקאַנטע צוואה פון לענינען, וואָס זאָל האָבן אָנגעמערקט טראָצקין פאַר דעם טראָנפאָלגער. עס איז קלאָר אַז איסטמען האָט געשריבן זיין אַרבעט מיט אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער הסכמה פון טראָצקין. אָבער טראָצקי האָט גראָד דעמאָלט געהאַלטן ביי איינעם פון זיינע טאַקטישע זיגזאַגן: ער האָט צוגעזאָגט סטאַלינס קאָמיטעט צו אונטערגעבן זיך. האָט מען אַרויסגעשטעלט קעגן אים איסטמענס בוך. און טראָצקי האָט אַ פּאָר מאָל געמוזט שרייבן עפנטלעכע בריוו אין וועלכע ער האָט זיך „אָפּגעטרייסלט" פון זיין אייגענעם ביאָגראַף. ער האָט געשטעמפּלט זיין „קליין־בירגערלעכע נאַטור", זיין יאָגעניש נאָך זשורנאַליסטישע סענסאַציעס, זיין הילף צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע... דאָס אַלץ איז געווען עקלהאַפט, און איסטמען האָט עס אפילו אין דער פּרעסע געזאָגט ווייך און פאַרווירט ווייל נישט געוווינט צו אַזעלכע אַזיאַטישע מעטאָדן. איצט איז אָבער טראָצקי פאַרשיקט געוואָרן אין גלות. צי איז ער מבטל דערמיט די שאַרפע בריוו קעגן איסטמענען? מען קען זיך פאָרשטעלן ווי איסטמען האָט זיך געפילט.

מיר האָבן גערעדט מכוח אַראַנזשירן אַ געמיינזאַמען מיטינג מיט לאָרען, טאַקע וועגן ענין טראָצקי. געוויס שטייען מיר אַלע דריי אויף פאַרשיידענע וועגן, אָבער אין פאַראורטיילן דעם רעזשים זיינען מיר איצט מסתמא גלייך... איז טאַקע ניין! — עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איסטמען פאַראורטיילט נאָך גאָר נישט אַזוי קלאָר ווי מיר. ער פאַרשטייט — זאָגט ער — די אויפרעגונג וואָס עס טראָגן אין זיך די רוסישע פריינד,

אָבער זיי — די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן — קענען עס ניט מיטמאַכן... איך האָב ניט געשאַנעוועט קיין פאָרווורפן קעגן אים. איז דאָך איסטמען געווען דער טיפּישער פאַרטרעטער פון יענע „אויסלענדישע" קאָמוניסטן וואָס נעמען פאַרשטיין דעם מהות פון באָלשעוויזם נאָר דעמאָלט ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ איבער זייער אײגענעם קאָפּ. די ליידן אָדער די בענקשאַפט פון די רוסישע מאַסן זײנען פאַר זיי נישט וויכטיק: פאַרקערט, זיי געהערן צום תוך פון דעם „גראַנדיעזן עקספּערימענט" פון דער וועלט־געשיכטע. ד ע ר סאָרט אויסלענדער פירט אַ טאָפּל־רעכענונג: פאַר אים. אין זיין לאַנד טויג נישט דער באָלשעוויזם (אין דעם איז ער אַ „רעכטער"), פאַר רוסלאַנד „מסתמא טויג ער" (אין דעם איז ער „לינק"). סוף כל סוף באַטייט עס אַז דער „גראַנדיעזער עקספּערימענט" אאַ"וו איז נישט מער ווי אַן עלעמענט אין זײנע, דעם דאָזיקן קאָמוניסטס, פּלענער און וועלט־אָנשויאונג. די רוסישע רעוואָלוציע איז פאַר אַזעלכע מענטשן אַ סך מער פאַרזענלעכע זעלבסט־באַפרידיקונג, איידער אַקטיווע פאַרפליכטונג צו דער אידעע און צו די „פרעמדע" מאַסן. איסטמענען האָבן זיך געעפנט די אויגן ערשט איצט צוליב דער מעשה טראָצקי. אָבער אונדז — האָב איך צו אים געטענהט — זיינען די אויגן אָפן שוין מיט אַ צען יאָר צוריק. מיר האָבן עס דערקענט נישט אין די שלעכטע יורשים פון לענינען, נאָר דווקא אין לענינען גופא. נישקשה, מיר האָבן געדולד צו וואַרטן ביז איר אַלע וועט פאַרשטיין די זאַך ביזן גרונט. די פראַגע איז נאָר, צי מיר וועלן דעמאָלט שטיין אויף דעם זעלביקן באָדן...

ער האָט געשוויגן פאַרטראַכט. דערנאָך אַרויסגעזאָגט: מיר קוקן אַנדערש ווי איר. מיר זײנען דאָך נישט קיין נאַראָדניקעס...

— אָבער איר זייט אייגנטלעך אויך קיין מאַרקסיסט נישט... (איסטמען האָט נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ בוך „מאַרקס, לענין און די וויסנשאַפט פון רעוואָלוציע", אין וועלכן ער האָט געפּרוווט אַרויסשטעלן אויפן ערשטן פּלאַן די באַדייטונג פון פּסיכאָלאָגיע און גייסט אין דער געשיכטע לגבי דער מאַטעריעלער עקאָנאָמיק. מאַרקסיזם גופא איז פאַר אים נישט וויסנשאַפט נאָר אַ רעליגיע און מאָראַל, און לענין — דער „אינזשעניער פון רעוואָלוציע") איר וועט טאַקע אַמאָל פאַרשטיין וואָס נאַראָדניקעס זײנען...

איך האָב געזען אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען קענען מיר ניט אַראַנזשירן אַ געמיינזאַמען מיטינג. אָבער ער וויל, דוכט זיך, טאָן עפּעס פאַר אונדזערע געפאַנגענע. אפשר... זיין פרוי איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון קרילענקאָ, דעם זייער פעיקן און זייער פאַרדאָרבענעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון די באָלשעוויקעס.

צוויי יידישע יונגעלייט, איינער אַן אָנגעשטעלטער, דער אַנדערער אַן אַרבעטער, ביידע דערצויגן אין לאַנגיאָריקן חדר פון זשיטלאָווסקין האָבן

מיך היינט באזוכט אין אוונט. זיי טראגן זיך ארום מיט אן אייגענעם פלאן. וואס איז מיר נאענט ביז גאר. עס האנדלט זיך וועגן שאפן אין אמעריקע א „גרופע פרייע יידישע סאציאליסטן". איינער פון די געסט איז ח' פאליאק, מיט וועלכן איך האב זיך באקענט נאכן מיטינג מיט די ס"רן. ער איז פאר־כאפט פון די „פרייע שריפטן", און וויל, אז א נייע גרופע זאל ארבעטן אין גייסט פון דעם זשורנאל. זיי ביידע דערציילן אז ס'איז דא אין ניו־יארק א באדן פאר אזא ריכטונג, אז אין די „לינקע" ארבעטער־קרייזן ווערט מען אלץ מער אויסגעניכטערט. זיי ביידע זיינען אויסגעוואקסן אין דעם ראַ־דיקאל־יידישיסטישן לאגער, אבער זיי זיינען מער ניט באפרידיקט. זיי זוכן איצט דעם קולטור־אינהאלט פון א מאדערן־יידישיסטישער סביבה. „מיר ארבעטן אין דער יידישער שול" — זאגט פון זיי איינער — אבער ס'איז נישט געננוג. וואס וועט זיין ווייטער מיט די דערצויגענע קינדער? זיי וועלן אריינפאלן אין אמעריקאניזם". „דער ארבעטער באפרידיקט זיך היינט ניט מיט קיינע פארטייען, ער האט שוין גוט דערקענט אי די רעכטע אי די לינ־קע. עס מוז קומען א יידישער סאציאליזם" — אזוי רעדט שטיל און מילד פאליאק. דער פאליאק האט אבער שטאל אין זיין כאראקטער. מיט א פאר יאר צוריק האט ער צוזאמען מיט די לינקע אויפגעשטורעמט דעם מיושב־דיקן „גערשוני ברענטש": זיי האבן זיך אנגענומען פאר ראטן־רוסלאנד. איצט אונטערשטרייכט ער דעם יידישן כאראקטער פון סאציאליזם. „מען דארף זיך ניט שעמען צו באטאנען יידישקייט, און אפילו חסידות, אין אונדזער סאציאליזם — דערקלערט ער שטיל, אבער פעסט. — ס'זיינען דא היינט געננוג עלעמענטן צווישן די יידישע ראדיקאלן פאר א נייער לינקער באוועגונג, מען דארף נאר אריינטראגן אהין אן ארגאניזאציאנעלן יסוד. א סך — זאגן זיי —ווארטן מיט אומגעדולד אויף מיין לעצטער לעקציע וועגן רוסלאנד. דא זאל זיי קלאר ווערן די ריכטונג. עס וועט אבער מוזן קומען א באזונדערער רעפעראט וועגן יידישן סאציאליזם".

מיר גייען זיך פונאנדער מיט די שענסטע האפענונגען. א ווײַלע שפע־טער דערשיינט פראנק מיט זיין גוטמוטיקן סקעפטיציזם. ער איז גוטמוטיק צו מיר, וויל נישט צעשטערן מיינע האפענונגען. ער איז אפילו גרייט צו ווארעמען זיך ביים פייערל פון אזא גלויבן. אבער: „איר קענט זיי נאך ניט, די אמעריקאנער! — זאגט ער — איך וויל אייך ניט צווינגען צו קוקן מיט מיינע אויגן. איר וועט אליין זען".

פראנק האט א סך וואס צו דערציילן. דא נישט לאנג האט א רעדאק־טאר פון א גרויסער יידישער ציימונג טיף באליידיקט אן אנפאנגער־שריי־בער. „צו וואס דארפט איר ווערן א שרייבער? — האט ער אים געזאגט. — איר האט פעיקייטן, איר קענט א סך מער פארדינען. איך ראט אייך צו פארנעמען זיך מיט אינשורענס"... איך קען שוין אייך דערציילן וועגן די

היגע מנהגים. אָט טאָקע דאָ אין ליבבי־האָטעל איז דאָס געשען. איך בין אראָפּ אין רעסטאָראַן אַ פּאָר טעג צוריק. האָט זיך צו מיר צוגעזעצט מיט דער גרעסטער פריינדשאַפט אַ יונגערמאַן, אַן אָנגעשטעלטער אין קאָנטאָר פון דעם האָטעל. — איר זייט דאָך פון דווינסק? — האָט ער געפרעגט. — און מיר זיינען פון דווינסקער ברענטש פון ארבעטער־רינג. -- וואָלט איר ניט געוואָלט האַלטן אַ לעקציע ביי אונדז? מען וואָלט געווען ביי אונדז זייער צופרידן. חבר אבראַמאָוויטש, אַז ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט אויך ביי אונדז געהאַט אַ שיינעם קבלת־פּנים".

איך האָב, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט. מיט גרויס דרך־ארץ האָט ער זיך אונטערגענומען דורכריידן זיך מיט די דווינסקער. אַז איך האָב אים אָבער אין אַ פּאָר טעג שפּעטער ווידער געטראָפן, איז ער שוין געווען לא כתמול שלשום. ער האָט זיך באַמיט אויסצומיידן מיך... איך האָב פאַרשטאַנען. די דווינסקער זיינען בונדיסטן, האָט מען צונישט געמאַכט דעם פאָרשלאַג פון דווינסקער. אבי נאָר אָפּהיטן פון דער „באָלשעוויסטישער" פּעסט. מיט דעם זעלביקן דרך־ארץ האָט דער יונגערמאַן אָפּגעווענדט איצט די אויגן פון מיר. וואָס איז ער שולדיק אין זיין נאַאיוויטעט?

25־טער יאַנואַר.

עס האָט זיך אָפּגערופן היינט דער אוקראַאינער וועגלינסקי, צו וועלכן איך האָב געשריבן דאָ נישט לאַנג. איך האָב געהאַט צו אים אַ בריוו פון דעם ח' שאַפּאָוואַל, דעם אוקראַאינישן לינקן ס"ר. שאַפּאָוואַל איז פאַר אַ יאָרן ארומגעפאָרן איבער אַמעריקע און האָט מיר באַגייסטערט געשריבן וועגן דער אויפנאַמע וואָס ער האָט געהאַט מצד די אוקראַאינישע אַרבעטער־עמיגראַנטן. ס'איז אַ ברייט פעלד פאַר די אידעען פון עטישן סאָציאַליזם דאָ — האָט ער געשריבן. — מען דאַרף ניט צוגיין צום אַמעריקאַנער אַרבעטער מיט דער פלאַכער מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. וועט איר ריידן נאָר וועגן דער אָרעמקייט און עלענט, וועט מען אפילו לאַכן פון אייך, ווייל אַ סך פון זיי פילן עס נישט. מען דאַרף מוטיק אַנטוויקלען פאַר זיי די אידעען פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, פון מאָראַלישער באַפרייונג. דאָס פאַרכאַפּט... איצטער, אַז איך בין געזעסן אין אַ קליינעם יידישן רעסטאָראַן מיט וועלגינסקין, האָב איך געהערט אַנדערע ווערטער. ד ע ר עלטערער אינזשעניער מיט סקעפּטישע אויגן האָט נישט געטיילט דעם ענטוזיאַזם פון שאַפּאָוואַלן. „דאָס ברענגט ער דעם ענטוזיאַזם מיט זיך". און אפשר האָט שאַפּאָוואַל געפונען דאָ ביי די אוקראַאינער אַזאַ אָפּקלאַנג דערפאַר ווייל ער האָט פאַר זיי געמאָלן בילדער פון אַ סאָציאַליסטישער אוקראַאינע, פון אַ סאָוועטישן פאָטערלאַנד?

קעגן שאַפּאָוואַלן זיינען דאָ אויפגעטראָטן, ווי אויך אין איראָפּע, סיי די קאָמוניסטן סיי די נאַציאָנאַליסטן פון אַלע מינים. און פונדעסטוועגן

האָבן זיך אין לעצטן יאָר פאַרטונקלט די באַציונגען צווישן מיר און אים. דער ענין פעטליורא־שוואַרצבאַרד האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן אונדז. איך האָב אָנגעשריבן אַן אָפענעם בריוו צו שאַפּאָוואַלן (אין „זנאַמיאַ באָרבי״) און אַפּעלירט צו אים: ער און זיינע פריינד זאָלן אַרויסטרעטן מיט אַ דער־קלערונג וועגן זייער באַציונג צו דער פּאָגראָם־כוואַליע פון פעטליוראַן; זיי מעגן זיין די שאַרפסטע קעגנער פון שוואַרצבאַרדס אַקט, אָבער זיי טאָרן נישט ביי דער געלעגנהייט פאַרשווייגן זייער קעגנערשאַפט צו פעטליוראַן. אויב נישט, מישט מען אויך זיי צונויף מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַליסטי־שער אוקראַאינישער חברה... ערשט דאָ אין אַמעריקע האָב איך דערהאַלטן זייער אָפיציעלן ענטפער. דאָס איז געווען אַן אויפגערעגטער און נישט קיין גערעכטער דאָקומענט. איך האָב געקענט אומגעפער שאַפּאָוואַלס געדאַנקען־גאַנג. „אַז מיר זיינען נישט קיין פעטליוראָווצעס, ווייס יעדערער ווער עס אינטערעסירט זיך מיט אונדזער אוקראַאינישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר זיינען עס די וואָס האָבן גייסטיק און פּאָליטיש אונטערגעגראָבן די „פּאָלקס־אַרמיי״ פון פעטליוראַן. איך בין ביי זיי דער פאַרהאַסטער מענטש. אַז איך בין נאָך געווען אַ מיניסטער אין קיעוו — אין יאָר 1919, האָבן זיי מיך איין מאָל שוין געהאַט אַרעסטירט. וואָס דאַרפן מיר עפּעס אַרויסגעבן דערקלערונגען וועגן אונדזער באַציונג צו יידישע פּאָגראָמען ביי דער גע־לעגנהייט פון שוואַרצבאַרדס אַקט? אַט דעם אַקט האַלטן מיר פאַר פאַרברע־כעריש. ער האָט ווידער אויפגעוועקט די שאָוויניסטישע אינסטינקטן ביי אונדזערע מאַסן. די גאַנצע אַרבעט אונדזערע איז אַראָפּגעריסן...״

ס'איז געווען אַ שווערער ענין אַפילו מיט די לינקסטע אוקראַאינישע חברים. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג צוזאַמען מיט דעם מיקיטאַ שאַפּאָוואַל אין אַ זומער־וווינונג אין פראַנקרייך. ער איז אַ דיכטערישע נאַטור, ער שרייבט לידער און קען פילן אַ פרעמדן ווייטאָג. און טאַקע אויף דעם געביט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אונדזער יעדערנס אייגע־נער מקור. ער האָט מיר פאָרגעלייענט אַ ליד פון אַ נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענעם אוקראַאינישן דיכטער־עמיגראַנט. דאָס איז געווען אַ קינדער־וויג־ליד: די מוטער וויגט איין איר קינד און פאַרענדיקט יעדע סטראָפע מיט די ווערטער:

וואַקס אויסוואַקסן, וועסטו ווערן אַ האָנטע!

שאַפּאָוואַל האָט דעקלאַמירט די דאָזיקע ווערטער, און אַ נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער געפיל האָט אים באַלויכטן דאָס ליד. אין דער זעלביקער צייט האָבן ביי מיר די דאָזיקע ווערטער געוועקט אַנדערע זכרונות. האָנטאַ! — איז אויך ביי אונדז איינגעשריבן אין די הערצער. דער זעלביקער היסטאָרי־שער מענטש: פאַר איין פאָלק אַ העלד, פאַרן אַנדערן — אַ רוצח... איז נישט

אזוי אויך טיטוס, דער רוימישער אימפעראטאר, וואס האט חרוב געמאכט ירושלים? פאר זיי איז ער דער amicus generis humani פאר אונדז — טיטוס הרשע. אט אזוי זעט יעדעס פאלק די אוניווערסאלע זון נאר פון אי ר אייגענער זייט. און שאפאוואל זעט די מענטשהייט פון דער אוקראאינישער זייט. אז ער האט שפאצירט איבער די גאסן פון פא־ריז, האט ער אפן מקנא געווען די פראנצויזן... פאר די אומצאליקע דענק־מעלער אויף די גאסן. „וויפיל געלערנטע, קינסטלער, פאליטיקער האבן זיי! — האט ער געזאגט צו מיר. — ווען וועט קומען די צייט פאר אונדזער ארעם, אומוויסנדיק פאלק". אפשר איז ער זיך מקנא אויך אין דעם טויזנט־יעריקן גלאנץ פון יידישן פאלק?

און פונדעסטוועגן טארן מיר — סאציאליסטן — נישט קוקן אויף דער זון אויסשליסלעך דורכן נאציאנאלן שפאקטיוו. מיר מוזן פאדערן, אז אויך די אוקראאינישע רעוואלוציאנערן זאלן זיך דורכדרינגען מיט דעם וויטאק פון יידן. צווישן אונז טארן זיך ניט שטעלן ווי שיידוועגט די שוואר־צע געשטאלטן פון האנטאס, פון טיטוסן, פון פעליוראס. אין די באפריי־טע, סאציאליסטישע שטעט טארן נישט שטיין דענקמעלער, אויף וועלכע א טייל פון די מענטשן וועלן קוקן מיט שרעק.

מיר פארלאנגען פון אנדערע פעלקער פארשטענדעניש פאר אונדזער וויטאק. צי באזיצן מי ר אליין אט די פעיקייט בנוגע אנדערע פעלקער?

אין דער „חברותא"

...אין שפּעטן אָוונט האָט זיך ביי מיר אין צימער באַוויזן מיסטער פּ. ווערניק (פון „מאָרגן־זשורנאַל") כדי מיטצונעמען מיך צו דער אסיפה פון דער „חברותא". די מאַלציטן פון די דאָזיקע רוסישע באַלעבאַטים וואָס ווילן אָפּהיטן אין אַמעריקאַנער גלות זייער השכלה און לומדות, קומען פאָר רעגלמעסיק יעדן חודש אין אַ מיטוואָך־טאָג.1) היינטיקס מאָל בין איך געווען זייער ערן־גאַסט. אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם גרויסאַרטיקן האָטעל, ווו דער אָוונט האָט געדאַרפט פאָרקומען, האָב איך געפונען אַ ריי באַקאַנטע פון מיין געבורטשטאָט — דווינסק. זיי זיינען צוגעגאַנגען — אַלץ עלטערע מענטשן וואָס איך האָב ניט געקאָנט האָבן אין מיין זכרון — און דערמאָנט מיר אָן מיינע עלטערן. צווישן זיי — אפרים קאַפּלאַן, אַ ייִרעוודיקער, לאַכנדיקער, מיט פעסטע פּלייצעס שריפטשטעלער פון „מאָרגן־זשורנאַל". ער איז דער טיפּ פון קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזן ייִדן, וואָס אַרבעט מיט אַלע מיטלען פון מאָדערנעם זשורנאַליסטישן, שאַרף־צינגערישן אַפּאַראַט. ער איז פון קאָוונע, און האָט מיר דערציילט מיט וואַרעמקייט ווי בעל־מחשבות האָט אים אַמאָל אַרויפגעפירט אויפן שרייבערישן וועג. באַזונדערס בין איך געווען דערשטוינט און דערפרייט צו זען דאָ וולאַדעקן און זיין פרוי. זיי זיינען אויך געקומען אהער צום ערשטן מאָל. איך האָב געכאַפּט מיט אים אַ קורצן שמועס מכוח די „רדיפות" וואָס זיינע פריינד פירן אָן קעגן מיר. ער האָט איינגעהאַלטן געשמייכלט, געזאָגט אַז ס'וועט זיין אַל־רייט.

אַ הונדערט פאַרשוין האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט לעבן ווערניקן און דעם גרייז־גרויען אַלטן מיט די תמימות־דיקע אויגן, ראובן ברייניני. בריינינס געשטאַלט מיט דער בנעימותדיקער באָרד האָב איך געמערקט אויף אַלע מיינע ביזאַיצטיקע רעפעראַטן. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט צו די שילדערונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ווייזט אויס, ס'איז אים פערזענלעך נייטיק

---

1) אגב, אין מאָסקווע זיינען געווען באַרימט די „מיטוואָכס" פון די שרייבערס; און אין בערלין איז דאָ אַ באַקאַנטע „מיטוואָך־געזעלשאַפט".

געווען אריינצודרינגען אין די דאזיקע פארבאהאלטענע סודות. איצט זיינען מיר געזעסן לעבנאנאנד. פון דער אנדערער זייט טיש האב איך באמערקט אן אנדער פיגור, אויך א ווייסער קאפ און בארד, אבער מיט א הויכן וווקס און א לייבן־אויסדרוק אין געזיכט. ווער ער איז, האב איך ניט געוווסט.

ווערניק האט געעפנט די אסיפה, האט פארגעשטעלט דעם גאסט, אויפ־געפאדערט צו דער אכילה. נאכן עסן האט זיך עס גערארפט אנהייבן די שיחת חולין פון די געסט. ווערניק איז געווען דער ערשטער דערצו. ער האט שמייכלענדיק פארפירט א שמועס וועגן האלץ־געשעפטן ביי יידן, אז דאס איז עפעס ווי א נאציאנאלע בראנזשע ביי אונדז. „איינער האנדלט מיט וואלד, דער אנדערער — מיט צאן־שטעכערס, קליינע העלצלעך. א דריטער — מיט שוועבעלעך... אלץ האלץ. און א פערטער שרייבט גאר א דראמע „דערנער־וועג". אונדזער גאסט האט אנגעשריבן אזא זאך, און העלפט מיט צו דער פארשטארקונג פון אונדזער נאציאנאל־אינדוסטריע". איצט האט שוין ווערניק פריילעך געלאכט און איבערגעגעבן דאסווארט דעם מיסטער סטאר. פון א זייט האט זיך אויפגעהויבן א „ייד פון א גאנץ יאר", מיט דעם לומדישן בערדל, מיטן קאפעליוש פאררוקט הויך איבערן שטערן. מיסטער סטאר איז דא געווען דער שטענדיקער בעל־דרשן וואס האט גערארפט „אפ־געבן כבוד" דעם אפיציעלן גאסט פון אוונט. א גמרא, א מדרש, א פשטל, א מילתא דבדיחותא, א שפרונג אין דער השכלה, א בליץ פון היינטיקע וועלט־קענטעגישן, — אין אזא פילשטראמיקן וואסער האט זיך געליבט באדן דער מיסטער סטאר, אליין א ייד פון דעם יידישן רוסלאנד.

ער האט אנגעהויבן דעם פלפול, נעמענדיק פאר א טעמע די גמרא פון סנהדרין: „אין מושיבין בסנהדרין אלא מי יודע לטהר השרץ מן התורה".1) איז דאך אין פלוג א גוואלטיקע קשיה: ווי קען מען גאר זוכן אזעלכע ריכטער פאר דעם העכסטן געריכט, פארן סנהדרין? (מיסטער סטאר האט מיטן קול און מיט תנועות אונדז טאקע באוויזן וו א ס פאר א משונהדיקע, ממש אומגלייבלעכע זאך עס שטייט אנגעשריבן דא אין דער גמרא). א קלייניקייט דער סנהדרין? א קלייניקייט עפעס וואס פאר א סארט מענטשן דארטן דארפן זיין פארטראטן! מען רעדט שוין נישט וועגן דער גרויסער תורה וואס עס דארף זיין אין זיי. אבער וויפיל כאראקטער, מאר־ראל, מידות טובות דארפן פארמאגן אזעלכע מעטשן! און דא קומט די גמרא און זאגט זיך אריין אזעלכע דיבורים ווי „אין מכניסין לסנהדרין אלא מי... לטהר שרץ"... מיסטער סטאר האט אונדז אבער נישט געלאזן פארבלייבן לאנג ביי דער פארווירונג. ער האט געהאט צוגעגרייט א תשובה.

1) „מען טאר ניט אװעקזעצן (אלס ריכטער) אין סנהדרין א מענטשן סיידן ער קען מטהר זיין א שרץ לויט דער תורה".

נאר מען קען עס דערקלערן — האט ער געזאגט — אויף אזא אופן: עס האנדלט זיך דא וועגן א קדושה וואס מען האט מטמא געווען און ביי וועלכע מען מוז איצט אפמעקן די טומאה. דא קומט מען מטהר זיין א שרץ וואס האט אין תוך גאר ניט געדארפט זיין קיין שרץ... היינט ווער קען אריינדרינגען ווי עס דארף צו זיין אין אזא פארפלאנטערטער זאך? דער איש תמים, דער נאאיווער מענטש, וואס איז פרעמד פון דער וועלט, חס־ושלום! וואס וועט ער דא פארשטיין. נאר א וועלט־מענטש, א דורכגעטריבענער אין אלע הוויות העולם קען זיך דאס אונטערנעמען. א מענטש ווי ריש לקיש. ווארום די גמרא דערציילט אז די חנונים, די סוחרים פלעגן אנטרויען געלט אן א שטר דעם מענטשן מיט וועלכן זיי האבן געזען אז ריש לקיש גייט אין גאס ארומגענומען. אז ווי באלד ריש לקיש האט אזא צוטרוי צו דעם מענטשן, מעג מען אים שוין אנטרויען געלט, אפילו אן א צעטל (די סוחרים פון דער „חברותא" האבן מיט סימפאטיע צוגעשאקלט מיט די קעפ. געבן געלט אן א וועקסל — דאס איז ביי א סוחר די העכסטע מדרגה פון צוטרוי!)... פרעגט זיך אייגנטלעך די קשיה: וואס דערציילט אונדז די גמרא אזא מעשה מיט ריש לקישן? און אז למשל ר' יוחנן וואלט געגאנגען געארעמט מיט א מענטשן, וואלטן די קרעמער נישט געהאט צו אים דעם זעלביקן צוטרוי? און אז אן אנדער אמורא וואלט געווען — איז ניט? נאר די מעשה איז אזוי (סטארס אויגן האבן גענומען לייכטן מיט וויץ). איר ווייסט דאך מסתמא ווער ריש לקיש איז געווען? זיין פארגאנגענהייט? ער איז דאך געווען א לסתים, א רויבער, א דורכגעטריבענער יונג. און שפעטער האט ער זיך איבערגעאנדערשט, געווארן — אונטער דער השפעה פון ר' יוחנן — דער גרויסער למדן, דער גרויסער צדיק (ר' יוחנן האט אויסגעגעבן פאר אים אפילו זיין שוועסטער). אבער, פארשטייט זיך, די גאנצע קענטשאפט פון דער וועלט מיט די מענטשן מיט אלע שטיק, איז ביי אים אויך פארבליבן... אין זכרון. נו, קענט איר שוין איצטער פארשטיין, וואס די גמרא דערציילט אונדז אז ווען ריש לקיש איז געגאנגען געארעמט מיט א מענטשן, ריש לקיש וואס האט געקענט דערקענען א שווינדלער, א גנב, א פייקער, — האבן זיך טאקע די סוחרים געקאנט פארלאזן אויף זיין מבינות (דער גאנצער זאל האט אויסגעבראכן אין א געלעכטער) אבער וואס פאר א מבין אויף גנבים איז, למשל, אזא מענטש ווי ר' יוחנן? אז יעדער שווינדלער קען אים מסתמא אפנארן? אט דאס מיינט טאקע די גמרא: אין סנהדרין זאל מען רופן מענטשן וואס פארשטייען זיך אין א טומאה־זאך...

...סטאר האט געשאטן מיט חכמות, מיט פסוקים, מיט משלים. ער האט צונויפגעפירט א וואנט מיט א וואנט. דער עולם האט זיך געקוויקט אין התפעלות. דער בעל־דרשן אליין האט נאך העכער ארויפגערוקט דעם

קאַפּעליוש, זיך געהיצט, אָבער דעם לאָגישן פאָדעם האָט ער נישט אַרויס־געלאָזן פון האַנט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר א שייכות האָט עס צו מיר... די קדושה, האָט ער ווייטער גערעדט, קען נישט יעדערער אָפּ־וואַשן פון איר טומאה. און וויפל זען מיר היינט אַרום אונדז קדושות וואָס זיינען פאַרשוועכט און פאַראומריינעקט! נעמט אונדזער לשון קודש, און נעמט ארץ־ישראל... און נעמט די פילאָסאָפיע, די הייליקע חכמה — וואָס פון איר איז געוואָרן. מען טראַכט עפּעס בקדושה? פאַר וואָס שטייט עפּעס אלוהי אברהם, אלוהי יצחק ואלוהי יעקוב? יעדעס מאָל אלוהי? עס האָט דאָך געקאָנט שטיין מיט אמאָל: אלוהי אברהם, יצחק ויעקוב? נאָר די מעשה איז אַזוי: דער גאָט פון יצחק איז ניט געווען דער גאָט פון אברהם. יעדער איינער פון זיי האָט דערקענט דעם בורא פון זיך אַליין. דאָ איז ניט שייך קיין ירושה. יעקב האָט נישט געקאָנט באַקומען בירושה דעם גאָט פון יצחקן. ער האָט אים געמוזט אַליין דערקענען...

...און נעמט טאַקע דעם סאָציאַליזם — האָט סטאַר געוואָרפן שוין דירעקט אַן אויג אויף מיך — וואָס טוט זיך דאָרטן אָפּ! אַלץ ווילן זיי דערקענען על פּי חכמת מאַרקס. מאַטעריאַליסטן זיינען זיי, אַלץ מיטן שׂכל הישר. קיין אַנדערע כוחות זען זיי נישט, פאַרשטייען זיי נישט... מען דער־ציילט וועגן א שמועס וואָס איינער א חסיד האָט געהאַט אמאָל מיט מתנגדים. דער חסיד האָט זיי דערציילט ווי ר' שניאור זלמן איז אַרויס דעמאָלט — דעם י"ד כסלו — פון תפיסה. „וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט — האָט ער געזאָגט — ס'איז געווען גאָר פּשוט. ס'אייי אַריין אין טורמע דער מלאך מיכאל און גבריאל. דער מלאך מיכאל האָט אָנגענומען דעם רבין פאַר איין האַנט, דער מלאך גבריאל פאַר דער אַנדערער, — און זיי האָבן אים אַרויסגעפירט. אמת, עס זיינען געשטאַנען ביים טויער די סאָלדאַטן מיט שווערדן, אָבער וואָס פאַר א פּנים האָבן זיי געהאַט מיט זייערע שווערדלעך! איר פאַרשטייט דאָך אַליין.... איינער פון די מתנגדים האָט זיך דערלויבט אַריינוואַרפן א וואָרט: מען זאָגט אַז מען האָט דעמאָלט געגעבן דעם גראַדאָנאַטשאַלניק עפּעס אין יד... — האָט זיך דער חסיד אָפּגערופן מיט פאַראַכטונג: „א, דאָס זאָגט מען דאָך פאַר אייך, מתנגדים, כדי דאָס מקרב צו זיין צו אייער שׂכל... אין דער אמתן איז עס געווען גאָר פּשוט, אָט ווי איך דערצייל אייך"...

...אומעטום איז היינט די קדושה פאַרשוועכט. און מען דאַרף אומעטום האָבן אַזעלכע מענטשן וואָס זאָלן קענען מטהר זיין דעם שרץ... ס'איז טאַקע געווען א פּלא: ווי קומט אַזא מענטש ווי ד"ר שטיינבערג, פון א לומדי־שער פאַמיליע, פון משכילים, אַליין א געלערנטער, אַן אַדוואָקאַט, צו די באָל־שעוויקעס? ווי קומט ער צו זיין ביי זיי א מיניסטער, און נאָך וואָס פאַר א מיניסטער. א קאָמיסאַר פון צדק ומשפט, פון גערעכטיקייט. ווי שטימט עס,

מיט דער תורה? נו, טאקע א סאציאליסט, אן ערלעכער סאציאליסט. אבער ווי קומט ער צו זיי? — אבער דאס מיינט טאקע די גמרא: אין מושיבין בסנהדרין אלא מי יודע לטהר את השרץ... ער איז געגאנגען דארטן ווו מען האט געדארפט אפמעקן די טומאה. נאר א וועלט־מענטש האט געזאלט זיין דארטן א ריכטער, א קאמיסאר...

די לעצטע ווערטער אין תנועות זיינע שוין דערטרונקען געווארן אין א שטורעם פון הענט־פאטשעניש. אפווישנדיק דעם שוויס, א צופרידענער האט זיך מיסטער סטאר געזעצט. דער עולם האט זיך געפרייט מיט דעם ווי ער האט געדרייט און געדרייט און דאך ארויסגעפירט אויפן גאסט. אי ער האט אריינגעזאגט קלאר וואס ער טראכט וועגן מיין „אמט" אי ער האט דאס אויסגעדרייט אויף צום גוטן. אט דאס רופט זיך א דרוש!

איצטער האב איך געדארפט עפעס זאגן, טאקע מכוח „יידישקייט און סאציאליזם". ווי נאר איך האב זיך אויפגעשטעלט צו ריידן, האט זיך אויפ־געהויבן ראובן בריינין און נאך אים מיט א גערודער דער גאנצער עולם — און מען האט אנגעהויבן פאטשן בראווא, פאטשן לאנג, אן א סוף. איך האב זיך נאר געחידושט. פאר וועלכע מעשים טובים גיבן זיי אפ כבוד א יונגן מאן, זיי עלטערע מענטשן, א סך פון זיי מיט יארמלקעס אויפן קאפ? און אין וואס פאר אן אויפמערקזאמער שטימונג זיי אלע האבן זיך באלד צוגעהערט צו מיין רעדע, וואס איז דאך געווען אין תוך געווענדעט קעגן זיי! א מאדנע פאלק יידן... איך האב זיי געבעטן נישט אונטערשטרייכן „דאס קאמיסארישע אין דעם יידן, נאר דאס יידישע אין קאמיסאר", ווייל אלע טיטולן און נעמען זיינען א שפיל פון דעם צופאל. זיי זאלן זיך ניט וווּנדערן אויב אן „ערלעכער ייד" איז א רעוואלוציאנערער סאציאליסט. אן ארגאנישע פארבינדונג צווישן יידישקייט און סאציאליזם איז גאר פשוט. פונקט אזוי פשוט ווי די מלאכים ביי ר' שניאור זלמנען... אבער ווען איז דאס געוואָרן, ווען די יידישע רעליגיאזיטעט איז עכט און טיף אויף אן אמת. א רעליגיע טאר ניט פארשטיינערט ווערן אין טרוקענע מצוות און אבסטראקטער לומדות. זי מוז שטענדיק אויפגעלעבט ווערן דורך גרויסע אויפגאבן, דורך מעשים טובים וואס עס פארלאנגט די וועלט. אט איז היינט אונטערדריקט דער סאציאלער יושר, אט גרייט מען זיך צו נייע מלחמות (וואס גיסן זיך אויס שטענדיק צו יידישע קעפ), אט איז היינט די מענטש־הייט פארזונקען אין יאגעניש נאך די טעכנישע גליקן. ווי קען שווייגן דער־צו די כנסת ישראל אדער די היטער פון דער תורה?... אייביק איז די תורה? אבער אייביקייט הייסט ניט אייביקע פארשטיינערטקייט פון לוחות, נאר דווקא אייביקער צוזאמענבונד מיט די צרות און פיין פון יעדער צייט. אייביקייט איז צייטיקייט... בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא עומד לפני הר סיני. מיר שטייען שטענדיק פאר דעם בארג סיני, מיר

הערן שטענדיק די דונערן און בליצן, מיר באַקומען שטענדיק נייע מאָראַלישע התחייבותן צו מעשה... ס'איז ווייניק צו שטרעבן צו אַן אייגן לאַנד, צו אַן אייגענער שפּראַך. ארץ־ישראל אַליין איז נישט גענוג ווי ציוניסטן מיינען. וו אָ ס פאַר אַ לעבן וועט מען פירן אין ארץ־ישראל? וו אָ ס וועט מען ריידן אין דער הייליקער שפּראַך? אָט דער פאַרלאַנג נאָך אַן אַנדער דרך החיים גיסט זיך צונויף מיטן סאָציאַליזם... מיר לייענען מיט דערשיטערונג אין דער פּאָגראָם־כראָניק פון רחל פייגענבערג, ווי רויק, איבערציינגט האָט זיך מוסר־נפש געווען דער אַלטער רב. מיר הערן ווי אין רוסלאַנד טראָגן היינט יסורים פאַר זייער אידעע די ציוניסטישע סאָציאַליסטן. און נישט דווקא זיי אַליין. און מיר פילן אַז ס'איז דאָ אַן אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן יענעם רב און די דאָזיקע יונגע יידן. איין שטראָם באַוואַסערט די פעלדער פון אַזאַ יידישקייט און אַזאַ סאָציאַליזם...

דער עולם איז געווען זעליש פאַרטשעפּעט. ער האָט נישט געקענט מקבל באהבה זיין אַזעלכע רייד, אָבער ער איז געווען עפּעס ווי גערירט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן הענט אויף צו דאַנקען. מען האָט גענומען אַרויסטרעטן מיט רעדעס. ווי אַ באַרג האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער גרויסער מאַן מיטן לייבן־אויסדרוק פון געזיכט. דאָס איז געווען דער באַרימטער מ. מאָסליאַנסקי; נאָך אַלס קינד האָב איך געהערט וועגן זיינע דונערדיקע דרשות אין אַמעריקע. „וואָס פאַר אַ וווּנדער האָט אָקערשט גערעדט פאַר אונדזערע אויגן! — האָט ער געדונערט. — אַ געוועזענער רוסישער מיניסטער אַ ייד! איר פאַרשטייט: אין סאַמע קאַבינעט פון צוררי ישראל, פון אַ שטשעגלאָוויטאָוו, פון אַ באָגאָלעפּאָוו איז געזעסן אַ ייד!.. היינט וואָס פאַר אַן אמונה אין יידנטום! צי וואָלט דאָס מעגלעך געווען מיט אַ פופצן יאָר צוריק? (מאָסליאַנסקי האָט געאַרבעט מעשים מיט זיין גאַנצן קערפּער, האָט געשטורעמט, געקלאַפּט מיט די הענט, פאַרכלינעט זיך מיט דער שטים (מיט 15 יאָר צוריק האָט דאָך אַ סאָציאַליסט געווייכט פון יידישקייט, ווי פון שטן. און היינט וואָס זען מיר? האָט איר געזען (און ער האָט טראַגיש אויסגעשטרעקט אויף מיר די הענט) די פלאַם־פייערן פון זיינע אויגן, זיין תמימות? ד"ר שטיינבערג, איר האָט מיר געגעבן היינט אַ סך טרייסט אויף מיינע עלטערע יאָרן. אַ דאַנק אייך, מיין יונגער פריינד און מיין רבי"!

אין ד ע ם נוסח איז עס געגאַנגען ווייטער. מיט אַ רויקער ערנסטקייט האָט גערעדט ברייני. „לא אלמן ישראל — דאָס איז איינע אַלטע וואַרהייט (האָט ער גערעדט אין זיין געמישטן יידיש־דייטשן לשון). אימער ווערן געבאָרן אין אונדזער פאָלק נייע מענטשן, וואָס ציען די קייט פון יידנטום.. איך באַוווּנדערע דעם מוט פון אונדזער יונגן פריינד, אַרויסצוטרעטן מיט אַזעלכע ווערטע אין דער היינטיקער צייט. (מיר איז געווען מאָדנע צו הערן איצט אַזוי נאָענט בריינינען, וואָס איז אַזוי אַבסטראַקט־ווייט געווען פון מיר

אין די יינגלשע יאָרן. אין פּאַטערס ביבליאָטעק האָב איך אַלס קינד געפונען א בוך פון בריינינען וועגן פּרץ סמאָלענסקין. דאָס בילד פון סמאָלענסקין האָט זיך פאַרוואַקסן מיטן נאָמען פון מחבר (בריינין). די סענסאַציע פון אָוונט איז אָבער זיכער געווען די פלוצימדיקע דערקלערונג פון פּאָרזיצער: „וואָלאַדעק בעט דאָס וואָרט" — און זיין אַרויסטרעטונג.

דוכט זיך, אַ ביסל פאַרלעגן, האָט וואָלאַדעק גענומען ריידן. דער אָפּ־טער איראָנישער בייטאָן האָט געפעלט. ער האָט דערקלערט אַז אין אַ סך פּונקטן איז ער איינשטימיק מיט מיר... ס'איז דאָ ביי אונדזערן אַ מענטש; אַפּטמאָלס אַ בענקשאַפט נאָך אַ ביסל יידישקייט. טאַקע נאָך דער שול, די אַלטע מנהגים. אַז עס קומט דער אָוונט פון יום־כפּור, פאַר כל־נדרי, איז פילט מען עפּעס אין זיך... עס ווילט זיך זיין צווישן יידן. און ווי אָפט טאַקע פּרוווו איך דעמאָלט אַריינצוגיין אין אַ שול... אָבער (דאָ האָט גענומען מיט־קלינגען דער איראָנישער טאָן וואָלאַדעקס) מען קומט אין שול און מען זעט ווי מען דינגט זיך דאָ פּאַר עליות, פּאַרן מזרח... דערמאָנט מען זיך ווידער אָן אונדזערע בראָדוויי־גאַסן, אָן אונדזערע וואָכעדיקע געשעפטן... ס'איז נישטאָ קיין וואַרעמקייט... און מען גייט ווידער אַוועק...

די גאַנצע מסיבה איז געזעסן פאַרחידושט, האָט געשלונגען די ווער־טער, האָט זיך איבערגעקוקט מיט נייגער. דאָס זיינען טאַקע געווען נייע ווערטער אין דער חברותא וואָס האָט נישט צווישן זיך קיין סאָציאַליסטן. מען איז געווען צעוואָרעמט ביז גאָר. פישמאַן, רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־זשורנאַל", האָט נאָך אין אַ רעדע פּאַרטיידיקט לגבי מיר דעם ציוניזם. און אפרים קאַפּ־לאַן, דער פּרומער זשורנאַליסט, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ לצנותדיקן ענט־פער צו וואָלאַדעקן. „מיך אויך — האָט ער גערעדט — ציט אַ מאָל צו יע־נעם לאַגער ווו איך האָב גאָר נישט וואָס צו טאָן. עס ציט מיך אַמאָל אַ קוק געבן ווי גייט עס צו ביי די סאָציאַליסטן, וואָס פאַרהאַסן אונדז, וואָס דאַרפן ראַטעווען די וועלט. און עס מאַכט זיך אַמאָל אַז ווען וואָלאַדעק גייט אַריין אין אַ שול, גיי איך אַריין אין אַ סאָציאַליסטישן לאָקאַל צו אַ מיט־טינג... און איך מוז אייך זאָגן אַז אויך דאָרטן איז גאָר נישט אַל־רייט. מען רייסט זיך, מען דינגט זיך פאַר אַן עליה, מען שטופּט איינער דעם אַנדערן פון מזרח, און מען פּאַטשט זיך טאַקע אויך... טראַכט איך מיר דעמאָלט: וואָס זיינען זיי בעסער פאַר אונדזערע בראָדוויי־יידן? און איך גיי אַוועק צוריק"...

וואָלט קאַפּלאַן אַרויסגעזאָגט אַזעלכע ווערטער מיט אַן ערנסט, מיט אַ פונק וויטאָג, — וואָלט זיין פּאַראַלעלע רעדע צו וואָלאַדעקן געהאַט אַ טיפערן זינען. וואָרום אַ זייער ענלעכער שאָטן ליגט טאַקע היינט איבער דער יידישער שול פּונקט אַזוי ווי איבער דעם סאָציאַליסטישן לאָקאַל. קאַפּ־לאַן האָט אָבער געוואָלט מיט אַ העזהדיקן ענטפער אָפּשטופּן די „העזה"

פון וואלדעקן. האָט מען געלאַכט איבער זיין איינפאַל, און דער ערנסטער ענין וואָס האָט זיך דאָ אָנגעמערקט איז איינגעזונקען ווי וואַסער אין זאַמד.

ביי אַ געהויבענער שטימונג האָט זיך פאַרענדיקט דער אָוונט. און נאָך אַ מאָל די זעלביקע פראַגע: פאַר וואָס, פאַר וועלכע מעשים טובים האָבן זיך די דאָזיקע יאַרמלקע־יידן מיט אַן אינערלעכן אינטערעס באַצויגן צו מיר? זאָל דאָס זיין מער נישט די קליינשטעטלדיקע התפּעלות פאַר אַ יידן, וואָס איז געווען נאָענט צו מלכות? אוודאי איז דאָס אַ גרויסער פאַקטאָר פון אַכטונג ביי יידן. איך געדענק ווי אין די ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם האָבן יידן אין די בתי־מדרשים מיט יראת הכבוד גערעדט וועגן ד״ר הערצל: אַ קלייניקייט, לפני מלכים יתיצב! פונדעסטוועגן איז היינטיקן אָוונט געווען עפּעס מער ווי נאָר אַכטונג צו אַ געוועזענעם „שררה״. איך האָב געפילט, אַזוי ווי דורך אַ גלעזערנער וואַנט, עפּעס אַ נעפּלדיקע אינערלעכע פאַרשטענדעניש. אפשר דערפאַר ווייל ביידע צדדים האָבן אַפּעלירט צו די זעלביקע מקורות.

די דאָזיקע גאָר־אַמאָליקע מקורות (און אויך די רדיפות פאַרבונדן מיט זיי) האַלטן אייגנטלעך אויף די געמיינשאַפטלעכקייט פון יידישן פאָלק עד היום. דאָס מאַכט, למשל, מעגלעך אַז יידן — געהעריקע צו פיינדלעבע סאָציאַלע שיכטן — קענען זיך נאָך צונויפקומען אין אַ סינאַגאָגע. אויב סינאַגאָגע קען נאָך עד היום אויפנעמען אין זיך דעם גביר ווי דעם אָרעמאַן, דעם שיינעם מזרח־יידן ווי דעם קבצן ביי דער טיר, אויב זי קען נאָך אַריבערשפּרייזן די סאָציאַלע קעגנזאַצן אין אירע איינענע ווענט, — איז דאָס נאָר צוליב דער יידישער געשיכטע וואָס שטעקט אין די ווענט. מען טראָגט אין זיך דעם זכרון פון געמיינזאַמע גייסטיקע קוואַלן און באַזונדערס פון די געמיינזאַמע ביטערע קוואַלן פון די יאָר־טויזנטער („קוואַל;״ הייסט דאָך צווייערליי: סיי מקורות סיי יסורים). דאָס מאַרטיריום פון דער יידישער געשיכטע לעבט נאָך אין דער סינאַגאָגע. דאָס דערהייבט, אַזוי צו זאָגן, דעם גביר און דעם אָרעמאַן איבער זייער היינטיקער סאָציאַלער פאַרשיידנקייט. דאָס פאַרבינדט זיי צוליב דעם שטענדיק מעגלעכן. מאָרגנדיקן נאַציאָנאַלן (ממילא אויך סאָציאַלן) חורבן. ס׳איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס וואָס איז נישט סאָציאַלער, נאָר פּשוט־יידישער מזל. נישט נאָר דאָס פאַרגאַנגענע, אויך דאָס צוקונפטיקע מאַרטיריום שוועבט אַרום אין דעם בית־מדרש... קיין אַנדערע רעליגיעס אין דער וועלט טראָגן היינט נישט דעם שטעמפּל פון יסורים און מסירת־נפש אויף זיך. זיי זיינען אַלע זאַט, מעכטיק, זעלבסט־צופרידן. די יידישע רעליגיעזע מאַסן אַליין שטייען עד היום אויפן שוועל פון ציטן ווען עס פאָדערט זיך פון זיי מסירת־נפש צוליב זייער יידישקייט. (די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן עס ווידער באַוויזן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק). אָט די אינסטינקטיווע

גרייטשאפט צו ליידן אדער אפילו דאס געמיינזאמע פארויספילן פון ליידן, לעבט אין דער סינאגאגע און פארבינדט די סאציאל־פרעמדע עלעמענטן פון יידן.

געוויס איז דער ייד — דער בעל־גוף, מחוץ פון דעם בית־המדרש, פונקט אזא „אויסבויטער" בנוגע זיינע „ברידער" ווי אלע אנדערע גבירים. און אויך אין דער סינאגאגע גופא, בעת ער שטייט אונטערן טלית, ענדערט זיך ניט די סאציאלע נאטור פון יידישן גביר. דער ייד פון דער מזרח־וואנט קוקט מיט באזונדערע אויגן אויפן „המון" אונטן. אבער ס'איז דא עפעס א ווינקל אין דער יידישער נשמה אין וועלכן עס וועבן זיך פארבארגענע געמיינזאמע פעדעם. אפשר טאקע דערפאר ווייל די מזרח־וואנט גופא איז א וואקלענדיקע.

איך רעכן אז היינט אין אוונט האט געלאזט הערן זיין שטים אט דער ווינקל פון דער נשמה. צוליב דעם האבן זיי — אין דער „חברותא" — צו־געהערט זיך צו א יידיש־סאציאליסטיש ווארט, און אפילו פארטראכט זיך...

פ. ווערניק און נאך אייניקע האבן נאך נישט געוואלט פארענדיקן דעם אוונט. זיינען מיר, צוזאמען מיט פרוי סלוצקי, אוועקגעפארן אין א רוסישן קאבארע. א פשוטער, דורכשניטלעכער קאבארע, אין וועלכן מען האט פון דער סצענע געזונגען רוסישע לידער, געטאנצט טראדיציאנעלע רוסישע טענץ. פאר וואס עפעס אהער? וואס פאר א באציונג האבן געהאט צו די רוסישע העמדלעך אין דעם זאפטיקן „פאניע־לשון" די אלטע, דורכ־געוויקטע אין יידישקייט יידן?... דאס איז די באציונג פון אינסטינקטי־ווער נאענטקייט, פון עפעס אן „אומגליקלעכער ליבע" צו רוסלאנד. אט די ליבע צום רוסישן לאנד האב איך דא שטענדיק אין אלע קרייזן פון יידן אנגעטראפן. זי האט מיך ווייניק געוואונדערט ביי די יינגערע ראדיקאלע שיכטן, פאר וועלכע רוסלאנד האט זיך צונויפגעפלאכטן מיט זייער קעמ־פערישער אידעאלאגיע. די צערטלעכקייט איז געווען פארשטענדיקט ביי די היינטיקע אויפגעקומענע אלרייטניקעס, ווייל אין די זכרונות פון רוסלאנד האט פאר זיי געשיינט זייער אייגענע העזהדיקע יוגנט. אבער רירנדיק און טאקע סימבאליש איז געווען די באוווסטזיניקע סימפאטיע צום רוס מצד די עלטערע, פרומע דורות־דערפארענע קרייזן. דאס איז געווען ווייט נישט די סוחרישע סימפאטיע צו א לאנד מיט פרנסה. ווייל פרנסה בשפע האבן זיי געהאט דא אין אמעריקע, און ווייל רוסלאנד האט זיי אונטערגעטראגן אויך פאגראמען און רשעות. דאס איז מסתמא די סימפאטיע פון אן אלטן פאלק צו א יונגן, ביי וועלכן די ביינער זיינען נאך פריש און דער באוווסטזיין נאך פרימיטיוו־קלאר. דעם רוסישן פאלקסמענטש, דעם זעליש־אומפאר־ברויכטן, גייסטיק אימפולסיוון (אין גוטן און אין בייזן) רוס האט דער דורכשניטלעכער ייד כמעט ליב. אין דער ציוויליזירטער אייראפע און אין

דער דזשענטלמענישער אמעריקע געפינט דער ייד אן איידעלן באנעמען. אבער ער ווייס, אז דער דזשענטלמען עפנט ניט אויף פאר אים קיין הארץ און האט קיין אינטערעס ניט צו זיין יידיש הארץ. וואס פריינדלעכער דער אויסדרוק פון פנים, אלץ פארשלאסענער די צוגאנגען צו דער נשמה. דער רוסישער פאלקס־מענטש באזיצט נאך די קינדערשע נאאיוויטעט, לאזט צו די דירעקטע באציונג פון מענטש צו מענטש. ווי א יידע צום קינד, קען זיך אפטמאלס דער ייד באציען צום רוס. פארמאטערט פון דער מערב־קולטור, רוט זיך דער ייד אפ אין דער רוסישער פשטות. אפשר דא אין אמעריקע, ווו דער ייד איז דאך געשעפטלעך און פאליטיש גלייכבארעכ־טיקט, דערפילט ער באזונדערס די זעלישע קאלטקייט פון ארום...

און אויב מיינע באגלייטער האבן פארטראכט צוגעהערט זיך צו די רוסישע ניגונים אין קאבארע, האבן זיי נישט נאר געוואלט מיך מהנה זיין. זיי האבן זיך אויך מהנה געווען.

סטאַלין און טראָצקי

26־טער יאַנואַר.

היינט האָב איך באַקומען בריוו פון דער היים. אין זיי ווערט אַזוי פיל דערציילט וועגן די חכמות פון מיין קליינער פיריאָריקער טאָכטערל. די מוטער לייענט איר די מעשה וועגן דער ציג און די זיבן ציגעלעך מען האָט זי געהייסן נישט עפענען די טיר, ווייל דער וואָלף קען אַריינשפּרינגען. „אָט אַזוי — זאָגט מען איר דעם מוסר השכל — טאָרן אויך קליינע קינדער נישט לויפן עפענען אַליין די טיר, עס קען אַריינקומען אַ שלעכטער מענטש". אין דעם זעלביקן טאָג איז זי אָבער געלאָפן צו דער טיר, דערהערנדיק דעם קלונג פון דער מוטער. אַז יענע האָט גענומען אויסריידן איר דערפאַר און דערמאָנט די מעשהלע, האָט דאָס מיידעלע אָפּגעענטפערט: „אָבער דו ביסט דאָך אַ גוטער מענטש"...

...מיר זיינען זיך צונויפגעקומען היינט מיט אַ פּאָר רוסן, רוסישע רוסן, מכוח איינאָרדנען מיינעם אַ פּאָרטראַג אין רוסיש. סוף כל סוף איז דאָך דער „אָפיציעלער" לשון פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — רוסיש. אַלעקסאַנדער הערצן האָט אַמאָל געשריבן, אַז פראַנצויזיש איז די אַלגעברא פון רעוואָלוציע. דאָס געהייליקטע לאַנד און די שפּראַך פון רעוואָלוציע איז אַמאָל געווען פראַנקרייך און פראַנצויזיש. אין אונדזער עפּאָכע, ווייזט אויס, האָט זיך די שכינה אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד. דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס פון דער וועלט־געשיכטע רעדט איצט דורך די געשעענישן, דורך די ווערטער און אותיות פון רוסיש. דאָס וואָרט „סאָוועט" איז געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל. און דער „אינטערנאַציאָנאַל" קלינגט צום מייסטן רוסיש. אַנדערע פעלקער האָבן היינט אַן אייגענע שפּראַך אין זייער מאַרטירערטום, אין רדיפות און צרות. אָבער אַן אייגענע שפּראַך אין מרידה האָט דערוויילע — אין אונדזער יאָרהונדערט — דאָס רוסישע אַליין.

דאָס גילט אָבער נישט שטאַרק פאַר אַמעריקע. דאָ איז רוסיש אַ מענה־לשון אָדער ביי די אָפּגעשטאַנענע באַלעבעסלעך און בעלי־גופים אָדער ביי די יידישע אַסימילירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ס'איז דאָ אַפילו אַ כלומרשט־קאָמוניסטישע צייטונג („נאָווי מיר"), אָבער זי רעדט אויך אין עפּעס אַ רוסישן זשאַרגאָן, אויסגעמישט מיט ברוטאַלע אַמעריקאַניזמען און מאַרק־

סיסטישער פּראָזעאָלאָגיע. די קעפּלעך פֿון די נײעם שרײַען אַרויס מיט דער זעלביקער לאַקאָנישקײט ווי בײַ די אַמעריקאַנער בלעטער. „פֿערד פֿאַלט פֿון דאַך, צעקוועטשט צוויי מענטשן!" — אין דעם דאָזיקן נוסח שרײַבן זיי אַלע. ס'איז שווער צו אָרגאַניזירן דאָ אַ רוסישע פֿאַרזאַמלונג אויף אַ רעוואָלוציאָנערער טעמע.

עס זײַנען פֿאַראַן אין ניו־יאָרק און נאָך אַ פּאָר שטעט רוסישע „געזעלשאַפֿטן פֿון קעגנזײַטיקער הילף". אַפֿילו אייניקע אַנאַרכיסטישע אַרבעטער זײַנען דאָרטן פֿאַרטראָטן. אָבער זיי ווערן אַלע דערשטיקט פֿון דער אַרומיקער קלעפּיקער סביבה און זײַנען אָרעם ווי צדיקים. די רוסן שלאָגן אונדז פֿאָר צו אַראַנזשירן מײַן פֿאָרטראָג אין נאָמען פֿון זייער הילף־געזעלשאַפֿט און דעם „ריוח" טיילן מיט זיי. סלוצקאַיאַ רעדט מיך אָפּ דערפֿון; זי וויל אָרגאַניזירן אַ ג ר ו י ס ע רוסישע פֿאַרזאַמלונג, אין נאָמען פֿון שטײנבערג־קאָמיטעט. די רוסן שטייען אָפּהענטיק, האָבן פֿאַרדרוס וואָס זיי זײַנען אַזוי שוואַך...

ווי אויף דעם לייוונט פֿון קינאָ דערשײַנען אַלץ נײַע מענטשן. אָט איז זאַקס, וועמעס געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע איז מיר דאָ נישט פֿאַרשטענדלעך. מיט אים האָבן מיר זיך געטראָפֿן צום ערשטן מאָל אין בערלין, בעת ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק מיט אַ פּלאַן צו שאַפֿן אַן אַלוועלטלעך יידישן וויסנשאַפֿטלעכן לייבאָר־סעמינאַר. פֿון דעם פּראָיעקט איז פּאַמעלעך אַרויסגעוואַקסן דער געדאַנק פֿון אַ יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט.

בײַ מיר אין וווינונג זײַנען זיך צונויפֿגעקומען די ערשטע פּיאָנערן פֿון דער זאַך, כּדי דורכצושמועסן זיך וועגן דעם מיט זאַקסן. פֿון די אָנטייל נעמער פֿון יענער אסיפֿה זײַנען שוין היינט אַ סך אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט. ס'איז געווען דעמאָלט צווישן אַנדערע ד"ר סאָלאָווײטשיק, נ. שטיף, ליטוואַק. אָנגעצונדן זיך מיט דעם ענין און אַרײַנגעלייגט די ערשטע גרויסע מאָס אַרבעט האָט שטיף. צוליב דעם וואָס דער געבײַ האָט באַקומען אַ מיליטאַנט־יידישיסטישן כאַראַקטער, האָבן זיך אָפּגערוקט די ציוניסטן. אָבער שטיף האָט זיך געצילעוועט שאַפֿן אַ באמת אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע. ד"ה אַרײַנציען אין דער זאַך נישט נאָר דעם אמת, נאָר אויך דעם „עמעס" פֿון מאָסקווע. קעגן דעם איז שוין אויפֿגעטראָטן אונדזער איינער. וואָרום די חכמת־ישראל פֿון מאָסקווע־מינסק־כאַרקאָוו איז דערווײַל נישט נאָר וויסנשאַפֿט, נאָר אויך מלוכהשע מאַכט. מיט די שלוחים פֿון דאָרטיקע יידישע אינסטיטוציעס קענען מיר נישט ריידן אַפֿילו וועגן גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפֿיע, אַזוי לאַנג ווי זיי נעמען איבער אויף זיך די אחריות פֿאַר דער טשעקאַ און דיקטאַטור. „חכמה צוליב חכמה" איז אַן אומווירדיקע שפּילערײַ... שטיף האָט נישט פֿאַרשטאַנען אונדזער קוק, ד"ה ער האָט נישט

געוואָלט פאַרשטיין אים. האָבן מיר פאַרלאָזן דעם שטיף־אינסטיטוט. שפּע־טער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער האָט טאַקע אין ד ע ר צייט גע־פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער יעווסעקציע וועגן אומקערן זיך נאָך רוסלאַנד... דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אין וואַקסן. אַנדערע העגט (טשעריקאָווער, לעשטשינסקי, רייזן, וויינרייך) האָבן אים געבויט וויטער. די סאָוועט־יידישע טוער האָבן אים. פאַרשטייט זיך, פאַרשאָלטן.

זאַקס איז ניט געשטאַנען מער נאָענט צו דעם אינסטיטוט. ער האָט איצט פאַרנומען אַן אייננאַרטיקן פּלאַץ צווישן די קעמפּנדיקע אַרבעטער־צדדים אין ניו־יאָרק. ער איז ניט געווען קיין קאָמוניסט, אָבער ער האָט זיך אין „טאָג” פאַרנומען דערמיט צו רעהאַביליטירן אָדער צו דערקלערן די „לינקע” באַוועגונג. האָב איך גערעכנט, אַז ער קען מיר העלפן צונויפ־רופן אַ פאַרזאַמלונג פון לינקע, אָבער נישט קאָמוניסטישע אַרבעטער... מיר זיצן היינט צוזאַמען אין וועגעטאַרישן רעסטאָראַנדל און ריידן וועגן דעם. ער ציט איין אין זיך די פּלייצעס, בייגט זיך אַריבער צו מיר און רעדט אויף גיך, אויף גיך... „דאָס קען גאָר ניט זיין. ער האָט גאָר קיין איינפלוס נישט ביי יענע אַרבעטער. וויפיל מאָל פּאַסירט אַז מען לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט”... איך דערציייל אים וועגן די ווינטן וואָס בלאָזן קעגן מיר אין אַרבעטער־רינג. ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ מיט פאַרשטענדע־ניש. „איך קען זיי זייער גוט — זאָגט ער. איך האָב מיט זיי געאַרבעט יאָרן לאַנג”. זאַקס האָט דאָך אָנגעשריבן אַ צוויי־בענדיקע געשיכטע פון אַרבעטער־רינג. „איך קען איצט מיט זיי אַפילו נישט ריידן”. זאַקס גיט מיר עצות ווי צו אָרגאַניזירן דעם טור אין לאַנד, אָבער ער וויל נישט מאַכן פון זיך קיינע אַקטיווע שריט צוליב דעם. ער בייגט זיך איבער און וויל אין מיר איינטענהן, אַז ע ר קען נישט אַנדערש.

עס איז קלאָר. אַזאַ מענטש ווי זאַקס שטייט אפשר טאַקע מחוץ פון דיביידע לאַגערן, רעכטע און לינקע. אפשר זוכט ער טאַקע אַ דריטע, אומאָפּהענגיקע ליניע. אָבער ער טוט עס מער ניט ווי זשורנאַליסטיש, ער טראַכט אָבער נישט צו זאַמלען די כוחות פון אַ דריטן לאַגער. דאָס איז אייגנטלעך די זעלביקע גייסטיקע שרעקעוודיקייט ווי איך האָב זי באַמערקט ביי שלאָסבערגן. מען שטייט צווישן צוויי בערג, און מען האָט ניט דעם ווילן צו גראָבן דעם איינענעם וועג.

אַז עס איז אַרויפגעקומען צו מיר דייווידאָוו, וואָס געהערט דאָך צו דער מאַשין פון אַרבעטער־רינג, האָב איך אים שוין אַלץ געגוי דערציילט וועגן „זיין” אָרגאַניזאַציע. וואָס האָט ער אָבער געקאָנט מאַכן? ער איז געווען אין דער מאַשין אַ גאָר שוואַך, אומבאַדייטנדיק שרייפל. „איצט זעט איר — האָט ער מיר דערמאָנט — פאַר וואָס איך האָב דעמאָלט געבעטן

מען זאָל אַריינטראָגן אין פּראָטאָקאָל ווײַנבערגס רייד?" — איך האָב זיך דערמאָנט: די פּייערלעכע זיצונג דעם אַכטן יאַנואַר, ווײַנבערג זאָגט מיר צו „צו שטעלן צו דינסט אונדזער גאַנצן אַפּאַראַט"; דייוווידאָוו בעט באַשיידן אַריינצוטראָגן עס אין פּראָטאָקאָל, ווײַנבערג דערלאַנגט פּלוצים אַ זעץ מיטן האַמער איבערן טיש...

27־טער יאַנואַר.

אַ רויטהאָריקע, ענערגישע פרוי ברענגט מיר וזיינט אַ ריי בריוו פון דער היים. דאָס איז די שוועסטער פון פרוי ה., ביי וועלכער איך האָב געוווינט אין ניו־יאָרק די ערשטע טעג. וועגן שרהלען — אַט דער פרוי וואָס איז איצט דאָ געשטאַנען מיט פריינדלעך־נייגיריקע אויגן — האָב איך שוין פריער אַ סך געהערט. זי לעבט אין אַמעריקע, אָבער זי לעבט אויך אין פּוילן, דאָרטן וווּ עס מאַטערן זיך אין נויט די קרובים פון דער פאַמיליע. זי טראָגט זיי אַלעמען אין זכרון. זי באַזיצט בכלל די פעיקייט אַריינצולעבן זיך אין יענעמס נויטן אַזוי ווי אין אייגענע. די שרהלע פרעגט מיך ענערגיש אויס, פאַרלאַנגט אַז איך זאָל זיך מיט זיי באַזעצן ביים ים, וויל דורכפירן פאַר מיר אַ רעפעראַט אין דער פּראָווינץ. אַ וואַרעמע היימישקייט וואָס לאָזט זיך ניט צעטרעטן פון דער גיגאַנטישער אייזערנער שטאָט.

די וואַרעמקייט שטראַלט אַרויס נאָך מער פון די שטוביקע בריוו וואָס שרהלע האָט געבראַכט. אויף אַ ווײַלע רוקט זיך אָפּ די ניו־יאָרקער פּאַנאָראַמע, און איך זע אין שפּעלטל פון דער ווייטקייט: בערלין... אין שלום־עליכם־קלוב איז פאָרגעקומען אַ רעפעראַט פון בן־אדירן וועגן פּאַלעסטינע. אַ רויקער, אָבער צעשמעטערנדיקן רעפעראַט... דע־מאַן (דער בעלגישער סאָציאַליסט) וויל צוהעלפן אַרויסצוגעבן מיין בוך. ער שרייבט אַז די גאַנצע קריטיק זיינע קעגן מאַרקסיזם איז שוין בקיצור „און בעסער" פאַראַן אין מיין בוך. דאָס איז אַ זעלטענער פאַל פון גייסטיקער אָפנקייט. ...מען בעט מיך ניט צו פאַרגעסן וועגן דעם יידישן געלערנטן גראַמער: ער זאָל באַקומען אַן איינלאַדונג צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין אַמעריקע. פּראַנץ פּפעמפּערט גייט עס בעסער אין געזונט... מיין דייטשע בראָשור „צען יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע" גייט באַלד אַרויס פון דרוק. מען וועט מיר צושיקן אַהער פאַר די דייטשן... אַ לאַנגער חשבון מיט ציפערן אין יידישע אותיות — דאָס איז די „דערונגענשאַפט" פון מיין זון. „אין העברעיש — שרייבט ער — קען איך שוין די צאָלן פון א׳ ביז ת׳, דאָס הייסט אַלע צאָלן וואָס זיינען פאַראַן. געלערנט האָב איך די צאָלן ביז 400, און די ווייטערדיקע האָב איך מיר איבערגעלייגט". איז איצט אים אָפּן דער וועג פאַר גימטריות... פון דעם קליינעם מיידעלע מיינער שרייבט מען: „זי איז זייער נערוועז. זי אַנטוויקלט זיך אַזוי שנעל, אַז איך באַמי זיך אָפּ־

צוהאלטן איר אנטוויקלונג. אבער דאס געלינגט ניט, ווייל זי האט שוין א סך אינטערעסן און וויל א סך וויסן".

מיט לארען רייד איך זיך צונויף ווען און ווי אנצוהייבן מיין ארבעט צווישן די אמעריקאנער. ער וויל מיך צונויפפירן, ראשית כל, מיט איינעם פון זייערע ראדיקאלן. ער הייסט בודען; אן אדוואקאט, א געוועזענער ווארט-פירער פון די קאמוניסטן. מאנטיק וועלן מיר צופארן צו אים צוזא־מען. ...אבער מיין הויפט-עובדה איז צוצוגרייטן זיך צו דעם היינטיקן רע־פעראט, דעם לעצטן פון דער סעריע. „נעפ, סטאלין, טראצקי" -- הייסט די טעמע. זי דארף געבן א סך-הכל פון דער קריטיק פון באלשעוויזם. אבער עפעס מער ווי קריטיק אליין; אויך אן אויסבליק. די קריטיק גייט ארויס דאס מאל ניט נאר פון טעארעטיש-אבסטראקטע פרינציפן, נאר פון סטא־טיסטישע מאטעריאלן. עס מוז באוויזן ווערן מיט פאקטן וואס פאר אן ארט ווירטשאפט און מלוכה עס בויט דער באלשעוויזם. די מאטעריאלן האב איך געזאמלט נאך פאר מיין קומען קיין אמעריקע. היינט ווערן זיי מיט יעדן טאג מער פארפולקאמט דורך דער דיסקוסיע וואס גייט אן אין מאסקווע מיטן טראצקיזם...

די היינטיקע פארזאמלונג איז פונקט אזוי פריינדלעך-אויפמערקזאם ווי אלע אנדערע. מיר זיינען שוין ווי באקאנט צווישן זיך... וואס איז דער נעפ? וואס פלאנצט איין דער באלשעוויזם אין רוסישן דארף? סאציאליס־טישע ווירטשאפט? הייבט זיך נישט אן: ער פלאנצט איין קולאקעס, קולא־קישע באלעבאטישקייט. גלייבט איר נישט? אט האט איר טאבעלן מיט צאלן, איין גובערניע נאך דער אנדערער. אט איז דער חשבון פון דעם סכום ערד, בהמות, פערד וואס עס קאנצענטרירן זיך ביי די רייכערע שיכטן פון די פויערים, ביי די מיטעלערע, ביי די ארעמע. די טאבעלן זיינען נישט צוגעטראכט פון עמיגראנטישע קעפ. איך לייען זיי פאר פון אפיציע־לע בלעטער, פון א גרויסן ברויגעם באלשעוויסטישן בוך וועלכער הייסט: „קאנטראל-ציפערן פון דער פאלקסווירטשאפט פון דעם ראטן-פארבאנד צום יאר 1928". עס וואקסט דער עקאנאמישער און דער גייסטיקער איבערגע־וויכט פון דעם דארפישן בעל-גוף. און ד ע ר קולאק פארבינדט זיך ממילא מיט דעם פאליטישן, באלשעוויסטישן קולאק וואס קיניגט איבערן פאלק. ...ווי אין דארף אזוי אין שטאט. עס וואקסט — זאגט מען — די פראדוקטיוויטעט פון פאבריקן? די מלוכה ווארפט ארויס אויפן מארק אלץ מער פראדוקטן פון אירע באטריבן? נו, איז וואס? אמעריקע שאפט נאך מער סחורות! זאלן מיט אזעלכע „ווירטשאפטלעכע דערפאלגן" אין רוס־לאנד פרייען זיך בירגערלעכע עקאנאמיסטן, פאר וועלכע סאציאליזם איז גאר ניט מחייב. אבער מיר פרעגן ראשית כל: אויף וועמעס חשבון ווערן געשאפן אין רוסלאנד די דערפאלגן? קען דער ארבעטער א דעה זאגן אין

באַטריב? פירט ער אַליין אָן מיט דער פּראָדוקציע אָדער איז ער אַ שרייפל אין דעם „רויטן" באַלעבאַטיש־מלוכהשן באַטריב? אויב טאַקע אַ שרייפל, איז דער רוסישער פּראָלעטאַריער ווידער געוואָרן אַ לוין־אַרבעטער! דער זעלביקער קולאַק ווי אין דאָרף דריקט אויף אים אין שטאָט. וועגן דעם קען מען לייענען זייער באַריידעוודיקע שילדערונגען ביי טראָצקי...

דער עולם איז געווען פאַראינטערעסירט, באַזונדערס מיט די סטאַטיסטישע טאַבעלן און די פאַקטישע אויספירן. ס'איז מעגלעך אַז הינטער די צאָלן און ציפערן האָט דער עולם דערשפירט די לעבעדיקע סאָציאַלע ווירקלעכקייט. אָבער דער זאַל האָט געוואָלט הערן פּאָליטישע אויספירן, פּאָליטישע נביאות. און ווער איז קודם כל טראָצקי?

...ס'איז ניטאָ קיין טיפער חילוק צווישן סטאַלינען און טראָצקין. (האָב איך געפירט ווייטער דעם שמועס). ביידע ווילן זיי הערשן איבער דעם זאַנפטמוטיקן רוסישן פערד; מער נישט איינער שמייסט אים מיט בייטשן פון רעכטס, און דער אַנדערער — טראָצקי — וויל אים שמייסן פון „לינקס". וואָלט היינט טראָצקי ווידער געקומען צו דער מאַכט, וואָלט געוואָרן נישט בעסער, נאָר ערגער. אָט טאַקע ווי רחבעם האָט געזאָגט צו די שלוחים פון די יידן: „ער האָט אייך געשלאָגן מיט ריטער און איך וועל אייך שלאָגן מיט פלעקער". ...די פּערספּעקטיוון פון רוסלאַנד זאָל מען זוכן אַנדערשוו. עס זיינען דענקבאַר דריי פּערספּעקטיוון. 1) אַ מאָנאַרכיסטישע. אָבער אַפילו די מאָנאַרכיסטן גלייבן נישט מער אין זייער אויפקום. 2) אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישע (פאַרקערפּערט אין מיליוקאָוון, קערענסקין און געמעסיקטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן). די געפאַר איז דאָ, און זי ווערט געשפּייזט דורך די פאַרברעכנס פון באָלשעוויזם. אָבער: ס'איז אַ בלינדער טעות איינצורעדן זיך אַז דער רוסישער אַרבעטער און פּויער גאַרט נאָכן באַלעבאָס (אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז היינט צו טאָג דער צוריקקער פונעם באַלעבאָס). דער רוסישער האָרעפּאַשניק פירט היינט דעם קאַמף קעגן באָלשעוויזם דווקא דערפאַר ווייל מען האָט אים אָפּגענאַרט, מען האָט איר אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ אַ נייעם באַלעבאָס. די טראַדיציעס און די וועלט־היסטאָרישע האָפענונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען לחלוטין נישט אויסגעלאָשן אין די נשמות פון די מאַסן. אַפילו אין דער פאַרקריפּלטער באַוועגונג פון די טראָצקיסטן דריקט זיך אויס די בענקשאַפט נאָך יענער גרויסער צייט. דערפאַר טאַקע בלייבט לעבעדיק די דריטע פּערספּעקטיווע: די אָקטאָבער־רעוואָלוציאָנערע. זי ליגט פאַרוואָרצלט אין דעם קאָלעקטיוויסטישן באָדן פון דאָרף, אין דעם גרויסן גייסטיקן אויפשוווּנג פון אַרבעטער, אין דער אויפקומענדיקער יוגנט „אשר לא ידע את יוסף" (וואָס איז ניט געבונדן מער אָן די „היסטאָרישע פאַר-

דינסטן פון די באָלשעוויקעס). מיר קעמפן קעגן באָלשעוויזם אין נאָמען פון דער ערלעכער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

א ים מיט פראַגעס האָט זיך אַ שאָט געגעבן נאָכן רעפעראַט. הייַנטיקס מאָל זיינען עס געווען הויפּטזאַכלעך פראַגעס פון לינקן צד. מען האָט געשטעלט אין צווייפל די ציפערן וואָס איך האָב געבראַכט. האָב איך זיי אין פנים געטרייסלט מיט דעם ברוינעם אָפיציעלן בוך... מען האָט אָנגעוויזן אַז דער רוסישער אַרבעטער האָט דערפאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. האָב איך אַרויסגענומען אַנדערע ציפערן וואָס האָבן געוויזן ווי אַ שווערערע לאַסט פון אַרבעט ליגט זיך פון יאָר צו יאָר אויפן אַר־בעטער... מען האָט איראָניש דערמאָנט דעם יולי־אויפשטאַנד פון די לינקע ס"ר: צי איז דאָס אויך לשם אָקטאָבער־רעוואָלוציע? — ס'איז ניט געווען קיין אויפשטאַנד (האָב איך געענטפערט), אָבער די באַוועגונג גופא איז אוודאי געווען לשם רעוואָלוציע... „הייַנט פאַרוואָס האָט טאַקע סטאַלין אַ מערהייט אויף די קאָנגרעסן?" — האָט מען בייסיק געפרעגט. — „ס'איז מיר אַ וווּנדער וואָס איר גלייבט אין אַזעלכע מערהייטן! דווקא אין לאַנד פון „טעמעני־האָל"־וואַלן האָט מען געמעגט זיין פאָרזיכטיקער". ביי דער תשובה האָט אַ גרויסער טייל פון דעם זאַל געלאַכט מיט פאַר־שטענדעניש. נישט נאָר ביי דער מלוכה, אויך אין די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס פון אַמעריקע ווייסט מען גוט וואָס עס איז אַ „מאַשין".

דער היינטיקער פאָרטראַג איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער אַנטשיידנ־דיקער אין די אויגן פון מיינע פריינד. זיי האָבן מיך דאָ דערקענט נישט נאָר פאַר אַ קעגנער פון באָלשעוויקעס, נאָר אויך פאַר אַן אָנהענגער פון די סאָוועטן. האָט ממילא געמוזט קומען צו אַ פונאַנדערשיידונג פון נאָענ־טע און ווייטע. עס וועלן זיך מסתמא אָפּרוקן פון מיר אַ סך פון די האַל־בירטע פריינד; עס וועלן דערפאַר צושטיין די עכטע אידעישע חברים. דער־ווייל גייען מיר אַלע צוזאַמען כאַפּן אַ גלעזל טיי. עפּעס אַ סיום פון אַ שווע־רער גמרא... מען ראַט מיר צו אָרגאַניזירן נאָך 2-3 עפנטלעכע פאַרזאַמ־לונגען: אין ברוקלין, אין די בראָנקס, פאַר דער „פּראָווינץ" פון ניו־יאָרק. מען איז זיכער אין דערפאָלג. ח. סלוצקאַיאַ איז גרייט צו טאָן. זי איז אידעיש ווייט פון מיר, זי פילט אָבער אין זיך דעם ברען פון אַ מע־נעדזשער מיט אויכזיכטן אויף אַ „סוקסעס".

עס וואַרט טאַקע אויף מיר אַ סך אַרבעט אין חודש פעברואַר. אַן אסיפה ביי די אַנאַרכיסטן, אַ לעקציע אין קאָאָפּעראַטיוון הויז, אַ לעקציע אין פינסקער ברענטש, אַן אַרויספאָר אין לייקוווד און ווידער אין ראַקאַווי און נאָך עפּעס. די קרובים פון מיין פרוי אין אָלבאַני רופן צו זיך צו אַ רעפעראַט. און די אַרבעט צווישן אַמעריקאַנער? דערווייל וועל איך מאָרגן צום ערשטן מאָל אויסרוען זיך ביי די פריינד ווילנערס.

גערשוני און ספּירידאָנאָווא אין אַ בריוו־אויסטויש

28־טער יאַנואַר.

דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער ב. איז היינט פּלוצים אַרויפגעקומען צו מיר. ער זעט אויס ווי שטענדיק: אַ שלאַנקע נאָבעלע פיגור, באַקרוינט מיט אַ שוואַרצן, פיין־געשניצטן געזיכט. אַן איינגעהאַלטענע ליידנשאַפטלעכקייט שיינט אַרויס פון זיינע רויקע געזיכט־שטריכן. אין די אויגן שטעקט טרויער, זאָרג, ענערגיע, צערטלעכקייט. אַ פרייהייטלעכער גייסט ווייעט פון אים. ער איז דער פירער פון די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן. אין באָלשעוויסטישן מאָסקווע האָט ער זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן: ער איז ניט צוגעשטאַנען צו די זיגער. דער אידעאַל פון אַנאַרכיזם האָט באַקומען דווקא אין מאָסקווע אַ נייע באַשטעטיקונג. פונדעסטוועגן האָט מען אים אין איטאַליע שפּעטער געהאַלטן אין טורמע דווקא פאַר „באָלשעוויזם”. די פאַשיסטן האָבן צעבראָכן די שטאַרקע „סינדיקאַליסטישע אוניאָן” אין איטאַליע, און ער איז אַריינגעפאַלן אין גלות. אין פּאַריז האָט ער אָנגעשריבן צוויי ביכער אין וועלכע ער האָט זיך אויסגערעדט זיין האַרץ, זיין פאַרביטערונג, זיין כעס קעגן פאַשיזם: „דער באַנקעט פון די מצורעים” און „איטאַליע צווישן צוויי קריספּיס”. אין דעם צווייטן בוך האָט ער גרינדלעך פונאַנדערגעבראָכן „דאָס ליכט און די דאָגמען פון מזרח” (באָלשעוויזם). ער איז בכלל דער דענקערישער טיפּ צווישן די אַנאַרכיסטן, ער פאַרמאָגט דעם זעלטענעם טאַלאַנט צו טראַכטן וועגן די פעלערן אין אייגענעם לאַגער, צו זוכן אידעישע געמיינזאַמקייט אויך ביי שכנישע לאַגערן. דערפאַר האָט ער אויפגענומען, למשל, מיט סימפּאַטיע די פּרינציפּן־דערקלערונג פון די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און האָט זי געלויבט אין זיינע אַרטיקלען. אין יאָר 1925 האָב איך אים געטראָפן אין פּאַריז, אויף מאָרגן נאָך אַ בלוטיקער שלעגעריי צווישן איטאַליענישע סאָציאַליסטן און פאַשיסטן. ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: דאָס איז אַן אָנזאָג אויף דעם וואָס עס וועט זיין אַמאָל אין איטאַליע... מען וועט זיי, די פאַשיסטן, מסתמא שעכטן אין די טויזנטער. וואָס זאָל מען טאָן? דאָס פירן זיי אַליין דערצו”. ער האָט באמת געליטן שוין פון דער פאַרשטעלונג אַליין...

איצט איז ער אין גלות אין אמעריקע, און מען וויל אים ארויסשיקן פון לאנד. וווהין? „אין זיין פאטערלאנד". דאס ווילן טאקע די פאשיסטן.. אין זיינע גלאנצנדיקע אויגן ליגט טרויער, אבער אלע ווײלע ווערט זיין געזיכט באלויכטן מיט א ליבלעכן שמייכל, מיט א נייעם אקטיוון געדאנק. ער הערט זיך ווארעם צו צו די דאגות פון אונדזערע געפאנגענע. ער וויל איינארדנען אין ניו־יארק א גרויסע פארזאמלונג פון איטאליענישע ארבע־טער און ארויסטרעטן דארטן צוזאמען מיט מיר: פאר די קרבנות פון רוס־לאנד און איטאליע. צי וועט עס געלינגען?...

א קלאפ אין טיר. צוויי חשובע אנגעלייגטע געסט: לייוויק און אפּאַ־טאָשו. איך קען זיי נישט אויפנעמען ווי עס וואלט באדארפט זיין. דאס צימער איז ענג, און פאר דריי מענטשן איז ניטא אפילו קיין שטולן. ווער אבער מערקט עס, אז ס'איז דא אזוי פיל וועגן וואס צו ריידן?

אפּאַטאָשו איז דער יידישער עפיקער, דער מאלער פון גרויסע ליי־וואנטן. אבער ער שטייט דרויסן פון דער קאָכעדיקער סאציאלער טאג־טעג־לעכקייט. לייוויק, פארקערט, איז פאר אונדז אלעמען א לעבעדיקע פיגור אין טעגלעכן מענטשן־קאמף. ער זוכט אויך ניט צו באפרייען זיך פון פאר־אנטווארטלעכקייט אין אזעלכע קאמפן. אמת, ער איז דערווייל ניט פריי; ער איז פארדעקט פון דער קאמוניסטישער סביבה. איך געדענק ווי ער איז מיט א פאר יאר צוריק געפארן דורך בערלין קיין ראטן־רוסלאנד. אז איך האב געפרווט מיט אים ריידן אין בערלינער שלום־עליכם־קלוב, איז דאס געווען אוממעגלעך. ער איז געווען ארומגערינגלט מיט פריינד וואס „גיבן אכטונג". מער ווי צו א פאר דרך־ארצדיקע גלייכגילטיקע ווערטער איז עס נישט געקומען. דא, אין ניו־יארק, האב איך אים שוין געזען פרייער, אבער אן אינערלעכע געבונדנקייט האט ארויסגעשטארצט אויך דא. און בעת־מעשה איז דאך געווען קלאר אז גראד לייוויק געהערט ניט צו יענעם חדר.

אין זיין היינטיקן באזוך צו מיר האב איך מיט דאנקבארקייט געזען א שטיק פערזענלעכע פרייהייט. ער און אפּאַטאָשו האבן געבראכט זייערע ביי־טראגן פאר דעם „זשיטלאווסקי־זאמלבוך". לייוויק אייניקע לידער, אפּאַ־טאָשו א קורצע דערציילונג. „א גאנץ קורצע דערציילונג — האט אפּאַטאָשו באוויזן און אפגעמאסטן מיט די פינגער — וועגן א רב... עס שטארבט דער פאטער... לעבן מת טרעפט זיך דער רב מיטן ברודער, א באלשעוויק... עס וועט פאסן פארן זאמלבוך". זיי ביידע האבן זיך פריינדלעך אפגערופן וועגן מיינע לעקציעס. זיי האבן געעצהט צו ארגאנזשירן נאך. „מען וועט אייך קומען הערן, מען וועט קומען" — האט מיט א זיכערקייט מוסיף געווען אפּאַטאָשו. זיי האלטן אז א ספּעציעלער מאסן־מיטינג וועגן די גע־פאנגענע אין רוסלאנד וועט אויך האבן דערפאלג. האב איך זיי געפרעגט: פאר וואס זאל ניט זיין מעגלעך, אז יידישע ראדיקאלע שרייבער זאלן מיר

א העלף טאָן אין דעם, זאָלן געבן זייערע אונטערשריפטן צו אַן אויפרוף אין אזא זאַך? בפרט אז איך טרעט דאָ אויף נאָר פאר די געפאַנגענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געבויט די סאָוועט־רעפובליק... לײוויק האָט געענטפערט אז אים טוט וויי דאָס הארץ פאר א ל ע וואָס זיצן פארשפארט אין רוסלאַנד. ער קען זיך בכלל נישט פארשטעלן ווי זעצט מען אריין א מענטש; אין געפענגעניש. ער שרייבט איצט א דראַמע פון לעבן פון די געפאַנגענע...

— פון דעם היינטיקן רוסלאַנד־לעבן?

— ניין, פון דער אַלטער קאַטאָרגע אין סיביר. יענץ לעבן קען איך...1)

(לייוויק האָט ניט געזען אז מאַלנדיק קינסטלעריש דאָס שווארצע טורמע־לעבן פון אמאָל, האָט ער ממילא אזוי ווי צוגעדעקט דעם חושך פון די באָלשעוויסטישע טורמעס. פונקט אזוי איז עס היינט אין רוסלאַנד מיט דער „געזעלשאַפט פון די געוועזענע פאָליטישע געפאַנגענע". די געזעלשאַפט פארטיידיקט די אינטערעסן פון די געוועזענע קעמפער — און פארשווייגט די מאַטערנישן פון די היינטיקע קעמפער. דינט זי דערמיט דער פאָליטיק פון באָלשעוויזם).

לייוויק פילט מיט דער מיסיע מיט וועלכער איך בין אהער געקומען. אָבער ער קען ניט אָפן מיטאַרבעטן מיט מיר. „איך בין נאָך נישט קלאָר מיט מיר. איך וואַקל זיך נאָך. אזא זאַך וואָלט הייסן צערייסן מיט זיי... איר פארשטייט דאָך, דאָס טוט מען ניט צופעליק, ביי אזא געלעגנהייט".

מיר ריידן וועגן יידישער ליטעראַטור, מיר קומען אַרויף אויף די „פרייע שריפטן". זיי שעצן דעם זשורנאַל, אָבער זיי וואָרענען מיך קעגן געוויסע אַרטיקלען. וועלכע?... זיי דערמאָנען די קריטישע אָפּשאַצונג פון שלום אַשס ראָמאַן „חיים לעדערערס צוריקקומען". י. ראַפּאָפּאָרט האָט געגעבן א שאַרפע אָפּשאַצונג פון ראָמאַן, דאָס טאָר ניט געשען בנוגע שלום אַש...

איך הער דאָס אַלזאָ צום דריטן מאָל. אויך ש. ניגער האָט מיט אומצופרידנקייט גערעדט וועגן דעם אַרטיקל. אַזעלכע דריי פארשיידענע מענטשן ווי ניגער, אָפּאַטאָשו, לייוויק זאָגן עס — מוז עס זיין א ריכטיקער געפיל ביי זיי. אָבער אייגנטלעך פאר וואָס זיינען זיי אומצופרידן? קיין עזות איז אין דעם אַרטיקל נישט געווען. זאָל זיין עזות שוין אין דער קריטיק גופא און נאָך פון א יונגן שריפטשטעלער? זאָל עס זיין א סאָלידאַריטעט פון ליטעראַרישע ברידער אָדער טאַקע א פאָדערונג פון גייסטיקער דיסציפּלין אין פאָלק? איך ווייס נישט, אָבער זיי ביידע, דער רבניש־מיושבדיקער אָפּאַטאָשו און דער יונג־דירעוודיקער לייוויק, האָבן באַשטאַנען אויף

1) דאָס איז די דראַמע „קייטן" וועלכע איז דערשינען שפּעטער.

דערויף: אויפן דרך־ארץ פאר די אלטע. נאציאנאלעס און ליטעראַרישעס, ווייזט אויס, איז דאָס טייערסטע פאַר זיי. אז איך האָב געפרעגט וואָס איז וויכטיקער פאַר די „פרייע שריפטן": אן ארטיקל וועגן פּרצעס שאפן אָדער וועגן נייעם ראָמאַן פון דייטש טאָמאַס מאַן, — האָבן זיי געזאָגט: מען דאַרף שרייבן וועגן אייגענע. „און טאַקע וועגן די היינטיקע יידישע דיכטער, וועגן אַ מאני לייב, וועגן יונגע"... איך וועל זיך דאָס מערקן אויף להבא.

...פון נאָך מיטאָג אָן בין איך ביי די וו. איך טו זיך אוים פון אַלע געשעפטן, און מיר וועלן לעבן חבריש פאַר זיך. מאָרגן וועט זיין ווידער אַ שווערער טאָג. ביי זיי איז אויפגעזאַמלט אַ גרויסע קאַלעקציע פון דער אַלטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. די דיקע בענק פון די אַמאָליקע נישט־לעגאַלע ציישונגען, פון אַלע ריכטונגען, ליגט דאָ אין אַ גרויסע צאָל. ס'איז מאָדנע: עס ציט היינט ווייניק צו לייענען די אַלטע מגילות אין וועלכע עס האָבן ביי מיר גופא אַמאָל געברענט די פינגער. פאַר וואָס איז עס אַזוי? מסתמא דערפאַר ווייל די נייע גוואַלטיקע איבערלעבענישן פון די לעצטע צען יאָר האָבן מיט זייער פלאַם אריבערגערעקט יענע צייט. מיר זיינען אַלע אַזוי שטאַרק אויפגערעגט אין די יאָרן, אַז די אויפרעגונג פון דעמאָלט דערגייט נישט מער צו אונדזער געמיט. איך בלעטער די צייטונגען, די בראָשורן, — און עס דוכט זיך אַז מען איז עלטער, דערפאַרענער פאַר די קעמפער פון פריער. אָבער איין נומער פון אַ צייטונג טרייסלט אויף מיין אויפמערקזאַמקייט.

דאָס איז אַ נומער פון דער עסערישער צייטונג „מיסל" פון יאָר 1906, וואָס דער צאַריזם האָט בשעתו גרויזאַם פאַרפאָלגט. אין דעם נומער פון 5־טן יולי איז אָפּגעדרוקט אַ דערשיטערנדיקע זאַך: דער בריוו־אויסטויש צווישן גערשוני און ספּירידאָנאָוואַ. זי איז געזעסן דעמאָלט אין דער בוטירקי־געפענגעניש אין מאָסקווע, וואַרטנדיק אויף דעם באַשלוס פון דער רעגירונג (מכוח איבערבייטן פאַר איר די טויט־שטראָף אויף קאַטאָרגע). גערשוני, סאַזאָנאָוו, סיקאָרסקי האָט מען „באַפרייט" פון דער שליסלבורגער־פעסטונג און אויפן וועג קיין סיביר געהאַלטן אויך אין דער זעלביקער געפענגעניש. דאָס איבערמענטשלעכע ליידן פון מאַרוסיאַ (ספּירידאָנאָווא) האָט אָנגעצונדן מיט ליבשאַפט צו איר גאַנץ רוסלאַנד. גערשוני — דער פאָטער פון דער ס"ר־פּאַרטיי — האָט געליבט די מאַרוסיאַ מיט אַ צווייענדיקער צערטלעכקייט. אין אַ בריוו צו איר (אונטערגעשריבן פון אים און אַנדערע העלדישע חברים) האָט ער געשריבן אַזעלכע ווערטער:

„טייערע, ליבער חבר אונדזערער! ווי זאָלן מיר שרייבן צו אייך? ווו נעמט מען ווערטער, כדי כאָטש אַ ביסל אויסצודריקן די געפילן וואָס האָבן ווי אַ בליץ דורכגעברענט אונדזער קאָפּ און האַרץ ביי דער ערשטער ידיעה

וועגן אייך! מיר ווילן נישט באַליידיקן אייער אומענדלעכע פיין דורך ווער־טער פון מיטגעפיל און כעס. ווי אַ באַוווסטזיניקע פּאָציאַליסטין־רעוואָלו־ציאָנערין, וועט איר ניט אוועקשטעלן אייערע לײַדן העכער איידער די לײַדן פון יענע, וועמען איר האָט זיך איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה... אייך האָט מען שוין פאַרגליכן מיט דעם געפּייניקטן רוסלאַנד. אָבער איר זייט נישט נאָר דער סימבאָל פון פאַרפּייניקטן לאַנד; איר זייט אויך דער סימבאָל פון דעם יונגן, קעמפנדיקן, מסירות־נפשדיקן רוסלאַנד. אין דערויף איז די גרויסקייט, די שיינקייט פון אייער געשטאַלט... אין דעם באַוווסט־זיין אַז אייך איז געלונגען נישט נאָר וואַרפן אויפן מזבח פון דער רעוואָ־לוציע דאָס לעבן, נאָר אויך אויסהאַלטן אַלע יסורים וואָס משוגעת און פאַרברעכן האָבן געקענט צוקלערן, — אין דעם באַוווסטזיין וועט איר, חבר, שעפּן די רו. די דאָזיקע רו וועט ביי אייך נישט אוועקרויבן די צוקונפט ווי זי זאָל ניט זיין. אויב עס וואַרט אויף אייך דער צאַרישער עשאַפאָט, די דאָזיקע לעצטע בכבודיקע טריבונע פון אַ רעוואָלוציאָנער, — ווייסן מיר אַז איר וועט אַרויפגיין אויף אים מוטיק, און דורך אייער טויט וועט איר אַריינפלעכטן נאָך אַ לאָרבער־בלאַט אין די מאַרטירער־קרוין פון די פרייי־הייטס־קעמפער. אָבער אפשר דערוואַרט אייך עפּעס וואָס איז שווערער ווי דער טויט. אפשר וועט מען אייך שענקען דאָס לעבן. און דעמאָלט, חבר, מוזט איר דערפילן אייער לעצטן העלדישן אַקט: איר מוזט לעבן... מיר פרעגן זיך: צי קען סטייען אויף דעם מענטשלעכע כוחות? און וואָלט פאַר אונדז געשטאַנען אַ געוויינלעכע פרוי, וואָלטן מיר געענטפערט: ניין, עס קען ניט סטייען! אָבער איר... אייער אין ליבע און שנאה געשטאָלענער פאַרהאַרטעוועטער גייסט האָט שוין באַוויזן צו מאַכן דאָס אוממעגלעכע — מעגלעך, — און אָט זאָגן מיר מיט גלויבן און שטאָלץ: ביי אייך מוזן סטיי־ען די כוחות! געדענקט טייערע: איר קענט נאָר אָדער שטאַרבן אויפן עשאַפאָט פון דער האַנט פונעם הענקער, אָדער לעבן ווייטער מיט מוט און פרייד, אַרומגענומען פון דער ליבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. איר מוזט לעבן, ווייל די רעגירונג יאָגט זיך נאָך אייער טויט און האָט נישט דעם מוט דערצו. איר מוזט לעבן ווייל יעדער טאָג און יעדע מינוט פון אייער לעבן וועט זיין אַ טרייסט און אַ באַפרידיקונג פאַר דער האָרעפּאַשנער מענטשהייט... איר וועט קומען אין אונדזער פאַמיליע — אויף דער קאַטאָר־גע — און איר וועט געפינען אַזוי פיל ברידערלעכע ליבע און מיטגעפיל,

אז זיי וועלן פארהיילן אייערע וואונדן. און מיר זאגן אייך אויף צולעצט: שטארבט מוטיק, לעבט מונטער און פעסט!"

ג. גערשוני

פ. קארפאוויטש

ס. סיקארסקי

י. סאזאנאוו

מאסקווע. פוגאטשאווסקאיא באשניא

מארץ, 1906.

אין א טאג ארום האבן זיי דערהאלטן פון מארוסיאן אן ענטפער.

„טייערע חברים! אז איך האב געליענט אייער בריוו, וואס איז אזוי פול מיט ליבע צו מיר און פארערונג פון מיין טאט, האט נאר איין געפיל געהערשט אין מיר: איך בין נישט ווערט די ליבע און די באוואונדערונג, טייערע מיינע! איך האב דאך געטאן דאס וואס עס וואלט געדארפט טאן יעדער סאציאליסט-רעוואלוציאנער. צי דען מוז ניט דער ס"ר ווערן ביי געוויסע אומשטענדן א טעראריסט, צי מוז ער ניט שווייגן אונטער די קלעפ און יסורים פון די הענקער, צי דען מוז ער ניט, אפילו זייענדיק געווארפן צו דער ערד, ווייטער קעמפן מיט די פאלקס-פיינט, און צי מוז ער ניט ענדלעך פאראכטן דעם טויט און מיט שמחה אפגעבן זיין לעבן פאר דעם גליק און זיעם כבוד פון פאלק? איך בין נאר געווען אזא סאציאליסט-רעוואלוציאנער; אין דעם אליין באשטייט מיין פארדינסט. דער געדאנק אז איך מעג מיט רעכט אנרופן אלס נאענטע חברים א יי ך , וואס זיינען שטענדיק געווען פאר מיר גרויסע און ליכטיקע מוסטערן פון מענטש און קעמפער, און אז איך האב דערפאר באצאלט מיט א גאנץ טייערן פרייז — אט דער געדאנק פארשאפט מיר פרייד. דער געדאנק אז דאס לאנד באפרייט זיך פון קייטן דורך מעכטיקע אנשטרענגונגען פון קאמף און אז אין דעם קאמף איז אריינגעלייגט אויך מיין חלק — אט דער געדאנק מאכט מיך גליקלעך. יא, מיינע טייערע, איך וועל זיך באמיען צו דערלעבן ביז אונדזער מיט אייער געמיינזאמער באפרייונג. אפשר וועל איך האבן די פרייד וועןעס איז שוין אין דער פרייהייט ארומנעמען אייך און באגריסן ווי פרייע בירגער. ווי גליקלעך זיינען מיר, חברים. מיר וועלן זען די פועל-יוצאס פון אונדזער קאמף, אונדזערע יסורים. א סך, א סך אומפארגעסלעכע חברים זיינען שוין טויט און אפילו די פרייהייט איז ניט בכוח אויפצוועקן זיי. אונדז איז אבער באשערט צו דערזען אנשטאט דעם דערשלאגענעם פארשקלאפטן-פויער דעם בירגער, דערהערן זיין פרייהייטלעך ליד. טא לאמיר, ליבע פריינד, פרייען זיך, לאמיר מוטיק און אן ציטער דערווארטן די צוקונפט. איך נעם אייך אלע ארום, איך קוש אייך אלע צערטלעך.

מארוסיא".

איצט זע איך: די „אַלטע" רעוואָלוציאָנערע שמות זיינען נישט אַלט. זיי זיינען לעבעדיק עד היום. אין דעם ליכטיקן שיין פון די דעמאָלטיקע העלדן ווערט אונדז ווידער אַמאָל דורכזיכטיקער דער חושך און אומעט פון די היינטיקע טעג. בפרט נאָך אַז זיי זיינען אָפּטמאָלס גאָר נישט אַמאָליקע העלדן; זיי פירן זייער יסורים־פולן קאַמף פאַר אונדזערע אויגן. אָט איז ספּירידאָנאָוואַ דער לעבעדיקער טרעגער פון העלדישן אַמאָל און היינט... ווי טראַגיש עס קלינגען די ווערטער פון איר בריוו צו גערשוני: „אפשר וועל איך האָב די פרייד אין דער פרייהייט באַגריסן אייך ווי פרייע בירגער. מיר וועלן זען די פּועל־יוצאס פון אונדזערע יסורים". זי האָט דערזען דאָס פּייערדיקע פּנים פון פרייהייט, — אָבער די פרייהייט איז געוואָרן פאַר איר גאָר אַ בריק צו נייע יסורים.

ווי סימבאָליש איז דער דאָזיקער בריוו־אויסטויש! גערשוני האָט מורא אַז ספּירידאָנאָוואַ וועט זיך מיטן גאַנצן האַרצן ציען צו דעם טויט, צו דער גאַלגאָטע. איז דאָך צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אָפּט מאָל געווען פאַרשפּרייט די פּסיכאָלאָגיע פון פרייוויליקער גאָלגאָטע, פון דעם אַבסאָלוטן מסירת־נפש פאַר פאָלק און אידעע. ספּירידאָנאָוואַ וואָס האָט אַזוי פיל איבערגעליטן אָקערשט ווי אַ מענטש, ווי אַ פרוי, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, וועט זיכער נאָך שטאַרקער ציען זיך צום טויט. אַזוי רעכנט גערשוני, און ער וויל זי אָפּציען מיט דער ליבנדיקער האַנט פון דעם אָפענעם קבר. שרייבט ער איר: „דער עשאַפאָט איז די לעצטע בכבודיקע טריבונע פון אַ רעוואָלוציאָנער", אָבער נאָך וויכטיקער איז לעבן, ווייטער לעבן. דער יידישער דראַנג צום לעבן, די שמחת החיים טרעט דאָ אַרויס קעגן דעם רוסישן דראַנג צום לעצטן מסירת־נפש 1). אָבער ער דערהאַלט פון ספּירידאָנאָוואַ אַ תשובה, אין וועלכער עס קלינגען די זילבערנע טענער פון לעבנס־לוסט און פרייד אַזוי מאַכטיק אַז זיין מורא פאַר איר קען פאַרשווינדן. ספּירידאָנאָוואַ וויל דערלעבן ביז דער באַפרייונג; זי — די מאַרטירערין — שיקט די חברים מער ווי טרייסט־ווערטער. זי רופט זיי צו: לאָמיר זיך פרייען!. אָט אַזוי גיסט זיך צונויף אין דער רעוואָלוציאָנערער נשמה ביידע זאַכן: די גרייטקייט צום קרבן און די ליבע צום לעבן.

וואָס פאַר אַ מופת פאַר אונדזער דור, פאַר אונדז אַלעמען וואָס זיינען גרייט צו אַנטוישונגען, צו חרטות, צו קליינלעכן תשובה־טאָן. מיט דעם

---

1) ס'איז כאַראַקטעריסטיש: אַז גערשוני איז אין אַ קרויט־פאַס אַנטלאָפן פון דער קאַטאָרגע, האָט ער אין יאָר 1907 גענומען אָנטייל אין צווייטן קאָנגרעס פון דער ס"ר־פּאַרטיי, אין פינלאַנד. אויך דאָ האָט ער אין אַ רעדע דערקלערט: דער חוב פון אַ רעוואָלוציאָנער איז ניט אַזוי מוטיק צו שטאַרבן ווי מוטיק צו לעבן.

מיט איין פוס אין אַמעויקע

אייזערנעם גלויבן, מיט דער צערטלעכער ליבע האָט זי אויסגעהאַלטן דעמאָלט. אָט אַזוי האַלט זי אויס אויך היינט. נישט אַנדערש וואָלט עס געוועזן ביי גערשוני.

ביי דייטשישע אַרבעטער

איך האָב געבעטן פרוי וו. איבערשרייבן פאַר מיר דעם דאָזיקן בריוו־אויסטויש, כדי צו פאַרעפנטלעכן אים. זי טוט עס מיט גרויס פאַרגעניגן. זיי ווילן אַז מיר זאָלן היינט נאָך לאָזן זיך אין שטאָט אַריין עפּעס וואָס זען. מיט גרויס פאַרגעניגן... מיר וועלן אייך ווייזן דעם ראָקסי. וואָס איז דאָס? איר ווייסט ניט? דאָס איז דער שענסטער מוווי אין ניו־יאָרק.

מיר זיינען צוגעפאָרן צום ראָקסי־מוווי. ס'איז באמת דאָ וואָס צו זען. ווי נאָר איר טרעט אַריבער דעם שוועל, פאַלט איר אַריין אין אַ טעמפּל. די ווענט שטייגן ווייט אין דער הייך, קוים איר זעט דעם באַפּוצטן, פאַרביק באַמאָלטן סופיט. די ווענט זיינען מירמלנע, שטראַלן אין איידלסטן ווייס. סטאַטועס פון קלאַסישע געשטאַלטן שטייען אַרום. קאָסטבאַרע, מיט פּערל באַהאָנגענע, אין טויזנטער פאַרבן שימערירנדיקע ליוסטרעס לאָזן זיך אַראָפּ איבער די קעפּ. פּורפּורנע, הימל־בלויע, צאַרט־געלבע טעפּיכער שאָקלען זיך ווי פון אומזעבאַרע ווינטן. באַזילבערט שטייען אַרום שטולן, דיוואַנען, טישלעך. אַ סודותפולער יראת־הכבוד כאַפּט אייך אַרום אין דער שטילקייט פון אַזאַ טעמפּל... וווּ זייט איר דאָס? אין אַ קינאָ? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענטשן וואָס שטעלן שטילע טריט אַרום אייך? קינאָ־באַזוכער? און אַז איר הייבט זיך אויף דורך די בלאַנקנדיקע גאַלערעען צו דעם פאַרשטעלונג־זאַל, זייט איר אין אַ גוואַלטיקן רוים מיט אַ קופּאָל, וואָס הייבט זיך צום הימל. דער סאַמעטענער פרוכת פאַרהענגט דעם עקראַן. און פון בײדע זייטן פון אים הענגען לופטיק אויף די ווענט צו צוויי פאַרפּוצטע באַלקאָנעס, פּונקט ווי אין קאַטויילישע קירכן. צו וואָס איז דאָס? פון דאָנען זינגען געהויבענע אַרטיסטן לידער. פאַרביקע פאַרמאַסקירטע פייערן באַלויכטן דעם מאַיעסטעטישן רוים. מען קען ווערן פאַרכאַפּט פון אָט דער גאַנצער קייזערלעכער פּראַכט.

עס איז טאַקע דאָ עפּעס קייזערלעכעס אין דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן לוקסוס. עפּעס ווי אַן אויפגעקומענער גביר וואָלט וועלן צוזאַמענשלעפּן וואָס מער אוצרות פון אומעטום און אַריינשטעלן „ביי זיך" אין הויז. ס'איז דאָ, אין קינאָ, אַזוי פיל אָנגעשטאָפּט מיט כל המינים קונסט און רייכקייט, מיט פאַרבן, בילדער, סטאַטועס, קריסטאַל־גלאָז, אַז איר דער־

פילט גלייך א זאטקייט, וואָס קריכט אייך פון אויג. ס'איז דאָ ווי אין א מוזיי מיט צו פיל עקספּאָנאטן. די בילדער און מאָנומענטן זיינען מסתמא קאָפּיעס פון די אָריגינאַלן אין אייראָפּע. אָבער ווען אפילו אלע קונסט־ווערק דאָ וואָלטן געווען די אָריגינאַלן גופא, וואָלט נישט אָפּגעווישט געוואָרן דער איינדרוק פון קינסטלעכן, פון א קינסטלעך און געשעפטמעסיק אויפגעפּוצטן מאַרק. דאָ איז ניט אָרגאַניש אויסגעוואַקסענע, אייגענע קונסט און קולטור. דאָ איז צונויפגעפּירטע שטיק־קולטור פון אלע מעגלעכע פעלקער און עפּאָכעס.

דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַל איז ביכולת ארויספירן צו זיך און אוועקשטעלן אין קינאָ־פּאַלאַץ אַלץ: א כינעזישן, אן אינדישן טעמפּל, א בית־המקדש פון שלמה המלך. ווייל ער, קען ער אַראָפּנעמען די טריומף־אַרק פון פּאַריז, די דענקמעלער פון די איטאַליענישע שטעט. די בילדער פון לוווּר און דרעזדען. פאַר וואָס טאַקע ניט? ער וועט אַראָפּנעמען — אין אָריגינאַל צי אין קאָפּיע — די שענסטע, די איידלסטע קולטור־שאַפונגען (ווי למשל, די קאַטעדראַלע פון קעלן) און אוועקשטעלן ביי זיך אין געשעפטס־לאָקאַל.

נאָר וואָס דען: אין דעם אויפבוי פון יענער קירך האָבן מענטשן גלייביקע און נאַאיווע אריינגעלייגט, אין משך פון יאָרהונדערטער, ארבעט און תפילה. מען האָט דורך דעם די שטיינער גופא פארגייסטיקט. שטייט מען לעבן די שטיינער אויף דעם באָדן, דערשפּירט מען די אמונה פון יענע דורות, ווען נישט אן אייגענעם ציטער. אָבער וואָס זאָגן שטיין־פאַרמעם אריבערגעטראָגענע אויף א פרעמדן באָדן, צו מענטשן וואָס לעבן אין א ווילד־פרעמדער אטמאָספער? פאַר זיי איז עס נישט מער ווי א נייער „סטייל", ווי אן עקזאָטישער חידוש. זיי באקוקן עס מיט גלייכגילטיקער באוווּנדערונג, אָט ווי דאָ די מענטשן אין ראָקסי. מיר, דעם אויסלענדער, וואָלט געווען נעענטער צו זען אין אזעלכע פּאַלאַצן די אמעריקאַנישע, אָרגאַניש־געבוירענע קונסט, בילדער פון אמעריקאַנער פאַרגאַנגענהייט. פריייהייטס־קריג, וואַשינגטאָן, לינקאָלן... און אפשר טאַקע די דעראָבערונג פון אמעריקע, די סיסטעמאַטישע אויס־אָטונג פון טויזנטער אינדיאַנער? אפשר בילדער פון יענער ציוויליזאַציע, וואָס האָט מיט אכזריות געטראָטן אויף לייבער פון פּרימיטיווע מענטשן, האָט אויף זייערע ביינער אויסגעבויט אָט די היינטיקע — ראָקסי־ציוויליזאַציע?.. ניין, דאָס שעמט מען זיך מסתמא צו באַווייזן. מען דאַרף דעם בראָדוויי־מענטש, דעם קינאָ־באַזוכער בעסער פארכישופן מיט רייכקייט פון פרעמדע און ווייטע קולטורן.

אָבער ווי ווייט איז מען פון יענע קולטורן, פון א תפילה־שטימונג אין דעם דאָזיקן טעמפּל! עס בלאָנדזשען אַרום אין אים טויזנטער, צענטויזנטער מענטשן, אויסגעפּוצטע מיידלעך און יונגע לייט. אָבער וואָס

פאַר אַ וואָכעדיקייט ליגט אויף זייערע געזיכטער, ווי פאַרמאַטערט און פאַר־העצט זעען זיי אויס. זיי זיינען כמעט אַלע אָנגעטאָן אין די זעלביקע בגדים, פון דעם זעלביקן סטיל און געשמאַק. די בחורים כמעט אַלע שטייף, האָפּערדיק, האַרט־קראַגנדיק. די מיידלעך כמעט אַלע שלאַנק, ווייס־ציינ'יק, מיט געשליפענע נעגל, מיט געפאַרבענע ליפּן. ביי אַלעמען די זעלביקע לעבנס־לוסטיקייט. די זעלביקע לאַכעוודיקייט. שווער אַרויסצוגעפינען דעם עכטן, אייגענעם פּנים פון אַ מענטשן, זיי זיינען מייסטנס אַ באַשטימטער מענטשן־טיפּ. זיי ברענגען אַריין מיט זיך די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון בראָד־וויי. זיי באַוווּנדערן די רייכטימער אין ראָקסי וואָס האָט, פּונקט ווי אַמאָל אחשוורוש, אַרויסגעשטעלט זיי, כדי צו ווייזן דאָס „רייכטום פון זיין מאַכט און די הערלעכקייט פון זיין גדולה”. זיי ווערן אַלע נתפּעל פון די מיליאָנען דאָלאַרן וואָס ליגן אין דער גרויסער עשירות. און זיי קענען ניט האָבן קיין התפּעלות, קיין יראת־הכבוד פאַר די קולטורן וואָס האָבן גע־באָרן די אַלע גרויסאַרטיקע קונסט־סימבאָלן.

ווי די מענטשן, אַזוי אויך די „קונסט” פון דעם מוווי. אין דעם געהיימניספולן זאַל וויקלען זיך פונאַנדער אויפן עקראַן די פּשוטסטע, קליינלעכסטע האַלב־סענטימענטאַלע, האַלב־פּאַטריאָטישע בילדער. אַ שׂרדה פון דער ווייטן, אַן אויסגעפּאַשעטער פּנים פון אייגענע שׂררות. קונצן פון ספּאָרט, אויסגעקליגלטע דראַמעס מיט גליקלעכע סופן, טעכנישע וווּנדער מיט נישטיקן אינהאַלט — אָט דאָס וויקלט פונאַנדער דאָס בילד. אויף די פּרומע באַלקאָנען לעבן עקראַן טרעטן געהיימניספול אויף זינגערס און זינגערינס, באַצויבערן די צוהערער מיט מעלאָדישע, קלאַנגפולע, פּוסטע ליד־לעך. (די שכנים ריידן זיך איבער צווישן זיך: דאָס איז אַ לידל פון אירווינג בערלין, דעם גליקלעכן יידישן בחור, וואָס פאַרדינט צען טויזנט, הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר זיין אַרבעט!) פּוסטע בילדער און לידער? אפשר ווייל קיין אַנדערע איז נישט פעיק אויפצונעמען דער אויסגעמאַטערטער, פאַר־העצטער קינאָ־באַזוכער? אפשר איז דער ראָקסי אַ בעל־טובה צו זייערע נשמות? ער טרייסלט, ער ציטערט זיי נישט אויף ביזן דעק, אָבער ער פרישט אָפּ זייערע חושים.

אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער מאַיעסטעטישקייט פון אַ טעמפּל? און אַז דו גייסט שפּעטער אַרויס פון דער פאָרשטעלונג צונויפגע־דריקט אין דער מאַסע, זעסטו די פאַלשקייט פון אַזאַ טעמפּל. די גרויסע סתירה צווישן דער דערהאַבענעם פאָרנעם פון דער געביי און דער אָרעמקייט פון דעם הויז.

29־טער יאַנואַר.

איבערגענעכטיקט ביי די פריינד וו., בין איך היינט נאָך מיטאָג גע־קומען אין דעם „ליבאָר־טעמפּל” אויף דער איסט־סייד. דאָ איז מיין ערש־

טע עפנטלעכער רעפעראט פאר די ארבעטער פון „פארבאנד פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער". א צוויי הונדערט דייטשע ארבעטער, אין זונטיקדיקע אנצוגן, מייסטנס עלטערע מענער, זיינען שטיל געזעסן אויף די בענק. ס'איז געווען די אטמאספער פון א רויקער ארבעטער־פארזאמלונג אין בערלין, זייער ענלעך צו די אסיפות פון די דייטשע „אומאפהענגיקע". ס'איז מיר א באקאנטע אטמאספער, אבער איך האב זיך געפילט א ביסל אין א פיינטלעכן לאגער. ווייל אין דעם „פארבאנד" פון ל. לארע זיינען נאך פארבליבן נישט ווייניק קאמוניסטן פון מאסקווער שניט. (זיי האבן זיך צעריסן מיט דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי, אבער דערפאר האלטן זיי זיך פאר גרעסערע חסידים פון מאסקווע). אויסער דעם זיינען געקומען צו דער אסיפה אפיציעלע קאמוניסטן פון דייטשן לשון, כדי צו „געבן אכטונג". דער בלאנדער, מיושבדיקער חבר צאנדער האט געעפנט די פארזאמלונג און פארלאנגט פון דעם עולם צו האלטן זיך רויק. אין דער ערשטער ריי איז געזעסן דער אלטימשקער דאקטאר אראנסאן, דער שוואגער פון עדוארד בערנשטיין. פון הינטער אלע רייען האבן זיך געהויבן די ביידע מאנומענטאלע פיגורן פון חבר לארע און זיין פרוי.

אין די מער ווי צוויי שעה וואס עס האט געדויערט מיין רעפעראט איבער „צען יאר אקטאבער־רעוואלוציע" האט געהערשט אין זאל א שטילקייט. מען האט אלזא ניט געשטערט. אבער די שטימונג האט זיך אנטפלעקט שפעטער, בעת די „לינקע" האבן גענומען שטעלן פראגן. פראגן מיט א שטאך, מיט א פארבארגענעם מיין. „פאר וואס שטימען ניט אייערע באאבאכטונגען מיט די ידיעות וואס עס האט געבראכט די אמעריקאנער ארבעטער־דעלעגאציע?" — האט מען געפרעגט. — „ווייל די דאזיקע ידיעות האט אייער דעלעגאציע מיטגענומען מיט זיך קיין רוסלאנד! — האב איך געענטפערט. — וואס קען אזא דעלעגאציע זען אין ראטנלאנד, ווען זי איז שטום און טויב? זי קען פונקט אזוי זען די לײדן פון רוסישן פאלק, זיצנדיק אין קרעמל, ווי איך וואלט געקענט זען אמעריקע, זיצנדיק ווי א גאסט אין „ווייסן הויז" פון וואשינגטאן".

— אבער די ארבעטער־דעלעגאציעס פון דייטשלאנד האבן אויך געבראכט גוטע ידיעות!

— דאס שפיל מיט די דעלעגאציעס איז שוין אין דייטשלאנד אויס. אבער צו אייך אין אמעריקע דערקייקלט זיך די נייע אנטוויקלונג ערשט שפעטער. אין א יאר ארום וועט איר עס אויך וויסן...

— אויב אזוי — האט אן אנדערער געפרעגט מיט כעס — ווי דערקלערט איר די טיפע באוואונדערונג פון לענינען אין גאנץ רוסלאנד? אומעטום, אין יעדן דארף, אין יעדן אונטערנעמונג, הענגען זיינע בילדער...

— איז דאס אויך א באווייז? אין א לאנד פון דיקטאטור און צענזור

איז עס קיין באַוויז נישט. אין דייטשלאַנד קענט איר אויפהענגען ביי זיך וואָס פאַר אַ בילד איר ווילט. אַז איר גייט אַריין אין אַ הויז, קענט איר געפינען אַ פּאָרטרעט פון הינדענבורגן, צי פון עבערטן, צי פון קאַרל ליבקנעכט. איר זעט דעם פּאָרטרעט און איר קענט משער זיין וואָסער פּאָליטישע סימפּאַטיעס האָט דער מענטש אין הויז. אַ נו, פּרוּווט היינט אין רוסלאַנד אַרויסהענגען אַ בילד פון מאַריאַ ספּירידאָנאָווא. אָט קען מען שוין היינט נישט אַרויסהענגען טראָצקיס בילד. מען נעמט אים פון אומעטום אַראָפּ...

די לינקע זיינען געווען אויפגערעגט פון דעם געלעכטער אין זאַל. אַ יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון די רייען און האָט אין אַ געבראָכענעם דייטש געפרעגט מיך: אויף וואָס פאַר אַ פּאַס זייט איר געקומען קיין אַמעריקע?

די פּראָוואָקאַטאָרישע פראַגע האָט איצט מ י ך אַריינגעבראַכט אין כעס. „מיט אַזעלכע פראַגן מעגט איר זיך ווענדן צום עמיגריישן־דעפּאַרטמענט!...

„יענע" האָבן אָנגעהויבן אַ טומל אין זאַל, אָבער די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן. זי איז אַראָפּ בשלום. לאָרע, אָראָנסאָן און די אַנדערע זיינען געווען צופרידן. מיר האָבן געדאַרפט באַלד צונויפטרעפן זיך מיט דער גאַנצער דייטשער קאָמפּאַניע אין אַ קאַפע. דער זאַל האָט זיך אויסגעליידיקט. שוין ביי דער טיר האָט מיך אויפגעהאַלטן אַ קליינע גרופּע אַרבעטער, קליינגעוואַקסענע, שוואַרצאויגיקע און שוואַרצהאָריקע. כאָטש זיי האָבן גערעדט מיט אַ „דייטשן לשון", האָב איך דערקענט אונדזערע יידישע מענטשן. אַ באַרג מיט נייע שאלות האָט זיך אַ שאָט געגעבן אויף מיר. איך האָב געענטפערט, זיי האָבן מיך פעסט אַרומגערינגלט. פון דער טיר האָבן מיך ענערגיש גערופן צו זיך די דייטשע חברים. — פּלוצים האָט איינער פון זיי, אַ הויכער און קרעפּטיקער, געמאַכט אַ שריט צו מיר און אומפאַרשטענדלעך־שאַרף גענומען מיך פאַר דער האַנט. „לאָמיר גיין!" — האָט ער אַ זאָג געגעבן און אַרויסגעפירט מיך פון דער קופּקע בחורים מיט די ברענענדיקע אויגן. אויף די טרעפּ האָט ער זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט: איר קענט נישט אונדזערע לייט. זיי קענען זיך שלאָגן אויך. לאָרע האָט מיך געהייסן נישט לאָזן אייך אַליין מיט זיי...

מיר זיינען געזעסן צוזאַמען אין אַ טומלדיקער קאַפע. די געמיינזאַמע איבערלעבונגען פון טאָג האָבן אונדז געמאַכט סאָלידאַרישער. דאָס האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט לעאָ קעניג, אַ שטילן יידישן יונגנמאַן, אַ קענער פון דער יוניאָן־באַוועגונג. ער האָט נאָך נישט דורכגעליטן אין זיך די אַנטוישונג אין באָלשעוויזם. די ספקות זיינען געלעגן אויף זיין פּנים. אַ

איך האָב ווידער גערעדט וועגן צונויפרופן אַן אַסיפה פון לינקע, ניישט־באַלשעוויסטישע אַרבעטער, האָט ער נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ...

אָבער די צייט שטייט ניט. פון דייטשן קאַפּע מוז מען לויפן אין אַן אַנדער עק שטאָט: צום יהואָש־אָוונט. מען וועט דערמאָנען דעם ערשטן יאָרצייט פון יהואָשן אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. גרויסאַרטיק הייסט אויפן היגן לשון: מיט רעש און טומל. דער גוואַלטיקער זאַל איז טאַקע געווען פול מיט טומל, מיט ליכט, מיט קלאַנגען. אַ ים מיט קעפּ האָט פאַרגאָסן די רייען, שטראָמען האָבן זיך נאָך געגאָסן אין די טירן. דאָס איז געווען ווי אַ פּאַראַד פון ייִדישיזם. די פירער האָבן זיך צופרידן איבערגעוואָרפן מיט התפעלות־אויסרופן: וויפיל מענטשן; וואָס פאַר אַן עולם!

אוודאי איז עס שיין ווען אַזוי פיל פאַרערער און ליבהאָבער פון אַ פּאָעט, פון דעם ערנסטן און חומשדיקן דיכטער יהואָש קומען אים אָפּגעבן כבוד. אַ יאָר איז פאַרביי, און מען האָט אים נאָך נישט פאַרגעסן... מער ניט איך האָב מורא אַז דאָ רעדט עפּעס מער ווי כבוד צום דיכטער; די פּראָגראַם ציט צו. אין דער פּראָגראַם איז צוגעזאָגט אַזאַ לאַנגע רשימה פון רעדעס, פון געזאַנג, פון טעאַטער, פון טענץ, „אַז עס מוז ציען". ס'איז פאַר יעדן פאַראַן עפּעס צו געניסן. שעהן לאַנג האָבן זיך געצויגן איבער דער בימה די נומערן פון פּראָגראַם. י. דאַווידסאָן, אַ פּראָפעסאָר, האָט געגעבן לומדות; ש. ניגער, ד. פּינסקי, ה. לייוויק האָבן בקיצור, אויפן שפּיץ מעסער, דערמאָנט דעם דיכטער. זיי האָבן דאָך נישט געהאַט קיין צייט. הינטער זיי זיינען געשטאַנען אַנדערע נומערן: טענצער, שפּילער. מען האָט זיך אַריינגעצויגן אין שפּעטן אָוונט, מען האָט מיט געשמאַק געשפּילט די פּיעסע פון יהואָשן: „דוד און שולמית". נאָך נישט גענוג. מאָריס שוואַרץ גייט אַרויס און בעט אים אַנטשולדיקן. ס'איז דאָ נאָך און נאָך. מען איז זאַט, אָבער מען טראָגט נאָך אַלץ געריכטן צום טיש. דער העלד פון דעם אָוונט איז באַלד פאַרגעסן, אָבער דאָס שוישפּיל גייט אָן ווייטער. קוים מען צעגייט זיך אין דער נאַכט.

זיינען דאָס טאַקע אַלץ געווען יהואָש־פריינד און פאַרערער? דאַרף ניט אַ יאָרצייט געפּראַוועט ווערן שטילער, טרויעריקער, מיט אַ קליינעם אינטימען פּראָגראַם? מוז מען זיך אויך דאָ דווקא דערמאָנען אָן דעם ראָקסי? איך גלייב נישט אַז נאָך אַזאַ אָוונט שיילט זיך אויס פון אַ טויזנטקעפּיקן עולם אַ פאַרבונדענע יהואָש־געמיינדע.

אפשר קען מען אין ניו־יאָרק אַנדערש ניט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן צו דעם דיכטערס קבר. אפשר טאַקע אַזוי, אָבער מיר דוכט, די ייִדישע שריפטשטעלער און קינסטלער טאָרן זיך נישט צופּאַסן צו די שרייענדיקע פאַרלאַנגען פון שטאָט. זיי טאָרן נישט וועלן אַריבערשרייען

די שטאָט. מיטן קערפּער פון דיכטער אויף די הענט מעגן זיי — אין אַ יאָרצייט — שטיל דורכגיין אין די זייטיקע, באַשיידענע גאַסן.

30־טער יאַנואַר.

היינט איז אין „טאָג" אָפּגעדרוקט אַ שמועס וואָס איך האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהאַט מיטן פריינד עפּשטיין. אין צוויי נומערן פון „טאָג" האָט זיך אָקערשט געדרוקט אַ גרויסער אַרטיקל פון מאַרק ווישניאַק, דעם באַקאַנטן רעכטן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, וועגן דעם „ווי מען האָט פונאַנ־דערגעטריבן די רוסישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג". איצט איז גראָד צען יאָר אַריבער פון יענעם היסטאָרישן טאָג. ווישניאַק האָט אויסגענוצט זיין אַר־טיקל בכדי אָפּצורעכענען זיך סיי מיט די באָלשעוויקעס, סיי מיט די לינקע ס"ר, סיי אויך מיט דעם פריער אָנערקענטן פירער טשערנאָוו. ווייל די שנאה פון ווישניאַקן צו אַלץ וואָס איז נאָענט צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אין לשער.

פעטראָגראַד — יאַנואַר 1918

ווישניאַק איז דער רעפּרעזענטאַטיווער פּאַרטרעטער פון יענעם פליגל פון דער פּאַרטיי ס"ר, וואָס האָט זי אַראָפּגעריסן פון איר אורשפּרינגלעכער מאַקסימאַליסטישער הייך. איך געדענק אים נאָך פון דער מלחמה־צייט. מיר זיינען זיך ווי לעגאַלע מענטשן צונויפגעקומען אין מאָסקווע אין יאָר 1916, בעת עס האָט זיך שוין געפילט אַז אַ פּאָליטישער שטורעם וועט פריער אָדער שפּעטער אויסברעכן אין רוסלאַנד. ס'איז טשיקאַווע צו דערמאָנען זיך היינט ווי ברידערלעך עס האָבן דעמאָלט צוזאַמען געאַרבעט אַזעלכע ס"ר וואָס זיינען זיך שפּעטער פונאַנדערגעגאַנגען מן הקצה אל הקצה. זענזינאָוו, רודנעוו, בערקענהיים, ווישניאַק, איך זיינען געווען צוזאַמען, און שוין אין אַ יאָר אַרום זיינען די ערשטע פיר געשטאַנען (אַלס שטאָטהויפּט פון מאָקסווע, אַלס פירער פון די קאָאָפּעראַטיוון, אַלס סעקרעטאַר פון קערענסקין) אין דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער פון דער רעוואָלוציע. אָבער אין יאָר 1916 האָבן מיר זיך געגרייט קאָנספּיראַטיוו צו די וואַלן צו דער מלוכה־דומע. דער טערמין פון די וואַלן צו דער פינפטער דומע האָט זיך דערנענטערט, און מיר האָבן — אונטער דער מאַסקע פון „טרודאָוויקעס" — געוואָלט דורכפירן אין אַ ריי שטעט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. דערצו האָט מען געדאַרפט ווערן אין פאַרשיידענע גובערניעס באַלעבאַטים, אייגנטימער פון הייזער אָדער לאַנדווירטן. מיר פערזענלעך ווי אַ יידן, האָט מען איינגעטיילט די אופימער גובערניע מיט אַ מערהייט פון אַ מוסולמאַנישער באַפעלקערונג.

קיין טעאָרעטישע סכסוכים האָבן מיר דעמאָלט נישט געפירט. איין מאָל נאָר — זע איך איצט — האָט אַ פונק פון קעגנערשאַפט אויפגעבליצט ביי אונדזער אַ געמיטלעכן שמועס מיט ווישניאַקן און זענזינאָוון. „דער סאָציאַליזם וועט נישט קענען מער זיין אַזאַ ווי געווען, נאָך דער מלחמה" — האָב איך געזאָגט — „פּאַרלאַמענטן וועלן אונדז נישט באַרויקן מער". אויף דערויף האָט זיך ווישניאַק פונאַנדערגעלאַכט. „נו, נו, הלוואי זאָלן מיר באַקומען וואָס די אַרבעטער האָבן אין אייראָפּע!". ווישניאַק איז געווען אַ געלערנטער און פעיקער יוריסט, ער האָט געהאַט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר דעם „רעכט" ווי אַזעלכעס. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דעם לי־

בעראַלן „פּאַרבאַנד פון די שטעט" (געשאַפן בעת דער מלחמה), ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט רוסישע ליבעראַל־דעמאָקראַטישע געלערנטע און טוער. „מיין אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין זייער זשורנאַל — האָט ער מיר דערציילט צופרידן — לאָמיר אָט אַזוי דורכשטופּן צו זיי אונדזערע אידעען" איך האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען אַז ניט ער וועט אָנשטעקן די ליבעראַלן מיט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען, נאָר זיי וועלן גיכער אים אָנשטעקן מיט בירגערלעך־דעמאָקראַטישע.

דער וויכער פון רעוואָלוציע האָט אַוועקגעטראָגן די דומע. צו וועלכער מיר האָבן זיך געגרייט, און אַרויסגערוקט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אָבער אין יענער צייט זיינען מיר שוין געשטאַנען אין קעגנערישע לאַגערן. איך געדענק ווי ווישניאַק האָט מיט כעס און חוזק גערעדט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער פאָרמול פון פאַרענדיקן די מלחמה. „אָן אַנעקסיעס, אָן קאָנטריבוציעס, רעכט פון פעלקער אויף זעלבסט־באַשטימונג — וואָס זיינען דאָס פאַר אומזיניקע פאָדערונגען?" — האָט ער גערעדט און אונטער געשטראָכן זיין רוסישן פּאַטריאָטיזם. ער האָט נישט געקאָנט אויך פאַרטראָגן די יורידישע „אַנאַרכיע" וואָס האָט געשטורעמט אין לאַנד. ער האָט געגאַרט צו קומען וואָס גיכער צו אַ „רעכטס־אָרדענונג!". אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז ער געווען אויסגעקליבן פאַרן סעקרעטאַר דורך די רעכטע ס"ר; איך בין אויפגעטראָטן קעגן זיי אין נאָמען פון די לינקע ס"ר. האָט מען זיך טאַקע שוין אין יענעם טאָג אַפילו מער נישט געגריסט.

ס'איז נישט קיין צופאַל. פאַר די ווי ווישניאַק איז דאָס „רעכט" דער הויפּט־פּרינציפּ פון זייער טראַכטן און טאָן. רעכט האָט אָבער זיינע אייגענע וועגן. הינטער דעם בכבודיקן רעכט פאַרבאַהאַלטן זיך היינט. אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט, אויך סאָציאַלער אומרעכט. אָט אַזוי ווערט מען פון רעכט אַוועקגעשלעפּט צו ווערן אַ רעכטער... דערפאַר טאַקע האָט ווישניאַק אויך היינט — אין דער עמיגראַציע — די גרעסטע התפּעלות פאַר דער אייראָפּעיש־אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע, פּאַרלאַמענטאַריזם, פעלקערבונד, נאַציאָנאַלע רעכט אא"וו. דערפאַר איז ער געוואָרן אַ נאָענטער מחותן מיט יענע רוסישע ליבעראַלע פּאָליטיקער, וואָס ער האָט געוואָלט אַמאָל אָנשטעקן מיט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען.

די לינקע ס"ר זיינען היינט צו טאָג פּונקט אַזוי פאַרטריבן ווי די ווישניאַקס, אָבער זיי לאָזן זיך ניט פאַרפירן פון די זומפּ־פייערלעך פון אַבסטראַקטן רעכט. אין צענטער פון זייער טראַכטן און טאָן שטייט ניט דאָס יורידיש־אַבסטראַקטע רעכט, נאָר די רעאַלע סאָציאַלע פרייהייט. צוליב אָט דעם באַגריף האָט די רעוואָלוציע אומגעוואָרפן די געהייליקטע רעכטס־אָרדענונג, אויך די בירגערלעכע אָרדענונג. און ווען די ווישניאַקס ווייזן אָן מיט שפּאָט אויפן באָלשעוויזם וואָס האָט איבערגענומען די ירושה, זאָגן

די ראַדיקאַלן: באָלשעוויזם האָט ניט מבטל געמאַכט די אידעע פון סאָציאַלער פרייהייט. באָלשעוויזם איז אויך אַ פאַנאַטיקער פון רעכט־אָרדענונג, פון מלוכה־הערשאַפט. מוז ער טאַקע באַקעמפט ווערן צוזאַמען מיט דעם בירגערלעכן רעכטס־סדר... און עס פרעגט זיך נאָר: ווער זיינען היינט צו טאָג באמת סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן?

אין זיינע „מאָג"־אַרטיקלען האָט ווישניאַק אַ פּאָר מאָל אָנגעגריפן אויך מיך. האָב איך באַשלאָסן דורך אַן אינטערוויו צו באַלייכטן אַ ביסל די לאַגע אין וועלכער עס איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. 1). איך וויל דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון מיינע דערקלערונגען:

„ניט נאָר מאַרק ווישניאַק, אויך אַ גאַנצע ריי ערלעכע ליבעראַלע דעמאָקראַטן דערמאָנען מיט אויפרעגונג און צער די דאָזיקע פּאַסירונג. אָבער עס איז מערקווירדיק, וואָס זיי זען ניט איין, אַז יענע היסטאָרישע פּאַסירונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פריערדיקער געשיכטע. זיי וואָלטן ניט געדאַרפט פרעגן ווער עס האָט פונאַנדערגעלאָזן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, נאָר וויאַזוי איז עס מעגלעך געווען אַז עס זאָל קומען דערצו? צי וואָלט מעגלעך געווען אַז מען זאָל צולאָזן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין די חדשים מאַי, יולי אָדער סעפטעמבער פון 1917? דאָס איז דאָך דעמאָלט געווען אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אפילו. ווייל דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק האָט אין יענער צייט געזען אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיין אמתן פאָרשטייער. אַנדערש איז אָבער געוואָרן אין יאַנואַר 1918, בעת די סאָוועטן האָבן געהאַט איבערגענומען די מאַכט. מען דאַרף זיך דערמאָנען, אַז פריער האָט קערענסקי געוואָלט ווייטער פירן די פאַרהאַסטע מלחמה. קיין איין פּראָבלעם פון דער רעוואָלוציע איז ניט געווען געלייזט. מען לייגט אַלץ אָפּ אויף דער צייט ווען אליהו הנביא וועט קומען, ד״ה, ווען עס וועט זיך צונויפקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

דערווייל לייגט מען זי גופא אָפּ פון איין חודש אויפן צווייטן, ווייל די צוזאַמענרופונג פון אַזאַ אינסטיטוציע האָט געזאָלט פאָרקומען אויפן סאַמע דעמאָקראַטישן אופן. טאַקע דער זעלביקער ווישניאַק איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע וואָס האָט צוגעגרייט די וואַלן. די קאָמיסיע איז געזעסן חדשים לאַנג און געהאַלטן אין איין שלייפן דאָס וואַל־געזעץ. אין דער צייט האָט זיך אין לאַנד געהויבן אַלץ העכער און העכער די כוואַליע פון אומגעדולד און אויפ־

---

1) געגעבן וועגן דעם — אין מיינע „זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר".

רעגונג. איז דען אַ וווּנדער וואָס די באָלשעוויקעס און די לינקע ס״ר האָבן געקראָגן אַלץ מער נאָכפאָלגער אין פאָלק?.. די סאָוועטן־מאַכט האָט גענומען פאַרווירקלעכן די אָנגעווייטאָגטע פראַגן. געוויס מעגן די קעגנער פון די סאָוועטן טענהן אַז זיי האָבן גענומען אַ פאַלשע שטעלונג צו דער אָדער יענער פראַגע. אָבער קיינער וועט ניט לייקענען אַז מיט דעם אַריינטרעטן פון די סאָוועטן אין מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעטיקייט. די דאָזיקע אַרבעט איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. ווייל פאַר דער אַרבעטער־מאַסע איז ניט אַזוי וויכטיק די אָדער יענע פאָליטישע אינסטיטוציע, ווי די סאָציאַלע און גייסטיקע דערגרייכונגען וואָס זי קריגט פון דער רעוואָלוציע מיט אַזוי פיל פיין און ליידן.

ווען מען זעט אָט דעם געשיכטלעכן הינטערגרונט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, קען מען איינזען איר טראַגישע לאַגע. וואָרום די בכורה האָט פון איר אַרויסגעריסן די סאָוועטן־מאַכט. אָט מיט דער דאָזיקער לאַגע דערקלערט זיך דער טאָן פון ווישניאַקס אַרטיקל אין „טאָג“. די שטימונג פון די רעכטע ס״ר, די אויסדערוויילטע צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, איז געווען אַ טרויעריקע, אַ געדריקטע. אָט ווי ער אַליין שרייבט: „מיר באַקומען זייער טרויעריקע ידיעות פון שטאָט. אונדזער האָפענונג אויף מיליטער איז זייער אַ שוואַכע. פאָלקן אויף וועלכע מיר האָבן זייער שטאַרק געהאָפט, זיינען נייטראַל. אַנדערע מיליטערישע טיילן, ווידער, וואָלטן געוואָלט שלום מאַכן צווישן דער סאָוועטישער מאַכט און דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג“. דער גאַנצער אַרטיקל פון ווישניאַקן איז אַן איבערצייגנדיקער פסיכאָ־לאָגישער דאָקומענט, וואָרעם ער באַווייזט ווי איינזאַם, פאָליטיש אָפּגעריסן פון פאָלק עס זיינען געווען די רעכטע ס״ר, זייער איינזאַמער מאַרש, אין אַ געפאַלענער שטימונג, צום טאַווריש פאַלאַץ — איז געווען אַ סימבאָל.

איך וויל ציען די אויפמערקזאַמקייט צו נאָך אַ פאַקט אין דעם אַרטיקל פון ווישניאַקן: ער איז מבטל טשערנאָוון, דעם יעניקן וואָס איז דערוויילט געוואָרן פאַר פאָרזיצער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון די רעכטע ס״ר גופא. און אַז ער האָט געהאַלטן די דערעפנונגס־רעדע, זיינען די פירער פון זיין אייגענער פאַרטיי געווען אַזוי ניט צופרידן מיט אים, אַז זיי האָבן באַשלאָסן די דאָזיקע רעדע ניט צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק. דאָס אַליין באַווייזט וואָס פאַר אַ פאָליטישע אומקלאָרקייט עס האָט געהערשט ביי יענע ס״ר.

אָט אין דעם צוזאַמענשטויס פון די צוויי עלעמענטן — פון

דער טעטיקער סאָוועטן־מאַכט און פון די צעשוווּמענע, הילפלאָזע דעמאָקראַטן — האָט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געזאָלט אָנהייבן לעבן. דער מזל אירער איז שוין געווען היסטאָריש געחתמעט... געוויס האָט זיך שפּעטער די סאָוועטן־מאַכט, צוליב געוויסע סיבות, פאַרוואַנדלט אין אַ ריין־פּאַרטייאישער באָלשעוויסטישער מאַכט, און די רעוואָלוציע איז פאַרקראָכן אויף זייטיקע וועגן. אָבער דערפון איז לחלוטין ניט געדרונגען אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך דערוואָרבן דעם ריכטיקן פּלאַץ אין דעם רוסישן לעבן אין יענעם מאָמענט ווען זי איז זיך צוזאַמענגעקומען".

איך בין געווען באמת דאַנקבאַר ווישניאַקן וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט די געלעגנהייט דורכצורײדן זיך מיט אַ ברייטערן עולם וועגן דעם ענין. הלוואי אָפטער אַזעלכע געלעגנהייטן... מיט לאָרען בין איך היינט צום ערשטן מאָל געפאָרן באַגעגענען זיך מיט אַמעריקאַנער, ד״ה מיט טוער וואָס שטייען דרויסן פון דער יידישער סביבה. האָין מיר זיך געטראָפן ביים לאָנטש מיט מיסטער בודין. דער דאָזיקער אַמעריקאַנער נומער איינס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז אַ ייד, אַ טעטיקער אַדוואָקאַט, אַ נישט לאַנג געוועזענער קאָמוניסט. ער האָט זיך באַקענט מיט מיין מיסיע פריינדלעך, מיט יענער לאָנטש־פריינדלעכקייט וואָס איך האָב שוין אָנגעהויבן תופס צו זיין דאָ. פון דער געפאַנגענע־פראַגע איז מען אַריבער צו דער פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור. בודין האָט געהערט איצט צו דעם זעלביקן לאַגער ווי לאָרע. ער האָט זיך שאַרף צעריסן מיט די היגע קאָמוניסטן, אָבער ווי אַ סגולה צו „לינקייט״ האָט ער (ווי הונדערטער אַנדערע) איינגעהאַלטן אַ סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם אין רוסלאַנד. פאַרקלערטערהייט האָט ער געפרעגט: ווי קען מען זיך דאָרטן באַגיין אָן פּאַרטיי־דיקטאַטור?...

העלפן אונדזערע געפאַנגענע איז ער גרייט, אָבער ווי מאַכט מען דאָס?... מיר זיינען אַרויפגעקומען צו אים אין זיין סאָלידן אַדוואָקאַטן־קאַבינעט (לאָרע איז דערווייל פאַרשוווּנדן). ער האָט אַרויסגערופן זיין קאָלעגע וויטנבערג, און זיי האָבן גענומען צוזאַמען צוקלערן נעמען פון אַמעריקאַנער וואָס קענען זיין באַהילפיק. נאָך אַ לאַנגן אַהין און אַהער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויפן נאָמען פון אַ מיסטער פּעטערסאָן. „ער איז אַ וויכטיקער מענטש אין דער סאָציאַל־רעפאָרמערישער באַוועגונג״ — האָבן זיי דערקלערט און געגעבן מיר אַהין אַ רעקאָמענדאַציע. דאָס איז אַלץ?.. יאָ, מיסטער בודין האָט צוגעזאָגט צו אַראַנזשירן ביי זיך אין שטוב אַן אסיפה פון סימפּאַטיזירנדיקע מענטשן, ווי נאָר זיין פרוי וועט זיך אומקערן. זיין פרוי איז אַ טוערין אין „אָרט״...

מיט דער זעלביקער קאַלטער לאָנטש־פריינדלעכקייט ווי פריער זיינען

מיר זיך פונאנדערגעגאנגען. לאָמיר זען וואָס וועט דאָ ארויסקומען (עס איז טאַקע גאָרנישט ארויסגעקומען).

...איך האָב אזוי פיל צו שרייבן אהיים, און איך קום גאָרנישט דערצו. דער טאָג ווערט צערונען צווישן די באַקאַנטשאַפטן מיט מענטשן. עס לאָזט זיך נישט אנדערש. דערווײַלע האָט זיך עפּעס אַ פּאַסיוויטעט אריינגעזעצט אין מיין רעכטער האַנט. אַ טייל פינגער ווילן זיך נישט פריי באַוועגן. מוז איך אָפּט פאָרן צו ד״ר עלסבערגן, ער זאָל ווירקן מיטן עלעקטרישן שטראָם אויף די פינגער. איצט פארשטיי איך די חכמה פון יענע שרייבער און קינסטלער אין אַמעריקע וואָס אינשורן יעדן איינצלנעם פינגער זייערן. מען קען האָבן פרנסה פון ניט־שרייבן אויך. די מענטשהייט איז זיי אפשר נאָך מער דאַנקבאַר דערפאַר.

י־טער פעברואַר.

איך בין אין סאָמע צענטער פון בראָדוויי. אין אָט דער קאָכעדיקער אַרטעריע פון סוחרישן ניו־יאָרק בין איך צום ערשטן מאָל. הימלהויכע מויערן פארשטעלן די וועלט פון אַלע זייטן. אין איינעם אַזאַ מויער, אויפן דרייסיקסטן עטאַזש, הייב איך זיך אויף כדי צו זען זיך מיט מיסטער פּעטערסאָן. ער איז (לויט דער שילדערונג פון מיסטער בודין) אַ וויכטיקער טוער אין דער סאָשעל סערוויס ביי ראָקפעלערן.

סאָשעל סערוויס — דאָס איז די גרויס אויסגעבויטע פילאַנטראָפּישע אַרבעט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. פילאַנטראָפּיע, צדקה־אַרבעט איז אין אַמעריקע אַוועקגעשטעלט אויף די זעלביקע מאַשינעלע יסודות ווי די ווירטשאַפט, ווי די וויסנשאַפט. עס ווערט געאַרבעט מיט אַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַ גוואַלדיקן אַפּאַראַט. טויזנטער יונגע מענטשן געפינען פאַר זיך אַ באַרוף אין די פאַרצווייגטע צדקה־אַנשטאַלטן. ממילא בילדעט זיך אויס אויף דעם געביט אַ ביוראָקראַטיע פון אַ באַזונדערן סאָציאָלאָגישן מין.

די הילף וואָס ווערט דאָ געגעבן דעם נויטבאַדערפטיקן מענטשן, קומט ניט פון יענעם סענטימענטאַלן רחמנות־געפיל וואָס שפּייזט בדרך כלל אומעטום צדקה־אַרבעט. דאָרטן איז דאָ אַ באַציונג פון מענטש צו מענטש; אָפּטמאָלס אַן אומדערלאָזבאַרע באַציונג, אָבער די אַלטע רעליגיעס האָבן נעלייגט אַ גרויסן ווערט אויף די מאָראַלישע באַציונגען פון געבער און נעמער. די נייע מענטשהייט מיט דעם שטייגנדיקן באַוווסטזיין, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ „נאַטוראַלער ווירטשאַפט״ אין דעם צדקה־געביט. אַנשטאָט רחמנות איז אַרויסגעוואַקסן דער באַגריף פון רעכט אויף פאַרזאָרגונג ביי דעם נויטבאַדערפטיקן און פון פליכט פון דער מלוכה לגבי אים. די סאָציאַלע געזעצגעבונג האָט נישט געוווסט מער פון מענטש צו מענטש־באַציונגען, נאָר פון אַ רעכטס־אָרדענונג צווישן דעם כלל און דעם פרט.

אַמעריקע האָט אויסגעקליבן פאַר זיך אַ דריטן וועג: ניט סענטימענ־טאַלער רחמנות צום ליידנדיקן און ניט פאַרפליכטונג לגבי אים פון דער מלוכה. פאַר מיטלייד צום אינדיווידום איז ניטאָ קיין צייט אין דער פאַר־האָרעוועטער מדינה; מען קען זיך ניט אַרומקוקן אויף זיך אַליין, ווער רעדט שוין וועגן אַנדערע? מלוכהשע התחייבותן לגבי דעם יחיד וויל דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם אויך נישט האָבן: כדי נישט אָפּשוואַכן דעם „פרייען ווילן" פון בירגער. האָט ער דערפאַר אויסגעבויט דעם געביי פון סאָשעל־סערוויס מיט אַ שלל אינסטיטוטן און אָנגעשטעלטע, ווו די נצרכים ווערן געהאָלפן פון דער פּריוואַטער רייכער קעשענע פון די מיליאָנערן.

דערמיט ווערט דערגרייכט זייער אַ סך. דער סאָציאַל־אומגערעכטער געביי פון קאַפּיטאַליזם ווערט פאַרשטעלט דורך די גרויסאַרטיקע קוליסן פון „סאָציאַלן דינסט". די מיליאָנען אומצופרידענע, וואָס קענען שמענ־דיק אַרויסקומען מיט פאָדערונגען, ווערן פריינדלעך — פאַמעלעכדיק אַדור־בערגעפירט אין די ווייכע הענט פון די צדקה־אַנשטאַלטן. דער צער און דער כעס וואָס קלייבט זיך אָן אין דער נשמה פון פאַרביטערטע מענטשן, ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון באַפרידיקונג און דאַנק־באַרקייט צו די גרויסע בעלי־טובות. „ראָקפעלער", „קאַרנעדזשי" און אַנ־דערע גבירים ווערן אַזוי אַרום סימבאָלן פון מעצענאַטן פון דער נאַציע און פון דער מענטשהייט. דערצו קומט נאָך עפּעס. אין אָט די סאָציאַלע אַנשטאַלטן דערציט מען די יוגנט, די דערוואַקסענע, אין התפעלות פאַר דעם באַלעבאַטישן סדר, אין יאָגעניש נאָך דערפאָלג, נאָך פּערזענלעכער הצלחה. דערצו קומט נאָך עפּעס. די סערוויס־אַנשטאַלטן ציען אַריין אין זייער באַרוף־אַרבעט טויזנטער יונגע מענטשן, אין וועלכע עס גליט אַ פייער־על פון סאָציאַלן פּראָטעסט אָדער פון אַקטיווער ליבשאַפט צו די גע־דריקטע. די סאָציאַל־רעפאָרמערישע אַרבעט דאָ פירט אויס אַ גרויסע שליח־חות: זי דערשטיקט מיט ווייכע הענט דאָס רעבעלישע און רעוואָלוציאָנערע ביי די יונגע מענטשן, זי פאַרוואַנדלט זיי אין באַצאָלטע באַאַמטע פון דער צדקה גדולה. געוויס זיצן אין די אַנשטאַלטן אַ סך אידעלע און טעטיקע כאַראַקטערן, געוויס אַנטוויקלט זיך אַמאָל אין די אַנשטאַלטן אַ גייסט וואָס גייט להיפוך פון דעם חשבון הגביר. אָבער אין תוך איז די דאָזיקע גראַנדיעזע פילאַנטראָפּיע אַ הילפס־אינסטיטוציע צום אויפהאַלטן דעם קאַ־פּיטאַליזם. אַ קלוגער פּסיכאָלאָגישער אינסטרומענט ויף צו באַווירקן די נשמה פון די הילפס־באַדערפטיקע.

...איז טאַקע ריכטיק וואָס די אינסטיטוטן פון ראָקפעלערן שטייען אין סאַמע מיטן בראָדוויי צווישן די באַנקהייזער און די מסחר־פּאַלאַצן. דער פּאַר־שטול הייבט זיך פאַמעלעך פון איין שטאָק צום אַנדערן. אויף יעדן שטאָק גלאַנצן די טירן פון די קאָנטאָרן, קאָנטאָרן, קאָנטאָרן. די טירן עפע־

בען זיך אַלע ווײַלע, לאָזן אַרויס פֿון זיך געפּוצטע יונגעלײַט, קלויזמס, סטענאָגראַפּיסטקעס. מיט געשעפֿט־פּאַפּירן אונטערן אָרעם, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף די ליפּן פֿאָרן זיי אַרויף און אַראָפּ איבער די פּלאָרס. דאָס זײַנען די לעבעדיקע „הענדס" פֿון דער געשעפֿטס־מאַשין פֿון אַזאַ דרייסיקשטאָקיקן מויער.

אין זײַן קאַבינעט האָט מיך אויפֿגענומען מיסטער פּעטערסען. אַ הויבער, מאָגערער, לעבנס־לוסטיקער מענטש. די צרה איז געווען וואָס ער רעדט נאָר ענגליש, און דער איבערזעצער וואָס ער האָט אײַנגעלאַדן איז נאָך ניט געווען. דערווײַל האָט ער גאָר פֿרײַנדלעך געשמייכלט, האָט מיך צוגעפֿירט צום פֿענצטער, אָנגעוויזן אויף דער גרויסאַרטיקער פּאַנאָראַמע: צענדליקער גאָרנדיקע געבײַדעס, רויכיקע שיפֿן אויפֿן בלוילעכן האָדסאָן, אַ ברייטער פֿאַרוואָלקנטער הימל. „אָט דאָס איז ראָקפֿעלערס אינסטיטוט!" — האָט פּעטערסען מיט אַ שטאָלצן שמייכל אָנגעוויזן אויף אַ מאַיעסטעטישן געבײַ וואָס האָט זיך געהויבן צום הימל. ...באין ברירה האָבן מיר דאָך אָנגעהויבן ריידן. דער סאָציאַליזם איז מסתמא טאַקע אַן אינטערנאַציאָנאַלער ענין, ווײַל די נייטיקע ווערטער געפֿינען זיך פֿון זיך אַליין און זײַנען פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן וואָס וויל צוהערן. איך האָב אים דערציילט ווער מיר זײַנען, צווישן וואָסערע רוסישע באַדינגונגען עס שטייט די אונדזעריקע, וואָס איז נייטיק פֿאַר אונדזערע געפֿאַנגענע. — פֿאַרשטייט איר עס, מיסטער פּעטערסען? — יאָ, יאָ — האָט ער צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ. אָבער ער האָט ניט אָנגעהויבן צו ווײַזן וואָס ער קען טאָן פֿאַר דער זאַך. זײַן סאָציאַלע אינסטיטוציע האָט ניט קיין שייכות צו געפֿאַנגענע. אים אַליין איז נישט אײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. אַן אויסערגעוויינלעך חנעוודיקער יונגערמענטש, קליין געוואַקסן, אָבער מיט אַ געזיכט וואָס באַהערשט די גאַנצע פֿיגור, איז אַרײַנגעקומען אין צימער. איך האָב דאָ שוין לאַנג ניט געזען אַזעלכע אויגן, פֿול מיט פֿאַרשטעקטער קלוגשאַפֿט און צער. מיסטער פּעטערסען האָט זיך דערפֿרייט מיט זײַן קומען. — בענזשאַמען סטאָלבערג. אַ באַקאַנטער ראַדיקאַלער סאָציאַליסטישער שריפֿטשטעלער — האָט ער אים מיר פֿאָרגעשטעלט. סטאָלבערג האָט געקענט כמעט פֿריי ריידן דײַטש, — און אין אַ מינוט אַרום זײַנען מיר שוין געווען אַרײַנגעטאָן אין אַ לעבעדיקן שמועס. ער האָט גלייך תופֿס געווען מײַן פּאָליטישע פּאָזיציע: קענטיק ער האָט אַזאַ פּאָזיציע געקענט שוין פֿון פֿריער. ער האָט געלאָזן אויפֿמערקזאַם צוגעהערט זיך צו מײַנע פּלענער, — און האָט צוגעזאָגט מיטצוהעלפֿן מיר. ער האָט זיך געדוכט אַז ער איז צופֿרידן מיט אונדזער באַגעגעניש. אין אַ האַלבער שעה אַרום זײַנען מיר געגאַנגען אין גאַס ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע ער האָט, לאַנגזאַם אַרויסריידנדיק די דײַטשע ווערטער, געטראַכט וועגן דעם

ווי צונויפצופירן מיך מיט אמעריקאנער ראדיקאלן. „ראשית כל, איז עס נארמאן טאמאס. ער איז אפילו אין דער סאציאליסטישער פארטיי, אבער ער איז א מענטש פאר זיך. לינקער ווי די אנדערע". אבער ער האט ניט פארבארגן פאר מיר די שוועריקייטן. „אונדזערע ראדיקאלן זיינען א קליין הייפל, זיינען פארטאן אין אייגענע אמעריקאנער דאגות און א טייל זיינען סימפאטיקער מיטן קאמוניזם". ער האט גערעדט און געטראכט ערלעך... ביים געזעגענען זיך איז ער געווען חבריש פריינדלעך, הגם איינגעהאלטן: אט לאמיר זען צי וועט ער טאקע מארגן טעלעפאנירן מיר, ווי מיר האבן אפגערעדט.

— איך וויל אייך באקענען מיטן רעדאקטאר פון „ריפלעקס" — האט מיר איין מאל געזאגט ה. פראנק — איר האט ניט געהערט פון ד"ר ש. מעלאמעד? איצט רעדאגירט ער דא א יידישע צייטשריפט אין ענגליש. זי איז אויסגערעכנט אויף דער דא געבוירענער יידישער יוגנט. ער איז גרייט דרוקן אייערן אן ארטיקל וועגן דער רוסישער רעוואלוציע.

היינט האבן מיר זיך געטראפן מיטן ד"ר מעלאמעד. א רירעוודיקער, שטארק־געבילדעטער ייד, האט ער אונדז פון זיין רעדאקציע תיכף גערופן, פארשטייט זיך, צום לאנטש. ביים טיש האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער דאקטאר איז א בקי אין אלע ענינים פון דער וועלט, איז באקאנט מיט אלע פערזענלעכקייטן פון דער וועלט. וואס נוגע ניו־יארק, דעם יידישן ניו־יארק, איז קען ער זיי דא אלעמען דורך און דורך. — ווי? — האט ער גוממוטיק געלאכט — ווי? איר האט זיך אויך פארבונדן מיט דעם איסט־סייד? אט דארטן דערוווארט איר הילף פאר אייער זאך? אט מיט די אלטע מעטארן ביי די אלטע מענטשן ווילט איר עפעס דערגרייכן?.. ניין, נאר מיט די דייטשע, מיט די אמעריקאנער יידן דארף מען האבן צו טאן. לאזט יענע אפ, פארט ארויס פון יענער געגנט, באווייזט זיך דארטן נישט. איך וועל אייך צונויפפירן מיט מענטשן, מיטן ראבינער סטיווען ווייז. טעלעפאנירט מיר נאר אן וועגן דעם.

איך האב ניט געהאלטן פאר נייטיק אנטקעגנצושטעלן זיך אט דעם האפערדיקן וואסערפאל פון ווערטער. מיר האבן אלע געהאט ווייניק צייט. איך האב אפגערעדט צו שרייבן פאר זיין זשורנאל אן ארטיקל וועגן דער העלדישקייט פון די ציוניסטן־סאציאליסטן און די רדיפות אויף זיי אין רוסלאנד. (אזא ארטיקל וויל האבן פאר דער „צוקונפט" אויך ליעסין).

מאכט און מלוכה

היינט אוונט האב איך א ווילכטיקע אויפגאבע: א לעקציע אין קלוב פון די יידישע אנארכיסטן, „די פארבינדונגס־ליניע צווישן אנארכיזם און ראדיקאלן סאציאליזם (מאקסימאליזם)" — איז די טעמע פון דער לעקציע. די פארגאנגענע צען יאר האבן געשאפן גענוג חורבנות סיי אין סאציאליזם סיי אין אנארכיזם. די שטיפע וואנט צווישן זיי ביידן איז דורכגעלעכערט פון ביידע זייטן דורך די גוואלטיקע פעלערן, דורך דער פאליטישער אומרייפקייט און גייסטיקער שוואכקייט פון ביידע צדדים. וואלט מען איצט ניט געדארפט זוכן פארבינדונגס־ליניעס?

דער צווייטער סאציאל־דעמאקראטישער אינטערנאציאנאל פון פאר דער מלחמה האט די אנארכיסטן ארויסגעשטויסן. אנטקעגן אט דער מלוכהשער און „וויסנשאפטלעכער" גדלות האט זיך אנטוויקלט די גדלות פון אנארכיסטן, וואס זיינען כלומרשט פריי פון הערשערישע אמביציעס. היינט אבער איז ניט פארבליבן קיין ברעקל ארט ניט פאר דער און ניט פאר יענער גדלות. און נאר באזונדערס איז נישטא קיין ארט פאר דעם אויף דער יידישער גאס. אקטיוו־דענקנדיקע אנארכיסטן און ראדיקאלע סאציאליסטן זיינען דא פארבליבן אזוי ווייניק, אז זיי מוזן זוכן צו באקענען זיך מיט אנאנד.

אין א קליינעם שטוביקן זאל פון דעם אנארכיסטישן קלוב (אויף דער סעקאנד עוועניו) האבן זיך פארזאמלט א הונדערט אקטיווע טוער פון דער ניו־יארקער פעדעראציע. אט זיינען געזעסן אויף דער הילצערנער פלאטפארם יוסף קאהאן, מינץ, מעריסאן; אקסלער, גלאבוס, איזאקאוויטש זיינען געווען דערביי. איך האב פארשטאנען אז אין אזא גרויסער אסיפה וועט צום ערשטן מאל ניט געלינגען צוצוקומען צו יענעם אינטימען שמועס, וואס איך האב געוואלט. ס'איז טאקע ווידער געווען א רעפעראט.

איך האב אנגעהויבן דערמיט אז מיר זיינען אייגנטלעך קרובים. אין די אדערן פון די רוסישע רעוואלוציאנערע נאראדניקעס פליסט ניט נאר דאס בלוט פון א לאווראוו און מיכאילאווסקי, נאר אויך פון באקונינען. אמת, דער צווייטער אינטערנאציאנאל האט אויסגעשלאסן די אנארכיסטן פון זיינע רייען. אבער נאך דער אקטאבער־

רעוואָלוציע איז ווידער בולט געוואָרן אַן אינערלעכע קרובהשאַפט. לכתחילה האָט זיך געדוכט אַז אַן אומגעהויערער תהום ליגט צווישן זיי ביידן. וואָס וויל דער אַנאַרכיזם אין זיין טיפסטן מהות? נישט אַזוי ווילטאָג, נישט אָרדענונג, נאָר פרייהייט, די לעצטע אומאויסשפּרעכלעכע פרייהייט פון מענטש. פאַרקערט, די רוסישע נאַראָדניקעס, אַפילו דער לינקער מאַקסימאַליסטישער פליגל זייערער, זיינען געקומען אין דער רעוואָלוציע ווי אַ מחנה פון מלוכה־סאָציאַליסטן. אַנדערש ווי די מלוכה־פאַנאַטיקער, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָבער דאָך אַלס אָנהענגער פון אַ מלוכה־פּרינציפּ... ערשט אין דעם פאַרלויף פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן, אונטער די שווערע קלעפּ פון באָלשעוויזם, האָבן זיי זיך גענומען ענערגיש באַפרייען פון דער מלוכה־אידעע. מיליאָנען מענטשן האָבן אַריינגעקוקט הינטער די סודותפולע פאָרהאַנגען פון רעגירונגען, דיקטאַטורן, מאַכט־אָרגאַנען. מען האָט געזען און אָנגעטאַפּט ווי עס ווערט צעשמאָלצן און ווי עס ווערט „געבוירן" אַ מלוכה־מאַכט. מען האָט צו איר פאַרלוירן דעם פריערדיקן אָפּשיי; מען האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם גרויסן ספק אין איר שכלדיקייט. אין דעם נאַראָדניק, דעם עטישן סאָציאַליסט, האָט זיך אויפגעכאַפּט די נשמה יתירה וואָס איז געווען פאַרשטיקט בעת זיי גראַנדיעזע מאַסן־קאַמפּן: די פּערזענלעכקייט. און דעם מאַקסימאַליסט האָט אַ ציי געגעבן צו די ווערטער פון אַ לאַווראָוו וואָס האָבן אָפּגעקלונגען שוין מיט אַ 50 יאָר צוריק. „דער קאַמפּרוף פון סאָציאַליזם אַנטהאַלט צוויי פאָרמולעס. די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און די אָפּשאַפונג פון הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. די נישט־פאַרווירקלעכונג פון דער צווייטער פאָרמולע ציט נאָך זיך די נישט־פאַרווירקלעכונג אויך פון דער ערשטער. פאַר דעם מאַקסימאַליסט איז דורך זעם רעהאַביליטירט געוואָרן דער יסוד פון אַנאַרכיזם.

ער האָט דערזען, אַז אויך די סאָוועטן־מלוכה איז אַ מלוכה. ער האָט אַרויסגערוקט אַ ריי פאָדערונגען וואָס זאָלן פאַרשמעלערן, פאַרמינערן דעם היקף און די הערלעכקייט פון דעם שטאַט. דערפאַר פאָדערן די לינקע ס״ר אין רוסלאַנד אַ פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע אין ראַמען פון די סאָוועטן, אַ טיף־גייענדיקע דעצענטראַליזאַציע, די אָפּשאַפונג פון טויטשטראָף און אַלע אַכזריותדיקע מלוכה־מיטלען וואָס פאַרשטאַרקן די מורא פאַרן מלכות. נישט גענוג דערמיט: פאָדערן זיי אַז די עקאָנאָמישע פונקציעס פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך די סאָציאַל־קולטורעלע, זאָלן אַרויסגענומען ווערן פון די סאָוועטן און איבערגעגעבן ווערן אין די הענט

פון די פּראָדוצירער און די קאָנסומענטן גופא (אין זייערע פאַרבאַנדן). אַ חוץ דעם פאַרלאַנגען זיי אַז וואָס מער אַנדערע פונקציעס פון דעם מענטשן זאָלן אָרגאַניזירט און אויסגעלעבט ווערן מחוץ מלוכה־שע פאָרמען בכלל.

און פונדעסטוועגן ווייסן מיר אַז אַפילו די אַלע טיף־גרייכנדיקע פּראָגראַם־פּונקטן קעגן דעם שטאַט זיינען ניט בּיכולת אָפּצושאַפן די מלוכה אַלס אַזעלכע. מען קען צעברעקלען אויף קליינע שטיקלעך די גאַנצע סיסטעם פון אַ מלוכה, און דאָך פאַרבלייבט אין די שטיקלעך דער גרונד־עלעמענט פון מלוכהשקייט: די ממשלה, די מאַכט. די קריסטאָלן פון ממשלה שטעקן אַזוי טיף אין דער נשמה פון מענטשן, אַז דער קאַמף קעגן איר קען נישט אויסגעפאָכטן ווערן נאָר אויפן געביט פון פּאָליטיק און ווירטשאַפט... ממשלה, ד״ה רעגירעריי פון איין מענטשן איבער דעם אַנדערן, שטעקט דווקא אין יענער אַרט ווירטשאַפט נאָך וועלכער עס גאַרט סיי דער סאָציאַליסט סיי דער אַנאַרכיסט: אין דער גרויס־ווירטשאַפט. מען איז באַצויבערט פון דער טעכניק, פון די מאַשינעלע פּראָדוציר־פאָרמען, פון דעם גרויס־באַטריב. מען וויל דאָס אַלץ אַריבערנעמען אין דער נייער וועלט, און מען פאַרזעט אַז דווקא אין דער גרויס־ווירטשאַפטלע־כער אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט זיך די סיסטעם פון אויבן און אונטן, פון ביוראָקראַטישן פירן און אונטערטעניקן פאָלגן. אַזאַ גרויס־באַטריב איז אַ מלוכה אינעווייניק, וואָס נייטיקט זיך אין אַ מלוכה דרויסן פון זיך... און פאַר וואָס גאַרט מען אַזוי שטאַרק נאָך דער גרויס־פּראָדוקציע? ווייל מען גאַרט נאָך די פּראָדוקטן וואָס זי קען שאַפן בשפע: מען גאַרט נאָך דער ציוויליזאַציע. באַזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגן די יאָגעניש נאָך די גיטער פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע אין אַמעריקע. אַזוי לאַנג ווי אויך דער אַנאַרכיסט וויל אויסקעמפן פאַר דער מענטשהייט נישט אַנדערש ווי דעם העכסטן שטאַפל פון דער ציוויליזאַציע, שטעלט ער זיך אַנטקעגן זיין אייגענעם אידעאַל. ווייל עס איז פאַראַן אַ קייט פון אידעען וואָס לאָזן נישט אָפּ: ציוויליזאַציע — גרויס־ווירטשאַפט — ממשלה — מלוכה.

אויסער דעם מקור פון מאַכט ליגט דער צווייטער מקור אין דעם טאָג־טעגלעכן שטייגער־לעבן פון מענטשן, אַפילו פון רע־וואָלוציאָנערן מענטשן. מיר באַקעמפן די בולטע און חוצפּהדיקע פי־גורן פון דעם מלוכהשן, ווירטשאַפטלעכן, מיליטערישן, פּאַרטייאישן מושל. אָבער דער סם־המות פון מאַכט דרינגט אַריין אומעטום ווו ס׳איז דאָ אַן אויבן מיט אַן אונטן, פון אַ מזרח־ און אַ מערב־וואַנט.

אין די צאַרטסטע באַציונגען פון פריינדשאַפט, ליבע, פאַרערונג; פון פאַמיליע־לעבן; פון דעם דאָקטער, פון דעם ריכטער, פון דעם טאַלענט — אומעטום שטעקט דער טאָפּעלער שורש פון ממשלה אויף איין זייט, פון הכנעה — אויף דער אַנדערער. וועלכע רעוואָלוציעס אין דעם גייסטיקן מהות פון אַ מענטשן דאַרפן נאָך געשען, כדי דעם דאָזיקן שורש אויסצוואָרצלען?...

ס׳איז אַלזאָ נישט אמת אַז, באַקעמפנדיק דעם שטאַט אַליין, שאַפן מיר דעם אַנאַרכיסטישן צושטאַנד פון דער מענטשהייט. וואָס מיר קענען טאָן איז: אַלץ מער אַנאַרכיזירן די געזעלשאַפט און די מענטשן־באַציונגען. דאָס הייסט: אויף דעם באָדן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע דאַרף נאָך אַנגיין אַ געוואַלטיקע נייע דערציונגס־אַרבעט פון דעם אַרבעטס־מענטשן. און דאָס מוז אָנערקענען אויך דער אַנאַרכיזם, ווי אַ באַוועגונג.

אין דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער ווי אַלע געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן זיך. זייערע אָנהענגער האָבן באַוויזן העלדישקייט אין קאַמף קעגן צאַריזם, קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן באָלשעוויזם. אָבער ער האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן אַ תּיכפדיקן פּאָזיטיוון בוי־פּלאַן פון דער געזעלשאַפט וואָס זאָל זיך אין פּרינציפּ אָפּשיידן פון די סאָציאַליסטישע בוי־פּלענער. דאָס באַטייט אַז צו זיין ענדציל מוז זיך אויך דער אַנאַרכיזם באַוועגן דורך אַ לאַנגן איבערגאַנגס־פּעריאָד, אין וועלכן דער אַנאַרכיסטישער גייסט מוז ערשט איינגעפּלאַנצט ווערן אין די נשמות פון די סאָציאַליסטיש־באַפרייטע מענטשן. און דאָ פאַרבינדט זיך דער אַנאַרכיזם מיטן מאַקסימאַליזם אין אַ קרובהשער סיסטעם: פון פּרייהייט־לעכן סאָציאַליזם. זייביידע ברענגען אַריין אין דעם בונד זייערע נייע דערקענטעניש: די מאַקסימאַליסטן — אַז מען דאַרף האָבן ניט שטאַט נאָר אַנאַרכיזאַציע פון דער געזעלשאַפט; די אַנאַרכיסטן — אַז מען מוז דורכגיין דעם לאַנגן וועג פון אַנאַרכיזאַציע.

צום סוף האָב איך מיר דערלויבט אָנצווייזן אויף דער טרויעריקער לאַגע פון יידישן אַנאַרכיזם אין אַמעריקע. די אַמאָל שטאַרקע באַוועגונג איז צונויפגעשרומפּט געוואָרן צו אַ צייטונג, און בילדונגס־אָרגאַניזאַציע. איר השפעה פילט זיך ניט אין די יוניאָנס, אין די קאָאָפּעראַטיוון, אין דער יוגנט. ניטאָ קיין השפעה מסתמא דערפאַר ווייל ס׳איז ניטאָ קיין איינגענע ליניע. מער ניט מען האַלט זיך עקשנותדיק פאַר די ערשטע, עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון אַנאַרכיזם...

א מערקווירדיקע דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט נאָך דעם דאָזיקן פאָר־טראַג. מיט אויפרעגונג האָט גענומען ריידן דער באַקאַנטער אַנאַרכיסט ד״ר מייקל קאָן. עפּעס מיט אַ פּערזענלעכן אַמרו האָט ער זיך געווענדעט קעגן מיר: אַז יוסף קאָהאַן האָט באַגריסט דעם ה׳ שטיינבערג ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג אין רענד־סקול, האָט ער געזאָגט, אַז דער גאַסט האָט אונדז געבראַכט אַ ניי וואָרט. איך האָב ביז איצט קיין ניי וואָרט נישט דערהערט. וואָס ער האָט היינט געזאָגט דאָ, איז נאָענט צום אַנאַרכיזם, אָבער ס׳איז אויך קיין אַנאַרכיזם ניט. דאָס איינציקע וואָס ער באַטאָנט, איז די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע. מיר ווייסן שוין וואָס אַ רעוואָלוציע איז. מען רייסט זיך פאַר מאַכט, אוזורפּאַטאָרן פאַרכאַפּן דעם שטאַט, די אַרבעטער וועלן דערפון קיין זאַך נישט געווינען. מען מוז דערציִען די מאַסן. מען דאַרף אַרבעטן אין די עקאָנאָמישע, קולטורעלע אַנשטאַלטן. מען מוז קענען וואַרטן ביז די אמתע רעוואָלוציע וועט קומען...

— איך איז לייכט צו וואַרטן, — ווייל איר זייט פאַרזאָרגט! — האָט זיך דערהערט אַן איראָנישער אויסרוף פון אַ פרישן קול. אַ יונגערמאַן האָט צעשטערט די רויקע באַטראַכטונגען פון דעם עלטערן מיושבדיקן חבר זיינעם. דער זאַל האָט זיך אַ רודער געטאָן. נישט נאָר ד״ר קאָן, מיר אַלע זיינען ווי מבולבל געוואָרן. ער האָט געגעבן אַ שמייכל און פאַרענדיקט זיין רעדע.

קאָן איז איינער פון די פּיאָנערן פון יידישן אַנאַרכיזם אין אַמעריקע. ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט אַ ריי ראַדיקאַלע אונטערנעמונ־גען. ער האָט אַ סך געטאָן פאַר דער אויפקלערונג פון דעם פּראָצעס סאַקאָ־וואַנצעטי. אָבער, ווי איינינקע אַנדערע, איז ער אָפּגעקילט געוואָרן צו דער פריער אַזוי בישופדיקער אידעע פון רעוואָלוציע. ער האָט איר פאַרביטן מיט דער קעגנוואַרטס־אַרבעט פאַר ראַדיקאַלער דערציונג און בילדונג. דאָך האָט די אַלטע אידעע פון רעוואָלוציע אים געעקבערט ווי אַ דערינערונג פון די יונגע רעבעלן־יאָרן. האָט דער היינט פרידלעכער אַנאַרכיסט געמוזט זי שטענדיק באַקעמפן אין זיך. זיין שאַרפקייט בנוגע מיר, דאָס איז מסתמא געווען זיין קאַמף מיט זיך אַליין.

איזאַקאָוויטש, אויך אַן עלטערער אַנאַרכיסט, האָט ניט גערעדט אין אַזאַ אויפגערייצטן טאָן ווי ד״ר קאָן. ער האָט גערופן צו אַ רויקער דיסקו־סיע, אָבער ער האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן רעוואָלוציע. אין דער שעדלעכער אידעע פון רעוואָלוציע האָט איזאַקאָוויטש בכלל געזען דעם מקור פון דער ירידה פון דער באַוועגונג. ער האָט פאַרטיידיקט זיין גע־דאַנק מיט אַ גרויסער אויפריכטיקייט. אויף די בלעטער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ האָט ער שוין לאַנג געפירט אַן עקשנותדיקע קאַמפּאַניע קעגן אָט דער שעדלעכער אידעע. צוזאַמען מיט ד״ר קאָן און ד״ר מעריסאָן

האָט זיך געבילדעט אַ פראַקציע פון איבערצייגטע אַנטי־רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטן. ס'איז קלאָר אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג קען זיי צופירן צו יענעם גייסטיקן גרענעץ, וווּ אַזאַ אַנאַרכיזם גייט פשוט אַריבער אין סאָציאַלן ליבעראַליזם.

די דיסקוסיע האָט געקענט ווערן פרידלעכער, אָבער זי איז אַראָפּ פון דער ליניע וואָס איך האָב געוואונטשן: וועגן די פאַרבינדונגס־ליניעס אונדזערע. אָט טאַקע צו דער טעמע איז מיט אַ טומלדיקער ענערגיע צוגעטראָטן אַ דריטער אַנאַרכיסט, שוין נישט קיין אַמעריקאַנער, נאָר אונדזערער – אַ רוסישער, א. גאָרדין.

גאָרדין איז געווען איינער פון יענעם באַרימטן אין רוסלאַנד אַנאַרכיסטישן צווילינג, וואָס האָט געהייסן „די ברידער גאָרדין". זיי האָבן אַ לענגערע צייט אַרויסגעגעבן בעת דער רוסישער רעוואָלוציע אַ קאַמפּס־אָרגאַן, שפּעטער געליטן פון די באָלשעוויקעס די זעלביקע פאַרפאָלגונגען ווי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס, האָבן נאָך שפּעטער געפּרוווט דערהאַלטן אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע אין מאָסקווע. לעצטנס זיינען זיי געווען באַקאַנט אַלס אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן. זין פון דעם קיידאַנאָווער רב, באַשאָנקען מיט לומדות און גוטע קעפּ, האָבן די ברידער גאָרדין געקענט שאַרפן זיך און זייערע צוהערער די מוחות. מיר איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט זיי אין מאָסקווע. ערשט דאָ, אין דער רעדאַקציע פון דער „פרייער ארבעטער שטימע", האָב איך איין מאָל באַקאַנט זיך מיט דעם קליינוווקסיקן, אַביסל צעשטרויטן, גדלותדיק שמייכלענדיקן אבא גאָרדינען. ער האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און בסודותדיק אָנגעפרעגט ווי זאָל ער זיך האַלטן בנוגע יענע פּאַסירונגען... — וועלכע פּאַסירונגען?
— האָב איך זיך פאַרוואונדערט. — דעמאָלט בעת אייערע חברים האָבן אַרעסטירט די אַנאַרכיסטן! — האָט גאָרדין מיט אַ פריינדלעכן שמייכל אונטערגעזאָגט מיר.

ער האָט פאַרטשעפּעט מימין פּוס אַ שמערצלעכע דעראינערונג פון דעם פרילינג 1918. אָן אונדזער וויסן האָט דעמאָלט דזשערזשינסקי, דער פירער פון טשעקאַ, אין אַ פינצטערער נאַכט אַרומגערינגלט אַלע געביידעס וווּ עס האָבן געלעבט די מאָסקווער אַנאַרכיסטן. אונטערן דרוק פון קאַנאָנען האָט ער זיי געצוווּנגען איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון דער טשעקאַ. ער האָט די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן געלאָזט אויסשטעלן אין רייען און באַווייזן צו מאָסקווער באַלעבאַטים און באַאַמטע, כדי מען זאָל פונאַנדערשיידן צווישן זיי די אָרנטלעכע אַנאַרכיסטן און די פאַרשטעלטע באַנדיטן. אַזאַ בלויזשטעלן פון רעוואָלוציאָנערן איז געווען אַ נידערטרעכטיקע באַליידיקונג. שוין ניט צו ריידן דערפון, אַז אַזאַ מין „ליקווידאַציע" האָט געגעבן אַן אָנצוהערעניש ווי מען וועט זיך שפּעטער אָפּרעכענען אויך

מיט אנדערע קעגנערישע גרופעס. די באלשעוויקעס האבן אויף אזא אופן געוואלט טעראריזירן די אומבאקוועמע קריטיקער פון לינקס. — די פראקציע פון די לינקע עסערן האט דעמאלט ארייגעטראגן א פראטעסט אין דעם צענטראלן עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון די סאוועטן. לײדער איז זי אבער אין א געוויסן מאס געווען פארמישט אין דער זאך. זאקס, אן עקלהאפטער קאריעריסט, און פאפאוו, א מיליטערישער טוער פון דער טשעקא, האבן אויך גענומען אנטייל אין דער „ליקווידאציע". און זיי זיינען געווען לינקע עסערן.

איצט האט מיך גארדין מיט א שטילן קול געפרעגט אט וועגן ד ע ם ענין. איך האב אויפמערקזאם א קוק געטאן אין זיין געזיכט. אזא פאנאטיקער ווי ער האט עס ניט געטאן צוליב שלום: אויב יא, וואלט ער בכלל נישט אויפגעהויבן די פראגע. האט ער מסתמא געוואלט מיר געבן צו פארשטיין אז „קאסרילעווקע גיט אכטונג", אז די רוסישע אנארכיסטן האלטן צוגעגרייט א שטיין קעגן מיך ווען מ'וועט דארפן. „ווי נאר איך האב דערהערט אין לאס־אנזשעלעס אז איר זייט געקומען קיין אמעריקע, האב איך געוואלט אנשרייבן וועגן יענע פאסירונגען אין דער „פרייער ארבעטער שטימע". אבער נאכדעם באקלערט, אז איך וועל פריער ריידן מיט אייך וועגן דעם". וואס האט ער אייגנטלעך פארלאנגט פון מיר?

— אויב איר וועט שרייבן וועגן דעם, וועל איך אויך אויפקלערן די זאך. אגב האט זיך עפעס וואס געענדערט פאר דער צייט. יענער זאקס איז אריבער דעמאלט נאך צו די באלשעוויקעס; פאפאוו איז גאר געווארן אן אנארכיסט און איז דערשאסן געווארן פון די באלשעוויקעס ווי אזעלכער. איך רעכן אבער אז ס'האט נישט קיין זין אויפצוהייבן דא אין דער פרעסע דעם גאנצן ענין... — גוט — האט א שאקל געגעבן מיטן קאפ גארדין.

איצט איז ער ארויסגעטרעטן אפן קעגן מיר. מיט א טאן פון בימול האט ער געפרעגט: „מאקסימאליסטן? ווער זיינען עס אין רוסלאנד? געווען אמאל אזא גרופע, איז מער ניטא. די אלטע נאראדניקעס האבן בכלל נישט מער וואס צו זאגן. זייער טעארעטיקער לאווראוו? וואס קען ער זאגן פאר אונדזער צייט? די פארבינדונג צווישן מאקסימאליזם און אנארכיזם? ווי קען עס זיין? די עסערן זיינען פונקט אזעלכע שטאט־סאציאליסטן ווי אלע. זיי האבן צוזאמען מיט די באלשעוויקעס געטאן אלצדינג ביז מען האט זיי ניט ארויסגעווארפן פון לאנד. מען קען זיך ניט „פארבינדן" מיטן אנארכיזם. דאס איז גאר א באזונדער זאך (דער עולם אין זאל האט גענומען ווערן נערוועז). מען איז בכלל ביי אונדז נוטה צו האלטן פאר אנארכיזם דאס, וואס עס שטייט אין די אלטע ביכער. וואס ווייס מען ביי אונדז וועגן די נייע טעאריעס פון אנארכיזם? מען רעדט נאך אלץ וועגן באקונינען און קראפאטקינען. מיט סאציאליסטן איז ניטא וואס צו ריידן"...

דער עולם איז געווען אויפגעבראכט, אויפגעלייגט, אויפגעהעצט. גאר־

דין האָט דאָ קאָנטיק ניט געהאַט קיין סך פריינד. א ריי פריינד האָבן זיך איצט אָנגענומען פאַר מיר. אַקסלער, דער סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע און אַנדערע יינגערע אַנאַרכיסטן זיינען ארויסגעטראָטן מיט פאַרדרוס, מיט טענות הלמאַי מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו דעם תוך פון מיינע רייד. פאַר וואָס זעט מען נישט איין די באַדייטונג פון דעם וואָס סאָציאַליסטן דערנענטערן זיך צו אַנאַרכיסטן. פאַר וואָס טראָגט מען ארוים אויף אזא אָוונט די אינערלעכע רייסעניש פון דער פעדעראַציע...

אין מיין ענטפער האָב איך שוין געמוזט אָפּלאָזן די הויפּטטעמע און אָפּגיינגען זיך אויף די זייטן־וועגן פון דער דיסקוסיע. „ס'איז געפאַלן דאָ רעד פאַרוואורף, אז איך האָב נישט געזאָגט קיין ניי וואָרט. א ניי וואָרט אין סאָציאַלער באַוועגונג? איך גלייב נישט אַז מער ווי נייע רעצעפּטן פעלן אונדז נישט. מיר האָבן נאָך לגמרי ניט דורכגעפירט די „אַלטע" אידעען פון סאָציאַליזם... די סאָציאַלע אידעען זיינען בכלל נישט קיין נייעס אין יעדן דור; ניט מער זיין טוען אָן נייע לבושים יעדעס מאָל. די גרויסע פּראָבלעם וואָס שטייט פאַר אונדז איז נאָר צו געפינען דעם וועג פון פאַרווירקלעכן יענע אוראַלטע, גרויסע אידעען. נייע יוגנטלעכע באַגייסטערונג, נייער גלויבן אין מענטשן איז אפשר דאָס איינציקע נייע וואָס יעדער פון אונדז קען אריינטראָגן אין דער באַוועגונג... (פון ד"ר קאָן האָב איך זיך א דריי געטאָן צו גאָרדינען) אָבער אוודאי איז ניט קיין וועג דער דרך מיט וועלכן ער איז היינט געגאַנגען א. גאָרדין. ער האָט אין א חוזק־טאָן גערעדט וועגן אונדזער באַוועגונג אין רוסלאַנד. „מען האָט אייך ארויסגעוואָרפן פון לאַנד" — זאָגט איר. פאַר וואָס זאָל עס זיין א שאַנד צו זיין ארויסגעוואָרפן פון א טיראַנישער מלוכה? און איר זייט דאָך אויך אין אזא לאַגע ווי מיר. דערפאַר טאַקע זיינען מיר דאָ מיט אייך, טויזנטער מיילן פון דער רעוואָלוציע, כדי צו פאַרשטיין די סיבות דערפון. (דער עולם האָט מיט רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן אונטערשטראָכן די ווערטער). סאָציאַליזם איז באַנקראָט זאָגט איר? און אַנאַרכיזם לעבט נישט איבער קיין קריזיס? אפילו דאָ האָבן מיר היינט געהערט די אָפּקלאַנגען פון אזא קריזיס. אמת איר, גאָרדין, האָט אייער אייגענעם אַנאַרכיזם, אָבער ער איז דאָך ניט דער איינציקער"...

— מיין אַנאַרכיזם קענט איר נאָך נישט! — האָט זיך געגעבן א הייב אויף פון ווינקל מיט א שניידנדיקער שטים גאָרדין

— אויב איך קען אים נישט, איז דאָס אייער שולד. איר האָט געמעגט היינט א רייד טאָן וועגן אים.

— דערצו דאַרף איך האָבן א גאַנצן אָוונט.

— ניין — האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזן — איר זייט א למדן, איר ווייסט אז איינער האָט אמאָל פאָרמולירט כל התורה על רגל אחת... אָט איך בעט אייך: זאָגט אונדז דאָ אויפן אָרט וואָס איז אַנאַרכיזם?

גאָרדינס געשפּאַנטע פיגור, פול ליידנשאַפטלעכער ענערגיע, האָט זיך א ווײלע פאַרטראַכט, און באַלד שוין מיט א ניצחון אָפּגעענטפערט:

— איך קען אייך זאָגן. אַנאַרכיזם דאָס איז זעלבסט־אָרגאַניזאַציע...

מיר זיינען געבליבן געפּלעפט. „א טייערע פאָרמל, מער נישט זי טויג זייער גוט אויך פאַר דעם מגושמדיקן ליבעראַל!"

גאָרדין האָט מיט ביטול א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „וואָס קען שוין, מישטיינס געזאָגט, א ליטוואַק פאַרשטיין!".

..דאָס איז אַלזאָ ניט אונדזער וועג (האָב איך גערעדט ווייטער). דער אַנאַרכיזם ליידט היינט אויף א קראַנקהייט וואָס מען קען פאָרמולירן אַזוי: ער האָט ניט קיין פּראָגראַם פאַר דער קעגנוואַרט. אָדער ער בלייבט שטעקן אין דער דורכויס אַבסטראַקטער מאַקסימאַל־פּראָגראַם וואָס איז איבער די מענטשלעכע השגות. אָדער ער שטעקט אין דער מינימאַלסטער פּראָגראַם פון טאָג־טעגלעכע בילדונגס־און ווירטשאַפטס־פראַגן. אָדער אין לופטן אָדער אין זומפּ — דאָס איז נישט קיין אַנאַרכיזם... מען זאָגט: סאָציאַליסטן שטרעבן אַלע צו „מאַכט"; מיר דוכט, די אַנאַרכיסטן שטרעבן נישט ווייניקער. מיר האָבן עס געזען אין דער ערשטער פּראַקטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד: אין דער מאַכנאָ־באַוועגונג. מיר זען עס אין יעדער אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע אינעווייניק. נאָר וואָס דען? איר האַלט, אַז דאָס זיינען שלעכטע אַנאַרכיסטן, אַז זיי נייטיקן זיך אין דער ריכטיקער דערציונג. זייט איר גערעכט. אָבער אין אַזאַ דערציונג נייטיקן זיך אַלע, סיי אַנאַרכיסטן סיי סאָציאַליסטן. עס איז ניט אַזוי וויכטיק ווי זייער פּראָגראַם הייסט; עס איז וויכטיק וואָס פאַר א רעוואָלוציאָנערע מענטשן טראָגן די פּראָגראַמען...

אַז איך האָב געענדיקט ריידן, האָט א גרויסער טייל פון דער פאַרזאַמלונג מיר אָפן געגעבן גערעכט. באַזונדערס די יינגערע האָבן מיך וואַרעם באַגלייט. דאָך איז עס היינט נישט געקומען צו יענעם טיף־אויפריכטיקן שמועס וואָס איך האָב דערוואַרט. פאַרקערט: איך האָב דאָ פּלוצים דערזען דעם זעלביקן לאַכעדיקן קעסל פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן ווי אומעטום. הילוקי דעות טעאָרעטישע, ווייטאָגדיקע שפּאַנונג צווישן חברים, צווישן אַלט און יונג, צווישן מזרח און מערב־וואַנט, ווי אין דער גאַנצער זינדיקער סאָציאַליסטישער וועלט.

ס'איז געווען גאָר שפּעט אין דער נאַכט. א קורצע ווײלע זיינען מיר, א קליינע גרופּע, נאָך געזעסן אין קלוב ביי א גלעזל טיי מיט עכט־יידישן כיבוד. און דערנאָך האָט יוסף קאַהאַן באַגלייט מיך אַהיים. דורך די פאַרשלאָפענע גאַסן פון ניו־יאָרקער איסט־סייד זיינען מיר געגאַנגען מיט עפּעס א שווערן געמיט. די פרישע לופט האָט אָבער באַלד געמאַכט מונטערער מיין באַגלייטער. ער האָט דערמאָנט די טיפע אַנטוישונג וואָס דער באַל־

שעוויזם האט ארייגעבראכט אין די מוחות פון אנארכיסטן. און ער האט פלוצים דערציילט א זאך וואס האט מיט א כישופדיק ליכט באשיינט פאר מיר דאס בילד פון אמעריקע. „ס'איז געווען א צייט ביי אונדז בעת אלע ארבעטער האבן געהאט סימפאטיע מיט ראטן־רוסלאנד. נישט נאר מיר, יידישע אנארכיסטן. די עכט־אמעריקאנער ארבעטער, פון דער פעדעריישאן אף לייבאר, זיינען געווען גרייט נאכצוטאן רוסלאנד. דער אמעריקאנער ארבעטער לאזט זיך נישט פירן פון סענטימענטן, פון עטיק. אבער אז מען וויזט אים א חשבון, א פראקטיש בילד פון פארווירקלעכונג, הערט ער זיך צו, איז ער גרייט צו טאן גרויסעס פאר דער נשמה. וואלט דעמאלט נאך דער מלחמה רוסלאנד באוויזן אז מען קען אויפבויען א ווירטשאפט אויף קאלעקטיווע יסודות, וואלט אט דער קאנסערוואטיווער ארבעטער פון דער פעדעריישן דאס נאכגעמאכט. ער וואלט זיך נישט צוגעהערט צו די קאפיטאליסטן און די גלחים... אבער די שפעטערדיקע ידיעות וועגן באלשעוויזם, וועגן טעראר און הונגער, און די האנדלונגען פון די היגע קאמוניסטן, — דאס אלץ האט אפגעטריבן דעם ארבעטער דא אויף צוריק. ער איז גע־ווארן נאך רעאקציאנערער ווי געווען.

דאס הארץ האט געשלאגן העכער, בעת איך האב דערהערט פון דעם ערלעכן קאהאן אזעלכע רייד. זאל זיין היינט צו טאג אין דער ארבעטער־שאפט ביטער און טרויעריק. אבער עס איז דאך שוין איין מאל מעגלעך געווען אז די גאנצע ארבעטער־מענטשהייט זאל זיך אנצינדן מיט דעם פייער פון יענעם אקטאבער! איז דאס נישט די גרעסטע דערגרייכונג פון דער רוסישער רעוואלוציע? איז עס נים א גוואלטיקער צוזאג אויף להבא? נאר זעלטן שפאלט זיך דער הימל איבער די קעפ פון די מענטשן און די בליצן פון א נייער דערקענטעניש באלויכטן פאר זיי א נייע גליקלעכע וועלט. ווען אבער דער הימל שפאלט זיך אמאל ווו ניט איז, אין דעם פאר־ווארפנסטן ווינקל פון דער וועלט, ווערן פארציטערט און פארכאפט מיט א גלויבן אלע געשלאגענע און פארפאלגטע. אן אייסנאם. אין 1917 האבן די בליצן און דונערן א שטורעם געטאן איבער די רוסישע מענטשן, און מען האט געקענט מיינען אז אין דעם ווייטן אמעריקע וואס איז דעמאלט געשווומען אין רייכקייט און זיכערקייט, וועט מען זיך אויסלאכן פון דער רוסישער בארוועסער עזות. און אט הערן מיר אז דווקא די „רעאקציאנערע ארבעטער פון אמעריקע" האבן דעמאלט אויך איינגעהאלטן דעם אטעם און מיט פארחלומטע אויגן אויף ס'ניי א קוק געגעבן אויף דער וועלט. איז טאקע פאראן יענע נשמה־געמיינשאפט צווישן אלע ארבעטנדיקע פון דער וועלט, פון וועלכער עס רעדט דער סאציאליזם! ווי אומענדלעך־גרויס איז דער פארברעכן פון באלשעוויזם וואס האט די דאזיקע קוואלן פארשאטן,

י. נ. שטיינבערג

און ווי אומענדלעך־זיכער איז אונדזער גלויבן אין די דאָזיקע קוואַלן, אויב זייערע שפּורן האָבן זיך אָפּגעזוכט אַט דאָ אין אַמעריקע אויך.

קיין שענערע מתנה האָט מיר יוסף קאַהאַן נישט געקאָנט צוטראָגן. אויך ער איז געגאַנגען מיט אַ מונטערן טריט, און אַ שמייכל האָט באַלויכטן זיין שטרענגן געזיכט.

מיין פּאַטערס בריוו

2־טער פעברואַר.

גאַנץ פרי האָט מיר היינט טעלעפאָנירט סטאָלבערג. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט נאָרמאַן טאָמאַס, און איך בין פאַרבעטן היינט צום לאָנטש ביי אים. הייסט עס אַז סטאָלבערג האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך מיט אַן ערנסט. דאָס איז מיין ערשטע הצלחה צווישן ד י מענטשן. טאָמאַס איז געווען פריער אַ גייסטלעכער און איז — אונטער דעם איינדרוק און דרוק פון דער מלחמה — אריבערגעגאַנגען צו די סאָציאַליסטן. נישט נאָר אַקאַדעמיש און ליטעראַריש, נאָר פּראַקטיש און פּאָליטיש. ער האָט געפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע, און האָט געהאַט דערפאָלג. ס'איז אפשר קיין וואונדער ניט: זיין פיגור איז געווען הויך און שלאַנק און קרעפּטיק ווי ביי אַן עכטן אַמעריקאַנער, זיין געזיכט האָט געטראָגן סימנים פון גייסטלעכקייט, זיינע אויגן האָבן אַרויסגעשטראַלט גוטסקייט.

איך האָב לחלוטין ניט געהאַט דעם איינדרוק אַז ער וועט אויך ריידן מיט פריינדלעך־פאַרמאַסקירטע דיבורים פון דעם דורכשניטלעכן פּאָליטיקער. ביי אַן אויסגעפּוצטן טיש אין אַ צימער זיינען מיר געזעסן זאַלבע־דריט געזעסן; מיט שטילע טריט האָט זיך באַוועגט אַ פרוי וואָס האָט באַדינט. דער שמועס איז תיכף געוואָרן אַ חברישער. סטאָלבערג האָט איבערגעזעצט און אונטערגעשטיצט מיין זאָג. טאָמאַס האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן: ער איז באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די געפאַנגענע אין רוסלאַנד. ער מוז דערקלערן אַז — צוליב טעמים פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק — קען ער ניט אונטערשטיצן אַלע געפאַנגענע, אפילו די וועלכע טרעטן אויף קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים. וועט ער עס טאָן, וועט ער מוזן אויפטרעטן אין איין פראָנט מיט די קאַפּיטאַליסטישע קעגנער פון רוסלאַנד. אונדזערע, לינק־סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע געפאַנגענע איז ער אָבער גרייט צו אונטערשטיצן. ער פילט מיט מיט זיי, ער פאַרשטייט זיי. ווי זאָל מען עס אָבער אָרגאַניזירן?

די ביידע מכניס־אורחים ריידן זיך שטיל דורך צווישן זיך. סטאָלבערג דערקלערט: ס'איז היינט צו טאָג שווער ביז גאָר צו זאַמלען צווישן אַמעריקאַנער ראַדיקאַלן, ס'איז פאַראַן אַ גאָר קליינע צאָל אַזעלכע ראַדי־

קאַלן, און זיי ווערן צעריסן אויף צענדליקער נויטן פון אַמעריקע גופא. מען וועט מוזן טאָן אַזוי: צונויפרופן ביי איינעם פון די פריינד אַן אסיפה און מאַכן צו זיי אַן אַפּיל. טאַמאַס זאָל זיין דער פּאַרזיצער. דעם 14־טן פעברואַר קען מען דאָס מאַכן. — צי בין איך דערמיט צופרידן?

אוודאי בין איך געווען צופרידן. איך האָב זיך גענומען פילן ווי צווישן אייגענע. צוליב זיי האָט טאַקע געלוינט דורכצוגיין דעם וועג פון די גלייכגילטיקע פריינד. דאָ איז געווען מער ווי אינטערעס און סימפּאַטיע; ס'איז געווען אַן אידעישע נאָענטקייט. דער געשפּרעך איז אַריבער אויף די אידעען פון אונדזערע געפאַנגענע. „איר זייט קעגן דעם טעראָר אין רוסלאַנד — האָט טאַמאַס געזאָגט — און איך ווייס נישט ווער איז גערעכט. איך ווייס אַז ווען איך וואָלט געלעבט אין רוסלאַנד איצט, וואָלט איך אויך באַקעמפט דעם טעראָר...' איך וואָלט געשטאַנען צוזאַמען מיט אייערע חברים. אפשר וואָלט מען מיך נישט נאָר געהאַלטן אין טורמע, מען וואָלט מיך אפשר געשטעלט צו דער וואַנט. איך וואָלט זיך געלאָזט שיסן. נישט אונטערגעגעבן זיך. אָבער אַפילו אין מאָמענט פון דערשיסן מיך. וואָלט איך געטראַכט: צי איז דאָך נישט לענין גערעכט?"

דאָס קומט דערפון (האָב איך געענטפערט) וואָס איר זייט אַלע — אין אייראָפּע און אַמעריקע — נאָך ווייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָס פייער האָט דערוויילּ נאָך נישט אָפּגעסמאַליעט אַפילו די פּאַרב פון אייער געזיכט. מיר, וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן עפּעס פאַרשטאַנען אויף זיכער...

— יאָ, מסתמא איז עס אַזוי — האָט איינגעהאַלטן לעבעדיק ווייטער גערעדט טאַמאַס — אָבער איך קען אונדזער יוגנט. זי איז דורך און דורך פּראַקטיש. זי פאַרשטייט נאָר דאָס וואָס עס באַשטייט, וואָס איז אַ פאַקט. באָלשעוויזם איז אין רוסלאַנד אַ פאַקט. אַן אַנדערע רעוואָלוציאָנערע סיס־טעם איז נאָר אַ טעאָריע... דאָ שטייט פאַר אונדז אין זיין גאַנצער מאַכט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. קעגן אים מוז מען צוגרייטן ערשט דעם קאַמף. דורך קריטיק פון רוסלאַנד שוואַכט מען דען נישט אָפּ דעם אימפּעט פון אונדזער יוגנט?

— צוליב פּעדאַגאָגישע צוועקן, הייסט עס, זאָל מען פאַרפלאַכן אַזעל־כע ענינים ווי אמת און סאָציאַליזם?

— איך בין מיט אייך! — האָט טאַמאַס ווייטער גערעדט — אָבער צי גלייבט איר אַז מיט אייער אויפפאַסונג פון רעוואָלוציאָנערער גוואַלט קען מען זיגן? אָט זעט איר ווי די באָלשעוויקעס האָבן אַלעמען באַזיגט...

— אויב די רעוואָלוציע ווערט געפירט מיט מעראָר, איז ציען מיר פאָר צו זיין באַזיגטע איידער זיגער...

טאַמאַס האָט געקוקט מיט גרויס נייגיר. ער האָט מסתמא געטראַכט:

הלוואי וואָלטן מיר דאָ שוין געשטאַנען פאַר אַזעלכע פראַגן! זיין געזיכט איז געווען רויק און ליכטיק. מיר האָבן זיך צעשיידט ווי אַלטע חברים.

סטאָלבערג איז געווען רעזערווירט, אָבער באַפרידיקט. ער האָט עפּעס אַ רוק געטאָן אין אונדזער זאַך. ער האָט מיין זאַך שוין געהאַלטן פאַר זיי־נער. מיר האָבן אָפּגערעדט וואָס צו טאָן אויף ווייטער — און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

3־טער פעברואַר.

פון ניו־יאָרק אַריבערגעטראָגן זיך היינט אין אַ זייטיק געסל פון ווילנע: אין אַ גאַס פון די בראָנקס. דער אַלטער הער סאָלאָוויטשיק, אַ יוגנט־פריינד פון מיין פאָטער, האָט שוין לאַנג פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל באַזוכן זייער פאַמיליע. מיר האָבן זיך באַקענט גלייך נאָך מיין ערשטן רעפעראַט אין רענד־סקול. היינט האָט ער צוגעשיקט זיין זון — און מיר זיינען אוועקגעפאָרן אהין „אויף דינער"... איך האָב זיך קוים געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ באַזוך קען פאַרשאַפן מענטשן אַזוי פיל נחת. „ס'איז ביי אונדז היינט אַ היסטאָרישער טאָג" האָט מיר געריירט דערקלערט דער אַלטער. „איך און מיין זון גייען נישט היינט אויף אַרבעט. איך האָב גערופן צו די־נער נאָר מיינע קינדער". דער טיש איז געווען געדעקט ווי אין אַ שבת־טאָג.

דאָס שענסטע איז אָבער געווען וואָס זיי האָבן אויף אַ באַזונדערן טישל אוועקגעשטעלט מיין פאָטערס בילד, פון זיינע יונגע יאָרן. איר זייט איצט זייער ענלעך צו זרחן — האָט גערעדט מיסטער סאָלאָוו באַווייזנדיק אויפן בילד — און איך דערמאָן זיך אַלץ ווי אַמאָל. „מיט פערציק יאָר צוריק האָב איך געדינט ביי זייער באָבען אין ווילנע" — האָט ער דער־ציילט מיט אַ ציטעריקער שטים צו זיין פרוי און קינדער. און כאָטש ער איז היינט געווען, קאָנטיק, אַן איינגעפונדוועטער באַלעבאָס אין אַמע־ריקע, און זיינע דערוואַקסענע קינדער האָבן ניט געקענט רוסלאַנד, — האָט ער זיך דאָך געוואַרעמט און געלויכטן אין שיין פון זיין אַמאָליקער ווילנע. נישט איך און נישט זיינע קינדער האָבן דאָס געקענט מיטלעבן, אָבער מיר האָבן זיך געפרייט מיט זיין פרייד... זיי האָבן מיך ניט געוואָלט אָפּ־לאָזן. איך וואָלט גערן אָפּגעשטעלט זיך ביי זיי, אין קליינינקן זאַל־ציר־מער, וווּ אין אַ מיניאַטור־פאָרעם זיינען געשטאַנען אַלע זיבן זאַכן פון דעם אַמעריקאַניש־באַלעבאַטישן קאָמפאָרט, דער אַלטער סאָלאָוו האָט, רייכערנדיק אַ ציגאַר, נישט אַראָפּגעלאָזן אַן אויג פון גאַסט. עס האָט מיך אָבער געטראָגן פון דאַנען, פון דעם ווילנער בראָנקס, צו דעם האָטעל־צימער: כאָטש אַ פאָר שעה בלייבן אַליין.

דורך מיר האָט זיך איצט אָנגעהויבן: אַ גרויז־וועקסל צווישן פּאָלאָוון און מיין פאָטער אין מאָסקווע. דער ווינט פון דער אַלטער ווילנע האָט

בנעימותדיק געבלאָזן פון די בלעטלעך פון זייערע בריוו. איינעם א בריוו פון מיין פאָטער וויל איך דאָ ציטירן. מ״ר סאָלאָוו האָט עס מיר מיט שטאָלץ שפּעטער אונטערגעטראָגן. א שטיק אַלט יידיש לעבן דערקענען מיר דאָ.

„באגדת חז״ל יש: „כל מה שיש ביבשה יש, בים״.

„און אָט זע איך, וואָס אויף דער יבשה אפילו איז ניטאָ, און מעבר לים איז יע דאָ. פון אַלע מיינע ווילנער יוגנט־פריינד איז שוין ליידער א שריד ופליט ניטאָ. און אָט שרייבט מיר מיין זון וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט דיר און ראַשען דווקא אין אַמעריקע. מיר זיינען דאָך פריינד פון קינדער־יאָרן, אין איין שטאָט געבאָרן, אין איין גאַס געלעבט און געווירקט.

„ס'איז אמת, ליבער אברהם־יונה, פיל, פיל דערלאַנגערונגען אזוי ווי ביי דיר, אזוי אויך ביי מיר רופט אַרויס דער גליקלעכער צופאַל. זאָג מיר, ליבער אברהמטשיק, ווי מען האָט דיך דעמאָלט גערופן, צי האָסטו ניט אמאָל געהערט צו דער אָקערשט־געגרינדעטער חברה „מפיצי השכלה בישראל״? ווייל נאָר דיר האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען אָנפאַרטרויט אין טראַק ביי ווילנע צו פאָרן כדי די לערער פון דער דאָרטיקער אויעזדנער אוטשילישטשע עפּעס אין האַנט צו געבן, מען זאָל מיך כלומרשט צום עקזאַמען שטעלן און אַן אַטעסטאַט פון פיר קלאַסן אַרויסגעבן. ביסטו טאַקע געפאָרן, די שליחות פון די עלטערן ממלא געווען, די געהעריקע מתנת־יד יעדערן פון די שול־שייכותדיקע איינגעטיילט און צום באַשטימען טאָג און שעה, דינסטיק בכי טוב, זיינען מיר דאָרטן ביידע אָנגעקומען. אין זעלביקן טאָג האָב איך איין עקזאַמען אויסגעהאַלטן. שבת זיינען מיר אין דעם עלטסטן אין רוסלאַנד קאַראַאימסקן בית־הכנסת ביים דאַווענען געווען, דעם חכם געהערט. און מאָנטיק האָסטו אָן מיר דעם אַטעסטאַט כתוב וחתום בגושפנקא דמלכא געקראָגן און, הײדאַ, א היים. איך דערמאָן זיך ווי איך בין פאַרקלעמט געוואָרן פון דער פּיקציע און ווי צופרידן דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען פון דעם אַטעסטאַט געווען. אבי עס נעמט אַראָפּ צוויי יאָר פון מיליטער־דינסט און ינט אויף א האָר מיך מבטל געווען פון תורה לערנען.

„אויב דו געדענקסט, זאָל דעמאָלט זיין אַרויסגעגעבן דער נייער אוסטאַוו וועגן אַלגעמיינע מיליטער־פליכט. איז אויעזדנע צוויי קלאַסן האָבן צוויי יאָר דינסט פאַרקלענערט, גימנאַזיע, רעאַלשול — דריי יאָר, הויכשולן — 4 א האַלב יאָר, איז נאָר א האַלב יאָר אויסגעקומען צו דינען. האָט מען פאַר מיר א סטודענט גענומען צום שול־עקזאַמען צו גרייטן. איז די באַבען מיין חשק און התמדה צו אַלגעבּרע און לאַטיין גאָר נישט געפעלן. האָט מען נאָך דריי חדשים דעם סטודענט אָפּגעזאָגט. ווי ראַטעוועט מען מיך אָבער פון דינסט? האָט מען די עלטערן געעצהט מיך צו באַפרייען נאָך ווייט

פאַרן סראָס פון פּריזיוו, ניט דורך השכלה נאָר פּשוט מיט דער מטבע. איז דער טאַטע חול המועד סוכות, דעם לולב מיטן אתרוג מיטנעמענדיק, אין מאָסקווע געפאָרן כדי פון דאָרטן אויף דער פּראָווינץ צו זוכן ביי די פאַרנעם א פאַרוואַלגערטע „זאַטשאָטנע קוויטאַנציע" פאַר 5־6 טויזנט רובל. נאָר אין שול יום־טוב ביים דאַוונען האָבן יידן דערקלערט, אַז מען וועט געוויס זיך קענען מיט געלט אויסקויפן. ווייל אפילו „אם כל המועדים וועלן בטול ווערן, וועט פּורים נישט בטל ווערן", כאָטש עס איז מדרבנן. ומכל שכן שוחד וואָס דאָס איז מדאורייתא („מתנה היא שלוחה מיעקב לעשו") וועט קיין מאָל נישט אויסגיין. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אסרו חג איז דער טאַטע צוריק אַהיים געפאָרן. די באָבע איז פון דאגהנען טאָמער וועל איך אַמאָל א סאָלדאַט ווערן, מעלאַנכאָליש געוואָרן. צום סוף האָט פאָרט יעקב אָבינום ברכה געהאָלפן פריי צו ווערן. און די באָבע איז ביזן סוף קראַנק געבליבן.

„און איצט מיט א דור שפּעטער זען מיר ווי דער באָבעס אוראייניקל איז טאַקע געגאַנגען אין גימנאַזיע, געגאַנגען אין אוניווערסיטעט האָט באַקומען אַן אמתן אַטעסטאַט און האָט טאַקע אויך געדינט. מער ניט וואָס ניט ווי א סאָלדאַט, נאָר ווי א מיניסטער. און נאָך אַלעמען איז ער ביי יידישקייט געבליבן. דאָס איז באמת פון די פּלאי הזמן און נאָך הזמן הזה".

אינהאַלט:

זייט

א פּאָר ווערטער	3
מיט א מזלדיקער פּאָסטמאַרקע	7
אויף דער יידישער צייטונגס־גאַס	12
אין קאַפע „איראָפּע"	20
אינטערוויו אין „פאָרווערטס"	25
מיט די שרייבער פון מאָרגן־זשורנאַל	33
דער גורל פון געדרוקטן וואָרט	38
יידישקייט בנוסח אמעריקע	44
די אומגליקלעכע מערי סניידער	47
די באַבושקאַ מיט קערענסקין	55
די ליידן פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן	59
שבת־מאַלצייט ביי וולאַדעקן	64
די געמיטלעכע יידישע היים	71
דער אַרבעטער־רינג מענטש	75
ד"ר סערגיי אינגערמאַן און דער ס"ר אָבערוטשעוו	81
א שפּאַציר איבער די יידישע יוניאָנס	86
ביי ד"ר קאַראַלניק אין שטוב	94
דער ליבטיקער לוי פרידמאַן	101
א. ש. זאַקס און י. אָפּאַטאָשו	108
מיט בערל לאָקערן	112

זייט

פון בענסענווערסט קיין מאַנהעטן — 118

באַגעגעניש מיט ניו־יאָרקער עסערן — 122

פּעסימיזם אין ניו־יאָרק — 129

באַריטש — אַ לעבעדיקער עדות פון דער רעוואָלוציע — 134

ד"ר א. מעריסאָן און א. ליעסין — 140

„זשאַמעלע" — דאָס פאָלקסליד — 145

פּאָליטיק און מאָראַל — 152

אַדאָלף יאָפּעס זעלבסטמאָרד — 162

אַ באָלשעוויק מיט דער האַמלעט־נאַטור — 168

ענגלישע דעלעגאַציע אין מאָסקווע — 1929 — 172

איך זוך אַ מענעדזשער — 178

טעכניק און קולטור — 182

מ"ר באַראָן דער מענטשן־פריינד און הערי וואַטאָן
דער איינזאַמער פילאָזאָף — 189

אַ לעקציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע — 199

צוגאַסט ביי דוד פּינסקי — 204

די גרויסע קאַסרילעווקע אין אַמעריקע — 212

אַן אַסיפה וועגן די געפאַנגענע אין רוסלאַנד — 221

אייזיק דאָן לעווין און מאַקס איסטמען — 228

אין דער חברותא — 237

סטאַלין און טראָצקי — 247

גערשוני און ספּירידינאָווא אין אַ בריוו־אויסטויש — 254

ביי דייטשישע אַרבעטער — 262

פּעטראָגראַד — יאַנואַר 1918 — 269

מאַכט און מלוכה — 278

מיין פאָטערס בריוו — 289